STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00170

NAYN BRIDER

Isaac Raboy

Permanent preservation of this book was made possible by
Pearl & Michael Berstein
in memory of
Henrietta Lorber London

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ראבוי

נײן ברידער

(ראמאן)

פארלאג
אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן
ניו יארק 1936

"DIE NINE BRIEDER"
(THE NINE BROTHERS)
By I. RABOY

●

Copyright by
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue
New York
209

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטל

צום ערשטן איז געקומען קיין אמעריקע מאָריס. עס איז אַזוי געווען: ער איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, און אין שטעטל איז ניט געווען וואָס צו טאָן. ווערן אַ סוחרל האָט ער ניט געוואָלט. ער איז געווען אַ געזונטער בעסאַראַבער בחורעץ און האָט בעסער געצויגן צו ווערן אַ בעל־מלאכה. איז אָבער דעם טאַטן זיינעם ניט אָנגעשטאַנען, אַז זיין זון זאָל ווערן אַ בעל־מלאכה. דער טאַטע איז געווען אַ שיינער איד, אַ באַלעבאַטישער, מיט די אַלע זיבן גליקן, וואָס עס שלעפּן זיך נאָך דעם באַלעבאַטישן אידן. ער האָט דערפאַר אָפּגעמאַכט בײַ זיך אָנצוזאַמלען אין דער שטיל געלט געצוג אויף הוצאות קיין אמעריקע. דאָרטן וועט ער קאָנען ווערן אַן אַרבעטער. און אין איין שיינעם נאָך־פּסח, ווען משה האָט שוין געהאַט געצוג געלט אויף הוצאות, איז ער אַנטלאָפן קיין אמעריקע.

ער איז פאַרפאָרן אויף דער איסט־סייד, צו זיין זיידע מאַנים און באָבע שבע, וועלכע האָבן געוואוינט אין צוויי אָרימע צימערלעך.

געזונט און הויך איז ער געווען, און זעכצן יאָר אַלט, האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זיין אַן אָפּערייטאָר בײַ פּאָר און אָנגעהויבן צו פאַרדינען. און באַלד אַהיים געשיקט אַ בילד פון זיך. און זיך אויך געקויפט אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט, און אַ סיגנעט אַ גאָלדענעם. און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן מאָריס. און אַהיים געשריבן צו זיינע עלטערן, אַז עס איז אים דאָ אין אמעריקע גוט. און אַז דער טאַטע זאָל שיקן נאָך ברידער קיין אמעריקע. עס זיינען געבליבן אינדערהיים אכט ברידער, אָבער נאָר צוויי האָבן דערווייל שוין געקאָנט קומען. די בריוו זיינען געגאַנגען פון אמעריקע און צוריק, אַזוי לאַנג, ביז צוויי פון משהס ברידער זיינען אויך געקומען קיין אמעריקע.

אייזיק, וואָס איז געווען עלטער פון משהן, האָט זיך אין אמעריקע אויסגעלערנט פלעכטן דאַמען־היטעלעך פון דראָט. און מאָטיע, דער דריטער ברודער, האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין אַן אָפּערייטאָר בײַ פּאָר.

זיינען זיי שוין געווען דריי ברידער. און אַלע דריי געוואוינט אין איין צימערל אויף דילענסי סטריט. דאָס צימערל, אַ קליינס און אַ פינצטערס,

האָט געהאַט צוויי בעטן: איינס אַ גרויס בעט און איינס אַ קליין בעט. זיינען אייזיק מיט משהן געשלאָפן אין גרויסן בעט. זיי זיינען אַלע מאָל אינ־דערהיים אפילו געשלאָפן אין איין בעט. און דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי אָנגעהאַלטן טראַדיציע. מאָטיע איז זיך געשלאָפן אין קליינעם בעט אַליין.

זיי זיינען ניט געשלאָפן אַלע דריי אין איין בעט, אָבער דערפאַר האָבן זיי געלעבט אַלע דריי אױף איין קעשענע. אַלע דריי האָבן געבראַכט שבת פּאַרנאַכט „פּיידע״ און אַוועקגעגעבן דאָס געלט משהן. ער האָט זיך גענומען דעם כבוד צו זיין קאַסירער, ווייל ער איז שוין געווען אויסגעגרינט אין אַמעריקע.

די דריי ברידער האָבן געזאַמלט געלט, כדי אַרויסצובריינגען נאָך צוויי ברידער קיין אַמעריקע. די פּאַרדינסטן זיינען געווען זייער מיזערנע. מאָריס, וועלכער האָט שוין געקענט די מלאכה גאָר גוט און האָט זיך גערעכנט פּאַר איינעם פון די בעסטע אָפּערייטאָרס, האָט פּאַרדינט אין סעזאָן ד״יי דאָלאַר אַ וואָך. מאָטיע האָט פּאַרדינט אַ דאָלאַר מיט פופציק סענט אַ וואָך, ווייל ער האָט נאָך ניט געקענט אַזוי גוט די מלאכה. און אייזיק האָט גע־אַרבעט שטיק־אַרבעט. און אַזוי ווי דער סעזאָן באַ דאַמען־היטעלעך איז געווען זייער אַ קורצער, האָט ער אינגאַנצן פּאַרדינט זייער ווינציק.

האָט זיך טאַקע מאָריס געגרויסט מיט דעם, וואָס ער האָט פּאַרדינט מער פון זיינע ברידער. און די ברידער האָבן אים דערפאַר ניט אַזוי ליב געהאַט. אונטנאַרומעט געקלאָגט זיך איינער פאַרן אַנדערן אױף מאָריסן. דער־פאַר איז אייזיק געווען דער מיוחס מיט זיין אינטעליגענטישקייט. ער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ באַגאַזש פון אַן אָנגעלייענטן אין דער רוסישער און אידישער ליטעראַטור. געקאָנט גוטריידן און שרייבן רוסיש. זיך געהאַלטן אין איין איבערשרייבן מיט חברים פון דער היים, דורך שרעק־לעך לאַנגע בריוו אױף דער רוסישער שפּראַך.

מאָטיע, ווידער, האָט ניט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען. ער איז געווען גלאַט אַזוי אַ בחור אַ וואוילער. ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר זיין עלטערן ברודער, דעם באַלעזענעם, און האָט אויך געהאַט דרך־ארץ פאַר זיין ברודער מאָריס, דערפאַר וואָס יענער האָט געהאַט גאָלדענע פינגער צום אַריינמאַכן די האָר און באַם מאַכן אַ נאָט אַ פיינעם. מאָטיע האָט זיך „געריבן״ לעבן ביידע ברידער. באַ אייזיקן גענאַשט קענטעניש. אויב אייזיק האָט איבערגעלייענט עפּעס אַ גוטן רוסישן בוך און איבערדערציילט דאָס וואָס ער האָט געלייענט, איז מאָטיע געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און זיך איינגעהערט צו יעדן וואָרט; און באַנומען דאָס שיינקייט

פֿון דעם שריפֿטשטעלערס וואָרט; און זיך אַלע מאָל מתקנא געווען, וואָס זײַן ברודער אײַזיק איז געבענטשט מיט אַזאַ גליק צו קאָנען זיצן איבער אַ בוך פֿון אָנהויב ביזן סוף. פֿון זײַן ברודער מאָריס האָט ער זיך געלערנט מאַכן אַ שײנעם נאָט, אַ דינעם נאָט, און זיך אויך געלערנט אַרײַנצומאַכן די האָר פֿון יעדן נאָט אַזוי ווי מאָריס האָט געטאָן. עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט און מאָטיע האָט שוין אויך געקאָנט מאַכן אַ גוטן שטאָך אױף דער מאַשין. מאָטיע האָט זיך אויסגעלערנט לײענען אידישע ביכער. און אַלע דרײַ האָבן געפּרואווט ווי ווײַט מעגלעך צו דערנענטערן זיך אײנער צום אַנדערן.

די שלעכטע געוואוינהײטן, וואָס מאָריס האָט געהאַט אויסגעלערנט אין אַמעריקע, אױף דער איסט־סײַד, זײַנען צוביסלעך, דורך אײַזיקס ווירקונג, אויסגעבעסערט געוואָרן.

מאָריס האָט דערזען, אַז ער איז שוין באַלד פֿיר יאָר אין לאַנד און קאָן נאָך ניט שרײַבן און ניט רײדן ענגליש. עס איז אין אָנהויב אים אויסגעקומען צו קעמפֿן מיט זיך אַלײן. צוליב וואָס טויג אים ענגליש. ער האָט אפילו גוט ניט געקאָנט די אידישע שפּראַך. נאָר אַז אײַזיק מיט מאָטיען זײַנען געגאַנגען אין „נאַיט־סקול" און דאָרטן געלערנט ענגליש, האָט מאָריס זײ ניט געשטערט, און איז אַלײן אַוועק און זיך פֿאַרשריבן אין אַ פּריוואַטער שול צו לערנען ענגליש. אים איז ניט אָנגעשטאַנען זיך צו לערנען אינאײנעם מיט די גרינהאָרנס.

דערווײַל האָבן די דרײַ ברידער אָנגעזאַמלט געלט און געבראַכט קײן אַמעריקע נחומען און הוישיקעלען. זײַנען זײ שוין געווען פֿינף ברידער אין אַמעריקע. נחום מיט הוישיקעלען האָבן זיך בעסער געוואָלט לערנען אַלס אָפּערײטאָרס בײַ פּאָר. כאָטש אײַזיק האָט זײ געוואָלט דווקא אויסלערנען פּלעכטן די דאַמען־היטעלעך. זײ האָבן ניט געוואָלט, ווי זײ האָט זיך אויסגעוויזן, זײַן אױף לײַטיש געלעכטער: פּלעכטן היטעלעך פֿון דראָט.

אָבער דאָס איז ניט וויכטיק.

דער עיקר, זײ זײַנען אַלע פֿינף געגאַנגען אַרבעטן און אָפּגעשפּאָרט דאָס לעצטע, און אין צוויי יאָר אַרום האָבן זײ אַרויסגעשיקט געלט מיט שיפֿס־קאַרטן פֿאַר דעם גאַנצן הויז־געזינד, וואָס איז באַשטאַנען פֿון טאַטע־מאַמע מיט נאָך פֿיר ברידערלעך.

און עס האָט גענומען אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט, ביז עס איז אָנגעקומען דער בריוו פֿון טאַטע־מאַמע, אַז זײ זעצן זיך שוין אױפֿן שיף. די שיף, אױף וועלכער די טאַטע־מאַמע האָבן זיך אויפֿגעזעצט, האָט געהײסן „ברעמען",

און זי האָט באַדאַרפט אָנקומען אין צוויי וואָכן צייט קיין אַמעריקע. און אין די צוויי וואָכן האָבן די פינף ברידער ניט פאַרלוירן קיין איין איבעריקע מינוט. און אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען זוכן אַ דירה און געגאַנגען אַלע פינף מיטאַמאָל, האָבן זיי באַמערקט, אַז מען האָט פאַר זיי מורא. אַ קשיה אַף אַמעריקע? אַזוינע פינף געזונטע יונגען... ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס עפּעס אַ גענג... צי ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שלאָק... האָבן זיך די פינף ברידער צעטיילט. און יעדער באַזונדער איז געגאַנגען זוכן אַ דירה. ביז זיי האָבן געפונען דאָס, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט.

די דירה איז דווקא געשטאַנען אַף אַטוירני סטריט. אָבער דאָס הויז איז געווען שיין און האָט אויסגעזען ווי ערשט ניט לאַנג אויפגעבויט. די ציגל פון די ווענט, האָט זיך געדאַכט, האָבן נאָך דעם שטויב פון דער ציגעלניע אַף זיך. און זיי זיינען אַזוינע ריינע, ברוין־רויטע און אויסגעלייגט אין אַזוינע שיינע ווינקעלעך. און דער ווייסער צעמענט אַזוי אויס־געווירעט, אַז פון דערווייטנס האָט עס ממש געגלעט דאָס אויג אַ קוק צו טאָן. די טרעפּ צום הויז — פון גראַניט. און די פאַרענטשעס באַ ביידע זייטן טרעפּ — פון בלישטשענדיקן מעש. און ווען אַלע פינף ברידער זיינען צוגעקומען צום הויז אָנקוקן די דירה, זיינען זיי פּשוט פאַרציטערט געוואָרן פון דער ריינקייט, וואָס האָט זיך געשפּירט אַרום דעם הויז. עס איז, נאָך זייער מיינונג, געווען דאָס שענסטע הויז, וואָס זיי האָבן געזען אין אַמעריקע. זיי האָבן באַלד באַצאָלט פאַר איין חודש דירה־געלט. כאָטש דער חודש האָט זיך באַדאַרפט אָנהויבן ערשט פון דעם טאָג, ווען די פאַמיליע וועט קומען. די אויפגעזעערן פון הויז האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער אידייע, און איז שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון נחת: אַז פינף ברידער ברענגען אַרויס קיין אַמעריקע טאַטע־מאַמע. זי האָט צוגערופן איר בת־יחידקע, אַ בלאָנד מיידל מיט געקרייזלטע פלעשעלעך אַרום איר האַלדז, און צו איר געזאָגט:

— „זעסט, טאָכטער, דאָס זיינען אַלע פינף ברידער און זיי דינגען רומס און גרייטן אָן אַ היים פאַר זייערע עלטערן פון דער אָלד־קאָונטרי"... דאָס בלאָנדע קינד האָט זיך געטאָן אַ נויג, איינבוויגנדיק ביידע קניעס און טרייסלענדיק מיט אירע געפלעשלטע האָר, אַזוי ווי מיט גלעקלעך. די פינף ברידער זיינען געווען אַזוי ווייט געטראָפן און אַזוי טיף, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. זיי האָבן דער דאָזיקער אויפזעערן געגעבן אַ שיינעם „שליסל־געלט" און באַקומען די שליסלען פון זייער דירה.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט קויפן באַלעבאַטישקייט. אַלע אָוונט נאָך דער אַרבעט זיינען זיי אַלע פינף ברידער געגאַנגען איבער

די קראָמען און געקויפֿט מעבל און געפּעס. זיי האָבן באַמערקט, אַז עס שאַדט ווידער דאָס, וואָס זיי גייען אַלע פֿינף מיטאַמאָל. אָבער אַזאַ שאָדן האָבן זיי געקאָנט באַשטיין. עס איז געווען, אַזוי ווי דאָס פֿאָלק זאָגט, „ווען פֿרייט זיך דער קרעמער...״

און צוביסלעך האָבן די ברידער אײַנגעקויפֿט דאָס באַלעבאַטישקייט און יעדן אָוונט זײַנען זיי געקומען אין זייער נײַער דירה און אַליין אויסגעשטעלט דאָס מעבל, אַליין געוואַשן די געפֿאַרבטע דילן און די שויבן פֿון די פֿענצטער. און אַז אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט איז אויך אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז די עלטערן זײַנען דאָ אין עליס־אײַלאַנד.

האָ, פֿרייד! די פֿינף ברידער האָבן אַליין ניט געוווּסט וואָס צו טאָן פֿון פֿרייד. זיי האָבן אָנגעצונדן אַלע גאַז־לאָמפּן אין זייער נײַער היים און זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש אין עס־צימער און אָנגעהויבן פּלאַנעווען זייער מאָרגן.

אײַזיק, דער עלטערער ברודער, האָט פֿאָרגעשלאָגן, אַז פֿון דער מינוט וואָס די עלטערן וועלן קומען דאָ אין שטוב אַרײַן זאָל מען לעבן ווי אין אַ קאָמונע. אַלע ברענגען זייערע פֿאַרדינסטן אין איין האַנט אַרײַן, לאָמיר זאָגן, דער מאַמען. און די מאַמע וועט אַלעמען געבן עסן, צאָלן דירה־געלט און קויפֿן קליידער.

— איך מיין, אַז עס וואָלט בעסער געווען, אַז מען זאָל מאַכן דעם טאַטן פֿאַר קאַסירער, וועט ער האָבן מיט וואָס זיך צו פֿאַרנעמען — האָט מאָריס געזאָגט.

— וועט זיך באַלד אָנהויבן קריגערייען — מישט זיך אַרײַן מאָטיע. — איר האָט שוין פֿאַרגעסן, אַז באַם טאַטן מיט דער מאַמען זײַנען אַלע מאָל געווען קריגערייען איבער געלט? און דאָ אין אַמעריקע ווילן מיר ניט קיין קריגערייען.

— נו, זאָל בלײַבן, אַז מיר גיבן דאָס געלט דער מאַמען — זאָגט נחום און ווײַזט בשעת מעשה אַרויס זײַן געוויינלעכע אומרואיקייט מיט דעם, וואָס ער הויבט זיך אויף פֿון טיש, שפּאַנט אַרום און זעצט זיך צוריק.

— קינדער, מיר טאָרן אָט־די געלט־פֿראַגע אַזוי לײַכט ניט אַוועקמאַכן — זאָגט אײַזיק און צינדט אָן מיט אַ שוועבעלע זײַן ציגאַרעט, באַלויכטנדיק זײַן פּנים אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען אַז ער מיינט דאָס, וואָס ער זאָגט. — מיר מוזן אין אַזאַ געזעלשאַפֿט, וואו געלט איז נאָך דער הויפּט־פֿונדאַמענט, זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. איך, צום בײַשפּיל, וויל געטרויען מער דער מאַמען אונדזערער. זי איז אַ פּראָסטע און פֿון דער נאַטור זייער ניט קיין געלט־

היטערן. זי ווייסט גאָר ניט וואָס עס הייסט היטן געלט. דערפאַר, וועט בײַ איר ניט זײַן קיין געפאַר פון אָנקאָפּיען געלט און די איבעריקע שוואַרצע זאַכן, וואָס שלעפּן זיך נאָך נאָך אָנגעזאַמלט געלט. דער טאַטע, ווידער, אונדזער טאַטע, איז אַ מענטש, וואָס אויב ער זאָל נאָר האָבן אַ מעגלעכקייט אָנצוזאַמלען געלט, וועט ער עס טאָן. און דאָ וועלן מיר מיט אונדזערע אייגענע הענט אפשר העלפן אויפבויען אַ קאַפּיטאַל, און אַ נעסט פון האַס און שנאה און קריגערייען.

אייזיק האָט געוואוסט וואָס ער וויל זאָגן, אָבער אַזוי ווי ער איז קיין רעדנער ניט געווען, האָט ער ניט געקאָנט אַזוי גלאַט אַרויסברענגען זײַן געדאַנק. ער האָט אַ סך ניט דערזאָגט. אָבער די איבעריקע ברידער האָבן אים, ווי עס ווייזט אויס, פאַרשטאַנען.

מאָטיע האָט געוואָלט טיפער אַרײַנדרינגען אין דעם דאָזיקן ענין. בײַ אים, דעם פּראָסטן אויפריכטיקן אַרבעטער, איז געווען אַ געפיל, אַז אין אייזיקס ווערטער איז דאָ אַן אינהאַלט פאַר אים אַליין און פאַר אַלע אַנדערע ברידער. האָט ער דערפאַר געוואָלט מער פאַרטיפונג.

— מאַך מיר קלאָר, אייזיק — האָט מאָטיע געזאָגט — ווי אַזוי קאָנען מיר דערגיין צו דער מדרגה, אַז געלט זאָל אויפהערן צו זײַן? ווי אַזוי פאַרשטייסטו, קאָן מען אומברענגען דאָס געלט פון דער וועלט?

אייזיק איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. אין זײַן געדאַנק זײַנען געלאָפן מחשבות. אינדערגיך געלאָפן. אָט האָט ער אַן ענטפער, און אָט צעשווימען זיך די ווערטער און צעפאַלן ווי קאַרטן־שטיבלעך.

— די רעוואָלוציע וועט מיט איין קלאַפּ אומברענגען קאַפּיטאַל — האָט אייזיק ענדלעך געזאָגט. אייזיקן האָט געוואונדערט, וואָס עס האָט אים גענומען אַזוי לאַנג צו טראַכטן, ווען עס איז שוין געווען אַ פאַרטיקע אַקסיאָמע. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל אומבאַקוועם. אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און געטאָן אַ קלאַפּ מיט איין האַנט אין טיש :—יאָ, די רעוואָלוציע !...

— אָבער דערווײַל, איידער די רעוואָלוציע וועט קומען, מעגן דאָך מענטשן זאַמלען אויב זיי ווילן — איז מאָרים אַרײַנגעקראָכן אייזיקן אין די ביינער מיט זײַן אַמעריקאַניזם. — וואָס וועט דיך אַרן, אויב דער טאַטע אונדזערער וועט אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלאַר, אומשולדיקע עטלעכע דאָלאַר. לאָמיר צוגעבן, אַז מיר אַלע זײַנען קעגן דעם. אָבער ער איז דאָך אַן אַנדער מענטש, כ׳מיין אונדזער טאַטע. אים וועלן מיר שוין ניט איבערמאַכן. און איך בין דערפאַר ניט אײַנשטימיק מיט אײַך, אַז מען זאָל דעם טאַטן, באַלד בײַ זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע, געבן צו וויסן אַז ער איז שוין אויסגעשפּילט.

אַז זײַן וועלט איז אַ טויטע. מיר באַדאַרפֿן ברענגען אונדזערע פֿאַרדינסטן נאָר אין זײַנע הענט. און ער וועט שוין געבן דער מאַמען אַף שטוב־זאַכן. זאָלן זיי זיך פֿירן זייער וועלט, אַזוי ווי תּמיד.

אײַזיק האָט אַף מאָריסן געטאָן אַ קוק מיט זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן. עס איז ניט געווען קיין בליק פֿון שׂנאה. אָבער מאָריס האָט זיך פֿאָרט דערפֿילט ניט הײמלעך אונטער דעם דאָזיקן בליק. אײַזיק זאָגט:

— ניין! איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיך שלעכט אויסטײַטשן. איך וויל ניט, אַז דער טאַטע אונדזערער זאָל זיך דערפֿילן דאָ אין אַמעריקע אַן איבעריקער און הילפֿלאָזער. צו דעם צוועק האָבן מיר אים ניט באַדאַרפֿט ברענגען קיין אַמעריקע. מיר ווילן, אַז ער זאָל זיך דאָ דערפֿילן אַ נײַער און באַפֿרײַטער מענטש. איך בין אָבער קעגן דעם, אַז אַף אונדזערע פּלייצעס זאָל, חלילה, אויסוואַקסן אַ בלוט־זויגער! עס וועט זײַן אַזוי: צום ערשטן וועט ער אָנזאַמלען פֿון אונדזער שווייס אַ ביסל קאַפּיטאַל. דערנאָך וועט ער ווערן אַ באַלעבאָס, עפּעניען אַ פֿאַבריק, אַ שאַפּ, און ווערן אַ בלוט־זויגער.

— איך וועל אים מיט מײַנע הענט אומברענגען! — שרײַט אויס הווישיקעלע. — זאָל איך אַזוי לעבן!

אַלע איבעריקע ברידער דערשרעקן זיך, ווען זיי דערהערן דאָס, וואָס הווישיקעלע זאָגט. זיי שמייכלען אומהײמלעך און שפּילן זיך מיט זייערע פֿינגער איבער׳ן טיש, און ליגן האַלב־אָנגעלייגט אין זייערע בענקלעך.

— מיר זײַנען אַרבעטאָרער! — זאָגט הווישיקעלע פּראָסט און מיט זײַן גראָב־אומפּאָליטורטער שטים. — מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אַרבעטאָרער אַף אונדזער גאַנץ לעבן. און מיר וועלן ניט דערלאָזן, אַז אונדזער טאַטע זאָלן ווערן אַ באָס, דאָ אין אַמעריקע.

— וואָס דען, וועסט מאַכן דײַן טאַטן פֿאַר אַן אַרבעטער? — איז מאָריס סאַרקאַסטיש.

— ער באַדאַרף שוין גאָרניט טאָן — מאַכט נחום אַ פּשרה. — מיר זײַנען נײַן ברידער. און מיר אַלע וועלן אַרבעטן, און בײַ אונדז קאָן זײַן דער טאַטע מיט דער מאַמען זייער גאַנץ לעבן.

— ס׳איז אַ פֿראַגע, צי דער טאַטע וועט וועלן? — פֿרעגט מאָריס. — יעדער מענטש האָט זײַן אינדיווידועלע פֿרײַהייט צו טאָן דאָס, וואָס ער וויל.

— ער איז שוין דאָ מיט זײַן אינדיווידועלער פֿרײַהייט... — צעלאַכט זיך אײַזיק הויך אַף אַ קול. — בײַ אונדזער טאַטן איז טאַקע פֿאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אינדיווידועלע פֿרײַהייט. אַ־וואַ!

— בײַ אים איז טאַקע ניט פֿאַראַן, אָבער עס איז אונדזער חוב אַזאַ

געפיל בא אים צו אנטוויקלען — שפּאַרט זיך מאָרים און וויל ערשט אָנהויבן צו אַנטוויקלען זיין געדאַנק.

— הערט, ברידער — זאָגט מאָטיע און לאָזט מאָריסן ווייטער ניט ריידן. — וואָס האָבן מיר דאָ געטאָן? מיר האָבן אַלע געאַרבעט שווער און געשיקט נאָך די עלטערן און די איבעריקע ברידער, און ברענגען זיי אהער קיין אַמעריקע, און מיר האָבן זיך געמיט און איינגעפונדעוועט פאַר אונדז אַלע אַ שיינע, ריינע היים. און איצט, באַלד באַם אָנהויב, קריגן מיר זיך שוין איבערן חזנס קישקע. דער זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַזוי. און עס ווערט שוין אַ טראַגעדיע. צוליב וואָס האָבן מיר עס באַדאַרפט האָבן? מיר האָבן דאָך געקאָנט פון פריער אָן איינזען, אַז אַזוי וועט עס ניט קאָנען זיין.

מאָטיעס פּנים, דאָס ווייסע און אײדעלע, ווערט מיטאַמאָל נאָך בלייכער, זיינע האָר די קוטשעראַווע שטעלן זיך אויף. זיינע גרויסע אויגן ברענען מיט פייער. די איבעריקע ברידער זיצן אַלע און הערן זיך איין האַלב־אָנגעשפּאַרטע אין זייערע בענקלעך און מיט אויגן וואָס זיינען פאַרטיפט אין זיך אַריין. פאַר יעדן איינעם פון זיי מאָלט זיך עפּעס אַ בילד אַ וויטס. מאָטיע רעדט ווייטער:

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס עס האָט זיך בא אונדז געביטן די לאַגע. ביז אהער זיינען מיר אַלע ברידער געווען דאָס, וואָס מיר זיינען געווען. מיר זיינען ביז אהער איינגעשטאַנען צו צווייי און צו דריי אין אַ צימער. ביז אהער האָבן מיר זיך ניט געשטערט איינער דעם אַנדערן. פאַר־וואָס־זשע האָט זיך איצט געביטן די לאַגע, אַז מיר זאָלן זיך שוין באַדאַרפן קריגן? ביז אהער, למשל, האָט מאָרים געהאַלטן אונדזער אַלעמענס געלט. נו, און איצט וועט דער טאַטע אָדער די מאַמע האַלטן אונדזער אַלעמענס געלט. און ווער וועט אונדז שטערן צו פירן זיך, יעדער נאָך זיין מיינונג און זיין פאַרשטאַנד? לאָזט עס אָפּ און עס וועט זיך שוין אַליין פירן.

— אָבער איך וועל ניט דערלאָזן, אַז דער טאַטע זאָל ווערן אַ באָס — שרייט הוישיקעלע.

— איך, אויך ניט — ברומט אונטער אייזיק. — איך וועל עס אויך ניט דערלאָזן.

— נאַר איינער, וויל איך דען, אַז מיין טאַטע זאָל ווערן אַ באָס? — פרעגט מאָרים, און זיין פּנים צעשמייכלט זיך.

נחום איז געווען דער ערשטער זיך אויפצוהויבן פון טיש.

— וואַרט, מיר האָבן נאָך ניט געוואָרפן קיין גורל אַף די צימערן — דערמאָנט אים אייזיק.

— נו, לאָמיר זיך נעמען וואַרפֿן גורל.

אין שטוב זיינען געווען פיר שלאָף־צימערן. צוויי זיינען געווען מיט פענצטער צו דער גאַס און צוויי מיט פענצטער אין אַ הויף אַריין. די שלאָף־צימערן צו דער גאַס זיינען געווען ליכטיקער. אָבער דערפֿאַר זיינען די שלאָף־צימערן צום הויף געווען גרעסער.

די ברידער האָבן אַף אַ ווייל פאַרגעסן אין זייערע קריגערייען. דאָ, באַם ציען דעם „גורל", האָבן זיי זיך דערפילט אַזוי ווי קינדער, און זייער פיל געלאַכט באַם אַרויסציען פֿון די קוויטלעך.

דערנאָך האָט הוישיקעלע אויפגעזאָטן טיי און די ברידער האָבן גע־טרונקען טיי. און יעדער איינער פֿון זיי האָט איבעראַניים איבערדערציילט זיין איבערלעבונג אַפֿן וועג קיין אַמעריקע.

אייזיק האָט דערציילט מער פֿון אַלעמען. ער האָט נאָך אַלס קינד זיך געקויפט אַ נאָמען פֿון קאָנען דערציילן מעשיות. נאָך אַלס קינד האָט ער געהאַט אַ טבע צו ציען זיינע מעשיות און אין זיי אַריינפלעכטן אַנדערע מעשיות.

איצט איז ער שוין אַ ביסל מער באַהאַוונט. און די ברידער הערן שוין מיט מער אינטערעס. עס פאַרדריסט זיי נאָר, פאַרוואָס איז באַ זיי אַף זייער רייזע קיין אַמעריקע גאָר ניט פאָרגעקומען, און באַ אים, באַ אייזיקן, האָט נאָר געהאַלטן אין איין פאַסירן זאַכן משונהדיקע און אַזוינע אינטערעסאַנטע. ניט אַנדערש, אייזיק טראַכט זיי אויס, אָט־די אַלע מעשיות.

די נאַכט איז געווען אַזאַ לאַנגע. שלאָפֿן האָט זיך קיינעם פֿון די ברידער ניט געוואָלט. איז מען געזעסן אַרום טיש און געהערט אייזיקס מעשיות. אינדרויסן האָט געוואָיעט אַ זאַווערוכע. דער שניי האָט געקלאַפּט אין די בלאָע שויבן, און עס האָט אויסגעוויזן, אַזוי ווי ווייסע זומער־פויגעלעך פלאַטערן און שלאָגן זיך צום ליכט פֿון לאָמפּ.

צווייטער קאפיטל

די פינף ברידער זיינען אויפגעשטאנען פארטאג, ווען עס איז נאך געווען בלא אין די פענצטער. די גאסן זיינען געווען טיף באדעקט מיט א וויסן ווייך־פודערדיקן שניי. אף די דעכער, קוימענס און שפיצן און טורעמס איז געלעגן דער וויסער שניי נאך א בלאער פון דעם פארטאגיקן הימל.

אין שטוב איז געווען קאלט. האט הווישיקעלע איינגעהייצט דעם אויוון מיט קוילן און צוגעשטעלט א טשייניק מיט וואסער.

מאטיע איז אראפ אין גראסערי נאך געבעקס און פרוכטן און פוטער מיט קעז און מילך. זיי זיינען אלע היינט ניט געגאנגען אין שאפ אריין צו דער ארבעט. עס איז בא זיי היינט יום־טוב. זיי גייען אראפנעמען די עלטערן פון עלים־איילאנד.

זיי האבן אין איילעניש אפגעגעסן איבערבייסן און זיך אלע אויס־געפוצט אין זייערע שענסטע קליידער.

אין אויוון איז איבערגעבליבן פייער. הווישיקעלע האט נאך אונטער־געשאטן קוילן, אז עס זאל האלטן ווארעמקייט.

די ברידער זיינען אוועקגעפארן באגעגענען די עלטערן. אין עלים־איילאנד איז זיי אויסגעקומען א סך צו ווארטן. דערנאך האט מען זיי אלע פינף אריינגערופן אין א צימער. בא א טיש זיינען געזעסן עטלעכע לייט מיט פליכעוואטע קעפ און מיט געשווירענע וואנצעס.

די פינף ברידער זיינען געשטאנען בא א שטאבעט און איינער פון די פליכעוואטע קעפ האט געפרעגט יעדן איינעם פון די ברידער בא וואס פאר אן ארבעט ער ארבעט און וויפיל ער פארדינט. און צי איז ער ניט קיין אנארכיסט און צי גלויבט ער אין אמעריקאנישן פלאג.

דערנאך האט מען אלע פינף ברידער אריינגעפירט אין א לידיקן צימער, וואו די באגעגעניש איז באלד פארגעקומען. די טיר האט זיך געעפנט און טאטע־מאמע מיט די פיר קלענערע ברידערלעך זיינען אריין. און די פינף עלטערע ברידער האבן אין א מינוט פארגעסן, אז עס איז דא אן ערד אונטער זייערע פיס. העגט האבן זיך געפלאכטן ארום העלדזער און די מאמע האט געוויינט פון פרייד. די קלענערע ברידערלעך זיינען געשפרונגען אין דער לופטן און זיך געהאנגען אף די עלטערע ברידער מיט זייערע דינע, אויס־געמאגערטע הענט.

אין עטלעכע מינוט ארום, נאָך אַ פּאָר קליינע אָפיציעלע צערעמאָניעס, איז שוין די גאַנצע פאַמיליע אָפּגעפּאָרן מיט דער הויכבאַן. זיי זיינען אַלע געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק פון דעם וואַגאָן און הויך און פריילעך געפּלאַפּלט. דורך די פענצטער פון באַן זיינען געלאָפן פענצטער פון היימען, פענצטער פון פאַבריקן. עס איז געווען מיטנוואָך און אין די פאַבריקן האָבן ארבעטער געאַרבעט; מאַשינען האָבן זיך געדרייט; לעדערנע פּאַסן זיינען געלאָפן אין דער גיך. אָבער ווער האָט געהאַט צייט איצט צוקוקן וואָס עס טוט זיך אין די פענצטער. דאָ אין וואַגאָן האָט מען זיך געפרייט מיט איין גרויסער פרייד פון אַ צוריק־אויפגעזוכטער היים. די מאַמע האָט זיך זיכער געפילט אַזוי ווי אַ קיניגן פון ערגעץ אַ מעשה־ביכל, וואָס האָט צוריק געפונען איר לאַנד.

די פּראָצעסיע פון דער באַן־סטאַנציע ביז אַטוירני סטריט איז געווען אַזוי פּאַטעטיש. מענטשן ווילד־פרעמדע זיינען נאָכגעלאָפן. עס גייען פינף בחורים שוין אַמעריקאַנער, און נאָך זיי אַ טאַטע מיט אַ מאַמען און מיט קלענערע קינדער, און יעדער טראָגט עפּעס אַ פּעקל, אָדער אַ גרויסן פּאַק, אָדער אַ שטרויענעם קויש.

צוגעקומען צו דער שענסטער הויז אין אַטוירני סטריט, און דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען שטאָלץ מיט די קינדער זייערע.

— אָט דאָ? ! — פרעגט די מאַמע מיט אַ וויינענדיקער פרייד.

— דאָ!

— דאָ!

— דאָ! — שרייען אַלע ברידער מיטאַמאָל.

אין גאַס ווערט דערווייל אַ גרויס געלאַף. מען שטופּט זיך און מען וויל וויסן וואָס דאָ איז. אָבער עס איז שוין אַלץ פאַריבער. די ברידער האָבן שוין לאַנג אַריינגעבראַכט זייערע עלטערן אין דער נייער היים.

דער טאָג — אַ ווינטערדיקער, אין יאַנואַר, האָט שוין געהאַלטן באַם אַוועקגיין. אין די פענצטער פון דער נייער היים האָט זיך געזען די שקיעה. איבער דעכער און קוימענס איז דער הימל געווען רויט פון דער פאַרגייענדיקער זון. שטיקער כמאַרע זיינען ארומגעשוואומען איבערן הימל און דורך זיי און אין זיי האָט זיך נאָך די זון געלאָזט זען. דאָ איז אַ שטיק כמאַרע אינגאַנצן אָנגעצונדן רויט, און דאָרט אַ ביסל ווייטער זיינען די ברעגן פון אַן אַנדער שטיק כמאַרע געווען ארומגעזוימט ווי מיט פייערדיקע פּאַסיקלעך. און דער הימל איז געווען העל־גרין, און רעגנבויגן־גרין, און גרין ווי גראָז, און בלאָ־גרין, און רויט־גרין.

און באַטש עס איז נאָך אין שטוב געווען גענוג ליכטיק פון אָט־דעם אָנגעצונדענעם הימל, פונדעסטוועגן האָט מען אין שטוב באַלד אָנגעצונדן אַלע גאַז־לאָמפּן. דאָס איז געטאָן געוואָרן אי לכבוד די געסט און אויך כדי זיי צו באַווייזן דעם וואונדער פון גאַז־באַלייכטונג.

מען איז באַלד אריבערגעגאַנגען צום אויפּפּאַקן פון די פּעק. פריער האָט מען אויפגעבונדן דאָס בעטגעוואַנט. איבערבעטן, קישנס, קישעלעך און קאָלדרעס, וואָס די מאַמע האָט געבראַכט מיט זיך, זײַנען באַלד צעטראָגן געוואָרן און אריינגעלייגט געוואָרן אין די ליידיקע בעטן.

דער טשײַניק איז געשטאַנען אָפן אויוון און געזאָטן. די קלענערע צוויי קינדער, פּיני מיט שמואליקן, זײַנען ארומגעלאָפן איבער דער גאַנצער לענג פון שטוב און פון גרוים פרייד געקלאַפּט מיט זייערע פיס אין דיל.

דער טאַטע האָט זיך געוואַשן און געדאַוונט מנחה. און די מאַמע איז ארומגעגאַנגען פון איין אָרט צום אנדערן און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם גאַנצן באַלעבאַטישקייט.

עס איז באַ איר געווען אין יעדער קליינקייט נאָר וואונדער; אי אין דעם קיילעכיקן טיש, וואָס אז מען טוט אַ קוועטש אַ ספּרוזשינע קען מען אים צערוקן און ער ווערט צוויי מאָל אַזוי לאַנג; אויך די בעטן, וואָס אז מען וויל זײַנען זיי שמאָלע דיוואַניקלעך און אַף באַנאַכט גיט מען ווידער אַ קוועטש און עס ווערט פון זיי ברייטע בעטן; אויך אין דעם וואָס מען דאַרף ניט האָבן קיין שוועבעלעך, נאָר אז מען טוט אַ קוועטש אַ קנעפּל פון גאַז־אויוון צינדט זיך אליין אָן די גאַז; אפילו אין דעם אַמעריקאַנישן פּאָדלאָגע־וואַשער, וועלכן מען טונקט איין אין וואַסער און אז מען וויל אים „אויס־דרייען" פון דער וואַסער, קוועטשט ער זיך דורך צוויי קאַטשעלקעס און דאָס וואַסער רינט פון אים; אָדער אין דעם מילעכל וואָס מאָלט פלייש פאַר קאָטלעטן; אָדער אין דעם זאַלץ־מעסטל מיט די לעכעלעך, פונוואַנען דאָס זאַלץ שיט זיך אַזוי דין און שיין; אָדער אין דעם שטריק אַף צום הענגען אַ געוועש, וואָס דרייט זיך אַף אַ רעדל באַם פענצטער — עפן דאָס פענצטער און הענג דאָס געוועש; מיט איין וואָרט, אין יעדן ווינקעלע זײַנען דאָ וואונדער איבער וואונדער.

דער מאַמעס האַרץ איז פול מיט פרייד איבער די ברעגן.

— גאָט געהאָלפן. פריער „ער" און דערנאָך איר.

אָבער זי האָט ניט געקאָנט קיין סך רעדן. באַלד האָט זיך פון אירע אויגן גענומען גיסן טרערן פון פרייד.

די קינדער האָבן געבראַכט פרישע זעמל און סאַרדינקעס און אַ גוטן

שמאַלץ־הערינג און מאַסלינעס און פּאַרמעזאַן־קעז און גוטע, געלע, היימיש־געמאַכטע פּוטער און אַ גאַנצן פּריש־געבאַקענעם קאַווע־קוכן, פון דעם מין וואָס איז פון אויבן באַשאָטן מיט אַ גאַנצער קאַשע פון צוקער און ניס. זיי האָבן אויך געבראַכט אָראַנזשן און אַן אײַנגעדאַרטע אַמעריקאַנער לימענע, און עפּל מיט רויטע בעקעלעך, און די אמתע ווינטער־באַרן, וואָס זעען אויס אַזוי ווי פון קופּער געמאַכט, אָבער ווען מען בײַסט זיי אײַן, גיט פון זיי אַ שפּריץ אין מויל אַרײַן אַ זיס־ווײַניקער סאָק.

און אַזוי־אַ, אױף דעם אַמעריקאַנישן שטייגער, אױף דעם פּאָליטורטן נאַקעטן טיש געטאָן אַ שטעל אויס די אַלע גוטע זאַכן. און די מאַמע האָט זיך געטאָן אַ קרים און געזאָגט:

— וואָס, אָן אַ טישטעך?

— דאָ אין אַמעריקע עסט מען אָן אַ טישטעך — האָט הוישיקעלע געוואָלט באַווײַזן, אַז ער ווייסט ווי אַזוי מען פירט זיך דאָ אין אַמעריקע.

— אָבער דער טיש וועט דאָך אָפּקריכן — איז דער פּאָטער באַלד געקומען צו הילף דער מאַמען. — אַן עבירה דער פּאָליטור.

— איך האָב געבראַכט, קינדערלעך, טישטעכער. וואַרט, איך וועל דעקן דעם טיש מיט מײַן אייגענעם טישטעך — האָט די מאַמע געזאָגט.

זי איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ צעקנייטשטן טערקישן טישטעך. אָבער עס איז געווען אומזיסט איר טרחה. די אַמעריקאַנער קינדער האָבן געדרייט מיט די נעזער, ווען זיי האָבן אַ קוק געטאָן אױף דעם צעקנייטשטן טישטעך. האָט די מאַמע שוין ניט פאַרשפּרייט דאָס טישטעך אױפן טיש.

אמת טאַקע, דער פּאָליטור פון טיש האָט אַ ביסל געליטן פון דער הייסער טיי, אָבער אין דער טומלדיקער פרייד האָט מען זיך ניט געקאָנט אומקוקן אױף אַזאַ קלייניקייט ווי פּאָליטור.

ניט נאָר דאָס, נאָר מען האָט אַפילו פאַרגעסן צוצולייגן צום זיידן מאַנעס און דער באָבע שבע און זיי אָנזאָגן די בשורה.

עס איז געווען צום ערשטן מאָל אין יאָרן, אַז די גאַנצע פאַמיליע פון טאַטע־מאַמע מיט נײַן זין זײַנען געזעסן אַרום אַ טיש און געגעסן שמאַלץ־הערינג און מאַסלינעס און זעמל מיט פּוטער און פאַרטרונקען מיט שמעקעדיקער טיי.

דאָס גליקל פון טיר האָט געקלונגען.

עס קומט אריין אַ איד אין אַ פאַרבלוטיקטן פאַרטעך. דאָס בערדל איז באַ אים אַזוי ווי איינגעשלאָגן אין די באַקן אריין. אָדער דערפאַר וואָס ער שערט עס, אָדער אפשר פשוט ווייל עס וואַקסט אַזוי צוריק אין די באַקן אריין.

— איך בין דער בוטשער... — פּרוּווט דער איד אַראָפּנעמען זיין היטל, ווייל ער זעט אַז די יונגווארג זיינען אַלע אָן היטלען. אָבער אַז ער טוט אַ קוק אױף דעם שיינעם טאַטן מיט דער לאַנגער באָרד און סאַמעטענער יאַרמולקע, קאָן דער איד באַ זיך ניט פּועלן אַראָפּצונעמען זיין היטל. בלייבט אַזוי זיין האַנט הענגען באַם אויער, און אַזוי ווי די האַנט ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך, איז זי זיך מישב און קריכט אריין, אַזוי אַ פאַרבלוטיקטע, אין אויער אריין און דרילעוועט דאָרטן אין אויער ווי מיט אַן עקבויער. — איך בין געקומען אייך בעטן מיר צו געבן אַ „שאָו״. באַ מיר איז כּשר. אפילו רבנים מעגן עסן פון מיין בוטשער־סטאָר.

— אָלרייט, מיסטער — האָט הווישיקעלע זיך געווענדט צום אידן — ברענגט אַרויף גוט פלייש פאַר קאַטלעטן.

— האַק־פלייש ? צי קאַטלעטן ? — פרעגט איבער דער איד.

— האַק־פלייש.

— מען דאַרף ניט... — בעט זיך די מאַמע, וואָס פילט זיך נאָך דער־ווייל ווי אַ גאַסט, און ווייל ניט אַז מען זאָל זיך וועגן איר אַזויפיל מטריח זיין.

— וואָס הייסט מען דאַרף ניט ? — שרייט הווישיקעלע און לאַכט. — מען דאַרף דאָך עסן אַ שטיקל פלייש און אַ לעפל יויך. ברענגט, מיסטער, האַק־פלייש.

— וויפיל ? — פרעגט דער איד טאַמעוואַטע.

— ברענגט אַ פיר־פינף פונט.

— דאָס אַלעס ?

— נו, ברענגט זעקס פונט — מיינט הווישיקעלע, אַז ער האָט געזאָגט צו ווינציק.

— דאָס אַלעס ? — פרעגט איבער דער איד טאַמעוואַטע, און מיינט מיט זיין איבערפרעגן גאָרניט, נאָר ווייל „דאָס אַלעס״ איז באַ אים אַזוי־אַ אַ געוואוינהייט. ער פרעגט יעדן קונה אַזוי איבער: „דאָס אַלעס ?״ הווישיקעלע ווייסט אָבער ניט פון דעם אידנס געוואוינהייט, און ער

מיינט נאָך אַלץ, אַז ער האָט ניט פּינקטלעך געטראָפן מיט דער צאָל פון פונטן פלייש. און ער זאָגט:

— נו, ברענגט צען פונט.

דאָס דערהערט, איז דער איד אַרויס פון שטוב פייל אויסן בויגן. „צען פונט האַק־פלייש" — איז ער געלאָפן אַראָפּ מיט די טרעפּ און איבערגעחזרט מיט פרייד — צען פונט האַק־פלייש.

אַ ביסל שפּעטער, נאָכדעם ווי דאָס פלייש איז שוין געלעגן איינגעזאַלצן, האָט ווידער דאָס גלעקל פון טיר געקלונגען.

עס קומט אַריין אַן אַנדער איד, שוין מיט אַ רויט, אָפּגעשוירן בערדל און מיט אַ פּנים ווי בײַ אַ גזלן, און אויך מיט אַ פאַרבלוטיקט פאַרטעך.

— בײַ דעם טריפניאַק נעמט איר פלייש? ! ער אַליין עסט אָך חזירשע קישקע מיט פּוטער מיט ברויט... — הויבט אָן דער רויטער איד פּאַמעלעך אויסצוזינגען יעדעס וואָרט און טייטלט בשעת מעשה אַזוי שטייענדיק בײַ דער טיר צום וואַש־טאָפּ, אויף וועלכן דאָס האַק־פלייש איז געלעגן איינגעזאַלצן.

— מיסטער, עס איז „טו־לייט". ווער עס קומט „פוירסט", דער קריגט דעם אָרדער... — לאָזט הוישיקעלע דעם רויטן אידן ניט ענדיקן. און עפנט די טיר אַלס אַ סימן, אַז דער רויטער זאָל אַרויסגיין.

— מיך אַרט גאָר ניט... ווועמען אַרט עס, אַז איר וועט זיך אָנשטאָפּן מיט טריפות — רוקט זיך דער רויטער איד צוריקוויילעכץ אַרויס פון שטוב.

שפּעטער איז געקומען צוגיין אַ אידענע אָנגעטאָן אין אַ וואַטאָווע קלייד. זי איז געווען אַליין אויך גענוג ברייט און פעט, און אין דער וואַטאָווער קלייד האָט זי אויסגעזען ווי אַ פאַס מיט שמאַלץ. בשעת זי איז אַריין אין שטוב האָט זי באַלד אָנגעהויבן מיט אַ וויינענדיק קול:

— איך בין אַן אַלמנה מיט אַ פולער שטוב מיט קליינע קינדער. דער מאַן מיינער האָט מיך איבערגעלאָזט... אַליין געווען אַ קלאָוקמאַכער... פאַרשטייט איר שוין מיין ביטער מזל... האָבן מענטשן מיר געעפנט אַ גראָסערי־סטאָר... אַלע דאָ אין סטריט קויפן בײַ מיר... איך וועל אייך געבן אויף באָרג, אויב איר וועט באַדאַרפן... קיין עין־הרע ניט, אויב איר וועט באַדאַרפן, אַז עס אַרבעטן אַלע און ברענגען „פיידעס"...

די דאָזיקע רייד פון דער פרוי זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן. און דער טאַטע האָט דער דאָזיקער אידענע, וואָס איז געווען אַן אַלמנה, געבעטן זיצן. אָבער זי האָט געטאָן אַ וויש מיט איין האַנט די נאָז אירע און אָפּ־

געווישט די האַנט אין דעם וואַטאַווען קלייד, און געזאָגט אַז זי האָט ניט קיין צייט. זי האָט איבערגעלאָזט די קינדער אַליין אין גראַסערי.

— אָלרייט! — האָט געפּסקנט הוישיקעלע. דער דאָזיקער בחור איז היינט אָפּדערנאַכט געווען דער גאַנצער הויפּט־מיניסטער פון אינעווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן. די אַנדערע ברידער האָבן זיך ניט געמישט. — מיר וועלן אייך געבן אַן אָרדער, אָבער מיר זיינען געוואוינט צו די בעסטע זאַכן. געדענקט: גוטע זאַכן און פרישע. מיר זיינען שווערע אַרבעטאָרער און מיר באַדאַרפן האָבן אַ גוטן מאָגן. פאַרשטאַנען? אָלרייט...

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי מיינע גראָסערים זעען אויס. זעמעלעך באַ מיר, מיט מאָן און מיט ראָזשינקעס. היינט מיין פוטער האָט דאָך אַ שם איבער גאַנץ אַטוירני סטריט. און פון מיינעם אַ שמאַלץ־הערינג גיסט זיך דאָך דאָס שמאַלץ, און מיין טיי, אוי־האַ; טעם גן־עדן!

דריטער קאַפּיטל

די מאַמע האָט זיך דעם ערשטן אָוונט אין אַמעריקע באַלד אוועקגעשטעלט פּרעגלען קאָטלעטן אַף וועטשערע. הוישיקעלע האָט איר געוויזן ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין מיט דעם אַמעריקאַנישן אויוון. מאָטיע איז געגאַנגען ברענגען דעם זיידן מאַנים מיט דער באָבע שבע. אייזיק איז אוועקגעגאַנגען ברענגען זיין חברטע, מיט וועלכער ער איז געפאָרן אַף איין שיף קיין אַמעריקע. מאָרים האָט דערהערט, אַז אייזיק איז געגאַנגען ברענגען די שיף־שוועסטער, איז ער אויך אוועקגעגאַנגען ברענגען די קוזינע שרה.

אַז דער זיידע מאַנים מיט דער באָבען זיינען געקומען, איז געוואָרן אַזאַ טומל אין שטוב, אַז די מאַמע האָט פאַרגעסן אין די קאָטלעטן אַפן אויוון, און די קאָטלעטן האָבן אָנגעהויבן צו ברענען.

דער זיידע מאַנים, אין זיינע צעקנייטשטע הויזן און מאָדנעם קורצן אָפּגעטראָגענעם אויבערמאַנטל, אין וועלכן די קעשענעס האָבן זיך שוין געפּרואווט אוועקרייסן, און דאָס פאַרשמאַלצעוועטע „דוירבעלע״, וואָס איז בא אים געלעגן טיף ביז צו די אויערן אַראָפּגערוקט, און מיט דער באַצימבעטער באָרד, איז געבליבן שטיין נאָכדעם ווי ער האָט זיך צעקושט מיט אַלע גרינע, און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס זאָגסטו אַף אַמעריקע? — האָט זיך מאַנים געווענדעט צו חיימען.

חיים האָט אָנגעקוקט זיין שווער און גאָר ניט געזאָגט. אויב אַמעריקע קאָן אַזוי־אַ מאַכן אַ חשבות פון אַזאַ שיינעם אידן, ווי זיין שווער מאַנים איז געוועזן — וואָס־זשע קאָן ער זאָגן?

— זיצט, שווער! — האָט חיים געבעטן דעם זיידן מאַנים, אָנווייזנדיק אים דעם אויבנאָן.

מאַנים האָט זיך אַנידערגעזעצט און געקרעכצט. די פיס האָבן אים וויי געטאָן פון אַ גאַנצן טאָג שטיין בא דער אַרבעט. ער האָט אויך געפילט אַ ווייטיק אין אַלע גלידער.

— וואָס־זשע הערט זיך, חיימל? — ווישט זיך מאַנים די געשווירענע וואָנטשעס.

— ניט גוט!

— דיר איז אויך ניט גוט? — שמייכלט מאַניס מיט זיינע געשווירענע וואָנטשעס און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ ביטערע זאַך. — אַט האָבן די קינדער פאַר דיר אָנגעגרייט אַ שיינע היים.

— טאַקע זייער שיין, שוועסטער — זאָגט חיים. — טאַקע זייער שיין, אָבער ניט גוט.

די באָבע שבע, מיט איר ליכטיק, ווייס פּנים, אַף וועלכן עס האָבן זיך געכוואַליעט קליינע, דינע, כוואַליעדיקע קנייטשעלעך, איז אַריינגעקומען צוריק פון קיך און זיך אויך אַנידערגעזעצט באַם טיש. זי האָט איבער־געשלאָגן דאָס קרעכצן און קלאָגן פון די צוויי אידן.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו, חיים, וועסט קיינמאָל ניט קומען קיין אַמעריקע — זאָגט שבע.

— נויט ברעכט אייזן! — זאָגט חיים.

— פאַרקערט, פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט פאַרענטפערן. איך דאַנק דיר דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט מיין טאַכטער — זאָגט שבע. — איצט וועט זיך אונדזער משפחה צעשפּרייטן אין אַמעריקע.

— אַ גליק וועט דיך טרעפן! — האַקט איר מאַניס איבער די רייד. — זיך צעשפּרייטן איבער אַמעריקע. אױ, אױ, בהמה...

הווישיקעלע איז אַריינגעקומען פון קיך און אָפּגעטרייסלט ביידע הענט און פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל. ער האָט דערלאַנגט דאָס פּעקל מיט ציגאַרעטן דעם פאָטער.

— נעם, טאַטע, פאַרזוך אַן אַמעריקאַנער ציגאַר־טוטין.

דער פאָטער האָט גענומען אַ ציגאַרעטל, עס פריער גוט באַטראַכט פון אַלע זייטן, דערנאָך עס געטאָן אַ קאַטשע צווישן זיינע פינגער און פאַר־רויכערט באַם פייער פון הווישיקעלעס ציגאַרעטל. אַריינגעצויגן דעם רויך און אַרויסגעלאָזט דורך זיינע האָריקע נאָזלעכער צוויי זיילן רויך. געטאָן אַ שמייכל און געזאָגט:

— אויב דאָס איז טוטין, בין איך מסתם אַ רביצין.

מאַניס האָט ווידעראַמאָל ביטער געטאָן אַ שמייכל און געזאָגט:

— בידאַ נאַוטשיט!

חיים האָט אַרויסגענומען אַ זילבערנע טאַבאַטשניצע און זי געעפנט און געזאָגט צו זיין זון הווישיקעלע:

— אָט האָב איך נאָך אַ ביסל „רוסישן". נעם, מאַך דיר אַ ציגאַר.

מאַניס האָט גענומען די טאַבאַטשניצע און געטאָן אַ שמעק צום טוטין און געזאָגט:

— איך האָב אויפגעגעבן רויכערן. דער שאַפ דישעט מיר שוין געגוג. נאָר דער טוטין דיינער, חיים, טויג אַף כפרות. דאָ אין אַמעריקע איז דאָ בעסערער.

— וואָס, האָט איר געזאָגט, דישעט איך? — פרעגט איבער חיים.

— דער שאַפ, דער שאַפ! — שרייט מאַנים אויס, אַזוי ווי חיים וואָלט געווען אַ טויבער.

— דאָס פּלאַץ, וואו דער זיידע אַרבעט — דערקלערט הוישיקעלע זיין טאַטן.

— הייסט עס, שאַפ? — פרעגט איבער חיים מיט גרויס שטוינען פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג.

— יאָ, שאַפ! — שטאָלצירט הוישיקעלע מיט זיין אַמעריקאַנישקייט.

— דער זיידע אונדזערער איז אַ מאָלאָדיעץ! — אַן אַרבעטאָרער.

— ווען איך זאָל כאָטש מאַכן אַ לעבן! — שאָקלט מאַנים מיטן קאָפּ.

— מאַכן אַ לעבן הייסט דאָ: האָבן פּרנסה — דערקלערט הוישיקעלע זיין טאַטן.

— זאָרגט ניט. עס וועט זיין גוט — טרייסט חיים זיין שווער.

— דאָס וואָס מיין באָס זאָגט אויך אַלע מאָל — שמייכלט מאַנים ביטערלעך.

— זיין באָס... עס מיינט: דער באַלעבאָס.

— אַ איד? — פרעגט חיים.

— ימח שמו! — ענטפערט מאַנים.

אין שטוב איז אַריינגעקומען אייזיק מיט זיין חברטע פאַניע. אַ הויכע ברונעטקע מיט אַ ברוינעם מאַנטל און מיט אַ גרויסן, ברייט־רונדן הוט. דער הוט אַף אַ זייט, כמעט ביז צום אויג אַראָפּגערוקט. אַ פיין פּנים מיט געשמאַקע ליפּן.

די מאַמע איז אויך אַריינגעקומען, פאַרגאַנגען אַרום און אַרום און געשטאַנען אַ צעשמייכלטע אַקעגן דעם מיידל. אייזיק האָט פאַרגעשטעלט דאָס מיידל פאַר דער גאַנצער משפּחה.

— דאָס איז מיין חברטע פאַניע — האָט אייזיק געזאָגט מיט נערוועזי־טעט אין זיין שטים. — איך האָב איר צוגעזאָגט אַרויפצובריענגען און באַקענען מיט די עלטערן.

דאָס מיידל האָט זיך ניט פאַרלוירן אַף איין מינוט. זי האָט אַראָפּ־געצויגן די הענטשקעס און געגעבן די דינע האַנט אירע יעדן איינעם. דערנאָך זיך אויסגעטאָן דעם מאַנטל און געגעבן אייזיקן דעם מאַנטל.

דער פאָטער האָט ארויסגערוקט א בענקל און זי געבעטן זיצן.

די מאַמע האָט נאָכאַמאָל אָנגעקוקט פאַניען און געטאָן א קוק צום זיידן מאַנים און צו אים געטאָן א טיפּן, באַדייטפולן שמייכל. מאַנים האָט זיין טאָכטער רייזין געענטפערט מיט א פּאָזיטיוון שאָקל מיט זיין קאָפּ.

די מאַמע האָט פאַרשטאַנען, נאָך איר קליינשטעטלדיקן, אַלט־מאָדישן קוק אָפן לעבן, אַז דאָס מיידל פאַניע איז אייזיקס כלה. זי האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. און אַזוי ווי זי האָט אין דער אַלטער היים געפירט א באַלעבאַטיש הויז, האָט זי זיך איצט פאַרגענומען דאָ אין אַמעריקע אויך איינצופירן א באַלעבאַטיש הויז. און זי האָט באַלד געמאָסטן פאַניען מיט אָט־דעם באַלעבאַטישן אויג. און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פאַניע איז הונדערט פּראָצענט א באַלעבאַטיש מיידל.

די מאַמע האָט א וואונק געטאָן צו הוישיקעלען און אים אָוועקגענומען אין קיך אַריין.

— איז זי אייזיקס כלה?

— ווער ווייסט? — ענטפערט הוישיקעלע.

— אויב זי איז זיין כלה, וועל איך זי לאַדן צו דער וועטשערע — זאָגט די מאַמע.

— יאָ כלה, צי ניט כלה — זאָגט הוישיקעלע, צוטאַנצנדיק צום טאַקט פון זיינע ווערטער — עסן וועטשערע מעג זי.

— בא אונדז אין שטוב האָבן תמיד געגעסן פרעמדע מענטשן — זינגט אויס די מאַמע אירע ווערטער אויף דעם בעסאַראַבישן שטייגער.

אין עס־צימער באַם טיש:

— פון וואַנען ביסטו, טאָכטער? — פרעגט חיים בא פאַניען.

— איך קום פון דער ליטע — ענטפערט פאַניע.

— א ליטוואַק?!

— נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן — שמייכלט חנעוודיק פאַניע.

— גרויסע קעפּ! — וואַרפט אַריין מאַנים.

— ווי רופט מען אייער טאַטן? — פרעגט חיים.

— מיין פאָטער רופט מען אברהם.

— און וואָס איז זיין פּרנסה?

— טאַטע! — בייזערט זיך אייזיק גוטמוטיק. — פאַרוואָס נעמסטו מענטשן אויף אַן עקזאַמען?

— איך וויל זיך באַקענען, ווערן היימיש — פאַרענטפערט זיך חיים.

— ס'מאַכט ניט. איך באַליידיק זיך ניט — שמייכלט פאַניע. — מיין

פּאַטערס פּרנסה? ער איז אַ שוסטער. מען רופט אים דער ווילנער שוסטער.
— אַזוי? — בלײַבט פּלוצים חיים זיצן ווי אַ פּריטשמעליעטער.
— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן — לאַכט פּאַניע — פאַרן ווילנער שוסטער?...
— ניין. גאָרניט.
— אַ שוסטער אין אַמעריקע קאָן מאַכן אַ שיין לעבן — זאָגט די באָבע שבע.
אין שטוב איז אַרײַן מאָריס און מיט אים די קוזינע שרה. אַז מאַניס מיט שבען האָבן דערזען די קוזינע שרה, האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל אויסגעשריען מיט פרייד:
— אָט איז דאָ שרהניו!
שרה איז געבליבן שטיין אַ צעמישטע. זי האָט ניט געוואוסט צו וועמען צוצוגיין פריער. זי האָט געטראָגן אַ ווינטער־מאַנטל פון ברוינעם באַראַשעק און אויך אַזאַ היטעלע, וואָס איז געווען געמאַכט אַף דעם רוסישן שטייגער און איז באַ איר געשטאַנען אַפן שפּיץ קאָפּ. צוויי גרויסע צעפּ האָר זײַנען געפאַלן אַף איר פּלייצע. איר פּנים בלאַס און אָפּגעצערט. איר נעזל אַ ביסל פאַרריסן, און די ברוינע אויגן האָבן געברענט מיט שוועבל־פייער.
מאָריס האָט זי גענומען אַ נעם־אָן און זי צוגעפירט צום טאַטן און זײַ באַקענט. דערנאָך צוגעפירט צו דער מאַמען און זײַ באַקענט. דערנאָך האָט מאָריס איר געהאָלפן זיך אויסטאָן דעם מאַנטל און דעם הוט.
שרה איז געבליבן שטיין, אַזאַ פרישע, אַזאַ ווייסע, מיט די צוויי לאַנגע צעפּ ברוינע האָר אַף דעם ווייסן קליידל. דאָס קליידל — פּראָסט, אָבער מיט געשמאַק. זי האָט געטראָגן קליינע שוואַרצע שיכעלעך אַף אירע קליינע, שיינע פּיס. זי האָט זיכער אויסגעזען ווי אַ יאַפּאַנעזיש מיידל.
שרה האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טיש, פאַרוואָרפן איין צאָפּ האָר אַף איר ברוסט און זיך מיט אים גענומען שפּילן.
דער פאָטער האָט אויך דאָס דאָזיקע מיידל גענומען, אַף זײַן געוויינלעכן שטייגער, אַף אַ פאַרהער:
— לאָמיר אויך וויסן, ווי אַזוי מיר קערן זיך אָן?
— זי איז יאָסי יאַרמעלינעצערס אַן אייניקל — ענטפערט מאַניס אַף שרהס אָרט.
— אַזוי?! יאָסי יאַרמעליניצערס אַן אייניקל! — בלאָזט זיך אָן חיים, אַזוי ווי אַן אינדיק. — איך האָב דײַן זיידן גוט געקענט. אַ שיינער איד געווען.

— אַלץ הייסט שיין! — ברומט אונטער מאַניס און סמאַטשקעט צו מיט זיינע ליפּן.

— און וואָס טוסטו אין אַמעריקע? — פרעגט חיים בּאַ שרהן.

— איך אַרבעט אין אַ שאַפּ — זאָגט שרה מיט אַ ביסל איבער־געטריבענעם שטאָלץ.

— אַי, אַי, ווען דיין זיידע . . . — פאַרענדיקט ניט חיים דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

די מאַמע האָט אַרויסגעדיבעוועט פון די בינטלעך אַ ווייס טישטעך, אַ צעקנייטשט פון דער לאַנגער רייזע. די מאַמע האָט עס געטאָן אַ טראָג־צו צו דער נאָז. עס האָט פון דעם געשמעקט מיטן ריח פון ים, פון שיף, און עס האָט זיך דער מאַמען אין דער מינוט דערמאָנט, ווי זי האָט עס געוואַשן און געפּרעסט אין דעם קליינעם שטעטל. און ווי זי איז ניט געווען איצט שטאַרק איבערגעפּילט מיט פריידי פון דעם, וואָס זי האָט אַלע קינדער געטראָפן געזונט און שטאַרק, האָט זי פונדעסטוועגן צוגעטראָגן דאָס פּנים אירס צום טישטעך און עס דאָרט באַהאַלטן... אָבער נאָר אויף אַ רגע.

דערנאָך איז זי אַריין אין עס־צימער און פאַרשפּרייט דעם טיש מיטן טישטעך.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער דאַווענען מעריב.

די מאַמע האָט געפרעגט:

— וואו זיינען אַלע קינדער? די וועטשערע איז פאַרטיק.

דער זיידע מאַניס האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו דער באָבען:

— קום, שבע, עס ווערט שפּעט. איך דאַרף מאָרגן אויפשטיין צו דער אַרבעט.

— טאַטע, וועסט ניט עסן בּאַ אונדז וועטשערע? — פרעגט רייזי.

— מיר האָבן שוין געגעסן, קינד, און איך מוז אַהיים גיין. מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין צו דער אַרבעט.

רייזי לויפט אַריין אין אַנדערן צימער, דאָרט וואו חיים איז אַריין דאַווענען, און מאַכט אַן אַ גוואַלד:

— האָסט ניט געקאָנט אָפּדאַווענען אויפן שיף?... גיי אַריין, די מאַמע מיטן טאַטן ווילן אַנטלויפן. גיי בעט זיי, אַז זיי זאָלן מיט אונדז עסן וועטשערע.

— אַי, האָ — נאָ — אַי, האָ — האָט חיים געענטפערט.

עס איז שוין רייזין גוט און וואויל באַוואוסט אַז די דאָזיקע שפּראַך

פון אי־האָ, װעלכע זי הערט תמיד פון חײמען. זי האָט אים גאָרניט גע־ענטפערט, נאָר מיט אַ ברוגזן פּנים אים איבערגעלאָזט און אװעק צוריק אין עס־צימער.

חײם איז באַלד אַנגעקומען פון אַנדערן צימער. ער האָט נאָך עפּעס געמורמלט אינדערגיך און געשפּיגן אָדער אימפּראָװיזירט װי ער שפּײַט צום דיל. און אַז חײם האָט דערזען װי דאָס אַלטע פּאָר איז טאַקע גרײט אַװעק־צוגײן, האָט ער געזאָגט:

— ס׳ דער שׂכל? מיר זײַנען געקומען פון אַזױ װײַט און זיך אײַנ־געשטעלט דאָס לעבן איבער אַזאַ ים, און צום סוף אַנטלױפט איר! קומט, זיצט און עסט מיט אונדז װעטשערע.

— שוטה! — האָט מאַנים געענטפערט חײמען. — מיר האָבן שױן געגעסן װעטשערע. און מאָרגן דאַרף איך אױפשטײן צו דער אַרבעט גאַנץ פרי.

— װעט איר אײַן מאָל אױפשטײן אַ ביסל שפּעטער — גיט חײם אַן עצה.

— אוה, יאָ! — ברומט אַרײַן אין זײַנע װאָנטשעס מאַנים. — װילסט אַז איך זאָל חלילה פאַרלירן דעם דזשאָב...

חײם האָט ניט פאַרשטאַנען דאָס לעצטע װאָרט, אָבער ער האָט זיך אַנגעשטױסן, אַז עס מוז עפּעס זײַן אַזױנס, װאָס מען טאָר ניט פאַרלירן.

האָט מען זיך צעזעגנט און דער זײדע מיט דער באָבען זײַנען אַװעק־געגאַנגען.

שפּעטער אַ ביסל איז געקומען מאַטיע און מיט זיך געבראַכט צװײ מײדלעך מיטאַמאָל. זײ זײַנען בײדע געװען צװײ שװעסטער, מיני און אסתּר. מאָטיע איז מיט זײ אַרײַן און פאָרגעשטעלט זײ פאַר טאַטע און מאַמע אַלס דעם דײַנס צװײ מײדלעך.

— עס איז דאָ פאַראַן אַ דײַן אױך? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— נײן, ניט דעם היגן דײַנס — לאַכט מיני. — אונדזער טאַטע איז אַ דײַן אין זװאַניעץ.

— האָ! אין זװאַניעץ — זאָגט חײם. — װי באַלד אַזױ, קען איך אײַער טאַטן.

— װער קען ניט אונדזער טאַטן? — זאָגט אסתּר מיט אַ טרױעריקן שמײכל אויף איר פּנים.

בײדע מײדלעך האָבן זיך אױסגעטאָן די מאַנטלען און אַרױסגעװיזן אַן איבערגעטריבענע הײמישקײט. זײ האָבן געפּלאַפּלט און געלאַכט. די קלענערע פון די צװײ שװעסטער, מיני, אַ שװאַרץ־חנעװדיק מײדל מיט

אונטערגעשוירענע האָר און מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי צוויי בעסאַראַבער קאַרשן, האָט געוואָגט צוצוגיין צום טאַטן חיים און אים אָנ־נעמען בײַ דער גרויסער צוויי־שפּיצעכדיקער באָרד מיט אירע ווײַסע הענט. און דאַן האָט זי זיך צוגעבויגן צו חיימען און געטאָן אים אַ קוש אין דער האָריקער באַק.

דער טאַטע חיים האָט צוגעשטעלט די באַק זײַנע און דאָס מיידל מיני האָט געטאָן אַ נעם־אַרום אַרום האַלדז און צוגעדריקט נאָך נעענטער איר קאָפּ צו זײַן האָריק פּנים.

— איך קען דײַן טאַטן — האָט חיים אַזוי ווי זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר דעם אַקט.

— איך פֿלעג מײַן טאַטן אויך אַזוי תּמיד קושן אין זײַן האָריק פּנים — האָט מיני קאָקעטיש זיך באַפֿרײַט פֿון חיימס הענט און אַ טרייסל געטאָן מיט אירע געשוירענע קורצע האָר.

ס'איז געוואָרן אַן אָנגעצויגענע שטימונג. אַפֿילו מינים שוועסטער אסתּר האָט זיך גערויטלט און פֿאַרזשמורעט אירע קליינע אויגן.

די אַנדערע צוויי מיידלעך, פֿאַניע און שׂרה, האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און אַרײַנגעגאַנגען אין צווייטן גרויסן צימער — די „פֿראָנט־רום".

דאָרטן זײַנען געשטאַנען בײַ די דרײַ ווענט דרײַ דיוואַנעס. די דיוואַנעס זײַנען געווען אײַזערנע, פֿון דעם מין וואָס צעעפֿענען זיך, ווען מען וויל אַז זיי זאָלן דינען אַלס בעטן. אויף די דיוואַנעס זײַנען געלעגן מאַטראַצן און אונטער די מאַטראַצן האָבן זיך געזען די ספּרוזשינעס, אויסגעדרייט פֿון דראָט. קיין שפּרײַטלעך האָבן נאָך די דיוואַנעס ניט געהאַט.

אין דער מיט פֿון גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ קליין טישל אויף איין פֿוס. עס איז נאָך אויך ניט געווען פֿאַרשפּרייט. דאָס טישל האָט פֿאַרמאָגט שניצערײַ פֿון דעם געוויינלעכן מין. דרײַ קעפּלעך פֿון עפּעס אַ מין חיה האָבן באַצירט די דרײַ לאַפּעס פֿון דעם איינציקן פֿוס באַם טישל.

די ווענט זײַנען געווען פּריש־אויסגעקלעפּט מיט שפּאַליר. דער ריח פֿון פּאַפּ האָט זיך געפֿילט אין צימער, ענלעך צו דעם ריח פֿון זויערטייג.

שׂרה מיט פֿאַניען זײַנען אַרײַן אַרײַן און זיך אַנידערגעזעצט — בעסער גע־זאָגט, זיך אַנידערגעוואָרפֿן — אויף איינעם פֿון די דיוואַנעס. זיי זײַנען אַרויפֿגעפֿאַלן איינע אויף דער אַנדערער און זיך געדרישעט פֿון געלעכטער.

זיי האָבן זיך ניט איבערגערעדט וועגן גאָר ניט. אָבער ביידע מיידלעך האָבן געוואוסט וועגן וואָס זיי לאַכן. דאָס האָבן זיי ניט געקאָנט זיך העלפֿן

ניט צו באַמערקן, ווי אַזוי דער אַלטער חיים האָט צו זיך צוגעדריקט דאָס מיידל מיני.

דאָרט אין עס־צימער האָט די מאַמע רייזי דערווייל געגרייט צום טיש. הווישיקעלע האָט געכאַפּט דאָס „ביר־קעסעלע" און איז אַראָפּ אין גאַס.

— אַזוי נאַקעט אין גאַס אַריין! — האָט די מאַמע אים נאָכגעשריען.

— עס איז דאָך ווינטער.

אָבער הווישיקעלע האָט זי ניט געהערט. אין די הוילע אַרבל און אָן אַ היטל איז ער אַרויסגעלאָפן. און אין עטלעכע מינוט איז ער שוין געווען צוריק מיטן „ביר־קעסעלע" פול מיט ווייסן שוים ביז איבער די ברעגן. דער שוים איז אַריבערגעגאַנגען איבער די ברעגן און שטיקער שוים זיינען געפאַלן אויפן דיל.

די מאַמע איז אַריינגעגאַנגען אין לעצטן צימער רופן די קליינע חברה צום טיש. דאָרטן האָט זי געטראָפן דעם קליינעם שמואליקן ליגן אַ פאַר־שלאָסענעם צווישן די ספּרוזשינעס פון דיוואַן. די אַנדערע דריי חברה — לעווע, כאַצקל און פיניע — זיינען געשטאַנען מיט שטעקעלעך און גע־שטורכעט שמואליקן דורך די אָפענע דרעטלעך פון די ספּרוזשינעס. שמואליק האָט נאָכגעמאַכט ווי אַ צערייצטע חיה ווען זי איז אין אַ שטייג און מענטשן שטורכען זי מיט שטעקעלעך.

— וואָס איז דאָס?! — האָט די מאַמע זיך דערשראָקן.

— איך בין דער לייב אין אַ שטייג — שרייט שמואליק אַרויס פון די דראָטן.

— אוי, געוואַלט, מ'עט מיר נאָך זאַדישען ס'קינד! — האָט די מאַמע אָנגעמאַכט אַ געוואַלד און איז צוגעלאָפן און געוואָלט באַפרייען שמואליקן פון די ספּרוזשינעס.

אָבער זי האָט ניט געוואוסט דעם סוד, ווי אַזוי מען באַדאַרף עפענען דעם דיוואַן. זי האָט דערווייל געטאַרקעט שמואליקן:

— מיין קינד! מיין קינד!

שמואליק האָט געוואָרטשעט און אַרויסגעשטאַרצט זיינע קליינע ווייסינקע ציינדלעך, אַקוראַט ווי אַ ווילד חיהלע.

אָבער ענדלעך איז הווישיקעלע אַריינגעקומען און שמואליקן באַפרייט און אים דערווייל אַריינגעפּיצקעט עטלעכע כלומרשטע שמיצעלעך.

פון דעם צימער איז געלאָפן אַ לאַנגער קאָרידאָר, וועלכער האָט פאַר־איינציקט דעם צימער מיטן גאַנצן הויז. אין איין זייט פון דעם קאָרידאָר זיינען געווען צוויי טירן. איינע אין אָפּטריט און איינע אין נחומס צימער.

באַם אַפּטריט האָט די מאַמע געטאָן אַ פֿאַרקרים דאָס פּנים. איר איז ניט געווען געפֿעלן אָט־די איינציקע זאַך דאָ אין אַמעריקע. פֿאַרוואָס האָבן זיי דאָ אין אַמעריקע געשטעלט דעם אַפּטריט גלײַך אין שטוב — פֿע!

אָבער הוישיקעלע האָט געלאַכט פֿון דער מאַמען.

— דאָ אין אַמעריקע איז דער אַפּטריט וויכטיקער פֿון אַלעם.

— אַזוי? — האָט די מאַמע אָן שום חכמות געפֿרעגט. און ווי עס האָט אויסגעוויזן, איז שוין באַ איר אַלץ געווען פֿאַרענטפֿערט.

זי איז אַרײַן צו נחומען אין צימער. באַ אַ טישל פֿון ווײַס האָלץ איז נחום געזעסן. אָפֿן טיש אַ ברעט און אױף דער ברעט אַ גרויס ווײַס פּאַפּיר. נחום איז געזעסן און מיט קליינע ווירעלעך, גלײַכע, דרײַ־עקעכדיקע, האַלב־רונדע, געווירעט אָפֿן ווײַסן שטיק פּאַפּיר.

— נחומל, קום אַרײַן עסן, זון — זאָגט די מאַמע צאַרט און מיט דרך ארץ. זי ווייסט, אַז נחום איז אַלעמאָל געווען דער „גרויסער קאָפּ". האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז נחום טוט איצטער עפּעס מסתם אַ גרויסע קאָפּ־אַרבעט.

— איך קום באַלד, מאַמע — האָט נחום ניט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ פֿון פּאַפּיר.

— וואָס טוסטו איצט, זון? — פֿרעגט די מאַמע.

— איך מעסט אויס אַ בריק — זאָגט נחום פּראָסט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו מאַכסט עפּעס ווער ווייסט וואָס! — זאָגט די מאַמע.

זי גייט אַרויס פֿון צימער הינטערווײַלעכץ און לאָזט אָפֿן די טיר. דורך דער אָפֿענער טיר כאַפּט זיך אַרײַן דער קליינער שמואליק. אַ קליין, דאַר אינגל. דאָס פּנים בלייך. ער גייט נאָך אין די שטעטלדיקע מלבושים. אָבער דאָס שטערט אים גאָר ווייניק. ער לויפֿט צו און גיט אַ גראַבל מיט די פֿינגער זײַנע איבער דעם פּאַפּיר, וואָס ליגט פֿאַר נחומען.

אָפּגעטאָן דאָס, לויפֿט ער אַרויס פֿון צימער. ער פֿאַרשטייט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן ניט קיין גוטע זאַך. לויפֿט ער אַרײַן אין אַפּטריט. ער זוכט אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן. ער דערזעט, אַז עס שטייט אַ גרויסע מולטער אױף פֿיסלעך. ווערליג זײַן באַגריף איז דאָס געווען אַ מולטער. ער לייגט זיך אַוועק אױף דעם שטיינערדיקן דיל און קריכט אַרונטער אונטער דער וואַנע.

נחומס פּאַפּיר איז דערווײַל רואינירט געוואָרן. עס איז אים שוין ניט געגאַנגען אין דעם וואָס עס איז קאַליע געוואָרן, נאָר נחום האָט באַדאַרפֿט

באַלד גיין אין קופּער־יוניאָן *) און האָט היינט אָונט געמוזט ברענגען מיט זיך דעם פּאַרטיקן פלאַן פון אַ בריק.

פאַרשטענדלעך, אַז נחומען איז שוין ניט געלעגן אין קאָפּ צו גיין עסן. ער האָט כמעט ווי אַרויסגעטריבן די מאַמען פון צימער, זיך פאַרקייטלט פון אינעווייניק און אַנגעהויבן ווירען אַ נייעם פּלאַן.

שמואליק ליגט אַזוי אונטער דער וואַנע. ער וואַרט אַז מען זאָל אים קומען זוכן. מיד איז ער געווען, איז דאָס קינד דערווייל איינגעשלאָפן.

אין שטוב האָט מען זיך געזעצט אַרום טיש צו וועטשערע. הוישיקעלע האָט געבראַכט גלעזער פון געשניצטן גלאָז — געשליפענע. ער האָט געגאָסן דעם ביר פון קעסעלע. די ווייסע פּיענע האָט זיך געעפנט און אַ ברוינער שטראָם האָט זיך געגאָסן אין גלאָז אַריין. פון דעם אימפעט פון אָט־דעם שטראָם איז אין גלאָז ווידער געוואָרן אַ ווייסער שוים.

— דאָס איז שוין איינמאָל ביר! — האָט הוישיקעלע געזאָגט.

די מאַמע האָט דערלאַנגט אַ פאַלומעסיק מיט קאָטלעטן. איבערן גאַנצן שטוב האָט זיך צעטראָגן דער ריח פון קנאָבל און געפּרעגלט פלייש.

— אוי, עס טוט מיר באַנג וואָס דער זיידע מיט דער באָבען זיינען אַוועק — זאָגט די מאַמע. דאָס רעדט זי איצט דירעקט צו הוישיקעלען.

די איבעריקע עלטערע קינדער זיינען אַלע געווען אין גרויסן צימער.

דאָרטן איז איצט אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע וועגן די באַציאונגען צווישן ראַדיקאַלע קינדער און זייערע קלעריקאַלע עלטערן.

מיני האָט געזאָגט: אָט איז זי אַליין, יאָ, איר ווייסטאָך — אַ פּועלי־ציוניסטקע. זי איז פריי פון אַלע אַבערגלויבענישן, און איר פאָטער איז אַזוי פינצטער... און פונדעסטוועגן וועט זי קיינמאָל ניט באַליידיקן זיינע געפילן. אַ, קיינמאָל ניט... ווי קען מען דען? — היצט זיך מיני. — פון אים שטראַלט דאָך אזא ליכטיקייט!...

— ערשט האָט איר געזאָגט, אַז אייער פאָטער איז פינצטער, און באַלד זאָגט איר אַז פון אים שטראַלט אזא ליכטיקייט? — פרעגט פאַניע.

— איך מיין, אַז אונדזערע עלטערן זיינען ניט שולדיק אין דעם וואָס מיר פירן ניט קיין אייגן לעבן, וואָס מיר לעבן אין גלות — פאַרענטפערט זיך מיני. זי פאַרשאַרט די לאָקן פון איר צעפלאַמט פּנים און ווינקט מיט איר שלאַנקן קערפּער, אין וועלכן עס איז דאָ עטוואָס בחורישס.

---

*) אַ בילדונגס־אינסטיטוציע אין ניו־יאָרק, וואו ס׳איז פאַראַן אַ טעכנישע אָונט־שול.

— איר באַלד מיט אייער ציון — זאָגט פאַניע מיט סאַרקאַזם — מיט אייער הייליקן כותל מערבי.

— איך האָב ליב צו פירן אַ דיסקוסיע מיט אַן ערנסטן געגנער — ווערט מיני בייז. — אָבער מיט בונדאָווצעס ניט. באַלד עפּעס וואַרפן זיי אויף: כותל מערבי...

די מאַמע איז אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז די קאָטלעטן שטייען שוין אויפן טיש.

אין דעם האַלב־פינצטערן גרויסן צימער איז געוואָרן שטיל. די יונגע מענטשן זיינען געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע פּאָזעס. עס איז געווען אויסערגעוויינלעך ריין אין צימער און די געפאַרבטע רויטע פּאָדלאָגע האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל. און די סילועטן פון די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער פּאָדלאָגע. די מאַמע האָט שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס אירע קינדער זיינען אויסגעוואַקסן און זי האָט זיך געפּילט שטאָלץ מיט אירע אויסגעאיידלטע גרויסשטאָטישע קינדער, וועלכע ווייסן אַלץ און וועלכע וועלן שוין פירן אַ שענערע וועלט, ווי זי האָט געפירט ביז איצט. זי האָט נאָכאַמאָל געזאָגט:

— קומט, קינדער, אַריין צום טיש.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך געטאָן אַ לאָז צום טיש, און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער די מאַמע האָט באַמערקט, אַז עס פעלט איר איין קינד.

— שמואליק!

— טאַקע, וואו איז שמואליק? — פרעגט דער טאַטע. — שמואלי! שמואלי!

עס ווערט אַ גערודער אין שטוב. מען זוכט דאָס קינד אין אַלע צימערן.

— אפשר איז דאָס קינד אַראָפּ אין גאַס? —

— ער קאָן דאָך פאַרפאַלן ווערן.

— מען וועט אים איבערפאָרן.

עס ווערט אַ טומל. הוישיקעלע כאַפּט אָפּ זיך עפּעס און אויך מאָטיע כאַפּט אָפּ זיך עפּעס און זיי לויפן אַראָפּ אין גאַס.

דערווייל האָט די מאַמע מיט די איבעריקע קינדער און אויך די מיידלעך געזוכט דאָס אינגעלע אונטער די בעטן און אין די שאַפעס.

דער טאַטע איז געבליבן זיצן באַם טיש. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אינגל וועט מסתם זיך אָפּזוכן. עס איז אים ניט געווען באַקוועם צו זיצן אַזוי איינער אַליין באַם טיש. אָבער לויפן אין גאַס האָט ער אַליין אויך

מורא. אז ער ווייסט ניט וואו א טיר עפנט זיך. איז ער געזעסן און געגעבן עצות, וואו צו זוכן.

— אפשר איז ער געגאנגען אין אפטריט.

— אפשר.

מאָרים עפנט די טיר פון „טוילעט", צינדט אָן די גאז און דערזעט ווי עס שטעקט פון אונטער דער וואַנע א קליין פיסל. ער גיט עס א שלעפ. ערשט, עס איז שמואליק.

— ער איז דאָ! ער איז דאָ! — שרייט מאָרים און ברענגט אריין שמואליקן אָן אויסגעשמירטן און א שלאָפנדיקן.

— וואו איז ער געווען? — פרעגט דער פאָטער.

— אונטער דער וואַנע — לאַכט מאָרים.

— אוי, איכ'ל חלשן! — גיט די מוטער א כאַפּ ס'קינד פון מאָריסעס הענט. — מיין קליין פיצל אינגעלע. האָט נעבעך געוואָלט שלאָפן. איז מסתם מיד.

איצט האָבן אייזיק מיט מאָריסן באַדאַרפט אראָפּלויפן זוכן די אנדערע צוויי ברידער און זיי דערציילן, אז מען האָט שוין שמואליקן געפונען.

פערטער קאפּיטל

אַף מאָרגן זיינען די ברידער אויפגעשטאַנען פרי. אין שטוב איז געווען קאַלט, האָט הוישיקעלע געמאַכט דעם אויוון, און באַלד צוגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער. מאַטיע איז אַראָפּ אין גראָסערי איינקויפן זעמל מיט קעז און פּוטער און מילך. די דריי אַריסטאָקראַטן — אייזיק, מאָריס און נחום — האָבן צו אַזוינע זאַכן, ווי גיין איינקויפן אין גראָסערי, ניט געטויגט.

דער טאַטע איז אויך אויפגעשטאַנען דאַוונען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין פראָנט־רום און דאָרטן געטאָן די דאָזיקע עבודה, כדי קיינער זאָל אים ניט שטערן.

די מאַמע איז נאָך אַ ביסל געלעגן אין בעט. זי האָט אין דער ליכטיקער שיין פון פרימאָרגן באַטראַכט דעם צימער, אין וועלכן זי איז געלעגן.

גרינע ווענט. אַ ווייסער סופיט. אַ רויטע פאָדלאָגע. דאָ אין צימער איז אויך געווען אַן איינגעמויערטע שאַפע פאַר מלבושים. די צוויי בעטן דאָ אין צימער — פּראָסטע דיוואַנען. אָבער אַלץ האָט פאַר איר אויסגעוויזן אַזוי ניי און געזונט. און זי האָט אין זיך דערפילט נייע יונגע כחות. זי איז אַראָפּ פון בעט, אַף זיך געכאַפּט אַ קליידל און איז אַריין זען וואָס ס'טוט זיך דאָרטן אין קיך.

— וואָס זייט איר, קינדער, אויפגעשטאַנען אַזוי פרי? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— צו דער אַרבעט, מאַמע — ענטפערן די קינדער.

— אָבער אַזוי פרי? — פרעגט די מאַמע.

— אָט אַזוי דאַרף מען דאָ אויפשטיין! — זאָגט הוישיקעלע.

די ברידער האָבן געטרונקען קאַווע און פאַרביסן זעמל מיט פּוטער און קעז. זיי זיינען אַוועק אין איילעניש. באַ אייזיקן איז איצט געווען אין סאַמע ברען פון סעזאָן. ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ אַף באָנד סטריט. געפלאָכטן דראָטענע היטעלעך אַף מאָדנע שטיינערנע בלאָקס. די פענצטער פון שאַפּ זיינען געגאַנגען צו דער בויערי און די הויך־באַן איז אַלע ווייל דורכגעפלויגן נעבן די פענצטער.

דער באַלעבאָס האָט אַליין אויך געאַרבעט אינאיינעם מיט די איבעריקע אַרבעטער באַם לאַנגן טיש, וואָס איז געלאָפן באַ די פענצטער. דער גאַנצער

שאַפּ איז געווען אַ שמאָלער און אַ נידעריקער. די סטעליע איז געהאַנגען איבערן קאָפּ. און די איינציקע פרייד אינעווייניק אין שאַפּ איז געווען דאָס וואָס די הויך־באַן איז אַלע מאָל דורכגעפלויגן. ווייטער איז אַלץ געווען מאָנאָטאָן און שווער. אַ גאַנצן טאָג פלעכטן דראָטן. דאָס דראָט האָט גע־שטאָכן ביז בלוט אין אייזיקס ווייכע הענט. פון די צווייגלעך איז די רעכטע האַנט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, געשוואָלן געוואָרן, פאַרזשאַווערט געוואָרן. איז באַ אייזיקן געווען איין האַנט אַלעמאָל אַ געשוואָלענע און פול מיט מאָזאָליעס. אין שאַפּ איז כסדר געגאַנגען אַ געוועט, ווער עס קאָן שנעלער פלעכטן. דער באַלעבאָס אַליין האָט אָנגעפירט דאָס געוועט. און די אַר־בעטער זיינען אים נאָכגעלאָפן. מען האָט קוים געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם איידער מען איז דערלאָפן. דאָ האָט זיך דער דראָט פאַרפּלאָנטערט און באַ אַן אַנדער אַרבעטער האָט זיך דער בלאָק ניט געוואָלט עפענען אַזוי גיך. פון די פינגער איז גערונען בלוט, פון דעם דינעם דראָט מיט וועלכן מען האָט געבונדן די גרעבערע דראָטן — אָט אין אַזאַ שאַפּ האָט אייזיק געאַרבעט.

מאָטיע, נחום און הוישיקעלע האָבן געאַרבעט באַ פוטערוואַרג־שטיקלעך („פּאָר פּיסעס"). זייער לאַגע אין זייערע שעפער אַף בליקער סטריט איז געווען נאָך אַן ערגערע ווי אייזיקס. באַ זיי אין די שעפער איז געווען שרעקלעך אומריין און ענג. די שטיקלעך „פּאָר" זיינען געלעגן אַפן דיל, אָנגעוואָרפן אין בערג. דער באַלעבאָס האָט זיי געקליבן ליגנדיק אַף די קניעס און זיי געסאָרטירט. אין די בליקער־סטריטער שעפער איז געווען פינצטער. זייער זעלטן איז אין אַזאַ שאַפּ געווען מער פון איין פענצטער. דער שטויב פון האָר און פאַרטריקנטער פאַרב איז געקראָכן אין דער נאָז אַריין, אין מויל און אויערן און אויך אין די אויגן. אָפּגעאַרבעט אַ טאָג אין אַזאַ שאַפּ, האָט אַן אַרבעטער דערנאָך מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קוימענ־קערער. אַזוי אויסגעשמירט זיינען געווען די הענט און דאָס פּנים.

נאָכדעם ווי די דאָזיקע פיר ברידער זיינען אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט איז מאָרים געבליבן מיט די גרינע אין דער היים. ערשטנס דערפאַר, וואָס ער האָט היינטיקע וואָך זיך גענומען וואַקאַציע. מאָרים האָט געאַרבעט באַ אַ גוטן סאָרט „פּאָר" — אין דעם רייכסטן שאַפּ אין שטאָט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה, האָט אים די פירמע געגעבן וואַקאַציע — אָבער באַצאָלט האָט זי אים ניט פאַר דער דאָזיקער וואָך. עס איז געווען שוין גענוג דאָס, וואָס די פירמע האָט אים דערלויבט זיך אָפּצורוען און ער זאָל ניט דאַרפן פאַרלירן די פּריווילעגיע פון צוריקצוקומען צו דער אַרבעט. מאָרים איז אויך געבליבן אין שטוב מיט די גרינע צוליב

דעם, אַז ער זאָל די קלײנע ברידערלעך אַרײַנגעבן אין פּאַבליק־סקול און פאַר אַלעמען אײַנקױפן אַמעריקאַנער מלבושים.

באַלד נאָך איבערבײַסן איז מאָריס אװעק מיטן טאַטן אין אַ קראָם און אים געקױפט אַ פּאָר שיך און אַ גאַרניטער מיט אַ מאַנטל, און אױך אַן אַמעריקאַנער הוט. דערנאָך האָט ער אים געבראַכט אַהײם.

מאָריס האָט געהאַט צרות מיטן פֿאָטער. אין יעדער קראָם איז געװען דאָס אײגענע. עס האָט זיך באַלד אָנגעהױבן אַ מעשה: פֿון װאַנען איז אַ איד, א. אז. װ.

אָבער אַז מאָריס האָט שױן דעם טאַטן געפֿירט אַן אױסגעפּוצטן אין די אַמעריקאַנער קלײדער — האָט ער דאָ גלײך אָפּן װעג אַהײם געפּרואװט אַרײַנװאַרפֿן עטלעכע װערטער און געפּרואװט מאַכן צו־נישט די איבעריקע ברידער און זיך אַלײן שטעלן אין אַ שײנער ליכט. און דער עיקר האָט מאָריס געװאָלט קאַליע מאַכן די רעפּוטאַציע פֿון זײַן עלטערן ברודער אײַזיק.

— ס׳דען אַ מענטש... האָט זיך אַרײַנגענומען אַ שגעון אין קאָפּ... און אַז איך האָב אים געװאָלט אױסלערנען אַ גוטע מלאכה, האָט ער ניט געװאָלט. מאַכן שטײגעלעך פֿון דראָט איז בעסער... און פֿאַרװאָס האָט ער ניט חתונה?... ער איז דער עלטערער...

דער טאַטע איז געגאַנגען נעבן זײַן זון מאָריס און אַפֿילו גוט זיך ניט צוגעהערט. עס איז געװען אַזױ פֿיל נײַע זאַכן דאָ אַרום און אַרום װעלכע חיים האָט אין זײַן גאַנץ לעבן ניט געזען. — ער איז שױן געװען אין אַזאַ שטאָט װי קיעװ, אָדער אין אַ שטאָט װי אָדעס — אָבער דאָ איז עפּעס גאָר־גאָר אַנדערש. גרױס װײַזט זי אױס צו זײַן, די שטאָט. אָבער די קװיטיקע געסעלעך און די אײַנגעהױקערטע אידן און װײַבער מיט זײערע קראָמען און געשטעלן שמעקן עפּעס מיט אַ קלײן, גאָר קלײן שטעטל. דאָס האָט כמעט מער פֿאַרדראָסן חײמען, װי דאָס װאָס מאָריס האָט אָנגערעדט אױף ברודער אײַזיק.

אָבער מאָריס האָט דורכגעפֿירט זײַן צװעק. אײדער אײַזיק האָט פֿאַר־כאַפּט, איז ער געװען דער ערשטער אָנצורעדן אױף אים. דערנאָך האָט ער אַהײמגעבראַכט דעם טאַטן אַזױ װי אַן אױסגעפּוצטן חתן און גענומען די מאַמען און מיט איר געגאַנגען זי אױסקלײדן. מיט איר איז געװען גרינגער. אַרײַן און אַרױס. אַזױ האָט די מאַמע באַ זיך אָפּגעמאַכט: זי װעט ניט ענטפֿערן קײנעם אױף קײן שאלות. עלעהײ זי איז אַ טױבע און הערט גאָרניט װאָס מען רעדט צו איר.

מאָריס האָט צוריקגעפֿירט די מאַמע אין די אַמעריקאַנער קלײדער און

גייענדיק איבער העסטער, עסעקס און גרענד סטריטס איר געוויזן די קראָמען, וואו מ׳קאָן איינקויפן, און זי געלערנט ווי אַזוי אהיימצוטרעפן. די מאַמע האָט זיך געחידושט פון יעדער קלייניקייט. און געפרעגט בא מאָריסן צי עס לעבט זיך אים טאַקע באמת אַזוי גרינג, ווי עס זעט אויס.

— אַלעס איז גוט — זאָגט מאָריס מיט שטאָלץ. — אָבער...

— וואָס?

— אייזיק מיט דער איבעריקער כאָפּטע ווילן מיך ניט פּאָלגן.

— אַז איך בין דאָ, וועט שוין אַלץ זיין גוט — זאָגט די מאַמע, נעמענ־דיק מאָריסן בא דער האַנט. — אַט וועסטו זען. נאָר זאָג מיר, כ׳בעט דיך, איז דאָס מיידל זיין כלה? דאָס מיידל, וואָס איז נעכטן מיט אים געקומען.

— ער וועט חתונה האָבן, ווען דאָ וועט וואַקסן האָר — זאָגט מאָריס און ווייזט מיט אַ פינגער אַף זיין דלאָניע.

— נו, און דו האָסט אויך שוין אַ כלה? — פרעגט די מאַמע.

— איך האָב נאָך צייט, מאַמע.

— וויפיל־זשע איז אייזיק עלטער פון דיר? אינגאַנצן מיט איין יאָר — זאָגט די מאַמע. — און איך האָב געמיינט, אַז צווישן איך ברידער איז שלום.

— שלום. עס איז גוט, אַז איך פאַרדין מערער פון זיי. שוויג איך. אָבער ווען עס זאָל זיין פאַרקערט, ווען זיי פאַרדינען מערער?

דערביי האָט מאָריס צוגעבראַכט זיין מאַמען נאָענט פון הויז און צו איר געזאָגט, צולייגנדיק אַ פינגער צום מויל: — נאָר, שאַ שטיל!

ארויפגעבראַכט די מאַמע אין שטוב אריין, האָט זי זיך געטאָן אַ דריי פאַרן טאַטן און דער טאַטע האָט געשמייכלט: — אַ גאַנצע פּריצה!

דערנאָך האָט מאָריס גענומען די פיר קלענערע ברידער און איז מיט זיי געגאַנגען אויסצוקליידן. די צוויי קלענערע האָט ער געהאַלטן בא די הענט און די גרעסערע זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

און אַז ער האָט זיי געבראַכט אהיים, זיינען זיי געווען אַזוי אַנדערש. לעווע מיט כאַצקלען זיינען פּלוצים אויסגעוואַקסן, ווי צוויי גרויסע בחורים. זיי האָבן פּשוט אַזוי ווי ארויסגעשטרעקט מיט זייערע לאַנגע פיס פון די קורצע אַמעריקאַנער הויזן מיט די שוואַרצע זאָקן.

פיני מיט שמואליקן האָבן אָנגעבראַכט שפּילעכלעך, וואָס מאָריס האָט פאַר זיי געקויפט — פייפלעך, וואָס מאַכן נאָך ווי אַ חזיר קוויטשעט, און פערדלעך געמאַכט פון אייזן.

די קינדער האָבן באַהאַלטן די שפּילעכלעך און מאָריס האָט זיי אוועק־געפירט אין פּאָבליק־סקול.

געבליבן זיינען טאטע און מאמע אליין מיט לעווען און כאצקלען אינ־דערהיים. מאָרים האָט זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן קיינעם ניט ארייַנלאָזן אין שטוב אריין.

זיינען די קינדער געשטאנען באם פענצטער און געקוקט אינדרויסן. און טאטע־מאמע זיינען געווען אין שטוב. די מאמע האָט צעשטעלט דאָס באלעבאטישקייט אף איר שטייגער, און דער טאטע האָט געהאָלפן.

צו דער דאָזיקער ארבעט פון העלפן דעם ווייב האָט חיים ניט געטויגט. און די מאמע וואָלט זיכער אין אנדערע אומשטענדן זיך מיט אים געקריגט. אָבער אזוי ווי זי האָט זיך דאָ נאָך ניט געפילט היימיש, האָט זי יעדן מאָל, ווען חיים האָט ניט אזוי געשיקט עס געטאָן, ווי דאָס ארייַנקלאפּן פון א טשוואָק גראָד אינדערקרום, אָדער ווען ער האָט זיך ארויפגעשטעלט מיט די שיך אף א פּאָליטורטן בענקל — אלע מאָל אין אזא פאל האָט זי זיך געטאָן אינעווייניק אין זיך א ריס — אָבער צו א קריג איז צווישן זיי דערוויייל ניט געקומען.

פינפטער קאפיטל

און אט אזוי איז געגאנגען א גאנצן ווינטער: די פינף גרויסע ברידער האבן געארבעט א גאנצע וואך פון מאנטיק אינדערפרי ביז שבת אוונט. שבת אפדערנאכט זיינען זיי אהיימגעקומען און געבראכט קאנווערטלעך מיט דער „פיידע" און אוועקגעגעבן דעם טאטן.

דער טאטע האט אין א קליין ביכעלע פארשריבן אט אזוי: „קבלתי מבני אייזיק" אזויפיל און אזויפיל. „ומבני מאָרים" אזויפיל און אזויפיל.

די קלענערע צוויי קינדער זיינען געגאנגען אין פּאבליק־סקול, און לעווע מיט כאצקלען זיינען געזעסן אינדערהיים.

דאס הייסט, עס רעדט זיך נאר אזוי. זיי זיינען שוין גארניט געזעסן אינדערהיים. די צוויי בחורימלעך האבן זיך שוין באקאנט מיט די אטוירני־סטריטער קינדער. זיי האבן זיךביידע אויסגעלערנט דאס ביסל גאסן־ענגליש. און אין בלאק האט מען לעווען גערופן „רעד לואי", דערפאר וואס ער האט געהאט רויטע האר. און כאצקלען האט מען גערופן „קיד אסקאר". זייער רעפּוטאציע איז געוואקסן פון טאג צו טאג — ערשטנס דערפאר, וואס זיי ביידע זיינען געווען געזונטע צוויי אינגלעך; א קלאפּ האבן זיי געקאנט דערלאנגען אפן „גרינעם" שטיגער. און צווייטנס דערפאר, וואס עס האט געקלונגען איבערן גאנצן בלאק, אז זיי האבן זיבן ברידער.

דער טאטע האט זיך ארומגעדרייט אינדערהיים און איז שיר ניט משוגע געווארן פון גארניט טאן.

— פארוואס זעסטו ניט עפּעס טאן? — האט די מאמע געהאלטן אין איין אײנטענהן.

— וואס זאל איך טאן?... עפּעס טאן! — איז געווען דעם טאטנס ענט־פער. — ווער קען מיך און ווער וועמען ווייס איך? עפּעס טאן...

א גאנצע וואך האט דער פאטער ניט געקאנט רעדן מיט זיינע קינדער.

באטאג האבן זיי געארבעט, און אין אוונט, אינמיטן וועטשערע, האט חיים ניט געקאנט מיט זיי רעדן. אז זיי עסן אפּ וועטשערע צעלויפן זיי זיך פון שטוב. די פינף עלטערע קינדער זיינען תמיד פארנומען. זיי קומען אהיים אלעמאל, ווען מען שלאפט שוין אין שטוב.

עס איז געווען מאדנע. וואס לענגער דער טאטע איז געווען אין אמע־ריקע, אלץ מער האט ער זיך דערוויטערט פון זיינע קינדער...

די טעג לויפן, וואַכן יאָגן. דעם טאַטן דאַכט זיך, אַז ער ווערט עפּעס אָן זייער נויטיקס.

זיינע טעג פאַרברענגט ער מיט אַרומשפּאַצירן איבער אַטוירני סטריט. אַלע טאָג גייט ער אַראָפּ און גייט זיך דורך. אָבער אַזוי ווי ער קען דאָ קיינעם ניט, איז אים שוין נמאס דאָס שפּאַצירן.

איר, רייזין, איז גוט. זי האָט אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג אַרבעט זי אויף דער שטוב. היינט דאָס צוגרייטן עסן פאַר אַזאַ שטוב מיט מענטשן. נאָר אויף דער „מאַמען" האָט חיים אַלעמאָל געקוקט ווי אויף אַ בהמה. נאָך זיין מיינונג זיינען פרויען געבוירן געוואָרן צו פירן אַזאַ לעבן: געבוירן קינדער און אַרבעטן אין שטוב. אָבער „ער" איז דאָך אַ מאַן. און אַ מאַן דאַרף עפּעס טאָן אַ העכערן סאָרט אַרבעט.

חיים איז געוועזן אַ איד אין די פופציקער. ער האָט זיך געפילט יונג און בכוח איבערצוקערן וועלטן. באַ אים האָט געהייסן איבערקערן וועלטן אַט־וואָס: למשל, באַ אים אין קעשענע ליגן עטלעכע שיינע אַמעריקאַנער דאָלאַרן. נו, וואָס וועט זיין דער תכלית פון געלד, וואָס ליגט אַזוי אין קעשענע?

חיים גייט אויף זיינע שפּאַצירן אַלע טאָג אין דערזעלבער שעה — צווישן צוויי און דריי אַזייגער. אַלע טאָג זעט ער פאַר זיינע אויגן, ווי אידן פירן דאָ אין אַטוירני סטריט אַלערליי געשעפטן, און ער איז זיי מקנא.

אָפּשטעלן אַזאַ אידן און מיט אים רעדן, קאָן חיים ניט. ער האָט עפּעס ניט קיין מוט דערצו. באמת פילט ער זיך שטאַרק געפאַלן. אַזאַ געזונטער איד מיט אַזאַ קאָפּ אויף זיך זאָל אַרומגיין פּוסט און פּאַס.

מיט זיין זון אייזיק האָט ער ניט וואָס צו רעדן.

עס איז טאַקע גערעכט דער זון מאָרים: — „זיך אַריינגענומען אַ שגעון אין קאָפּ."

ער איז אַלעמאָל פאַרמאַכט באַ זיך אין צימער. וואָס ער טוט דאָרטן ווייסט קיינער ניט. די מאַמע האָט אים שוין נאָכגעקוקט און דערגאַנגען, אַז ער שרייבט.

— וואָס שרייבט ער, תפילין? — פרעגט חיים באַ דער מאַמען.

— גיי פרעג אים — בייזערט זיך די מאַמע.—ביסט מיט אים ניט ברוגז.

אַז חיים הויבט עפּעס מיט אים אָן צו פאַרציען אַ שמועס, זאָגט אייזיק באַלד:

— טאַטע, רעד מיט די איבעריקע קינדער. איך בין פאַרנומען.

— פארנומען. אזוי ? — דערפילט חיים אזוי ווי אן אפגעשמיסענער.— פארנומעז, הא ?

מיט מאריסן איז שוין גאר עפעס אנדערש. פאר דעם דאזיקן זון האט שוין דער טאטע דרך־ארץ. פארט א זון, וואס ברענגט אריין מער געלט אין שטוב אריין, ווי יעדער איינער.

חיים זעצט זיך אנידער מיט זיין קליינעם ביכעלע, אין וועלכן ער פאר־שרייבט די הכנסה פון די קינדער.

דארטן איז פארשריבן אלעמאל, אז מאריס, למשל, ברענגט אריין אלע וואך דריי מאל אזויפיל ווי אייזיק.

דארף מען האבן דרך־ארץ פאר אזא קינד, צי ניין ?

פונדעסטוועגן כאפט מאריס אפטמאל א שמועס מיטן טאטן וועגן א תכלית. עס הויבט זיך אן :

— האסט קיין צייט ניט ? זיץ נאך א ביסל און רו זיך אוים — זאגט מאריס.

— וויפיל איז דער שיר ? — פרעגט דער טאטע.

— האסט גערעדט מיט די איבעריקע קינדער ? — פרעגט מאריס אינ־דערשטיל, און עס איז דא עפעס א וואונק אין די ווערטער „מיט די איבעריקע קינדער". דער טאטע פארשטייט שוין דעם וואונק.

— ס'איז נישטא מיט וועמען צו רעדן — ווערט דער טאטע ברוגז. א שווערער שטיין ליגט בא אים אפן הארץ. — מיט וועמען זאל איך רעדן, מיט אייזיקן ?...

— בא אים פרעגט מען ניט — רעכנט זיך מאריס אפ די אלטע חשבונות מיט זיין ברודער אייזיק.

— נו, בא וועמען דען, בא הוישיקעלען ? — ציט ווייטער דער טאטע.

— הער, טאטע, ווי וואלט געווען אזא פלאן ? — זאגט פלוצים מאריס.

דער טאטע ווערט אויפגעמונטערט. זיינע אויגן צינדן זיך אן, און ער רוקט זיך צו נאענט צו זיין זון מאריס.

— וואס איז דיין פלאן ?

— דו זאלסט עפענען א שאפ.

— פון וואס ?

— פון פאר־בענדלעך — זאגט מאריס.

— וואס איז דאס פאר א מין ווארע ?

— עס איז דיזעלבע ווארע, וואס נחום, מאטיע און הוישיקעלע מאכן.

— עס איז אן עסק — גיט זיך דער טאטע א קלאפ אין שטערן.

— אידן ווערן דערפון רייך — זאָגט מאָרים.

— הע, איך וויל דען רייך ווערן ? — זאָגט חיים. — איך וויל נאָר האָבן א „דייסטוויע".

— אָלרייט, טאַטע, איך וועל איבערשמועסן מיט מאָטיען און נחומען.

— ווען, מאָריסל, וועסטו מיט זיי רעדן ?

— זונטיק. עס איז נאָך סיי־ווי דאָ צייט. איך וועל דיך ניט לאָזן אָנהויבן ערשט ביזקל נאָך פסח — זאָגט מאָרים.

— נאָך פסח, זאָגסטו ?

— ווייל דעמאָלט הויבט זיך אָן דער סעזאָן. אָבער פאָלג מיר און רעד מיט אייזיקן ניט וועגן דעם.

— וואָס מיינסטו, אז איך פארשטיי ניט ?

— און אפשר אויך ניט מיט הווישיקעלען.

— אָסור.

דערווייל איז דער דאָזיקער ענין געבליבן הענגען אינדערלופטן. דער טאַטע האָט וועגן דעם א סך געקלערט און איבערגעשמועסט אויך מיט דער מאַמען.

— קום נאָר אהער, רייזי — האָט געזאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען.

— וואָס איז ?

— קום אהער, זעץ זיך אנידער.

— איך האָב ניט קיין צייט.

— דיין ארבעט וועט ניט אנטלויפן. קום, זיץ און הער.

די מאַמע איז אָנגעטאָן אין א טשיפּעק. זי האַלט א בעזים אין די הענט. קוקן קוקט זי ניט דירעקט צום טאַטן. זי הערט.

— ווייסט, אז מען נאַראַיעט מיר א מסחר ?

— ווער ? — פרעגט די מאַמע און קוקט דורכן פענצטער.

— מאָריסל.

— אונדזער מאָריסל ?

— וועמעס דען ?

— וואָס פאַר א מסחר ?

— א פאַבריק.

— א פאַבריק ? !

— יאָ. נאָר עס דאַרף זיין א סוד. זאָלסט קיינעם ניט דערציילן. הערסט ?

— וועמען האָב איך צו דערציילן ? — פרעגט די מאַמע און הויבט

זיך אויף פון אָרט. זי שפּאַרט זיך אָן אָפּן בעזים און קוקט אַראָפּ צום דיל.
— דו פֿרעגסט מיך אַפילו ניט וואָס פאַר אַ פאַבריק איך וויל עפענען.
— וואָס ווייס איך? — ציט די מאַמע מיט אירע דאַרע אַקסלען.
— מאָריסל זאָגט, אַז מען ווערט רייך פון דעם מסחר.
— דו מיט דיין מזל... — לאַכט די מאַמע.
— באַ לייט אַ ווייב ברענגט מזל... — חוזקט חיים.

און אַזוי־אַ איז אַוועק אַ גאַנג ביז זיי האָבן זיך צעקריגט. די מאַמע האָט אָנגעהויבן פון בראשית. אויפגעמישט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט פון זייער לעבן. און אַלץ כדי צו באַווייזן, אַז דער טאַטע איז אַ שלים־מזל. און דער טאַטע האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַראָפּ אין אַטוירני סטריט מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

סיי־ווי איז דאָס ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז זיי זאָלן זיך צעקריגן. די מאַמע האָט פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט. זי איז געווען אַ פּראָסטע פאָלקס־מוטער. געהאָרעוועט שווער אַלעמאָל. קיין גלייכער מענטש איז זי מיטן טאַטן ניט געווען. ער — אַ פרומער כניאָק, און זי האָט דווקא אים אָפּ־צו־להכעיס געטאָן זאכן, וואָס ער שרייט, אַז מען טאָר ניט. דאָ אין אַמעריקע האָט זי ערשט אָנגעהויבן דעם טאַטן צו פּיקען די גאַל.

למשל, ער האָט געוואָלט שבת באַטאָג טרינקען טיי. גוט. ווילסט טיי, שטעל איך אַרויף אַ טשייניק אָפּן גאַז־אויוועלע און עס וועט זיין טיי. וואָס־זשע וויל דער טאַטע איינפירן? אַז מען זאָל אונטערצינדן די גאַז פרייטיק פאַר ליכט־בענטשן. דערנאָך אַרויפשטעלן אויף דעם פלאַמיקן גאַז אַ בלעך. און אויף דער בלעך אַנידערשטעלן אַ טשייניק מיט וואַסער. פרעגט די מאַמע צוליב וואָס מען באַדאַרף די בלעך. זאָגט דער טאַטע, אַז די בלעך דאַרף מען דערפאַר, כדי עס זאָל ניט הייסן, אַז דאָס פייער ברענט צוליב דעם טשייניק מיט וואַסער.

— שקר, ליגן! — שפּייט אויס די מאַמע. — ערשטנס איז גאַז גאָר קיין פייער ניט. צווייטנס, אויב עס איז יאָ אַ פייער, וואָס־זשע נאַרסטו אָפּ די וועלט? עס שטייט דאָך אַ טשייניק מיט וואַסער און עס זידט אויף טיי און דו טרינקסט.

אָדער אַז עס קומט שבת אינדערפרי, הויבט דער טאַטע אָן צו שרייען צו דער מאַמען, אַז זי זאָל אַראָפּגיין נאָך אַ „שבת־גוי". משוגע איז ער געוואָרן. וואָס מיינט ער, אַז דאָ איז רישקאָן?

פון דעם קאָנטאַקט, וואָס די מאַמע האָט מיט דער גאַס, פון דער „גראַ־סערי" און דעם „בוטשער־שאַפּ" אין דער קליינער צייט האָט זי שוין קענען־

געלערנט, אַז דאָ אין אַמעריקע זײַנען די באַלעבאָסטעס די גאַנצע מאַכערטעס. זי איז דאָ אַ „לײדי" און זי ווײסט שוין, אַז עס מײנט פּונקט דאָס אײגענע, וואָס עס מײנט אין רישקאָן־בעסאַראַביע אַשטײגער אַ פּריצטע.

אַלע פּרוּװען וואַונדערן זיך, וואָס זי, אַ מאַמע פֿון נײַן זין, זאָל דער־לאָזן אַז די קינדער זאָלן געבן די „פּײדע" צום טאַטן. אַ צימעס וועט זי זיך גײן מאַכן מיט דער „פּײדע". און אפשר זײַנען זײ גערעכט.

די מאַמע האָט דערפֿאַר שטאַרק געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל עפּעס אָנהויבן טאָן דאָ אין אַמעריקע. זאָל ער נאָר עפּעס אָנהויבן טאָן, וועט זי, ערשטנס, פֿון אים פּטור ווערן פֿון שטוב; צווײטנס, וועט ער זיך אפשר אויסמענטשלען.

די מאַמע האָט ניט געקאָנט האַלטן קײן סודות. זי האָט יעדן זון באַ־זונדער אָפּגעגעבן שטילערהײט דעם רעפּאָרט: דער טאַטע וועט עפענען אַ פֿאַבריק.

אײַזיק האָט זי אָנגעקוקט: — ער וועט עפענען? ווער וועט עס דער־לאָזן?

— וואָס אַרט דיך? — פֿרעגט די מאַמע.

—איך וויל ניט, אַז מײַן טאַטע זאָל האַלטן אַרבעטאָרער—זאָגט אײַזיק.

— וועט ער ניט האַלטן קײן אַרבעטאָרער — זאָגט די מאַמע. — אָבער אַ פֿאַבריק מעג ער האָבן?

— אַ פֿאַבריק אָן אַרבעטער? — שמײכלט אײַזיק.

— מ'קאָן ניט? — פֿרעגט די מאַמע נאַאיוו.

— דערווײַל האָב איך ניט קײן צײַט — לויפֿט אײַלנדיק אײַזיק צו זיך אין צימער. אָט הײַנט אָוונט האָט ער אַ טרעפֿונג מיט דעם קריטיקער ען——. די מעשה' איז אַזאַ. אַ טעגלעכע אידישע אַרבעטער־צײַטונג פֿון ניו יאָרק האָט געדרוקט אַן אָפּטײלונג מיטן נאָמען: „דערקענט איר דיזן שאַפּ?" אַרבעטער פֿון שעפּער האָבן באַשריבן זײערע שעפּער. און עס האָט באַדאַרפֿט זײַן אַזוי געשריבן, אַז מען זאָל דעם שאַפּ דערקענען. האָט אײַזיק אויך באַשריבן זײַן שאַפּ און ניט אונטערגעשריבן זײַן נאָמען. די אַרבעטער פֿון זײַן שאַפּ האָבן זיך דערקענט. און עס איז אַוועק אַ מעשה: ווער האָט דאָס געקאָנט באַשרײַבן אַזוי גוט? אײַזיק האָט געהאַט אַ חבר אין שאַפּ מיטן נאָמען יאַפּע. פֿאַר אָט־דעם בחור האָט אײַזיק דערצײלט דעם אמת. זאָגט יאַפּע צו אײַזיקן: ווײַבאַלד דו קאָנסט אַזוי שײן שרײַבן, פֿאַר־וואָס שרײַבסטו ניט אָן נאָך אַ דערצײלונג? איז אײַזיק געגאַנגען און אָנ־געשריבן אַ דערצײלונג, געבראַכט יאַפּען און פֿאַר אים געלײענט. איז יאַפּע

שיר ניט געשפּרונגען פון דער הויט: גזלן, האָסט דאָך אַזאַ גרויסן טאַלאַנט! און עס איז געבליבן, אַז אייזיק זאָל גיין מיט דער דערציילונג צום קריטיקער „ען". אייזיקן האָט זיך זייער ניט געגלוסט צו גיין. ער איז, ערשטנס, געווען אַ שעמעוודיקער. צווייטנס, האָט ער ניט געגלויבט אין זיך. און דריטנס, האָט ער ניט געוואָלט אָנמאַכן אַ גערודער מיט זיין שרייבן. נאָך זיין מיינונג נאָך האָט יעדער שרייבער מן־הסתם נאָר געשריבן פאַר אַן ענגן קרייז, ערגעץ אין אַ ווינקל. אָבער יאַפּע האָט אים כמעט געצוואונגען צו גיין צום קריטיקער „ען".

איצט קומט ער נאָר־וואָס פון דעם קריטיקער. יענער האָט אייזיקן אָנגעשאָטן אַ פולן זאַק מיט קאָמפּלימענטן. אייזיק איז אַריין צו זיך אין צימער און באַהאַלטן דעם מאַנוסקריפּט זיינעם. מיט איין זאַך איז אייזיק ניט געווען צופרידן. דער קריטיקער האָט אים געוואָרנט, אַז ער וועט ניט קאָנען אי שרייבן, אי אַרבעטן אין שאַפּ.

— איך וועל באַווייזן, אַז אַן אַרבעטער קאָן יאָ זיין אַ שרייבער — האָט אייזיק בא זיך אָפּגעמאַכט.

זעקסטער קאפּיטל

באַלד נאָך פּסח האָט מאָרים אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די צוויי ברידער נחום און מאָטיע און מיטן טאַטן. צו דערדאָזיקער באַראַטונג האָט מען די איבעריקע ברידער ניט גערופן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער טאַטע זאָל עפענען אַ שאַפּ פון „פּאָר־פּיסעס" אין בליקער סטריט. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די צוויי קלענערע ברידער, לעווע און כאַצקל, זאָלן זיך אויסלערנען די מלאכה און אָנהויבן צו אַרבעטן באַם טאַטן. מאָטיע און נחום זאָלן פירן דעם שאַפּ, ווייל זיי ווייסן ווי אַזוי מען באַדאַרף מאַכן די „בענדס" פון „פּאָר־פּיסעס". דער טאַטע זאָל זיך דרייען אינדרויסן, פירן די געשעפטן, איינקויפן „פּיסעס" און פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן.

אין אַ שיינעם זונטיק אינדערפרי זיינען מאָרים, נחום און מאָטיע און מיט זיי דער טאַטע אוועקגעגאַנגען אין בליקער סטריט.

אין בליקער סטריט, אַף דעם בלאָק צווישן דער בויערי און לאַפּאַיעט, זיינען געווען פון ביידע זייטן גאָס נידעריקע חורבות. אין אָט־די חורבות זיינען צו דער גאָס געווען קראָמען מיט פענצטער באַהאַנגענע פון אַלערליי פעל און אַלטע שטיקער רויכוואַרג.

באַ יעדער קראָם איז געווען אַ קעלער. און אין די קעלערס זיינען אויך געווען קראָמען פון שטיקער אַלטע פעל. דאָ אין די קעלערס האָט מען גע־קאָנט באַקומען אַ גאַנצן אַלטן פוטער־מאַנטל און אויך שטיקער פון וואָס פאַר אַ מין פוטער ס'איז נאָר דאָ ערגעץ אַף דער וועלט. אין די קעלערס האָבן זיך געפונען די אָרעמע געשעפטן. אין די קראָמען, וואָס איבער די קעלערס, האָבן זיך שוין געפונען די רייכערע געשעפטן. און איבער די קראָמען, אַף די אויבערשטע שטאָקן, זיינען די חורבות געווען איינגעטיילט אין קליינע צימערלעך און קעמערלעך. אין אָט־די צימערלעך און קעמערלעך זיינען עס געווען די „שעפּער" פון „פּאָר־פּיסעס".

אַז חיים איז געקומען צוגיין מיט זיינע קינדער אין בליקער סטריט האָבן די בליקער־סטריטער אידן באַלד דערשמעקט, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ מסחרל.

אידן אין יאַרמולקעס מיט לאַנגע בערד האָבן באַלד אַרומגעסטאָפּעוועט דעם טאַטן מיט זיינע קינדער.

— שלום עליכם! דאָס איז דער טאַטע דיינער? — האָבן אידן גע־

פרעגט באַ נחומען און מאָטיען. די צוויי ברידער האָט מען געקענט אין בליקער סטריט.

— פונוואַנען אַ לאַנדסמאַן?

— פון בעסאַראַביע — האָט חיים געענטפערט. ער איז געווען אָנ־געפילט מיט פרייד, וואָס ענדלעך איז ער אַרײַנגעפאַלן ניט אין אַמעריקע, נאָר אין אַ געסל אַ היימיש.

— בעסאַראַביע! הער נאָר הער, גאַנץ בליקער סטריט איז דאָך פאַר־נומען מיט בעסאַראַביע! — האָבן אידן זיך געוויצלט.

בקיצור, איבער גאַנץ בליקער סטריט איז באַלד אַרויס אַ קלאַנג, אַז חיים פּאָטשטאַר פון רישקאַן איז דאָ, דאָ אין בליקער סטריט, און ער האָט געבראַכט קיין אַמעריקע נײַן זין.

עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן די בליקער סטריטער מעקלערלעך. חיים האָט זיך פון זיי שוין ניט געקאָנט אַרויסרײַסן. מיט אַלע פּישטשעווקעס, אַקוראַט ווי אין רישקאַן. באַלד האָט מען אים געשלעפּט אויף שמאָלע טרעפּ, קרומע און אויסגעקײַלעכטע, אַלטע, קרעכצנדיקע, אמת־אידישע טרעפּ, באַ־דעקט מיט בלאָטע און מיט שפּינוועבס, און אינמיטן העלן טאָג האָט מען דאָרט אויף די טרעפּ געדאַרפט טאַפּן אין דער פינצטער. פון די טרעפּ האָבן זיך געדרייט קאָרידאָרן און לאַבירינטן, און טירן אינדערקרום־הענגענדיקע, מיט האַלב־אויסגעזעצטע שויבן, אויסגעשמירטע מיט שטויב, און אויף די טירן נעמען פון פירמעס, און באַ זייטן פון די טירן קאַנעצלעך פון דינענקע גאַז־רערלעך מיט קליינע קמצנדיקע ליכטעלעך.

עס האָט געשניטן אין דער נאָז דער שאַרפער ריח פון קאַמפאָר, דער דישענדיקער ריח פון טכוירן־פעל און אינאיינעם מיט דעם דער זיס־ביטערער ריח פון גאַז און דער שימלדיקער ריח פון מענטשלעכער השתנה און אשר־יצר.

אָט דאָ האָבן די מעקלערלעך אַרומגעפירט חיימען מיט זײַנע דריי אויס־געפּוצטע בחורים. עס איז געווען זונטיק, און די בחורים זײַנען געווען אויס־געפּוצט אין עסיק און אין האָניק.

מאָטיע מיט נחומען האָבן געוואוסט וואָס בליקער סטריט איז. בעסער געזאָגט, בליקער סטריט איז זיי געלעגן אין די גרגרתן. אָבער מאָריס האָט עפּעס אָנגעהויבן צו דרייען מיט דער נאָז. אים האָט עס ניט שטאַרק געשמעקט.

זיי זײַנען דערווײַל אַרײַנגעפאַלן אין אַ בוידעם־שטיבל.

— אָט האָט איר אַ שאַפּ מיט ליכטיקייט — האָט דער מעקלער געזאָגט.

דאָס גאַנצע צימער איז געװען גרױס װי א גענעץ. און חיים איז דאָרטן געװען װי אין א שװיץ־באָד.

— אויב עס איז שוין איצט אַזוי היים — זאָגט מאַטיע — װאָס װעט שוין זיין אַשטייגער אין דזשולײַ?

— דאָס איז ניט קיין באַװייז — לויפט צו דער מעקלער און הױבט אָן דרייען עפּעס א שטיקל אײַזן בײַ איינער פון די װענט. — אָט זעט װי דער גאַנצער דאַך עפנט זיך אויף. הא, ס'א מחיה, װאָס פאַר א פרישע לופט!

דידאָזיקע מאַכינאַציע איז שטאַרק געפעלן די קינדער און ספּעציעל חיימען.

— עס קאָן דאָך זײַן א סוכה.

— דאַטס ראַיט! — כאַפּט אונטער דער מעקלער.

חיים האָט דעם מעקלער אָנגעקוקט בייז, פאַרװאָס ער רעדט אַזױנע גראָבע רייד. „דאַטס ראַיט" האָט אין זײַנע אויערן געקלונגען װי עפּעס א גראָב װאָרט.

אָבער אַזוי װי ער איז געקומען דינגען א שאָפּ און ניט אָננעמען זיך די קריװודע פון רײַנעם װאָרט — האָט דערפאַר חיים געפרעגט מיט א ביסעלע חוזק: — און װיפיל קאָסט דאָ א חודש?

— מיר װעלן זיך שוין אויסגלייכן. גיין גייט עס פופצן דאָלאַר א חודש, אָבער זיי זײַנען ניט קראַנק צו מאַכן ביליקער — זאָגט דער מעקלער.

חיים האָט װידעראַמאָל געהאַלטן א קאָנפערענץ, אין א װינקל, מיט זײַנע קינדער. דער מעקלער האָט זיך געמאַכט װי ער הערט ניט װאָס זיי רעדן. די קאָנפערענץ איז געגאַנגען אויף שיפרירטן לשון: הע? נו, מע, בע.

חיים האָט געדונגען אָט־דאָס בוידעם־שטיבל מיט דעם איינציקן דאַך־פענצטער, װאָס אַז מען האָט געװאָלט האָט זיך עס געעפנט און דער הימל מיט דער זון האָבן אַרײַנגעקוקט.

חיים האָט אַרױסגענומען פון קעשענע א היימישן קליינשטעטלדיקן בײַטל מיט דעם אַלטמאָדישן שלאָס און באַצאָלט דירה־געלט.

און באַלד איז געקומען צולויפן א פאַרשמייעט נידעריק באַװאַקסן אידל, שװאַרץ װי קויל, צי פון דעם װאָס זײַנע האָר זײַנען געװען שװאַרץ, צי פון דעם װאָס ער האָט זיך במחילה קיינמאָל ניט געװאַשן — און אַזוי װי עס איז נאָר אַרײַנגעקומען האָט עס א געשריי געטאָן מיט א טיף־ליטװישן קװיטשיקל: „איך בין דער מאַסיניסט. באַ מיר באַקומט איר פאַר־מאַסינקעס" — און ער האָט דערלאַנגט חיימען א געדרוקט קאַרטל. אָבער

דאָס קאָרטל איז אויך געווען שוואַרץ־אויסגעשמירט און מען האָט עס ניט געקאָנט איבערלייענען.

צוויי רויטע אידן מיט ברייט־צעשפּרייטע רויטע בערד און מיט געזונטע רויט־האָריקע הענט זיינען אַרויפגעקומען און ביידע האָבן געוואָלט זיך דורכשפּאָרן מיט איין מאָל דורך דער טיר. זיי זיינען געבליבן שטעקן אינ־דערמיט פון טיר און נאָר באַוויזן אַריינצושטעלן צו איינציקע פיס פון דער זייט שוועל. זיכער איז קיינער פון זיי ניט געווען, וועלכער ס'איז זיין פוס.

און ביידע מיטאַמאָל האָבן אַ געשריי געטאָן:

— מיר ווילן מעקלעריי, אַניט צעברעכן מיר די מאַשינען.

— אַ פייג! — האָט דער ליטוואַק זיי געוויזן טאַקע אַן אמתע פייג מיט זיין האַנט.

— וועלן מיר דיך, פאַרשיווער ליטוואַק, פאַרטרייבן פון דאַנען — שרייען ביידע מעקלער מיטאַמאָל.

דער סוף איז געווען, אַז חיים האָט געקויפט 4 מאַשינען און די צוויי מעקלער האָבן געקראָגן מעקלעריי. דער מאַשיניסט האָט געבראַכט די מאַשינען. ווי קליין ער איז געווען, אַזוי שטאַרק איז ער, ווייזט אויס, געווען, ווייל ער האָט אַליין אויף זיינע איינענע פּלייצעס אַרויפגעטראָגן די מאַשינען. גרויסע טראָפּנס שווייס זיינען גערונען פון זיין פּנים און שטערן.

— שווער צו מאַכן אַ לעבן? — האָט מאָריס געפרעגט באַם מאַשיניסט. אין זיין טאָן האָט זיך געפילט דער גרויסער רחמנות פון אַן אינטעלעקט צו אַ פּראָסטן בשר־ודם.

— סוער... — האָט דער מאַשיניסט געענטפערט און געטאָן אַ זשמורקע מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אויף מאָריסן.

חיים מיט מאָטיען און נחומען זיינען אַראָפּ אין גאַס קויפן „רויע סחורה". די צוויי קינדער האָבן באַדאַרפט זיין די מבינים און דער טאַטע האָט באַדאַרפט זיך לערנען.

אין געשעפט, וואו זיי זיינען אַריין קויפן, איז געשטאַנען אַ איד מיט אַ שפּיציק־פאַרשווירענער באָרד און מיט אַ גאָלדענער קייט אויף זיין ברוסט. דער איד, אַ נידעריקער און אַ געפּאַקטער. זיין שטים אַ הייזעריקע און אַ געזונטע, מיט דער וואָרעמקייט פון אַ בעסאַראַבישער אויסשפּראַך.

חיים מיט דעם אידן האָבן זיך געגעבן שלום. עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ מעשה מיט אויסרעכענען און באַווייזן. און עס איז שיר ניט דערגאַנגען צו דעם, אַז דער איד, וואָס האַנדלט מיט די „פּאָר־פיסעס", האָט אַליין איינמאָל פאַרקויפט חיימען בולאַנע פערדלעך פאַר זיין פאַטשט. אויסגעלאָזט האָט זיך:

— אַט זעט איר דאָך, אַז מען פאַרקויפט אייך נאָכאַמאָל... — האָט דער איד געזאָגט מיט נצחון. ער האָט געעפנט דעם גרויסן זאַק פול מיט שוואַרצע שטיקלעך רויכוואַרג. נחום מיט מאָטיען האָבן אַריינגעשטעקט זייערע הענט טיף און אַרויסגעשלעפּט לאַנגע שנירעלעך און פּאַסיקלעך פון שטיקער פעל שוואַרץ־גלאַנציקע. דער טאַטע האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע צוויי זין. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט באַ זיי אין די אויגן אַ פריילעכע מינע, וואָס דאָס הייסט, אַז זיי געפעלט די וואַרע.

— מה יקר? — גיט חיים אַ פרעג באַם אידן.

— צען סענט אַ פונט — זאָגט דער איד קאַלטבלוטיק און שפּילט זיך מיט זיין גאָלדענער קייט.

— עס וועט „קאָלאָמבוסן" ניט ווי טאָן דער בויך? — פרעגט מאָטיע באַם אידן, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז צען סענט איז אַ ביסל צופיל.

— איך זאָל אַזוי דערלעבן אַרויפגיין אַפּסטערז צו מיין ווייב און קינדער, ווי איך דערלייג נאָך צו דעם.

און ווידעראַמאָל אַ קאָנפערענץ פון טאַטן מיטביידע זין אין אַ ווינקל פון קראָם.

מאָטיע האָט געוואָלט נאָכקרימען אַ בעסאַראַבער פאָלקס־מענטשן און ער האָט געזאָגט:

— טאַטע, מאַקל איין.

חיים האָט פאַרשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צוריק צום אָפענעם זאַק מיט די גלאַנציקע שטיקלעך פעל. ער האָט גענומען אַ פּאַסיקל און מיט זיינע פינגער געגלעט די ווייכע שוואַרצע האָר.

— הייסט עס, אַז איר זייט אַן עקשן? — האָט חיים געזאָגט.

— אָלרייט. אַלס אַ פּאַטשאַטעק וועל איך אייך אַראָפּלאָזן אַ פּעני אויפן פונט — האָט געזאָגט דער איד מיט דער גאָלדענער קייט.

אָפּגעוואויגן דעם זאַק און באַצאָלט, האָט דער איד גערופן כאַצקל דעם טרעגער. דאָס איז געווען אַ הויכער ברייט־פּלייציקער איד מיט אַ לאַנגער גראָער און עטוואָס ווי פאַרזשאַווערטער באָרד. דער עיקר זיינען זיינע וואָנטשעס געווען פאַרזשאַווערט. כאַצקל האָט געטאָן אַ טיפן געשמאַקן שמעק טאַבאַק פון זיין פּושקעלע און זיך אונטערגענאַרטלט זיינע הויזן מיט דעם שטריקל, דערנאָך אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום זאַק, אַזוי ווי אַן אָקס, ווען ער וויל אימיצן נעמען אויף די הערנער. אין איין אויגנבליק איז שוין דער צוויי־הונדערט פונטיקער זאַק באַ כאַצקלען געלעגן אויף אַן אַקסל.

באַם אַרויפטראָגן דורך די געדרייטע טרעפּ האָט כאַצקל זיך נאָר איינגעבויגן, אַז ער זאָל ניט מיטנעמען די סטעליע פון קאָרידאָר.

און אָט אַזוי איז חיים געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ שאָפּ.

היינט איז שוין געווען שפּעט אָנצוהויבן צו אַרבעטן. דער טאַטע מיט די קינדער זיינען געגאַנגען אַהיים טאַנצנדיקע. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען אַ שטיק וועג מיט דער בויערי.

פאַרשיידענערליי טיפּן האָבן אָנגעפילט די גאַס. פון סאַלונס און רעסטאָראַנען האָט געוואָרט אַזוי ווי מיט סציקלינע. באַ די אייזערנע סלופּעס פון „עלעווייטער" (הויך־באַן) זיינען געשטאַנען שיכורים און זיך אָנגעהאַלטן אין די אייזערנע סלופּעס. די דריי ברידער האָבן אַריינגענומען דעם טאַטן אינדערמיט און אים געהייסן גיין און שטעלן פיס און זיך ניט אַרומקוקן.

חיים האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן ניט אַרומצוקוקן זיך. דאָס וואָס ער האָט געזען איז באַ אים געווען ניי און אין דער אייגענער צייט אַלט. דאָס שיכורע געזאַנג פון אָפּגעריסענע מענטשן האָט אים דערמאָנט אין זייער ניט קיין היימלעכע זאַכן... ער האָט זיך אָבער געפילט זיכער מיט זיין לעבן אינדערמיט פון זיינע דריי זין.

געקומען זיינען זיי אַהיים, איז שוין די מאַמע געווען אין כעס:

— איך שטיי און וואַרט מיטן אָנבייסן. און די קינדער זיינען הונגעריק!

— רייזי, גיב אָפּ מזל־טוב. איך האָב שוין אַ שאָפּ מיט מאַשינען און רויע וואַרע — איז חיים אַריין מיט אַ שמחה.

— טאַקע? — פרעגט די מאַמע מיט נאַאיוויטעט.

עס איז באַלד אין שטוב געוואָרן אַ טומל. הוישיקעלע, וועלכער איז געזעסן אין „פראָנט־רום" און געלייענט אַ צייטונג, איז געווען הונגעריק און באַ אים האָט זיך געקליבן אַ רוגז פאַרוואָס די מאַמע האָט ניט געגעבן קיין עסן. אַז ער האָט דערהערט, אַז דער טאַטע האָט געדונגען אַ שאָפּ, איז ער געבליבן שטיין אַן אָנגעצונדענער. זיינע באַקן זיינען פאַרלאָפן מיט בלוט. ער האָט געטאָן אַ שמיץ מיט דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט.

— וואָס פאַר אַ מאַנקי־ביזנעס גייט דאָ פאָר? ! — האָט הוישיקעלע אויסגעשריען.

— מ'ט באַ דיר ניט פרעגן — האָט מאָרים געענטפערט הוישיקעלען.

— עס וועט זיך איבערקערן די וועלט! — הוישיקעלע איז אַוועק צו

אייזיקן אין צימער און געעפנט די טיר מיט ראַזמאַך. אייזיק איז געזעסן בא זיין טישל און געשריבן.

— אייזיק! — האָט הוישיקעלע געצאַרנט, ווייל עס האָט אים ווי געטאָן. — אייזיק, קום וועסטו הערן נייס. זיי האָבן שוין דעם טאַטן גע־מאַכט פאַר א באָס.

— ווער?! — פרעגט אייזיק א צעטומלטער, אויפהויבנדיק זיין קאָפּ פון די פאַרשריבענע פּאַפּירן.

— ווער? דיינע ברידער!—רייסט זיך הוישיקעלע אַף די העכסטע טענער.

אייזיק האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אומוואַרפנדיק דאָס בענקל אונטער זיך. ער מיט הוישיקעלען זיינען אריין אין עס־צימער.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — פאָדערט אייזיק און זיין טשוב שוואַרצע האָר גיט זיך א וואָרף אריבער איבערן שטערן.

— גאָר, גאָרניט! — זינגט מאַטיע אוים זיינע ווערטער. — מיר ווילן שטעלן דעם טאַטן אַף זיינע אייגענע פיס. דאָס אַלעס.

— וויבאַלד אַזוי, וויל איך אָפּ מיין געלט — קלאַפּט הוישיקעלע מיט א קולאַק אין טיש.

— וואָס פאַר א געלט? שאַ! שריי ניט. אייגענע קינדער. וואָס קריגט איר זיך? — מישט זיך אריין די מאַמע.

— דו, מאַמע, מיש זיך ניט — שטויסט הוישיקעלע אַוועק די מוטער. — איך וויל אָפּ מיין שווער פאַרהאָרעוועט געלט. איך וויל ניט, אַז מיט מיין געלט זאָל מען ווערן א בלוטזויגער.

— אָלרייט, טאַטע — זאָגט מאָרים — נעם שוין און רעכן אוים וויפיל אים קומט און גיב עס אים אָפּ.

— לאָמיר כאָטש פריער אָפּעסן אָנבייסן — בעט זיך די מאַמע.

— ניין! — וואַרפט זיך הוישיקעלע. — איך וויל שוין אָפּ מיין שווער פאַרהאָרעוועט געלט.

דער טאַטע האָט ארויסגענומען, שמייכלענדיק און מיט ציטערנדיקע הענט, דאָס ביכעלע זיינס און אויסגערעכנט. דערנאָך ארויסגענומען דעם אַלטמאָדישן בייטל און געגעבן הוישיקעלען א סומע מיט פּיזיטן.

אייזיק האָט מיט א קלאַפּ מיט דער טיר פון זיין צימער זיך פאַרמאַכט בא זיך און לאַנג ארומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער הין און צוריק.

בא יענעם אָנבייסן האָבן געפעלט באַם טיש אי אייזיק, אי הוישיקעלע. עס האָט ניט געהאָלפן דער מאַמעס בעטן און אויך ניט דאָס ווייבע האַ־ציקע אויסרעדן פונעם טאַטן.

זיבעטער קאַפּיטל

מאַנטיק אינדערפרי איז דער פאָטער חיים מיט זיינע פיר זין — נחום, מאָטיע, און לעווע מיט כאַצקלען — אוועק אין בליקער סטריט עפענען דעם שאַפּ. צוליב דעם איז מען אין שטוב אויפגעשטאַנען זייער פרי און אין איילעניש געגעסן איבערבייסן.

אייזיק מיט הוישיקעלען זיינען אוועק אָן איבערבייסן. די מאַמע האָט זיך געפּרואווט שטעלן זיי אין וועג בא דער טיר.

— פאַרוואָס זיינט איר ברוגז מיט מיר?

אייזיק האָט דערקלערט דער מאַמען, אַז מיט איר איז מען ניט ברוגז. האָט זי זיי דורכגעלאָזן דורך דער טיר און זיי נאָכגעשריען: „אַ גוטן טאָג!" שטייענדיק בא דער קיך האָט זי שטיל צו זיך אַליין גערעדט:

— זיי זיינען דען ניט גערעכט? מ'נעמט צוויי פּיצלעך אינגלעך און מ'פירט זיי צו דער שחיטה...

אָבער לעווע מיט כאַצקלען האָבן דערווייל ניט געפילט, אַז מען פירט זיי צו דער שחיטה. פאַרקערט, זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי וועלן דאָס ערשטע מאָל אין זייער יונגן לעבן אָנהויבן אַרבעטן און פאַרדינען.

זיי זיינען געגאַנגען ביז בליקער סטריט, ווי מען גייט צו אַ טאַנץ. אין שאַפּ האָט מאָטיע דאָס ערשטע אויפגעעפנט דאָס דאַך־פענצטער און נחום האָט דערווייל אויסגעשאָטן דעם זאַק מיט די „פּאַר־פּיסעס" אַפן דיל. מען האָט געליען בא אַ שכן אַן עמער און באַשפּריצט די וואַרע מיטן וואַסער, כדי עס זאָל זיין גוט צום נייען.

די פיר מאַשינען זיינען געשטאַנען פּונקט אינדערמיט אונטערן דאַך־פענצטער. אי עס וועט זיין ליכטיק, אי לופטיק.

מאָטיע מיט נחומען האָבן אַוועקגעזעצט ביידע אינגלעך און זיי אָנגעהויבן לערנען ווי אַזוי מען באַדאַרף לאָזן גיין די מאַשין.

ס'איז צוגעגאַנגען שווערלעך. גיי געדענק, אַז מיט איין פוס, מיט דעם לינקן, באַדאַרף מען טאָן אַ טראַט אַף אַ טרעטער פון דער מאַשין, כדי די מאַשין זאָל עפענען דאָס מויל, און מיט דעם צווייטן פוס, מיטן רעכטן, באַדאַרף מען טרייבן די מאַשין. בא די צוויי אינגלעך איז אויסגעקומען צו טאָן פּונקט פאַרקערט.

דער פאָטער חיים איז געשטאַנען פונדערווייטן און זיך צוגעקוקט צו

דערדאַזיקער סצענע. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז גאָר ניט אַזאַ שווערע תורה. מען באַדאַרף נאָר וויסן וואָס צו טאָן מיטן רעכטן פוס און וואָס מיטן לינקן. און אַז ער האָט געזען ווי די אינגלעך באַנעמען ניט דעם ענין איז ער אַרויס פון געדולד.

— גראָבע קעפּ! — האָט ער געטאָן אַ געשריי. — אַז דער קאָפּ ליגט זיי דאָרטן אין סטריט. גייט, מען וואָרט דאָרט אַף אייך...

— נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט — זאָגט מאָטיע. — און דו, טאַטע, זאָלסט זיך בעסער ניט מישן.

ביז די צוויי אינגלעך האָבן ענדלעך זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו עפענען דאָס „מויל" פון דער מאַשין און ווי אַזוי די מאַשין צו טרייבן זיינען זיי אָפּגעגאַנגען מיט ריטשקעס שוויים.

מאָטיע האָט צעעפנט דאָס דאַך־פענצטער נאָך מערער. דער גאַנצער הימל איז שוין געווען אָפן. אָבער עס איז קיין צייט ניט געווען צו קוקן אַפן הימל. ערשט האָט מען גענומען קנעלן מיט די צוויי אינגלעך, ווי אַזוי מען דאַרף נייען די שטיקלעך פוטער, ווי אַזוי מען דאַרף אַריינצילעווען דעם פאָדעם אין דער נאָדל אַריין און ווי אַזוי מען דאַרף אַריינשטעלן אַ נאָדל אין דעם פיסקל פון דער מאַשין.

דער פאָטער איז שוין אינגאַנצן אַרויס פון געדולד. איז ער אַראָפּ־געגאַנגען אין גאַס, אַף בליקער סטריט, צו טאָן אַ שמעק וואָס עס טוט זיך און זיך דערוויל באַקענען מיט מענטשן.

— גוט וואָס ער איז נישטאָ. שטייט און קוקט גלייך אין די אויגן אַריין — זאָגט לעווע און אין זיינע אויגן לייכטן צוויי טרערן.

— אַזוי ווי אַן אמתער באָס — וויצלט זיך מאָטיע. — און איצט גיב אַ קוק אָט אַזוי. זעסט ווי איך נעם צוויי שטיקלעך פוטער. זעסט. דאָס מיילעכל עפנט זיך, ווי באַ אַ לעבעדיקער זאַך. אַ מאַשין איז אַ לעבעדיקע זאַך. איז זעסט ווי איך ליג אַריין די צוויי פאַסיקלעך צווישן די ליפּן. און איצט לאָז איך אָפּ דעם לינקן פוס און די ליפּן פאַרמאַכן זיך. און איצט גיב איך מיטן רעכטן פוס אַ לאָז די מאַשין און עס נייט.

און באַ אַ צווייטער מאַשין האָט נחום געלערנט כאַצקלען. נחום האָט גענייט און כאַצקל האָט געקוקט, ווי דער פאָדעם האָט זיך גערירט און איז געלאָפן און ווי די צוויי שטיקלעך פוטער האָבן זיך גערוקט צווישן די ציינדלעך פון די צוויי רעדלעך. די נאָדל האָט געשטאָכן דינע שטעך און דער האָטשיק האָט פאַרכאַפּט דעם פאָדעם גיך־גיך.

— זעסט, כאַצקל, מען באַדאַרף היטן די פינגער — זאָגט נחום. —

די מאשין קאָן דיר אַריינכאַפּן אַ פינגער און די נאָדל ווייסט ניט קיין חכמות. זי שטעכט דורך ביזן ביין אַריין.

כאַצקלען גיט אַ קלעם באַם האַרץ. ער קוקט ווי אַזוי נחום קריכט מיט זיינע פינגער צווישן די צוויי רעדלעך. אַט־אַט און זיין פינגער איז קאַפּוט. די פרייד, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אינדערפרי, איידער ער איז געקומען דאָ אַהער, איז שוין איצט אויסגעוועפּט געוואָרן.

נחום הויבט אויף זיינע אויגן און קוקט אָן זיין קלענערן ברודער, ווי ער וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען. ער זאָגט:

— האָסט געוואָלט אַמעריקע, האַ?

כאַצקל גיט זיך ניט אונטער. ער צעלאַכט זיך ווי אַ יונגער בחור און באַווייזט זיינע געזונטע ווייסע ציין.

נחום הויבט זיך אויף פון דער מאַשין און הייסט כאַצקלען זיך זעצן.

— ניט אַזוי.

— ווי דען?

— אַט אַזוי, אַ ביסל פון דער זייט. דאָס מויל דיינס באַדאַרף לויפן פונקט אַקעגן די צוויי פּאַסיקלעך פּוטער, כדי זאָלסט קענען אַריינבלאָזן די האָר. אַט אַזוי.

כאַצקל זעצט זיך אַנידער מיט אַ ברען אָפּן בענקל. דאָס אַלטע בענקל סקריפּעט אונטער אים. ער שטעלט אַוועק זיינע צוויי יונגע שטאַרקע פיס אַף די טרעטערס פון דער מאַשין. עס דערהערט זיך אַ בריאזג, אַ טעמפּער בריאזג.

— קינד, ניט מיט אַזאַ שטורעם — בעט זיך נחום באַ זיין אינגערן ברודער. — וועסט נאָך צעברעכן די מאַשין.

— וועל איך זיך גיין זעצן וויינען — זאָגט כאַצקל.

— דער טאַטע וועט זיין ברוגז.

— דעם טאַטן אונדזערן וועט מען קיינמאָל ניט צופרידנשטעלן — זאָגט כאַצקל און נעמט צוויי שטיקלעך פּוטער און לייגט זיי צונויף פעל צו פעל.

— אַט אַזוי! — האָט נחום הנאה. — איצט עפן די מאַשין מיטן לינקן פוס.

כאַצקל גיט אַ שטופּ מיטן לינקן פוס און די מאַשין עפנט דאָס מויל. ער לייגט אַריין די צוויי פּאַסיקלעך פּוטער צווישן ביידע רעדלעך, בויגט איין זיין פּלייצע און נויגט צו זיין קאָפּ.

— איצט לאָז אָפּ דעם לינקן טרעטער — קאָמאַנדעוועט נחום.

כאַצקל לאָזט אָפּ, מיט איין זאַמאַך, דעם לינקן טרעטער און ביידע

רעדלעך פון מאַשין גיבן זיך מיט האסט אַ פאַרמאַך. כאַצקלס גראָבער פינגער פון דער רעכטער האנט ווערט פאַרכאַפּט צווישן די ציינדלעך. כאַצקל גיט אַ כאַפּ אַרויס דעם פינגער און לאָזט איבער אַ שטיק פלייש צווישן די ציינדלעך. פון ווייטיק כאַפּט ער דעם פינגער גלייך אין מויל אַריין. פריש און יונג בלוט רינט איבער זיינע ליפּן, אויף דער געזונטער־ הן־גריבלדיקער מאָרדע, די גלאַטע, נאָך ניט באַוואַקסן מיט האָר.

ער טוט זיך גיך אַ הויב פון דער מאַשין אַזוי מיט דעם פינגער אין זיין מויל און הויבט אָן אַרומלויפן איבערן שאַפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם אַרומלויפן איינשטילן דאָס רינען פון בלוט.

— אַ מזלדיקער האָז! — ווערט לעווע אָן אויפגעקאָכטער. — אָט וויז איך אויך באַ דער מאַשין צום ערשטן מאָל. און ער זעצט זיך נאָך אַוועק, איז באַלד אַ שאָדן.

— איך האָב גאָרניט צעבראָכן — היצט זיך כאַצקל. — מיין פינגער וועט דער רוח ניט נעמען.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיין „קערפול" — זאָגט נחום בשעת ער צערייסט זיין נאָזטיכל און בינדט אַרום כאַצקלס צעריסענעם פינגער. פאַרטיק געוואָרן מיטן באַנדאַזש, זאָגט נחום צו כאַצקלען: איצט מעגסטו שוין גיין אַהיים.

— ניין! איך וויל ניט גיין. די מאַמע וועט זיך דערשרעקן.

— שטיי זשע און קוק זיך איין. — און נחום האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער מאַשין און די מאַשין איז געגאַנגען אַ גאַנג.

כאַצקלס בלוטיקער פינגער האָט זייער געשמאַרצט. כאַצקל האָט אים אויפגעהויבן אינדערהויך און אים אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסל. איצט איז ער געשטאַנען און געקוקט, ווי זיין ברודער נחום האָט גיך גענייט, און מיטאַמאָל — ער האָט ניט געוואוסט פונוואַנען עס איז צו אים געקומען דאָס געפיל — און עס האָט אים גענומען ציען ווי אַ מאַגנעט צו זיצן באַ דער מאַשין און אויך אַזוי גיך נייען און אַריבעריאָגן נחומען. און דאָ האָט ער נאָך דערזען, ווי דער ברודער מאָטיע שטייט איבער לעווען, און ווי לעווע נייט שוין אַליין גרינג און שטיל צוביסלעך און אָפּגעהאַקט, האָט כאַצקל מער ניט געקאָנט איינשטיין.

— לאָז, נחום, איך וויל זיך אויך זעצן באַ דער מאַשין — האָט זיך כאַצקל שטאַרק געבעטן באַ נחומען. — מיין פינגער טוט מיר ניט וויי.

— אָבער וועסט ניט קאָנען מיט אַ קאַליע פינגער נייען.

— איך וועל יאָ קאָנען — בעט זיך כאַצקל.

דערװײַל איז אַרײַנגעקומען דער פֿאָטער חיים צוריק פֿון גאַס.

— זעסט, איך האָב מיר שױן צעקאַליעטשעט אַ פֿינגער — באַרימט זיך כאַצקל.

— אַ גדולה אױף דײַן באָבען — ענטפֿערט חיים שטרענג און האַרט.

— איצט װעסטו מוזן װערן אַ גוטער אָפּערײַטאָר — װױצלט זיך מאָטיע.

— אַ פֿינגער מערער, אַ פֿינגער װײניקער, אַבי די מאַשין איז געבליבן אַ גאַנצע.

— צו אַלדי שװאַרצע יאָר, כ'בין נאָר אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס אױף אַ מינוט! — בײזערט זיך חיים. — װעסט אַהײמקומען, װעט דײַן מאַמע מײנען, גאָט װײסט, װאָס דאָ איז אין שאַפּ. גזלנים צו אַלדי שװאַרצע יאָר.

דער פֿאָטער איז צוגעגאַנגען צו זײַן אײנגל כאַצקל און גענומען די קאַליע האַנט און זי געטאָן אַ באַטראַכט. דאָס בלוט איז שױן געװען פֿאַר־טריקנט אױף דעם װײסן שמאַטקעלע. אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט צוריק־האַלטן פֿון טאָן אַ זיפֿץ, אַזױ אַ אידישן זיפֿץ.

— עס װעט זיך באַ דיר פֿאַרהײלן ביז צו דער חתונה — האָט חיים געזאָגט.

איצט זײַנען שױן מאָטיע מיט נחומען געזעסן באַ זײערע מאַשינען און גענײט, טאַקע אױף דעם „רעכטן אמת": פּאַסיקלעך מיט פּאַסיקלעך, ביז עס איז געװאָרן אַ ברײטער פּאַס. אָפּגעמאָסטן אַכצן צאָל די לענג און עס אװעקגעװאָרפֿן.

לעװע מיט כאַצקלען האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג געבראָכן און איבער־געבראָכן. זײער ערשטער טאָג אין שאַפּ איז געװען אַ שװערער. די פּיס, די יונגע און שטאַרקע, האָבן געבראָכן און זײ זײַנען געװאָרן שטײף, װי זײ װאָלטן אָנגעשװאָלן געװאָרן. זײ זײַנען קױם אַהײמגעגאַנגען, און אַרײַנ־געפֿאַלן אין שטוב װי געקװילעטע קעלבלעך. זײ האָבן ניט געקאָנט עסן קײן װעטשערע.

די מאַמע האָט עפּעס געװאָלט זאָגן. האָט חיים אױף איר געטאָן אַ קוק מיט זײַנע צװײ „אױסגעגלאָצטע ציבעלעס" און זי האָט זיך דערשראָקן. זי האָט שטיל אין זיך באַװײנט די צװײ יונגע אײנגלעך, שטיל און אָן טרערן.

:: :: ::

דעם צװײטן טאָג איז שױן געגאַנגען בעסער און דעם דריטן טאָג נאָך בעסער. לעװע מיט כאַצקלען האָבן שױן געװאױסט, אַז מען טאָר זיך ניט שטאַרק צוהערן צו די װײטיקן—און כאַצקלס פֿינגער האָט זיך אױך געהײלט.

דער שאַפּ איז אװעק באַ חײמען װי אױף אַ געפּלאַסטערטן װעג. די פּיר

זין האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך. שבת איז געווען דער שאַפּ פאַרמאַכט. און שבת אַפּדערנאַכט, נאָך הבדלה, האָט זיך חיים אָוועקגעזעצט און געגעבן די פיר זין „פיידע". דערנאָך האָבן די זין צוריקגעגעבן דעם טאַטן די „פיידע" אַפּן חשבון פון דער שטוב.

אייזיק מיט הווישיקעלען האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון אַלע ברידער. אַלס פּראָטעסט, וואָס דער טאַטע איז געוואָרן אַ באָס, האָבן זיי זיך מער ניט געוואָלט מישן אין שטוב. זיי ביידע האָבן געצאָלט דער מאַמען אַ געוויסע סומע פאַר עסן און קוואַרטיר און מיטן טאַטן מער קיין חשבונות ניט געוואָלט האָבן.

הווישיקעלע האָט געאַרבעט באַ אַ פרעמדן באָס אין בליקער סטריט. דער באָס זיינער האָט געהייסן „יאַנקל מיט דער נאָז" — אין בליקער סטריט האָט מען גערופן יעדן איינעם מיט אַ צונאָמען. „יאַנקל מיט דער נאָז" — דערפאַר וואָס דערדאָזיקער איד האָט געהאַט זייער אַ קאָמישע לאַנגע נאָז.

האָט „יאַנקל מיט דער נאָז" געטראַכט אַזוי: — אויב הווישיקעלעס טאַטע וויל ניט זיין איינעם זון אַרויפנעמען צו דער אַרבעט, מוז דאָך זיין עפּעס אַ טשוואַק דערביי. אָדער דערפאַר, וואָס הווישיקעלע איז אַ „שייגעץ", אָדער דערפאַר, אפשר, וואָס ער איז ניט אַזאַ וואַלוועלער בעל־מלאכה... איז פאַרוואָס־זשע זאָל ער פון אים ליידן?... האָט זיך „יאַנקל מיט דער נאָז" גענומען טשעפּען צו הווישיקעלען. הווישיקעלע, ווי אַלע אַרבעטער פון יענעם פּאַך, האָט געאַרבעט שטיק־אַרבעט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַ ביטערע. די פאַרב און די האָר זיינען געקראָכן אין דער לונג און לעבער. שמוציק איז געווען אין שאַפּ שרעקלעך. דער גאַנצער פּאַך איז געלעגן אין בליקער סטריט באַ קליינע „באָסעקלעך". דער אַרבעטער אין דעם טרייד אַ געזונטער עלעמענט, נאָר־וואָס אַריבערגעקומענער פון בעסאַראַביע. מען האָט ניט געוואָלט גיין דינען „פּאָניען", איז מען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. אין בליקער סטריט איז געווען אַ קענדי־סטאָר און אַ רעסטאָראַן קאָמבינירט אינאיינעם. דאָ, אין דעם רעסטאָראַן, האָבן די אַרבעטער געגעסן מיטאָג און דאָ איז מען זיך צונויפגעקומען נאָך דער אַרבעט טרינקען אַ גלעזל סאָדע־וואַסער; דאָ איז מען געקומען אויסבייטן אַ טשעק, וואָס דער באָס האָט געגעבן; דאָ איז דער אַרבעטער געקומען שרייבן אַ בריוול אַהיים קיין בעסאַראַביע; דאָ איז דער בליקער־סטריטער אַרבעטער געקומען אין „סלעק־טאַים" שפּילן אַ קערטל; דאָ איז אויך געגרינדעט געוואָרן די יוניאָן פון די „בענד מייקערס"; דאָ האָבן די אַרבעטער געהאַלטן זייערע פאַר־

זאמלונגען פון דער יוניאָן. באַם קרעמער אונטער דער סטויקע איז געלעגן דער בוך פון דער יוניאָן און דער שטעמפּל מיט טינט און פּעדער.

הווישיקעלע איז געווען איינער פון די בעסטע טוער פון אָט־דער יוניאָן. די אַרבעטער זיינען כמעט אַלע געווען גוטע איבערגעגעבענע טוער. זייער יוניאָן האָט ניט געהאַט קיין שום קאַסע. אין בוך זיינען געווען פאַרשריבן קאַרגע פּערציק מיטגלידער. קיין געלט האָט קיינער ניט געצאָלט אין דער דאָזיקער יוניאָן. קיין הוצאות האָט אויך די יוניאָן ניט געהאַט. עס איז אויך אין דער יוניאָן ניט געווען קיין הויפּט־מאַכערס. אַלע מיטגלידער זיינען אַליין געווען די הויפּט־מאַכערס.

די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבן זיך אַזוי געפירט: אויב עס איז באַ זיי אין טרייד אויסגעוואַקסן עפּעס אַ פּראָבלעם, ווי למשל, אַ פאַרלאַנג פאַר העכערע „ווייידזשעס", אָדער קירצערע שעהען פון אַרבעט, זיינען אָט־די פּראָבלעמען געווען גלייך און אָנגעמאָסטן פאַר יעדן שאַפּ — צי איז דער באַלעבאָס געווען אַ רייכער, צי אַן אָרעמער.

— ווילסט ניט נאָכגעבן — האָבן די אַרבעטער געטענהט — האָסטו איין ברירה: מיטן קאָפּ אין דער ערד.

די בליקער־סטריטער באָסעס האָבן אַ נאָמען געגעבן אָט־די יוניאָן: „די גענג". „מען וועט זיך גיין אָנהויבן מיט דער גענג?" „די גענג איז איצט באַלעבאָס איבער בליקער סטריט". פאַר דער „גענג" מוז מען זיך היטן.

די מיטגלידער פון דער בענד מייקערס יוניאָן האָבן געוואוסט, אַז מען קוקט אַף זיי ווי אַף אַ „גענג", אָבער עס האָט זיי ניט געאַרט. פאַרקערט, די אַרבעטער האָבן דאָך געוואָלט, אַז מען זאָל פאַר זיי מורא האָבן אין בליקער סטריט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָר מיט דער מאַכט פון אַר־בעטערס שטאַרקער האַנט קאָן מען אויספירן וואָס מען וויל.

און סאַמע איצט, בשעת עס גייט צו סעזאָן, האָבן די „בענד־מייקערס" אָפּגעהאַלטן אינמיטן בליקער סטריט אַ פאַרזאַמלונג און באַשלאָסן, אַז עס איז שוין צייט צו העכערן די „ווייידזשעס" פון אַכט סענט אַ טוץ אַף צען סענט.

עס איז געווען נאָך אַ צרה אין בליקער סטריט, וואָס מען האָט דער־פון געליטן מער ווי אין אַנדערע פאַבריקן און שעפּער. די באָסעס פלעגן דאָ אָנפילן די שעפּער מיט אייגענע קינדער, קאָזינס, ברידער און נעפאָטיקלעך. מיט אַזוינע אַרבעטער האָט דער באָס געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

נו, טאקע, אז דער באַס הייסט זיינס אַן „אייגענעם״ ארבעטן א ביסל שפּעטער, אָדער אז דער באַס באַצאָלט זיינס אַן אייגענעם ביליקער. פּאַרט אַן אייגענער. ער וועט זיך ניט באַקלאָגן אין דער יוניאָן — אַן אייגענער זון קענען א טאַטן א באַס.

האָט דערפאַר די גאַנצע יוניאָן געהאַט איצט נאָך א פּראָבלעם פאַר זיך: אָדער איינגאַנצן צו פאַרבאָטן אייגענע קרובים ארבעטער אין טרייד, אָדער אריינצונעמען די אַלע זין, קאָזינס און ברידער פון די באָסעס אין דער יוניאָן. איז ווי אַזוי פּירט מען דאָס איין? וואָס וועט מען טאָן, אויב זיי וועלן ניט וועלן גיין אין דער יוניאָן?

הוישיקעלע האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם גרויסן בונט מיט אר־בעטער, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן גאַס. אַלע האָבן צוגעלייגט זייערע אויערן, ווייל עס איז אַלעמען שוין געווען באַוואוסט, אז הוישיקעלעס פאָטער האָט געעפנט א שאָפּ און עס ארבעטן דאָרט פיר ברידער. האָט מען געוואָלט וויסן וואָס הוישיקעלע טראַכט וועגן דעם ענין.

אין בליקער סטריט האָט מען הוישיקעלען גערופן מיטן נאָמען „סעם״.

— איך מאַך א פאָרשלאַג, אז מען זאָל סטאָפּן מיין טאַטנס שאָפּ — האָט סעם געזאָגט. — אָדער די ברידער מיינע פאַרשרייבן זיך אין דער יוניע, אָדער מען לאָזט זיי ניט ארבעטן.

— הערסט א לשון!

— אָקעגן דעם אייגענעם טאַטן!

— און אז מיין טאַטע, איז וואָס? — האָט סעם זיך ניט געשעמט צו זאָגן. — ער איז ניט קליין צו געבן א „רייז״ און צו ארבעטן קלענערע שטונדן. אַניט זאָל ער זיך צוריקפאָרן קיין יוראָפּ.

— אָטאָ דאָס הייסט בארבורים — האָט געזאָגט „משה מיטן זאַק״, א הויכער, דאַרער בחור. ער איז געווען אַן אָפּערייטאָר און דערפאַר, וואָס ער איז אַלעמאָל געזעסן באַ דער מאַשין ארומגעוויקלט מיט א זאַק אַלס פאַרטעך, האָט מען אים א נאָמען געגעבן „משה מיטן זאַק״.

— דאָס איז ניט געפּאַנפּעט! — האָט אויסגעשריען שמואל־עליע פּאַנפּאַטש. דווקא דערפאַר, וואָס מען האָט אים גערופן אַזוי, האָט ער כסדר זיך באַנוצט מיט דעמדאָזיקן וואָרט: „איך וועל זיך גיין אָפּפּאַנפּען דאָס הארץ״. „איך וועל אים אריינפּאַנפּען עטלעכע פּעטש, וועט ער ווייכער ווערן״. „עס זאָל זיי אַזוי פּאַנפּען אין די קישקעס״...

עס איז געווען מיטאָג־שעה. די צייט פון יאָר פּונקט אינמיטן חודש מאַי. די זון האָט געוואַרעמט איבער בליקער סטריט. די אַלטע חורבות

האָבן זיך אויסגעגלייכט און געוואָרעמט זייערע פאַרזשאַווערטע קאַרניזן און איינגעפאַלענע דעכער; דער צעגריבלטער אַספאַלט האָט זיך געהויבן און זיך געליכטיקט אין דער מאַיאָווער זון; אַ בלויער הימל איז געהאָנגען פון אויבן; טויבן זיינען געפלויגן נידעריק איבער די דעכער און געוואָרקעט; סטאָיעס רויט־ברוסטיקע פייגל האָבן אַראָפּגענידערט אין גאַס און געקליבן קערנדלעך. אינמיטן גאַס זיינען געשטאַנען די אַרבעטער אין הוילע אַרבל מיט צעבראַסטעטע קעלנער, מיט צעפּאַטלטע האָר און זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און צוגעלייגט אַן אויער.

אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן, אַז מען מוז קריגן צוויי סענט אַ העכערונג אַפּן טוץ, און פאַרשרייבן אין דער יוניאָן אַלע זין, ברידער, קאַזינס און אַנדערע קרובים פון די באָסעס.

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז זייערע אַרבעטער שטייען אין אַ רעדל, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין עפּעס ניים. האָט מען אונטערגעשיקט געצל פּיפּערנאָטער, אַז ער זאָל אונטערגיין און זיך איינהערן און כאַפּן אַ וואָרט.

געצל פּיפּערנאָטער, אַ קליינינקער און מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס, איז, מיט זיינע הענט פאַרלייגט אויף הינטן, צוגעגאַנגען און זיך איינגעהערט.

האָט ער געהערט, אַז די „גענג" רעדט פון צוויי סענט העכערונג. האָט געצל געטראַכט: נו, מילא, איר מעגט וועלן און מיר וועלן אייך אַ מכה געבן... אָבער אַז געצל האָט דערהערט וועגן דעם, אַז די „גענג" נעמט זיך צו די קרובים פון די באָסעס, איז ער געוואָרן אויסער זיך: דאָס וועט איר קיינמאָל ניט אויספירן! — האָט געצל געזאָגט, און איז אַוועק צו די באַלעבאַטים און זיי דערציילט, וואָס ער האָט געהערט.

האָבן די באַלעבאַטים זיך אויך אַוועקגעשטעלט אין דער מיטן פון בליקער סטריט אין אַ ראָד און דער פּיפּערנאָטער אין דער מיט פון ראָד. זיין קליין קעפּל האָט ער פאַרהויבן אינדערהויך און מיט זיין דין שוואַך קולכל אַרויסגעהאָוקעט צו די העכערע פון אים:

— זיי ווילן באַ אונדז צונעמען אונדזערע קינדער.

— זיי ווילן האָבן אַ דעה איבער מיין זון.

— מיר וועלן האָדעווען אונדזערע קינדער און זיי וועלן האָבן די דעה.

— אַ מכה!

— מיר וועלן זיי פאַרטרייבן פון דאַנען!

— מיר זיינען געווען די ערשטע אין בליקער סטריט.

— דאָס איז קיין אַרגומענט ניט! — מישט זיך אַריין פּרויקע־סטראַמפּ

און ווישט זיינע נאַסע וואַנטשעס, וואָס טאַקע דערפאַר האָט מען אים געגעבן אַזאַ נאָמען. — איך האָב ליב, אַז מען גיט מיר אַ גוטן אַרגומענט. מיר זיינען געווען די ערשטע אין בליקער סטריט. אַלרייט. איז מה רעש?

— אים איז גַ־נ־גוט צ־צ־צו זאָגן — מישט זיך אַריין „דער איקעוואַטער טכויר", אַ איד מיט אַ געל פּנים און מיט פאַרשמאַלצעוועטע קליידער. — וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז אַרבעטן מיט מיינע ק־קינדער?

— דאָס וועלן זיי ניט אויספירן! — הויבט זיך אויף איבער אַלעמענס קעפּ יאָסל קאַצאַפּ, אַ הויכער, רויט־פּנימדיקער איד מיט אַ געזונטן קאַרק און גרויסע הענט. — אָט אַרבעט בײַ מיר מיינער אַ קאָזין. איך האָב אים געבראַכט קיין אַמעריקע. ער איז מיר נאָך שולדיק פאַר דער שיפסקאַרטע. זאָלן זיי מיר באַצאָלן פאַר דער שיפסקאַרטע און איך בין אים זיי מוחל.

דער גרויסער לאַנג־אויסגעצויגענער טרויעריקער פייף, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז עס איז שוין צייט צו גיין צוריק צו דער אַרבעט, האָט דורכגעשניטן די לופט. די רויט־ברוסטיקע פייגעלעך האָבן זיך דערשראָקן און מיט אַ שניט אינדערלופט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפלויגן. די אַרבעטער זיינען זיך אויך צעלאָפן, יעדער אין זיין שאַפּ.

דער באַשלוס איז געווען, אַז פאַרנאַכט, זעקס אַזייגער, זאָלן אַלע גיין איבער די שעפער און אָנזאָגן די באַלעבאַטים וואָס מען וויל פון זיי.

הווישיקעלע איז שוין קוים איינגעזעסן אַף זיין אָרט. אים האָט געצויגן אַף דער פריי. ער האָט שוין ניט געקאָנט אַרבעטן. און זיין באַלעבאָס „יאַנקל מיט דער נאָז" האָט הווישיקעלען געהיט מיט אַן אויג אַ באַהאַלטנס הינטער זיין לאַנגער נאָז.

— ס'דעמעהר? — פרעגט יאַנקל בײַ הווישיקעלען.

— אין אַזאַ טאָג וויל איך בעסער זיין פריי — ענטפערט הווישיקעלע.

— פונקט אין מיטנדערימעך, ווען איך דאַרף די וואַרע, וויל ער זיין פריי.

— צו מיר רעדט מען ניט אַזוי — זאָגט הווישיקעלע קאַלטבלוטיק.

— וואָס ביסטו? אַ וואַשעבלאַגאָראָדיע?

— איר זעט? — הויבט אויף הווישיקעלע אַ האַנט. — איך האָב אַזוינע הענט.

— וואָס? פּעטש? פאַרוואָס קומט עס מיר?

— דערווייל קומט אייך נאָך ניט. אָבער ——

— סעי, פאַרוואָס גייסטו ניט אַריין צו דיין טאַטן אַרבעטן?

— דאָס איז מיינע ביזנעס.

— אַלרייט, אַלרייט, לאָמיר אָננעמען אַ מויל מיט וואַסער. איך דאַרף די וואַרע.

— ווער באַדערט אייך? רעדט ניט צו מיר, וועל איך צו אייך ניט רעדן.

— אַלרייט. מיינסט מען ווייסט ניט? אַלרייט, מען ווייסט — זאָגט יאַנקל.

— וועל איך זיך דערשרעקן פאַר אייך, אויב איר ווייסט.

— ווייסט, סעם, אַזעלכע ווי דו האָט מען ניט באַדאַרפט אַריינלאָזן אין אַמעריקע.

— און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אייך? וואָס טוט איר אויף פאַר אַמעריקע?

— איך בין אַ ביזנעסמאַן.

— אַזוי? ! קוילע מיר די גענדז. אַ ביזנעסמאַן. סעי, דו לויזער, אַף „פּיידע" האָסטו?

— דערווייל מאַכסטו אַ לעבן פון מיר.

— ס'אַ ליגן! דו מאַכסט אַ לעבן פון מיר — שרייט אוים הוישיקעלע.

— אָט וועלן מיר זען. איר גייט דאָך אַרוים סטרייקן, אי וועט איר פּעכגען פון הונגער — רייצט זיך יאַנקל מיט הוישיקעלען.

— און ווער וועט אייך מאַכן די אַרבעט, אויב מיר וועלן סטרייקן? — רייצט זיך צוריק הוישיקעלע מיט יאַנקלען.

— פּלענטי באַלמעלאַכעס.

— סקעבס?

— זאָל זיין סקעבס.

— וויבאַלד ביסט אַזאַ קלוגער, קאָנסטו מיר שוין קושן אין — — — —.
הויבט זיך הוישיקעלע אויף פון דער מאַשין און טרייסלט זיך אַרום פון די האָר און שטויב.

— וואַצעמעדער?

— עס וועט קאָסטן צוויי סענט טייערער אַפּן דאָזן — זאָגט הוישיקעלע.

— יאָה קרייזי!

עס זיינען נאָך געזעסן צוויי אַנדערע אַרבעטער בא צוויי מאַשינען. הוישיקעלע האָט צו זיי אַ וואונק געטאָן, אַז זיי זאָלן זיך אויפהויבן פון דער אַרבעט. די צוויי האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיך גענומען אַרומטרייסלען פון די אָנגעקלעפּטע האָר אַרום זייערע הויזן, העמדער און פּנימער.

— איר אויך? — גלאָצט „יאַנקל מיט דער נאָז" צוויי גרויסע אויגן און זיין פּנים זעט אויס אַזוי ווי די נאָז וואָלט געווען אַ דישל און די

אויגן צוויי רעדער. — אַלרייט, מיך אַנגעכאַפּט באַם דישל און מען שלעפּט מיך באַרג אַראָפּ. זעצט זיך צוריק.

— גיסט נאָך? — פרעגט הוישיקעלע בייז.

— אַ ברירה האָב איך? איך גיב נאָך. — באַ זיך האָט יאַנקל געטראַכט, אַז ער איז קליגער פון „זיי״ אַלע דאָ אין בליקער סטריט. איצט וועט מען באַ זיי אַלע סטרייקן און באַ אים וועט מען אַרבעטן. ער „צעטלט״ דאָך.

ער איז געזעסן באַ דער מאַשין און דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געטראַכט פון דעם, ווי ער וועט צונעמען באַ זיי אַלע קונים.

דער זעקס־אַזייגערדיקער פייף האָט זיך געלאָזט הערן און אַלע אַרבעטער אין בליקער סטריט זיינען אַרויס אין גאַס. זיי האָבן זיך צונויפגענומען אין אַ גרויסן בינט און אַוועק אַלע אינאיינעם אַנצושרעקן די באָסעס.

:: :: ::

דער סטרייק אין בליקער סטריט איז געווען אַ ביטערער. באַלד אפן צווייטן טאָג איז געווען אַ גרויס געשלעג באַ יאָסל קאַצאַפּ אין שאַפּ.

יאָסלס קאָזין איז אַוועק אין פּאָליס־סטיישאָן און געבראַכט דעטעקטיוום. הוישיקעלע איז אַרעסטירט געוואָרן, אָבער מען האָט אים באַלד אַרויסגעלאָזט. קיין שום באַווייזן זיינען ניט געווען. ווייל קלעפּ האָבן די סטרייקערס געגעבן טרוקענע, און אַז יאָסל קאַצאַפּ איז געקומען אין פּאָליס־סטיישאָן עדות זאָגן, האָט מען אים געהייסן ווייזן בלוט.

— אַ קאַפּאָרע אַף זיי! — האָט יאָסל קאַצאַפּ געזאָגט צו זיין קאָזין. — כאָטש גיי און צעשנייד זיך דעם האַלדז און ווייז זיי בלוט.

אַלע סטרייקער האָבן דערנאָך באַגעגנט יאָסל קאַצאַפּ מיט אַ געלעכטער, ווען ער איז צוריקגעקומען אַף בליקער סטריט מיט אַ לאַנגער נאָז.

— אי פאַרפוילטע פיש, אי פאַרשטונקענע הערינג, כאַ־כאַ־כאַ.

אין יענעם נאָכמיטאָג זיינען די סטרייקער אַרויף צו הוישיקעלעס פאָטער אין שאַפּ אַריין. אין דער שפּיץ פון די סטרייקער איז געגאַנגען הוישיקעלע, אַזוי ווי אַ שטאָלצער קריגער.

בליקער סטריט האָט דאָס דערזען, איז געוואָרן אַ געלאַף.

לעווע מיט כאַצקלען האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אַ ביסל די מלאכה. און נחום מיט מאָטיען האָבן זיך נאָר־וואָס צעלאָזט אין אַ געוועט, ווער וועט וועמען איבעריאָגן. דאָס דאַך־פענצטער איז געווען אָפן. פון דאָרט ביז צום דיל איז געלאָפן אַ סקאָסנער זייל מיט שטויב און זונליכט. עס איז נאָר־וואָס געווען נאָך מיטאָג. חיים האָט געבראַכט די גוטע קאָטלעטן פון

דער חיים. די קינדער האָבן זיך אָנגעגעסן. ער אַליין, חיים, האָט זיך אויך אוועקגעזעצט אויסבינדן די פּאַסן פּוטער, די בענדלעך, ווי חיים האָט פאַר־אידישט דאָס ענגלישע וואָרט „בענדס".

חיים האָט שוין אין די עטלעכע טעג אַלס אַ געשעפטסמאַן אין אַמעריקע זיך אַליין געפונען. אים איז געווען גוט, ווי ווען־ניט־איז אין זיין לעבן. אַלע טירן האָבן זיך פאַר אים געעפנט ברייט.

וואוהין ער איז געגאַנגען און וואָס ער האָט געטאָן, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מעשה מיט זיינע ניין זין. אין דער באַנק, בא די הורטאָוונע קונים, בא די סוחרים אין בליקער סטריט — אומעטום האָט מען חיימען אַקעגנגעטראָגן דעם שיינעם שמייכל מיטן ברייטן ברוך־הבא.

נאָר גיי דערציייל יענעם וואָס עס טוט זיך אין הויז בא אים אינדערהיים. דער עלטערער זון אייזיק איז טויט־ברוגז. הוישיקעלע וויל ניט אַרבעטן בא אים. עס איז אים מסתם בעסער זיך אַרומצושלעפּן מיט דער חברה פון בליקער סטריט. און ווען די מאַמע זיינע זאָל געוואויר ווערן, ווי אַזוי מען האָט אים, הוישיקעלען, געשלעפּט אין „חד־גדיא" ווי עפּעס אַ געפערלעכן גנב.

זיצט ער אַזוי און לייגט אויס די בענדלעך און בינדט זיי אויס מיט רויטע שטריקעלעך — ווען פּלוצים גיט זיך די טיר אַ צעעפן און אַט איז הוישיקעלע מיט אַ גאַנצן בינט פון זיינע חברה.

בא חיימען נעמען אָפּ הענט און פיס. ער בלייבט זיצן אַזוי ווי אַ פאַר־שטיינערטער. דער גאַנצער שאַפּ ווערט פול מיט מענטשן אין איין רגע.

— טאַטע — זאָגט הוישיקעלע צו זיין פאָטער חיים — מיר זיינען די יוניאָן.

חיים בלייבט זיצן אויף זיין אָרט. די פיר ברידער — נחום, מאָטיע, כאַצקל און לעווע — הויבן זיך אויף פון זייערע ערטער, רינגלען אַרום דעם פאָטער. זיי זעען אויס ווי אויף חוזק, אויסגעשמירט אויף זייערע פּנימער פון דער פאַרב פון דעם פּוטער.

— מיין פאָטער פאַרשטייט ניט דעם ענין — זאָגט נחום — און איך וויל רעדן אין זיין נאָמען.

— מיר זיינען געקומען אייך אַראָפּנעמען אין סטרייק — רעדט הוישיקעלע אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט מיט פרעמדע מענטשן און ניט מיט זיינע ברידער.

— אונדז אין סטרייק? — מישט זיך אַריין מאָטיע. — אין סטרייק קעגן אַ טאַטן?

— אין צייט פון סטרייק איז ניטאָ קיין טאַטע — זאָגט הוישיקעלע.

— אָבער... — װיל נחום עפּעס זאָגן, נאָר דער פֿאָטער מישט זיך אַרײַן:
— קינדער, גיט מיר אויך צו פֿאַרשטײן װאָס דאָ איז.
— אַ סטרײַק! אַ סטרײַק! — שרײַט אים אַרײַן הױשיקעלע אין פּנים אַרײַן.

חיים מײנט, אַז דאָס זינדל זײַנס זידלט אים, שרײַט ער צוריק:
— װיש דיר אָפּ די נאָז!
— טאַטע, דאָס זײַנען אַלע אַרבעטער בײַ בענדס, און זײ האָבן אָװעקגעלײגט די אַרבעט. הײסט עס אַ סטרײַק — דערקלערט מאָטיע די גאַנצע סיטואַציע.
— פֿאַרװאָס האָבן זײ אָװעקגעלײגט די אַרבעט? — פֿרעגט חיים.
— דערפֿאַר װײַל מיר װילן צװײ סענט טײַערער אָפּן דאָזן. און מיר װילן אויך, אַז אײגענע קינדער, װעלכע אַרבעטן בײַ זײער טאַטן, זאָלן צו אונדז צושטײן.
— נאָר װער לאָזט אײַך ניט, קינדערלעך? — זאָגט חיים.
— חברה, טוט זיך אָן און קומט — באַפֿעלט הױשיקעלע זײַנע ברידער.
די ברידערלעך קוקן זיך איבער מיטן פֿאָטער. די צװײ עלטערע װײסן שױן װאָס עס הײסט סטרײַקן. די צװײ אינגערע װײסן נאָך ניט װאָס דאָס איז. אָבער אַזױ װי מען מוז זיך אָנטאָן — טוען זײ זיך אָן.
— משוגעים! — שרײַט חיים צו זײַנע קינדער. — װאָס אַרט מיך, אַז איך װעל אײַך משלם זײַן נאָך צװײ סענט? איך גיב דען מײַנס?
— דאָס הײסט, אַז דו גיסט נאָך? — פֿרעגט הױשיקעלע בײַם פֿאָטער.
— ניט דיר, נאָר זײ — װײַזט חיים אָף די איבעריקע אַרבעטער.
— שװער ניט מיר, נאָר אונדז — ענטפֿערט הױשיקעלע און קוקט דעם טאַטן גלײַך אין די אױגן. חיימס פּנים איז אַזש בלאָ געװאָרן. הױשיקעלע זאָגט:
— און פֿון הײַנט אָן און װײַטער טאָר קײנער ניט אַרבעטן נאָר ביז זעקס אַזײגער. פֿון אַכט אינדערפֿרי ביז זעקס פֿאַרנאַכט. אַזױ האָט אונדזער יוניאָן באַשלאָסן. סע מעג זײַן אײגענע זין אָדער אײגענע קרובים — זעקס אַזײגער לײגט מען אָװעק די אַרבעט.
— ר׳ חיים! — דערהערט זיך פּלוצים אַ קול אַזױ װי פֿון אַ פֿאַס. — לאָזט אײַך ניט בלאָפֿן!

פֿון אָנגעלאָפֿענעם עולם שאַרט זיך אַרױס יאָסל קאַצאַפּ. ער װאַרפֿט מיט זײַנע הענט אַזױ װי װיעסלעס און שאַרט אָװעק פּלײצעס און קעפּ און שלאָגט זיך צו נאָענט צו הױשיקעלען.

— דו סמארק! — ווארפט זיך יאָסל קאַצאַפּ אַרויף אַף הוישיקעלען. ער איז העכער און גרעבער פון הוישיקעלען און אַף אַ ווײַלע זעט עס אויס, אַז ער וועט הוישיקעלען צעקוועטשן.

עס ווערט אַ געפּילדער און געיעג. די צוויי שלעגער האָבן זיך שוין געקאַטשעט אַפן דיל. כאַצקל האָט געכאַפּט אַ בענקל און אַ זעץ געטאָן איבער יאָסל קאַצאַפּס קאָפּ. דאָס בענקל איז זיך צעפאַלן אין שטיקלעך. און ערשט איצט האָבן מענטשן געכאַפּט די שטיקער פּיסלעך פון בענקל און עס איז געוואָרן אַ געשלעג.

די חברה פון דער יוניאָן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אַף די באַלעבאַטים. עס זײַנען געפלויגן פּעטש איבער קעפּ, פּנימער, און פון ציין האָט שוין גערונען בלוט. אין דער לופט פון דעם ניט־איבעריק־גרויסן בוידעם־שטיבל איז געשטאַנען אַ שטויב. האָר זײַנען אַרומגעפלויגן אַזוי ווי אויסגעפּליקטע פעדערן.

חיים האָט געפּרוּווט צעטרײַבן די שלעגער. אָט האָט ער זיי צעריסן און זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער מיט צווישן זיי. אָבער באַלד האָט דאָס געשלעג אויסגעבראָכן פון אַן אַנדער אָרט.

די פיר ברידער — לעווע, כאַצקל, מאָטיע און נחום — האָבן גענומען זייערע שערן אין די הענט, גרויסע שערן מיט שאַרפע שפּיצן, און אָפּגעטריבן יאָסל קאַצאַפּ פון זייער ברודער הוישיקעלע.

הוישיקעלע האָט געסאָפּעט אַזוי ווי אַ פערד נאָך אַ גרויס געיעג. זײַנע האָר זײַנען געווען צעשויבערט, זײַן פּנים רויט און צעדראַפּעט. די אויגן אַרומגעשלאָגן מיט בלויע צייכנס. און בײַ יאָסל קאַצאַפּ האָט גערונען בלוט פון ביידע נאָזלעכער און איין אויג איז בײַ אים אינגאַנצן געווען פאַרמאַכט. דאָס געשווילעכץ האָט זיך געהויבן אַרום אָט־דעם פאַרמאַכטן אויג. יאָסל קאַצאַפּ האָט געפּראַכט ווי אַ פעטער חזיר און ניט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— איצט וועסטו שוין וויסן וואָס עס הייסט אַ יוניאָן! — האָט הוישיקעלע געשריען און זיך געריסן צו יאָסל קאַצאַפּ, גרייט זיך ווידער אַף אים אַרויפצוּוואַרפן.

— ניט בײַ מאָטיען! — האָט יאָסל צוריק געזשיפּעט און קוים אַרויס־געפּראַכט. ערשט איצט איז חיים געקומען צו זיך און געעפנט די טיר און געטאָן אַ געשריי:

— איך הייס אַלע אַרויסגיין! מאַרש!

אכטער קאפיטל

דער טומל אין חיימס שאפ האט זיך איינגעשטילט. חיים איז שיר ניט איבערגעבליבן איינער אליין. די פיר זין האבן זיך אנגעטאן אף אוועק־צוגיין. די מאשינען זיינען געלעגן איבערגעקערט מיט די פיס ארויף. פון די בענקלעך איז ניט געבליבן קיין איינער א גאנצער. די „פאר־פיסעס" (שטיקלעך פוטער) זיינען געלעגן צעשפּריים און אויסגעשאטן איבערן דיל. בא חיימען אפן קאפ איז דער קאפעליוש געזעסן צעדרייט אין דער ברייט פון קאפ. זיין שווארץ אלפאגענע שאפ־רעקל איז געווען צעריסן אף דער פּלייצע.

— וואס איז דאס, קינדער? איר לאזט מיך איבער אליין? — האט חיימס קול געציטערט.

אים איז געקומען אין דער מחשבה, אז ער וועט זיין צו־שוואך אליין אהיימצוגיין נאך אזא פּאסירונג. בא אים האט עס אנדערש ניט אויסגעוויזן, ווי אז זיין מסחר מיטן שאפ איז שוין פארענדיקט. און ער האט ניט געהאט קיין כוח אליין איבערצוטראגן אט־דעם קלאפּ.

— מיר גייען זיך פארשרייבן אין דער יוניאן — זאגט מאטיע — און דערנאך וועלן מיר דיך קומען נעמען אהיים.

— און ווער וועט אלעם צוריקשטעלן אף אן ארט? — פרעגט דער פּאטער.

— מארגן אינדערפרי, טאטע, מארגן — זאגט מאטיע.

— וואס הייסט? היינט וועט מען שוין גארניט טאן? — וויל וויסן חיים ווי ער האלט מיט זיינע קינדער.

— מען וועט קיינמאל שוין מער ניט ארבעטן נאך זעקס אזייגער. ס'איז א יוניאן — זאגט מאטיע אביסל ערנסט און אביסל מיט שפּאס.

די קינדער זיינען שוין געהאט אוועקגעגאנגען, אראפּ אין גאס אריין. חיים האט צו זיך אליין געזאגט:

— נא דיר נייע פּאראנדקעס!

ער האט געפילט דאס ערשטע מאל אין אמעריקע, ווי עס ברויזט אין אים אויף א גרימצארן. ביז איצט האט ער זיך קאנטראלירט, איינגעהאלטן. די קינדער זיינען שוין דערוואקסענע מענטשן. זיי האבן זיך מקריב געווען צוליב אים. אמת, זיי פירן זיך ניט אזוי, ווי ער וואלט געוואלט. אבער ער

אליין איז דאָך שוין אויך ניט דער אייגענער חיים וואָס ער איז געווען „דאָרטן". שיין באַלד אַריבער אַ האַלב יאָר זינט ער איז אין אַמעריקע און ער דאַווענט נאָך אַלץ אין דער היים. נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט ערגעץ צוצוטוליען זיך צו אַ שול אָדער אַפילו צו אַ מנין. אַלץ געוואַרט ביז ער וועט זיך בעסער באַקענען מיט אַמעריקע. אַ גליק נאָך וואָס ער האָט מיט־געבראַכט פון דאָרטן ספרים, אַניט וואָלט אים אויסגעקומען אַפילו ניט אָנזען אַ ספר. און זי, זיין רייזי, האַלט מיט די זין. וואָס זיי זאָגן, באַמקעט זי נאָך. איצט האָט ער געמיינט, אַז ער וועט שוין אָנהויבן זיך צוצוטוליען צו מענטשן, טאָן מסחר און זיך באַקענען מיט דער דרויסנדיקער וועלט. לאָזט זיך אויס, אַז אַ ליאַדע הוישיקעלע זאָל אַריינקומען מיט זיין כאַ־ליאַסטרע אין מיטן העלן טאָג און איינפירן נייע פאַראָנדקעס.

— וואו נעמט מען באַלד דאָ אָפּן אָרט מאָריסן? — האָט חיים גע־טענהט צו זיך אַליין. ער איז געווען באַ זיך זיכער, אַז זיין זון מאָרים וועט דערהערן פון דער גאַנצער מעשה, וועט ער אויך ווערן אויפגעבראַכט.

— וואָס הייסט? וואו איז יושר? און היתכן? געקומען אַ איד קיין אַמעריקע און וויל זיך צו עפּעס דערדראַפּען מיט זיינע אייגענע קינדער. דאַכט זיך שיין און יושרדיק — — —

חיים האָט זיך אַרומגעקוקט צי עס איז דאָ וואו זיך צו זעצן. ער האָט זיך דערפילט מיד. זיינע שטיקלעך פוטער, אַף וועלכע ער האָט געבויט אַזוי פיל, זיינען איצט געבליבן צעטראָטענע אָפּן דיל. די בענקלעך צעבראָכן אַף פיצלעך. ערשט געקויפט בענקלעך. זיי האָבן נאָך געוואָלט קויפן נייע בענקלעך, האָט מאָרים, ער זאָל לאַנג לעבן דערפּאַר, געזאָגט, אַז נישקשה, עס מעג זיין אָפּגעניצטע בענקלעך. איצט וועט מען דאַרפן נייע בענקלעך. און ווער ווייסט, צי מען וועט ניט דאַרפן נייע מאַשינדלעך, נייע געלט אַף נייער וואַרע. גיי הויב אָן איבעראַניים פון אָנהויב. און דאָס האָט מען צו פאַר־דאַנקען אַן איינגן קינד — אַז אויסגערונען וואָלט ער געוואָרן פון זיין מאַמעס בויך!

דערווייל איז כאַצקל געקומען אַרויף פון גאַס און אָנגעזאָגט דעם טאַטן די בשורה, אַז זיי האָבן זיך שוין אַלע פיר פאַרשריבן אין דער יוניע.

— און איצט קום אַהיים — האָט כאַצקל פאַרענדיקט זיין באַגייסטערונג פאַר דער יוניאָן.

— הלואי וואָלט די שיף מיט אונדז אונטערגעגאַנגען איידער מיר זיינען אַהער געקומען — האָט חיים געשאָלטן.

אין דער היים האָט מען נאָך פון גאָרניט געוואוסט. מאָרים איז

נאָך ניט געווען צוריק פון דער ארבעט. די מאַמע האָט געקאָכט וועטשערע. די צוויי קלענערע קינדער, פיני מיט שמואליקן, האָבן שוין ניט געוואָלט ליידן, אז די מאַמע זאָל זיי רופן מיט די אידישע נעמען. די מאַמע האָט זיי געקניפּט און געשטורכעט און געקוויטשעט אַף איר אייגענעם, אַלטן שטייגער און זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן און דוקא זיי גערופן פיני און שמואליק. די צוויי קינדער האָבן געטופּעט מיט די פיס און געוויינט מיט ביטערע טרערן. אויסגעווישט די טרערן און מורא געהאַט, אז זיי וועלן אַן ווער־ווייסט־וואָס און זיי זיינען אַראָפּ אין גאַס זיך שפּילן.

אייזיק איז געווען דער ערשטער אהיימצוקומען זייער פרי פון דער ארבעט. בא זיין ארבעט איז איצט געווען „סלעק". אין שאַפּ האָט מען געמוזט קומען אַלע טאָג. אזוי איז געווען איינגעפירט, אז די ארבעטער פלעגן זיך צונויפקומען אין שאַפּ און וואַרטן, טאָמער וועט דער באַלעבאָס געבן א ביסל ארבעט.

אייזיקן איז דאָס ניט געפעלן. ער האָט דעמדאָזיקן „איבל" שוין גע־פּרואווט באקעמפן אַף א פאַרזאַמלונג פון דער „פריים מייקערס יוניאָן". אָבער די בחורים, וואָס זיינען געווען די פירער פון דער יוניאָן, האָבן גע־רעדט קעגן אייזיקן. זיי האָבן געזאָגט, אז אין דעם „איבל", אויב עס איז אפילו אַן „איבל", זיינען די באַלעבאַטים ניט שולדיק. די פירער פון דער „פריים מייקערס יוניאָן" זיינען אַלע געווען אמעריקאַניזירטע בחורים; א טייל פון זיי דאָ־הי געבוירענע און א טייל פון זיי אימיגראַנטן; גערעדט האָבן זיי ענגליש אַף די מיטינגען פון דער יוניאָן. טאָמער האָט אייזיק גע־וואָלט עפּעס זאָגן און ער האָט דאָך נאָר געקאָנט רעדן אידיש, האָט מען אים פאַרשריען: „טאָק יונייטעד סטייטס!"

און דידאָזיקע פירער האָבן אייזיקן אַלעמאָל אויסגעלאַכט מיט זיינע „גרינע" אידייען; אַף אַלץ האָבן זיי באַלד אָנגעמאַכט א גוואַלט:

— „דעטס סאָשעליזם!"

די פאַרזאַמלונגען פון דער „פריים מייקערס יוניאָן" זיינען געהאַלטן געוואָרן אין א ביר־סאַלון אין אַן אונטערשטן צימער. דאָרטן זיינען אַף די ווענט געהאַנגען פאָנען פון רויטן סאַמעט מיט אויסגעהאַפטענע אותיות פון גאָלד־פעדים, אָבער דאָס זיינען חלילה ניט געווען קיין רויטע פאָנען אין דעם אמתן זין פון וואָרט, נאָר עס זיינען געווען אַזעלכע מענטעלעך פון „סאָסייעטיס" און לאַנדסמאַנשאַפטן. דאָ אין צימער איז געווען אַן „אָרון־קודש" מיט אַן „עמוד", מיט לייכטער און מיט אַלע כלי־קודש. און בא דער וואַנט דריי פּלוש־געבעטע פּאָטעלן. דער מיטלסטער — א גרויסער מיט

א הויך ווענטל און מיט צוויי ליבן אויסגעשניצט. די צוויי אנדערע, א ביסל קלענערע, אבער אויך אויסגעבעטט מיט פלוש און מיט געשניצטע ווענטלעך.

אט אין דעם צימער האט די „פריים מייקערס יוניאן" געהאלטן יעדן חודש א פארזאמלונג. פארשטענדלעך, אז אין אזא אטמאספערע מיט אן ארון־קודש און מיט „סאסייעטי"־פאנען איז די „פריים מייקערס יוניאן" אויך שיר ניט געווען עפעס א מין „סאסייעטי־פאר־בענעפיט". אף די פאר־זאמלונגען האט זיך אלעמאל געפירט אט אזוי: אין דעם גרויסן שטול איז געזעסן דער פרעזידענט פון דער יוניאן. פון ביידע זייטן באם פרעזידענט זיינען געזעסן דער וויצע־פרעזידענט און דער סעקרעטאר־קאסירער. אפן טיש איז געלעגן א געשניצט העמערל מיט א דין הענטל. בא דער טיר איז געזעסן א „סארדזשענט עט ארמס". אין דער טיר איז געווען א קליין, קיילעכיק פענצטערל מיט א טירל. אויב אימיצער פון די ארבעטער האט געוואלט אריינקומען צו דער פארזאמלונג, האט ער באדארפט געבן צוויי שווערע קלעפ און איין לייכט קלעפעלע אין דער טיר. דאס איז געווען אזא סיגנאל. דעמאלט האט זיך דער „סארדזשענט", וועלכער האט, אגב, געטראגן א ברייטע רויטע לענטע איבער זיין ברוסט, זיך אויפגעהויבן און געעפנט דאס קליינע טירעלע און ארויסגעקוקט ווער עס איז דארט.

די בענק אין צימער זיינען געווען לאנגע און מיט הויכע ווענט, אזוי ווי אין א כאר־שול. די ארבעטער פלעגן זיצן אזוי ווי באהאלטענע אין אט־די דאזיקע בענק.

דער פרעזידענט האט אלעמאל אנגעהויבן די פארזאמלונג מיט א קלאפ פון העמערל. מען האט געקאנט זען, אז עס קומט אים צו א שטיק געזונט, ווען ער נעמט דאס דאזיקע העמערל אין זיינע הענט. דערנאך האט ער גע־לייענט פון א פאפיר די טאג־ארדענונג: „באריכט", „דיוס", „וואויל אם בעסטן". די לעצטע רובריק האט אריינגענומען אין זיך דאס גאנצע לעבן פון די ארבעטער; זייער קאמף פאר בעסערע באדינגונגען.

אפגעלייענט דעם פראטאקאל, זעצט זיך דער סעקרעטאר אוועק און דער פרעזידענט גיט ווידער א קלאפ מיטן העמערל אין טיש און פרעגט צי מען „הייסט גוט" דעם פראטאקאל. ווער איז דערפאר זאל זאגן: „אי". ס'דערהערט זיך א געשריי פון אלע מיטגלידער: „אי!" דאן זאגט דער פרעזי־דענט ערנסט און מיט אנגעבלאזענע ליפן: „דאמיט פאסירט. איצט, ברידער, צאלט מען דיוס", א. אז. וו.

אייזיקן האט אזא טויטע מעכאנישע פארזאמלונג דענערווירט. ער האט אפט געפילט, ווי זיך אויפצוהויבן און טאן א קלאפ אין טיש: גענוג!

אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. ער האָט ניט געוואָלט פאַרלירן זיין צוגעבונדנקייט צו דער מאַסע. ער האָט געטרונקען מיט זיי אינאיינעם די גלעזער שוימיקן ביר. דערפאַר אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו גראָבן ביסלעכ־וויז פון אינעווייניק. ער האָט זיך באַמיט ניט אַרויסצואַווייזן זיין אינטעלי־גענטישקייט, כאָטש זייער גרינג איז אים ניט אָנגעקומען צו מאַסקירן זיך פאַר אַזאַ פּראָסטן ווי זיי אַלע. אויב זיי האָבן גערעדט באַ אים אין שאַפּ גראָבע רייד, האָט ער ניט געדרייט מיט דער נאָז, נאָר ער האָט אויך גע־פּרואווט אָנטייל נעמען אין די דאָזיקע רייד. האָבן די אַרבעטער אים צו־ביסלעך אָנגעהויבן צו האַלטן פאַר איינעם פון זיי. און צוביסלעך האָט אייזיק אָנגעהויבן אַריינצוּוואַרפן אַ וואָרט דאָ און דאָרט, ווי אַ פּיאָנער אַף אַ פרעמד פעלד, וואָס ווייסט נאָך ניט וואָס ס׳וועט וואַקסן און וואָס ניט.

ווען אייזיק באַמערקט, אַז דאָס וואָרט גיט אַ ברי, פאַרלויפט ער צוריק און פאַרמאַסקירט זיך ווידער און ווערט צוריק אַזוי פּראָסט אַזוי ווי זיי אַלע.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם:

אין דער אינדוסטריע איז איצט „סלעק”. מען שטייט אַפּ גאַנצע טעג אין שאַפּ און עס איז נישטאָ קיין אַרבעט. פּלוצים, אין איין שיינעם נאָכ־מיטאָג, קומט אַריין צולויפן דער באַלעבאָס און גיט אַ געשריי: „חברה, איך האָב אַ גרויסע באַשטעלונג. נעמט זיך שוין צו דער אַרבעט.” אין שאַפּ ווערט מיטאַמאָל אַ גערודער. אַרבעטער שאָקלען זיך איבער די וואַר־שטאַטן און פלעכטן מיט אימפּעט די דראָטענע היטעלעך. פאַרנאַכט, ווען די צייט איז שוין געוועןנ נאָענט צום אַהיימגיין, זאָגט דער באַלעבאָס, אַז ער וויל, אַז יעדער אַרבעטער זאָל אַרבעטן „נאַכט אַרבעט”. שווייגן אַלע. און אייזיק באַמערקט, אַז אַלע זיינען צופרידן צו בלייבן אַרבעטן „נאַכט־אַרבעט”.

אַז ס׳איז געוואָרן זעקס אַזייגער האָט זיך אייזיק אָנגעטאָן אַהיימ־צוגיין. זאָגט דער באָס צו אים:

— „וואַצעמעדער?!”

— איך גיי אַהיים — זאָגט אייזיק. — איך קאָן ניט אַרבעטן קיין „נאַכט־אַרבעט”.

— דו ביסט אַ מיוחס? — פרעגט דער באַלעבאָס און ווערט רויט פון כעס.

— אַ גאַנצן טאָג שטייט מען ליידיק — זאָגט אייזיק.

— וואו זאָל איך דיר נעמען אַרבעט? מאַכן פון מיר? — טענהט דער באַלעבאָס. די איבעריקע אַרבעטער דרייען אויס די קעפּ און שאָקלען מיט זיי, כדי צו באַווייזן, אַז זיי זיינען מסכים מיטן באַלעבאָס.

טראַכט זיך איציק, אַז דאַרפֿן וואָלט ער טאַקע באַדאַרפֿט אַהיימגיין. אָבער אַזוי ווי אַלע אַרבעטער בלײַבן איבער אַרבעטן, באַדאַרף ער אויך בלײַבן. ער וועט גאָרניט געווינען מיט זײַן אַוועקגיין. פֿאַרקערט, ער קען נאָך פֿאַרלירן דעם דזשאָב.

בלײַבט איציק אַרבעטן. דערווײַל האָט ער אַרײַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט, אַז אַן אַרבעטער קען אַמאָל זיך פֿאַרגינען ניט צו וועלן אַרבעטן „נאַכט־אַרבעט".

דערפֿאַר האָט איציק געליטן אינדערשטיל. און זײַנע אונטערדריקטע געפֿילן אויסגעדריקט אין דערציילונגען, וועלכע זײַנען דווקא ניט געווען פֿון אַרבעטער־לעבן.

איציק האָט אַליין ניט געוואוסט, פֿאַרוואָס ער שרײַבט ניט פֿון אַרבעטער לעבן. ער האָט זיך סײַ־ווי נאָך ניט געהאַלטן פֿאַר קיין שרײַבער. און עס איז בײַ אים נאָך ניט געווען קיין שאלה וועגן ריכטונגען אָדער שולן.

עס איז געווען בײַ אים פּראָסט אַזאַ פֿאַרלאַנג כאָטש איינמאָל אָפּצודרוקן אַ דערציילונג ערגעץ אין אַ צײַטונג. דאָס אַלץ. ווײַטער האָט זײַן געדאַנק ניט געאַרבעט. איבערהויפּט איז ער געווען זייער אַ שווערער טראַכטער.

ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט אַהיימצוקומען פֿרי, האָט איציק אויסגענוצט די געלעגנהייט.

ער איז היינט אַהיימגעקומען פֿרי און די מאַמע האָט אים געגעבן באַזונדער וועטשערע. ניט איציק און ניט די מאַמע האָבן געוואוסט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין בליקער סטריט בײַם טאַטן אין שאָפּ. איציק האָט אָפּגעגעסן. די מאַמע האָט מיט אים זייער ווייניק גערעדט. זי האָט שוין געזען, אַז איציק זיצט אָפּט און שרײַבט. און ווי פּראָסט זי איז געווען, די מאַמע, האָט זי פֿונדעסטוועגן דערשמעקט, אַז איר זון איציק איז גאָר אַן אַנדערער פֿון אַלע אירע איבעריקע זין, האָט זי מורא געהאַט מיט אים זיך צו זאַטשעפּען.

איציק איז אַרײַן צו זיך אין צימער און זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן. ער האָט געדאַרפֿט פֿאָרן זיך זען מיט דעם באַרימטן שרײַבער פּ... און פֿאָרן צו אים מיט איין זאַך האָט ער ניט געוואָלט. שרײַבט איציק איצט נאָך אַ זאַך.

דאָס פֿענצטער איז אָפֿן. פֿון דער גאַס שווימט אַרײַן אין צימער דער טומל פֿון קליינע קינדער, דאָס גראַגערן פֿון רעדער איבער די שטיינער. אין מערב פֿאַרגייט מסתּם די זון. אָבער איציק האָט ניט קיין צײַט אַפֿילו צו טאָן

אַ קוק אַרױס דורכן פֿענצטער. ער זיצט מיט זײַן פּלײצע צום פֿענצטער. דאָס טישל שטײט האַרט בײַ דער װאַנט.

בײַ אײַזיקן אין קאָפּ איז אַ מיש־מאַש פֿון געדאַנקען. ער איז אַ פֿאַר־געסענער אין זיך אַלײן. די פֿען שאָקלט זיך בײַ אים אין דער האַנט. אָבער עס שרײַבט זיך גאָרניט אַזױ לײַכט.

אָט שרײַבט ער אָן אַ זאַץ. ער לײענט איבער. ער פֿרעגט זיך אַלײן: איז עס אמת? און עס דאַכט זיך אים, אַז עס איז ניט אמת.

אײַזיק מעקט אױס דעם זאַץ און שרײַבט אָן אָנשטאָט אײנעם צװײ זאַצן. אָבער איצט איז שױן דער אמת אַ נאַקעטער; צופֿיל אמת. אײַזיק פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַלײן.

װאָרעם ער באַשרײַבט זיך אַלײן. און ער האָט מורא טאָמער װעלן מענטשן דערקענען, אַז ער באַשרײַבט זיך אַלײן. מעקט ער אױס די צװײ אָנגעשריבענע זאַצן און בלײַבט װידער זיצן און װײסט ניט װאָס צו טאָן.

נײַנטער קאַפּיטל

מאָרים איז אַרײַנגעקומען אין צימער, וואו אײַזיק איז געזעסן און גע־שריבן. אַזוי ווי די צוויי עלטערע ברידער זײַנען איצט געווען צעקריגט איבער דעם וואָס דער טאַטע איז געוואָרן אַ באַלעבאָס, האָט מאָרים געטאָן אַ קרים מיט די ליפּן אָן אַ זײַט. דער קרים איז געגאַנגען אַפן חשבון פון זײַן ברודער אײַזיק:

— „ער זיצט און שרײַבט!"

מאָרים האָט ניט געפילט ווי זיך אָנצושטרענגען כדי ער זאָל אײַזיקן ניט שטערן אין זײַן אַרבעט.

אײַזיק האָט זיך אַפילו אַף אים ניט אומגעקוקט. ער האָט אויפגעהערט שרײַבן אַף אַ ווײַל, אָבער ער האָט ניט אַוועקגענומען זײַנע אויגן פון דעם פּאַפּיר. אין קאָפּ בײַ אײַזיקן האָט געזשומעט און דער מוח איז בײַ אים „שיר־ניט צעזעצט געוואָרן אַף שטיקלעך".

מאָרים האָט זיך אויסגעטאָן און באַטראַכט דעם מערבדיקן הימל. ער איז געוואָרן אַ ביסל סענטימענטאַל. דער הימל איז מסתם געוואָרן אָנגעצונדן מיט רעגנבויגן־פאַרבן. מאָרים האָט געטראַכט ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער איז אַ פּאָעט. ער וואָלט געשריבן שענער פון זײַן ברודער אײַזיק. באַטש צוריק גערעדט ווייסט ער ניט, ווי גוט אָדער שלעכט זײַן ברודער שרײַבט. אָבער ווי קאָן ער שרײַבן גוט, אַז ער זיצט מיט זײַן פּלייצע אויסגעדרייט צו אַזאַ שײנקייט?...

דערווײַל האָט מאָרים געהערט, אַז מען רופט אים אין שטוב אַרײַן עסן. ער איז אַרויס פון צימער מיט אַ קלאַפּ פון טיר נאָך זיך.

בײַם טיש איז שוין דער פאָטער געזעסן מיט די פיר איבעריקע זין. די מאַמע האָט געגרייט צום טיש, לויפנדיק אַלעמאָל אין קיך אַרײַן.

מאָרים האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש נאָענט לעבן פאָטער.

חיים האָט זיך אײַנגעבויגן צו מאָריסן, אַזוי ווי ער וואָלט אים וועלן זאָגן עפּעס אינדערשטיל.

— האָסט געהערט? — פרעגט דער פאָטער מאָריסן.

— וואָס איז דען? — פרעגט מאָרים מיט אַ לײַכטן געמיט, ווי עס טוט אײנער, וואָס האַלט זיך קליגער פון אַ צווייטן. מאָרים האָט דערוואַרט, אַז דער פאָטער וועט מסתם באַלד דערצײלן עפּעס אַ נאַרישקייט.

— עס איז דאָ נײַעס — האָט חיים געצװיגן בײַ מאָריסן די עצמות.

— װאָס איז שױן װידער? — זאָגט מאָריס.

דערװײַל איז די מאַמע אַרײַנגעקומען פֿון קיך מיט אַ פּאָלימעסיק פֿיל מיט פֿלײש, פֿון װעלכן ס'האָט געזעצט אַ פּאַרע. חיים האָט אױפֿגעהערט צו רעדן. עס האָט אױסגעזען, אַז ער היט זיך פֿאַר איר.

רײזי האָט דאָס באַמערקט. זי האָט גוט געקענט דידאַזיקע טבע פֿון איר מאַן: זיך צו היטן פֿאַר איר. זי האָט עפּעס שטיל צו זיך אַלײן געטאָן אַ מורמל, אַנידערגעשטעלט דעם פּאָלימעסיק מיט פֿלײש אױפֿן טיש און געטאָן אַ בײזן, פּילדײטיקן בליק אױף איר מאַן. רײזי האָט מיט כעס צעשניטן דאָס פֿלײש און אײַנגעטײלט יעדן אײנעם אַ פּאָרציע. דערבײַ האָט זי זיך באַלד אָפּגערעכנט מיט איר מאַן דורך דעם, װאָס זי האָט אים, ערשטנס, ניט אָפּגעגעבן דעם כבוד מיט דער ערשטער פּאָרציע און צװײטנס מיט דעם, װאָס זי האָט אים געגעבן דאָס ערגסטע שטיקל פֿלײש, פֿול מיט בײנער.

חיים האָט עס באַמערקט. אָבער דאָס שטיקל פֿלײש מיט בײנער האָט אים זײער װײניק געאַרט. פֿאַרקערט, דאָס װאָס רײזי האָט אים ניט אָפּגעגעבן דעם כבוד פֿון דער ערשטער פּאָרציע האָט חײמען מערער פֿאַרדראָסן.

— „נו, טאַקע, װי אַזױ זאָל הױשיקעלע האָבן דרך־ארץ פֿאַרן טאַטן, װען די מאַמע אַלײן װײזט אים אַזאַ דרך?...״ — האָט חיים געטראַכט.

רײזי איז געזעסן באַם טיש פּונקט װי אַ פֿרעמדע. זי האָט זיך געזעצט בײַ אַ װינקל פֿון טיש און געװאָרפֿן בײז מיטן גאָפּל און אירע באַקן האָבן געפֿלאַמט. זי איז געװען װאָך מיט יעדן נערװ. זי האָט שױן דערשמעקט, אַז עפּעס איז פֿאַראַן נײַעס. זי קען אים, חײמען, מיט זײַנע שטיק. זי האָט דאָס עסן געשלונגען און געפֿילט װי יעדער ביסן װאַרגט אין האַלדז. און אַז זי איז אַרױסגעגאַנגען אין קיך אַרײַן ברענגען די יױך, האָט זי אָנגעשטרענגט אירע חושים און אומיסטן ניט געמאַכט קײן שום באַװעגונג, כדי צו קאָנען כאַפּן עפּעס אַ װאָרט פֿון דאָרט.

חיים האָט זיך איבערגעבױגן צו מאָריסן און אים אַרײַנגעשושקעט:

— אַ פּאָגראָם האָבן זײ געמאַכט אין שאָפּ...

מאָריס האָט זיך דערשראָקן:

— װער?

— ש — — שאַ! — לײגט חיים צו אַ פֿינגער צו זײַן מױל. — נאָך װעטשערע װעלן מיר אַראָפּגײן אין גאַס שפּאַצירן.

אין דעם מאָמענט האָט די מאַמע געטאָן אַזױ װי אַ שפּרונג אַרײַן פֿון קיך. זי איז צוגעלאָפֿן צום טיש און געטאָן מיט איר דאַרן קולאַק אַ קלאַפּ

אפן טיש, אז אלע טעלער און לעפל־גאפל, וואס האבן זיך געפונען אפן טיש, האבן אזש אונטערגעשפרונגען.

— איך וויל ניט מען זאל זיך היטן פאר מיר! איך בין דא ניט קיין פרעמדע!

און א שטראם טרערן האט זיך בא איר געטאן א לאז.

די קינדער באם טיש זיינען מיטגעריסן געווארן. אויך דער פאטער חיים האט זיך דערפילט, אז ער איז שולדיק.

— די מאמע איז גערעכט — זאגט מאטיע א דערוואַרמטער און מיט פייכטע צוויי גרויסע אויגן. — וואס איז דא צו באהאלטן?

דער פאטער חיים ווינקט צו אים מיט די אויגן, אז מאטיע זאל ניט דערציילן. אבער מאטיע זאגט:

— איך פראטעסטיר! די מאמע איז א גלייכער מענטש מיט אונדז אלע. איך פראטעסטיר!

רייזי האט זיך געזעצט אפן דיוואן, א ביסל ווייט פון טיש, פארשטעלט מיט ביידע הענט אירע אויגן און שאקלענדיק זיך שטיל געוויינט. אירע הענט זיינען שוין געווען באצייטנס צעאקערט מיט קנייטשן, כאטש אליין איז זי געווען אין די פריע פערציקער יארן. אבער פון דעם, וואס זי האט דא, אין אמעריקע, שווער געהארעוועט איבער דער גרויסער היים מיט די פילע צימערן און אן א צאל בעטן, וואשן די דילן און אנדערע הויז־ארבעט, זיינען די הענט צעאקערט געווארן.

— אשה! באלד וויינט עס! — רופט זיך אן חיים. — איך האב דיר ניט געוואלט אנטאן קיין יסורים. אבער ווי איך זע וויינסטו סיי־ווי־סיי. מילא, וועל איך שוין דערציילן דעם גאנצן אמת. דיין זינדל הוישיקעלע איז באפאלן היינט באטאג אונדזער שאפ מיט א גאנצער כאפטע און געמאכט א פאגראם.

— ס'א ליגן! — שרייט מאטיע. — הוישיקעלע איז ניט שולדיק. דאס האבן די באסעס פון בליקער סטריט געמאכט דעם פאגראם.

— ער האלט אויך מיט הוישיקעלען! — ווייזט חיים מיט א האנט אף מאטיען און קוקט בשעת מעשה צו מארישן, ווי ער וואלט זיין זון מאטיען צוגעקלאגט פאר מארישן.

— איך וויל וויסן וואס עס איז געשען — זאגט מאריש מיט אזא טאן, ווי ער וואלט טאקע באמת געווען אן עלצטער פון א סינאד און אין זיינע הענט ליגט דער גערעכטער משפט איבער די שולדיקע.

— גאַרניט! — מישט זיך שוין אַריין נחום. — די „בענד מייקערס יוניאָן" איז געקומען אונדז פאַרשרייבן אין דער יוניאָן.

— נו?

— נו, נו, זיינען אַריין די „באָסעקלעך" פון בליקער סטריט און אָנגעהויבן אַ געשלעג.

— געשלאָגן מיינע קינדער?! — שרייט אויס די מאַמע מיט צאָרן.

— וואָס מיינסטו, מאַמע, מיר וועלן שטיין און קוקן ווי מען שלאָגט אונדזערס אַ ברודער? — זאָגט נחום מיט דער פרייד פון איינעם, וואָס פילט אַז ער האָט באמת זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר אַ ברודער.

— און וואו איז הוישיקע? וואָס באַהאַלט איר סודות? — הויבט זיך די מאַמע אָן ברעכן אירע פינגער אויף דעם אַלטן אידישן פאָלקס־שטייגער.

— הוישיקע איז געזונט און שטאַרק; ער וועט מסתם באַלד זיין אין דער היים — זאָגט מאָטיע.

— איר תכשיטל! — וואַרפט דער טאַטע אַ וואונק צו דער מאַמען.

— זיין מינדסטן נאָגל וועל איך ניט פאַרבייטן פאַר דיר אינגאַנצן — זאָגט די מאַמע. — ער איז אַ פּראָסטער, אָבער ער האָט אַ גוט האַרץ.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אויף די רייד פון דער מאַמען אַריין אין שטוב הוישיקעלע. אין שטוב איז אויף אַ ווייַלע געוואָרן שטיל. הוישיקעלע איז פריער אַריין צו זיך אין צימער, וועלכן ער האָט געטיילט מיט נחומען. זיין טראָט איז געווען אַ זיכערער, כמעט ווי אַ טאַנצנדיקער אויף דעם הילצערנעם דיל פון קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט פון דער קיך צו זיין צימער.

די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און איז אַריין אָנקוקן איר זון הוישיקעלע.

— לאָמיך דיך אָנקוקן צי מען האָט דיך ניט צעשעדיקט — האָט זי געזאָגט צו הוישיקעלען.

הוישיקעלע האָט גערויכערט אַ סיגאַרעטל און געשמייכלט.

— האָ, מיך! אָט קוק מיך אָן! — ער האָט צענומען זיינע הענט און האַרציק געלאַכט.

— ווייז מיר דיין קאָפּ — האָט די מוטער הוישיקעלען אָנגענומען באַם קאָפּ מיט די פעך־שוואַרצע האָר. הוישיקעלע האָט געפילט די וואַרעמע הענט פון זיין מוטער איבער זיין קאָפּ. ער האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ. די מאַמע האָט געשאַרט זיינע שוואַרצע ווייכע האָר און ניט געפונען קיין שום סימנים פון בלוט.

— נאָר דו האָסט זיך ליב צו שלאָגן! — האָט די מאַמע אים פאַר־געהאַלטן.

— עס איז צוליב דעם טאַטנס „ביזיוינעס״... געבראַכט אים קיין אַמעריקע, ער זאָל דאָ ווערן אַ ביזנעסמאַן, אַ כאַליעריע!... — זאָגט הווישי־קעלע, פאַרציענדיק דעם לעדערנעם פּאַסיק אַרום זיינע הויזן.

— נו, שאַ, ע׳סט גיין עפּעס עסן? — פרעגט די מאַמע, כּדי דערמיט איבערצושלאָגן דעם כּעס, אין וועלכן הווישיקעלע איז איצט אַריינגעפאַלן.

— מוחל, איך וויל ניט עסן! איך וויל ניט עסן דאָרטן מיט זיי בּאַ איין טיש.

— זיי האָבן שוין אַלע אָפּגעגעסן — פאַרענטפערט זיך די מאַמע.

— איך וויל ניט עסן!

די מאַמע האָט געטאָן אַ צוק מיטביידע אַקסלען און איז אַרויס פון צימער. זי איז אַריין אין קיך און זיך געשטעלט וואַשן דאָס געפעס. זי האָט געוואָרפן נערוועז מיט די טעלער, לעפל און גאָפּל.

נחום איז אוועקגעגאַנגען אין שול מיט זיין פּאַק ביכער. מאָטיע איז אַריין אין פראָנט־צימער לייענען צייטונגען.

דער פאָטער איז אַראָפּ אינאיינעם מיט מאָריסן אין גאַס. די מאַמע האָט זיי נאָכגעקוקט בייז און געוואונטשן דעם טאַטן זייער ניט קיין שיינע זאַך, אָבער נאָכטראַכטנדיק אַ ביסל האָט זי גלייך חרטה געהאַט: זי איז דאָך אים ניט קיין שונא, אַז זי זאָל טאַקע וועלן, אַז ער זאָל ברעכן האַלדז און נאַקן.

אין גאַס איז דער פאָטער געגאַנגען מיט מאָריסן און אים דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי הווישיקעלע איז אַריין מיט זיין כאַליאַסטרע און ווי אַזוי מען האָט צעבראָכן די בענקלעך און די מאַשינקעס און ווי אַזוי מען האָט צעוואָרפן די וואַרע, און ווי אַזוי אַלץ איז דאָרט צעטראָטן. און די פיר „בנים״ זיינען אויך אַנטלאָפן אין איילעניש אַהיים. די זון איז נאָך ניט פאַרגאַנגען און זיי זיינען שוין אַנטלאָפן אַהיים. אַזוי וויל הווישיקעלע מיט זיין כאַליאַסטרע. און צוליב וואָס האָט מען אים געבראַכט קיין אַמע־ריקע? האָט ער דען ווינציק דאָרט געליטן פון פּאָגראָמען?

— הער אויף דיינע מעשות — האָט מאָריס אָנגעשריען אָפן פאָטער. — זע, מענטשן קוקן דאָך... אַז דו וועסט מיך אַזוי באַוויינען, וועל איך זיך ניט מישן.

— אדרבה, גיב אַן עצה וואָס צו טאָן — טוליעט זיך חיים צו זיין זון מאָריס.

— הירש, װעל איך מאָרגן אַרויסגײן און זען דיך צוריקשטעלן אױף די פֿיס — זאָגט מאָריס.

— און הױשיקעלען לאָזן לױפֿן ? — פֿרעגט חיים.

— װאָס דען װאָלסטו געװאָלט ? — פֿרעגט צוריק מאָריס.

אי דער פֿאָטער און אויך מאָריס האָבן עפּעס געװאָלט זאָגן װעגן הױשיקעלען, אָבער זײ האָבן בײדע מורא געהאַט צו זײַן די ערשטע. זײ זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך איבער גרענד סטריט. דער אָװנט איז געװען אַ מאַיאָװער. אַ טיפֿער, בלאָער הימל מיט אַ סך שטערן. איבער דער לענג פֿון גרענד סטריט זײַנען געשטאַנען װעגעלעך מיט צעראַטענע דעכלעך איבער זײ און מיט אַלערלײ סחורות אָנגעפּילט. בײַ די װעגעלעך שטורקאַצן מיט קעראָסין. די פֿלאַמען פֿון די שטורקאַצן האָבן זיך געכװאַליעט פֿון אַ לײַכט װינטל. עס איז געהאַנגען אין דער לופֿט אַ געשרײ און אַ געפּילדער. אידן האָבן פֿאַרקױפֿט און געקױפֿט. עס האָט געשמעקט מיט מיטלאַלטער. מאָריס און זײַן פֿאָטער חיים האָבן זיך דאָ געפֿילט װי אין דער הײם. מאָריס האָט געגאַרט צו זען, אַז זײַן פֿאָטער זאָל װערן פֿון דעם קלײנעם געשעפֿטסמאַן — אַ גרױסער סוחר. ער האָט געגלױבט אין דער מעגלעכקײט פֿון זײַן פֿאָטער צו װערן אַ גרױסער סוחר. מאָריסעס ביסל ראַדיקאַליזם האָט דערבײַ גאָרניט געליטן. דאָס, װאָס די ברידער װעלן אַ ביסל צוהאָרעװען און דעם טאַטן אױפֿהײבן, האָט מאָריס געטראַכט, איז ניט מער װי אַ פֿליכט פֿון קינדער צו זײערע עלטערן. און ער האָט באמת טאַקע געמײנט, אַז אַלע ברידער װעלן אַזױ טאָן — אַלע נײַן ברידער — אַפֿילו די צװײ קלענערע װעלן דאָך אױך מיט דער צײַט װערן גרעסער.

איצט לאָזט זיך אױס, אַז אײַזיק... נו, מילא... און הױשיקעלע, אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון אײַזיקן, איז שױן אױך געװאָרן אַ רעװאָלוציאָנער. װאָס אַרט עס אײַזיקן, אַז די רעװאָלוציע װעט קומען שפּעטער, נאָך דעם װי דער טאַטע װעט זיך אַ ביסל אַרױפֿאַרבעטן ?

— הערסט, װאָס איך טראַכט, אַז מען װאָלט באַדאַרפֿט דעם בחורעץ אַ ביסל מקיים־פּסק זײַן — זאָגט דער פֿאָטער צו מאָריסן נאָך אַ לאַנגן שװײַגן.

— עס איז אַ געדאַנק — שטימט אײַן מאָריס. — מ׳דאַרף פֿון אים אַרױסקלאַפּן דאָס משוגעת.

— איך װעל װאַרטן ביז װאַנען הױשיקעלע װעט זיך לײגן שלאָפֿן. דערנאָך װעל איך נעמען אַ רימען און הײדא, אױפֿגעדעקט די קאָלדרע — זאָגט חיים מיט באַגײַסטערונג פֿאַר זײַן פּלאַן.

— זײַנען די חברה מיט אים יד־אחת ? — פֿרעגט מאָריס.

— די קינדער זײַנען אויך אין כעס אַף אים — ענטפערט חיים.

— ער איז אַ שלעכטער. און דערצו האָט אים אײַזיקל פאַרדרייט דעם קאָפּ. און די חברים זײַנע אין בליקער סטריט! — רייצט מאָרים דעם פאָטער. אים איז איצט געגאַנגען פשוט אין לעבן, אַז אײַזיק זאָל לײַדן אַ נידערלאַגע. און נאָר דערפאַר, וואָס אײַזיק מיינט שוין מסתם, אַז ער איז אַ גאַנצער שרײַבער... אַלע נאַכט זיצט ער און שרײַבט. מען וועט אים הײַנט באַנאַכט אַ ביסל איבערשלאָגן די שיינע געזאַנגען, דעם פּאָעט...

און באַ זיך אין צימערל איז איצט אײַזיק געזעסן און גאַרניט געוואוסט פון דער פאַרשווערונג. ער האָט זיך געמוטשעט איבער אַ טעמע פון זײַן אַמאָליקן אייגענעם לעבן אַף יענער זײַט ים. ער איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַ מענטש קאָן זײַן אַן אַרבעטער און אויך אַ שרײַבער. אָבער אַז עס איז געקומען צום שרײַבן האָט אײַזיק זיך גאָר פאַרגעסן צו פאַרטראַכטן וועגן דעם קאָכיקן לעבן אַרום זיך, טאַקע וועגן זיך אַליין אַלס אַרבעטער אין אַ שאַפּ.

אַנשטאָט דעם איז ער איצט געזעסן איבער אַ „טעמע" אַ ווײַטער און אַ טויטער. ער איז געווען אויפּריכטיק, האָט דערציילט דעם אמת. אָבער עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אמת איז פלאַך. ער האָט אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין אָנגעהויבן באַפּוצן דעם פלאַכן אמת מיט ליגנערישע אויס־טראַכטונגען.

און אַזוי איז ער געזעסן פאַרטאָן און פאַרטיפט און פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט אַרום זיך. ער האָט ניט געהערט ווי זײַן ברודער מאָרים איז אַרײַן אין צימער. פאַר אים אַפן טישל האָבן געברענט צוויי ליכט אין צוויי מעשענע לײַכטערלעך. אײַזיקן האָבן ליכט צוגעגעבן שטימונג.

מאָרים האָט זיך אויסגעשטרעקט מיטן בויך אַפן דיוואַן און מיטן קאָפּ אַרויס דורך דעם אָפענעם פענצטער.

דער אָפּמאַך צווישן אים מיטן פאָטער איז געווען, אַז אַזוי גיך ווי הוישיקעלע וועט זיך לייגן שלאָפן זאָל אים דער פאָטער געבן אַ סיגנאַל. דערווײַל האָט מאָרים אויך „געכאַפּט שטימונג" פון דער נאַטור. די וואוינונג זייערע איז געווען אַפן העכסטן שטאָק. פון אָפענעם פענצטער האָט זיך געשפּרייט אַ ווײַטער אַרויסקוק איבער דעכער, שפּיצן פון קלויסטערס און קוימענס פון פאַבריקן. עס האָט זיך געזען פון דעם פענצטער די ברוקלינער בריק מיט דער געבויגענער ליניע פון לאַמטערנס אַזוי ווי די ליניע פון אַ פייל־און־בויגן. איבער דער בריק זײַנען געלאָפן באַנען, אַזוי ווי פייער־

דיקע שלאַנגען. פון די שפּיצן פון צוויי־דריי הויכע וואָלקנקראַצערס, צע־וואָרפענע איבער דער שטאָט, האָבן געבלישטשעט לייכט־טורעמס.

מאָריס האָט הנאה געהאַט, וואָס ער קאָן באַנעמען מיט זיינע אויגן אַזאַ גרויסע וועלט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער אַליין, פון אַלע זיינע ברידער, קאָן באַנעמען אָט־די גרויסע שיינקייט. עס איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט. די קינדער זיינען ארויף שלאָפן. די גאַסן האָבן זיך אויסגעע־ליידיקט. דאָ און דאָרטן איז נאָך געשטאַנען לעבן אַ הויז אַ געפּלאָכטן פּאָרל און פּאַרקוועטשט אין אַ ווינקל באַ דער טיר. מאָריס האָט ליב געהאַט צו היטן אַזוינע פּאָרלעך. אָט קושן זיי זיך אין דער פינצטער. זיי מיינען מסתם, אַז קיינער זעט נים.

אינעווייניק אין שטוב איז דער פּאָטער געזעסן איבער זיין קליין שוואַרצ־מאָוולדיק ביכעלע, געשריבן און געמעקט. הוישיקעלע האָט אין זיין צימערל געלייענט די ציימונג. עס איז אים אָנגעקומען שווער דאָס לייענען. קליינער־הייט האָט ער ניט געוואָלט זיך לערנען, איצט איז אים שווער. אָבער ער „עסט" די ציימונג אַזוי, ווי מען עסט האַרטע נים. עס קומט אים אָן שווער אויסצושיילן די יאָדרע. יעדן אָוונט האָט ער געמוזט איבערלייענען די גאַנצע ציימונג פון אָנהויב ביז צום סוף. הוישיקעלע האָט גאָרניט פּאַר־דעכטיקט, וואָס עס לויערט אַף אים היינט באַנאַכט.

דערפאַר האָט די מאַמע געוואַכט איבער אים. זי האָט גוט געקענט איר מאַן חיים. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס ער איז אַראָפּ מיט מאָריסן אין גאַס, איז עפּעס געווען אָן אָפּמאַך. זי האָט ווידער געוואוסט, אַז חיים איר מאַן איז כיטרע און אַ פרומער, פינצטערער נוקם ונוטר. איז זי געפאַלן אַף אַ פּלאַן זיך צו פאַרשטעלן ווי זי גייט זיך ליגן שלאָפן. אָבער אין אמתן איז זי ניט געשלאָפן. זי איז געלעגן אין די שיך און זאָקן און קליידלעך אין בעט און זיך איינגעהערט.

דער זייגער קלינגט שוין עלף. באַלד הערט זי, ווי דער מאַן חיים הויבט זיך אויף און גייט צו אייזיקן אין צימער. ער קלאַפּט אין טיר. דערנאָך הערט זי, ווי דער טאַטע לאָזט זיך גיין אין קיך אַריין. שפּרינגט זי אַראָפּ פון בעט שטילערהייט און דורך אַ שפּאַרונע פון דער אָפענער טיר זעט זי, ווי דער מאַן אירער נעמט דעם רימען באַ מאָריסן און לאָזט זיך צו הוישיקעלעס צימער.

גיט זי איין שפּרונג און זי כאַפּט אָן דעם רימען און ניט מיט איר קול:

— חיים, וואָס ווילסטו טאָן ? !

— לאָז אָפּ ! — גלאָנצט חיים מיט צוויי גרויסע גזלנישע אויגן.

— אָדער מיין טויט, אָדער דיין טויט! — שרייט די מאַמע. — דאָס, וואָס דו ווילסט, וועל איך ניט לאָזן.

מאָרים לויפט צו. ער מאַכט זיך ווי ער ווייסט פון גאָרניט:

— עס איז מיר גאָר אַ שאַנד! אַזוי שפּעט מאַכט איר אָן סקאַנדאַלן.

— אַזוי שפּעט! — קרימט אים נאָך די מאַמע. זי האַלט נאָך שטאַרק דעם רימען אין ביידע הענט. דער פאָטער פּרואווט אים אַרויסרייסן פון אירע הענט, אָבער די מאַמע איז איצט אַזוי שטאַרק ווי אייזן. זי שרייט, אַז נאָר „איר טויט אָדער זיין טויט!" — דעם רימען וועט זי ניט אָפּלאָזן.

וואָלט הוישיקעלע נאָר געוואוסט וואָס דו קומסט פאַר! אָבער הוישיקעלע האָט געמיינט, אַז עס איז גלאַט אַזוי אַ געוויינטלעכער קריג צווישן טאַטע־מאַמע. האָט ער זיך איינגעדעקט, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און גיך איינ־געשלאָפן.

צענטער קאַפּיטל

אַף מאָרגן זיינען חיים און זיין זון מאָרים גאַנץ פרי אַוועק אין בליקער סטריט. חיים האָט געעפנט דעם שאַפּ און מאָרים האָט שטייענדיק בא דער טיר באַטראַכט דאָס איבערקערעניש.

— מאַטע, דו טויגסט ניט צו זיין אַ באַלעבאָס — האָט מאָרים פאַרביטערט געזאָגט און מיט כעס אויסגעטאָן זיין רעקל. — אַ ריכטיקער באַלעבאָס וואָלט ניט געלאָזט, אַז מען זאָל אים טרעטן אַפן קאָפּ.

— גלויב מיר, אַז איך בין דאָ גאָרניט שולדיק — האָט חיים צעגומען זיינע הענט אין דער ברייט. — ווער האָט זיך גערעכט אַף אייגענע קינדער!...

מאָרים האָט אויפגעהויבן די מאַשינען און זיי אַנידערגעשטעלט אַף זייערע ערטער און זיי אויסגעפּרואווט, צי זיי זיינען ניט צעבראָכן. חיים איז געשטאַנען פון דערווייטנס און זיך צוגעהערט ווי אַזוי יעדע מאַשין האָט זיך בא מאָריסן געטאָן אַ יאָג. ער האָט באמת געמיינט, אַז די מאַשינען זיינען צעבראָכן. אָבער מאָרים האָט יעדע מאַשין אויסגעפּרואווט און דערנאָך געטאָן אַ קוק צו זיין פאָטער און געשמייכלט.

דער פאָטער האָט איצט באַטראַכט מאָריסן, אַזוי ווי אַ גרויסן פּראָפעסאָר באַם בעט פון אַ געפערלעך־קראַנקן מענטשן.

מאָרים אַליין האָט זיך געהאַלטן פּונקט אַזוי, ווי עפּעס אַ גרויסער עקספּערט. געעפנט דאָס דעקל פון דער מאַשין און אַריינגעקוקט אין די אינעווייניקסטע געדערים און בשעת מעשה געלאָזט די מאַשין לויפן, טרייבנדיק זי מיט איין פוס.

— די מאַשינען זיינען אָלרייט! — האָט מאָרים געפּסקנט. — אָבער די בענקלעך זיינען צעבראָכן. גיי גלייך, טאַטע, און קויף!

חיים איז אַראָפּ קויפן בענקלעך. מאָרים האָט דערווייל געעפנט דאָס דאַך־פענצטער און אַנידערגעשטעלט די מאַשינען קאָפּ צו קאָפּ. אַלע פיר אינדערמיט אונטערן דאַך־פענצטער. דערנאָך האָט ער אויסגעזוכט דעם בעזים. עס איז געווען אַ טיפּישער אידישער בעזים. אַ שטעקן מיט אַן אויסגעפליקט שטיקל בעזימל, אַן אויסגעריבנס, ביזן „ביין" אַריין. אָט מיט דעם בעזים האָט מאָרים צונויפגעקערט די שטיקלעך פוטער, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבערן דיל.

עס האָט זיך צונויפגעקערט אַ גרויסע קופּע. עס איז געווען אַ געמיש

פֿון שטיקער גלאָז, שטיקער שפּענער, שטיקער פּאַפּיר און שטיקלעך פּוטער.

מאָרים האָט אַרױפֿגעבױגן זײַנע אױסגעפּרעסטע שײַן־אױסגעקנײטשטע הױזן ביז איבער די זאָקנבענדלעך, פּאַרקאַטשעט אױך די געפּרעסטע אַרבל־מאַנזשעטן און זיך אַנגעבױגן איבער דער קופּע מיסט, פֿון דאָרט געקליבן די שטיקלעך פּוטער און זײ אָװעקגעלײגט באַזונדער אין אַ קופּקעלע.

דערװײַל איז חיים אָנגעקומען מיט אַ אידן, װאָס האָט געבראַכט די בענקלעך. דערזען װאָס זײַן מאָרים טוט, האָט ער אָנגעמאַכט אַ גװאַלד :

— מאָריסל, מיר שטײט ניט אָן, אַז דו זאָלסט טאָן דידאָזיקע אַרבעט !

— דאָ אין אַמעריקע שטײט איטלעכן אָן צו טאָן אַלץ — האָט מאָרים געזאָגט, טוענדיק אַ װאָונק מיט אײן אױג צום פֿרעמדן אידן. — איך קאָן װעטן, אַז אָט דער איד איז אין דער הײם געװען אַ שײנער איד און דאָ איז ער אַ סטאָליער !

— געטראָפֿן ! — האָט דער איד זיך געװוישט דעם שטערן.

— זעסט, טאַטע, דאָ װײסט מען ניט פֿון קײן יחוס — זאָגט מאָרים און באַטאַנט זײַנע װערטער, כּדי דער טאַטע זײַנער זאָל עס װיסן, אַז דאָ זײַנען נישטאָ קײן מיוחסים.

— פֿונדעסטװעגן . . . — װײַל דער פֿאָטער זיך ניט לאָזן איבעררעדן און נעמט אַרױס דעם בײַטל און באַצאָלט דעם אידן פֿאַר די בענקלעך. און כּדי צו באַװײַזן מאָריסן, אַז ער טױג זיך יאָ צו זײַן אַ געשעפֿטסמאַן, מאַכט זיך חיים טאַמעװאַטע און באַצאָלט דעם אידן װינציקער מיט אַ קװאָדער אַף יעדן בענקל.

דער איד, אַ רױטער, מיט אַ קלײענדיק פּנים, צײלט דאָס געלט אין זײַנע מגושמדיקע קלײַענדיקע הענט. און אַזױ װי ער געפֿינט אױס, אַז עס פֿעלט אים געלט, מאַכט ער אָן אַ גװאַלד :

— מיסטער, איר האָט מיר ניט דערגעבן !

חיים לאַכט צו זיך אין דער שװאַרצער באָרד אַרײַן.

— איך בין אין ביזנעס און באַדאַרף טרײען — זאָגט חיים מיט ברײטקײט.

מאָרים האָט געהײסן זײַן פֿאָטער באַצאָלן דעם „קװאָדער”. ניט דער־פֿאַר, װאָס ער האָט אַזױ ליב געהאַט גערעכטיקײט, נאָר דערפֿאַר, װײַל ער האָט געגאַרט, אַז מענטשן זאָלן אַף אים זאָגן, אַז ער איז אַ דזשענטלמאַן.

— אָט דאָס איז אַ דזשענטלמאַן ! — האָט טאַקע דער סטאָליער געזאָגט אַף מאָריסן.

מאָרים האָט געקליבן און דער פֿאָטער חיים האָט זיך אױך געבױגן

און געקליבן שטיקלעך פוטער פון בארג מיסט. און צווישן טאַטן און זון איז אָנגעגאַנגען אַזאַ שמועס:

— עס איז שוין דאָ עפּעס פּראָפּיט? — פרעגט מאָריס.

— הע. עפּעס אַ קלייניקייט. דער „ראָסכאָד" איז גרויס.

מאָריס לאַכט פון טאַטן:

— עקספּענסעס זאָגט מען דאָ, טאַטע.

— וואָסי דער חילוק, אַבי עס איז דאָ — פאַרהויבט חיים זײַנע פּאָלעס און זעצט זיך אַנידער אױפן דיל. — נישטאָ קיין כוח, מײַן זון. הערסט וואָס איך טראַכט? ווען די בנים זאָלן נאָר וועלן צולייגן אַ פּלייצע... יאָ, מען ראַט מיך אויך זיך ניט צו אײַלן מיט פאַרקויפן. וואָס מיינסטו?

— הויבסט שוין אָן דײַנע זאַכן. הער קיינעם ניט מיט זייערע עצות... פאַרקויף און מאַך נײַע וואַרע און פאַרקויף ווייטער — זאָגט מאָריס.

— זאָג נאָר, מײַן זון — זאָגט פּלוצים חיים. — פאַרוואָס באַדאַרפסטו אַרבעטן בײַ יענעם? קום גאָר אַרײַן אַהער אַלס שותף.

מאָריס איז ניט געווען צוגעגרייט צו ענטפערן אויף דעם פאָרשלאָג.

— איך וועל אַ טראַכט טאָן, טאַטע.

מאָריס האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער פון זשילעט־קעשענע און דערזען, אַז עס איז שוין צייט פאַר אים אַוועקצוגיין. ער האָט געדאַרפט זײַן אין שאַפּ 8 אַזייגער, און זײַן שאַפּ איז געווען אָפּטאָון. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָפּגעטרייסלט פון זיך די האָר און שטויב, צורעכט געמאַכט דעם קנייטש אויף זײַנע הויזן און אויך געטאָן אַ צענעם בײַדע טשובן מיט געקרויזלטע האָר אויף זײַן קאָפּ.

— טאַטע, איצט מוז איך גיין צו דער אַרבעט. די מאַשינען זײַנען גאַנץ און אַלץ איז אין אָרדענונג. פון הײַנט אָן און ווייטער פיר זיך ווי אַ באַלעבאָס.

— וועסט אַ טראַכט טאָן וועגן יענעם ענין?

— יאָ! — האָט מאָריס געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. חיים איז געבליבן זיצן אויפן דיל, קלײַבנדיק די שטיקלעך פוטער פון דעם בארג מיסט.

און כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס מאָריס האָט געזאָגט, אַז דאָ, אין אַמעריקע, איז נישטאָ קיין יחוס, האָט ער פונדעסטוועגן ניט געקאָנט אײַנשטימען מיט דעם. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן לעבן און געקליבן די שטיקלעך פוטער און זיי געלייגט אין אַ באַזונדער בערגל. די געדאַנקען זײַנען געווען צעריסענע. אָט זעט ער זיך אַלס פאַטשטאָר מיט שטאַלן און מיט

פערד. און אַט שטייט ער פאַרן הוסיאַטינער רבין און וואַרט אַף אַ תשובה פון זיין הייליקן מויל, צי ער מעג פאַרן קיין אַמעריקע.

— „פאָר, חיימל, און פלאַנץ דאָרט איין דאָס חסידות!” — האָט דער הוסיאַטינער רבי געזאָגט, מיט פאַרמאַכטע אויגן. און אַט זיצט ער דאָ אין אַ בוידעם־שטיבל און סאָרטעוועט שטיקלעך פוטער.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט חיימען אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות.

— ווער איז דאָרט?

חיים האָט ניט באַוויזן זיך אויפצוהייבן פון דיל, ווי עס איז אַריינגעקומען אַ נידעריקער, גרוי־באַוואַקסענער איד מיט אַ פאַרשניצט, געשוירן בערדל און מיט צוויי גאָלדענע זייגער־קייטן, צעשפּרייט איבער דער אויסגעריבענער זשילעט און מיט אַ שטיקל אויסגעקיילעכיקטן בייכל.

— ר' חיים, שלום! — זאָגט דער איד, געבנדיק חיימען אַן אויסגעשמירטע האַנט.

— שלום עליכם. ווי הייסט אַ איד? — פרעגט חיים אויפהויבנדיק זיך מיט אַ קרעכץ פון דער פּאָדלאָגע. — אַט, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל טאָן, מוז מען אַליין צואַרבעטן.

— און וואו זיינען די קינדער? יאָ, מיין נאָמען איז שמואל איציק. איך בין אַרויפגעקומען זיך באַקענען מיט אייך. דאָס הייסט, קענען קען איך אייך נאָך פון דער היים. חיים פּאַטשטאַר ניט קענען! איך בין אַ „זשעמבעטש” פון דער היים. אַ פאַלעשטער „זשעמבעטש”.

— אַזוי?! — זאָגט חיים. — און וואָס טוט איר דאָ אין אַמעריקע!

— דאָ האַנדלט מען מיט פּוטערוואַרג. טאַקע דאָ אין בליקער סטריט.

— מסתם געווען באַ אונדז אַף די יארידן.

— אַ שאלה!

— הייסט עס, מיר זיינען שכנים?

— יאָ! די דריטע הויז פון דאַנען. איך האָב געהערט, אַז איר האָט נעכטן געהאַט טראָבל.

— הע! די אייגענע לאַשעקעס האָבן זיך צעבריקעט — רעדט חיים צו שמואל איציקן אַף זשעמבעצער לשון.

— עס איז זייער אַמעריקע! — פאַרגלאָצט שמואל איציק זיינע אויגן.

— איר זיינט דאָך עפּעס אַ איד קאַטאָרע, וואָס ווייסט וואָס אין פּסוק שטייט. ווי שטייט דאָרטן, האַ?

חיים האָט אָנגעקוקט שמואל איציקן מיט זיינע גרויסע אויגן. ער האָט ניט געוואוסט ווער דער איד איז און וואָס ער וויל. חיים האָט געפרעגט:

— איז וואָס־זשע האָט אַ איד געוואָלט?

— גלאַט אַזוי, כ׳וויל זיך באַקענען — האָט שמואל איציק זיך געגלעט דאָס שפּיציק געשאָרן בערדל. — יאָ, וואָס הערט זיך, איר באַלאַנגט שוין ערגעץ אין אַ חברה? ..

חיים האָט מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת, אַז ער באַלאַנגט נאָך ניט, טאָמער וועט נאָך דער געוועזענער זשעמבעץ וועלן חיימען אַרײַנציִען צו זיך אין זײַן חברה צווישן די זשעמבעצעס. נאָך דאָס פּעלט אים. האָט ער דערפאַר געזאָגט אַ ליגן, אַז ער באַלאַנגט שוין צו אַ חברה.

— אַזוי?! — האָט שמואל איציק באַדויערט. — אַניט וואָלט איך אײַך פאָרגעשלאָגן באַ אונדז אין דער חברה.

— צו שפּעט.

— כאָטש אַ פײַנע חברה, האַ? וואָס זאָגט איר?

— קיין גרויסע חסידים זײַנען דאָ נאָך נישטאָ — האָט זיך חיימען פאַרגלוסט אַ זאָג צו טאָן.

— זאָגט עס ניט, ר׳ חיים. איך באַלאַנג דאָ צו אַ חברה אמתע חסידים.

— געשיקט־זיך? ווער זײַנען די חסידים?

— די „חסידים בני אנשי ריזשין", אין אַטוירני סטריט.

— אין אַטוירני סטריט? — פרעגט חיים מיט פאַרוואונדערונג.

— יאָ, אין אַטוירני סטריט.

— איך וועל אַראָפּקומען צו אײַך דאַוונען.

— גייט עס! אמתע חסידים, זאָג איך אײַך. אין דער היים, ווייסט איר דאָך, האָב איך... מילא. אָבער דאָ בין איך שמואל איציק פאָזים. גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך קאָן זיך לאָזן קאָסטן. זאָל איך גיין צווישן פערד־גנבים? איך פרעג אײַך?

— זייער פײַן, זייער פײַן — פאַרדרייט חיים אַ ציגאַר טיטון אויף דעם היימישן שטייגער, נוצנדיק דערבײַ זײַן היימישע זילבערנע טאַבאַטשניצע.

— נאַט אײַך אײנעם פון מײַנע — כאַפּט שמואל איציק אַרויס אַ פּעקל פאַרטיקע אַמעריקאַנער ציגאַרעטן, מיט אַ מינע פון אײנעם, וואָס וויל ווײַזן אַז ער איז ברייט־האַרציק. אָבער חיים שטויסט אָפּ מיט אַ מאַניר פון שׂנאה צו אַמעריקע דעם אידנס ציגאַרעטן.

שמואל איציק זאָגט, ווי ער וואָלט באַדויערט חיימס לאַגע:

— נו, איז ווי זשע גייט אײַך אין ביזנעס?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן?

— דער עיקר אַרבעטן, אַרבעטן — חזרט שמואל איציק איבער.

— לאָזט מען דאָך ניט — זאָגט חיים מיט א וואונק.

— הערט זיי ווי דעם קאָטער! — זאָגט שמואל איציק. — קיין פּיידע דאַרפט איר סיי ווי ניט צאָלן... הא?

— אמת... אָבער — —

— מ׳נעמט אַרויף א זאַק ווארע און מ׳זאָגט צו די בנים: האקט!

די צוויי אידן האָבן אויפגעהערט צו רעדן, ווען אין שאַפּ זיינען אריין חיימס פיר זין: מאָטיע, נחום, לעווע און כאַצקל.

— א גוט מאָרגן אייך, קינדער! — האָט שמואל איציק מיט חניפה אויסגעשריען צו די קינדער.

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! — האָבן די קינדער געענטפערט מיט ווידערווילן און זיך געזעצט צו דער ארבעט. די מאַשינען האָבן באַלד פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ און שמואל איציק האָט פאַרשטאַנען, אז ער דאַרף גיין און זיך געזעגנט מיט חיימען:

— פאַרגעסט ניט, ר׳ חיים, קומט דאַוונען בא אונדז אין שטיבל.

— אַוודאי! — האָט חיים געזאָגט אַף זיין שטייגער.

— גודבאַי! גודבאַי!

אז שמואל איציק איז אַרויס האָט מאָטיע אָפּגעשטעלט זיין מאַשין און געזאָגט צום פאָטער:

— ער האָט זיך שוין אויך פאַרקליבן אהער?

— וואָסידען? — האָט זיך חיים דערשראָקן.

— מסתם געקומען געבן עצות... אָדער אפשר וויל ער זיך משדך זיין מיט דיר?...

— א פיינע בתולה! — שטעלט אויך נחום אָפּ זיין מאַשין. — גאָר א פיינע, מיט גרויסע מעלות...

— נו שוין, גענוג — האָט חיים זיך דערמאָנט איז דעם ווערטל, וואָס שמואל איציק האָט געזאָגט. — האַקט, קינדער, האַקט!

עלפטער קאפיטל

דאָס לעבן אין הויז בא חיימען איז אוועק זיין גאַנג. די פיר קינדער האָבן געאַרבעט באַם טאַטן אין שאַפּ פון אַכט אינדערפרי ביז זעקס אין אָוונט. חיים האָט זיך אָנגעהויבן איינפונדעווען אין אַמעריקע. די ארבעט־וואָך האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק און האָט זיך אויסגעלאָזט פרייטיק אָוונט. אַ גאַנצע וואָך איז חיים געלעגן אין שאַפּ גלייך מיט זיינע קינדער. ער האָט געקויפט רויע וואַרע; צונויפגעבונדן די אויסגעאַרבעטע „בענדלעך" אין בינטעלעך פון צוועלף מיט רויטן באַוול; ער האָט געפּרואווט שוין אַליין ארויסגיין אין מארק אריין זוכן קונים און זיך ניט פאַרלאָזט מער אַף די מעקלערס, אַז זיי זאָלן אים צונויפברענגען מיט קונים. חיים פלעגט אַלע טאָג מוזן ברענגען אָנבייסן פון דער היים פאַר די קינדער. אַרום צען אַזייגער אינדערפרי איז געווען זיין שטייגער צו גיין אַהיים. דאָרטן האָט ער דערווייל געדאַוונט און אין דערזעלבער צייט האָט דאָס ווייב צוגעגרייט דעם אָנבייסן פאַר די קינדער.

חיים האָט זיך אַזוי אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין ביזנעס, אַז ער האָט שוין אַפילו אין דער מיט פון דער שמונה־עשרה געטראַכט וועגן קויפן און פאַרקויפן. ער האָט מעכאַניש געמורמלט צו אויסנווייניק די תפילות און בשעת מעשה געטראַכט — מען דאַרף אַרויפגיין אַהין און אַהין... זיך דערשלאָגן צו קאַפּעלעסאָן און קאַפּעלסאָן אַליין און זיי פּרובירן פאַר־קויפן „בענדלעך", וועט ער פאַרשפּאָרן געבן אַ פּראָצענט דעם מעקלער.

חיימען האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס ער טראַכט אַזוי אַ אינמיטן שמונה־עשרה. אָבער עס פלעגט אים פלוצים אַ ברי טאָן אין אַלע אברים, און עס האָט זיך אים געטאָן אַ דאַכט־אויס, אַז ער ווערט אָן דאָרט, אין בליקער סטריט, זייער וויכטיקע געשעפטן. האָט ער דערפאַר זיך צוגעאיילט און אָפּגעמורמלט דאָס דאַוונען אינדערגיך, דערנאָך עפּעס געכאַפּט און צוגעביסן, און דערווייל האָט שוין רייזי צוגעגרייט אין אַ פּעקל קאָטלעטן מיט ברויט פאַר די קינדער. בא חיימען איז געפלויגן דער קאָפּ ווי אַף ווינט־מילן. זיין קאַפּיטאַל איז צוביסלעך געוואָקסן. ער האָט זיך איינגעלעבט מיט זיינע פיר זין, וועלכע האָבן פאַר אים געאַרבעט אַף אַ נייעם אופן. זיי זיינען שוין איצט בא אים ניט געווען קיין פיר זין. איצט זיינען זיי בא אים געוואָרן „פיר פערדלעך". זאָל זיך אים דאַכטן, אַז ער האַלט, דאָ אין

אמעריקע, א פּאָטשט מיט פיר פערד. מ׳דאַרף זען, אַז די פיר פערד זאָלן זיין געזונט און כוח האָבן צו גיין אין שפּאַן.

האָט דערפאַר חיים מיט גרויס פאַרגעניגן זיי געבראַכט אַלע טאָג אָנ־בייסן פון דער היים. און אַז ער איז געקומען אין שאָפּ אַריין מיטן פּאַק עסן, האָט ער די קינדער געטריבן, אַז זיי זאָלן אויפהערן אַרבעטן און גיין עסן, כל־זמן ס׳איז נאָך פריש און וואַרעם.

— נישקשה, מ׳מעג אויפהערן פאַר צוועלף. איר אַרבעט ניט בא אַ פּרעמדן — האָט חיים געקאָנט זאָגן צו די קינדער. — דאָס עסן ווערט קאַליע. די מאַמע האָט געהייסן גלייך זיך נעמען עסן.

אָבער די פיר זין האָבן אים ניט געהערט און דווקא געוואַרט אויף דעם צוועלף־אַזייגער „פייף״, ערשט דאַן זיך אָפּגעוואַשן און זיך גענומען צום אָנבייסן.

דערפון איז דווקא חיים ניט באַליידיקט געוואָרן. פאַרקערט: עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס די פיר זין זיינען אַזוי איבערגעגעבן צו דער אַרבעט, פּונקט אַזוי ווי אין אַ שאָפּ בא אַ פּרעמדן באַלעבאָס.

חיים האָט געזען, אַז ער קען זיך אויף זיינע פיר זין פאַרלאָזן. ער איז שוין אויך געוואויר געוואָרן וויפיל אַ באַלמעלאָכע באַדאַרף אויסאַרבעטן אַ טאָג. אידן אין בליקער סטריט האָבן חיימען אויסגעלערנט...

און זיינע פיר זין האָבן אַלץ מער אויסגעאַרבעט יעדן טאָג. אפילו די צוויי קלענערע זין, לעווע מיט כאַצקלען, האָבן שוין אויך „געשאָפן״, ווי אַלטע באַלמעלאָכעס. די פיר מאַשינען בא חיימען אין שאָפּ זיינען שיר ניט צעטראַסקעט געוואָרן, דאָס אַלטע הויז האָט אַזש געציטערט און די פענצטער האָבן זיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת.

יעדן פרייטיק האָט זיך חיים געפּירט, אַז אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג איז ער געגאַנגען אין באַנק אַריין אַריינלייגן דאָס געלט, וואָס ער האָט די גאַנצע וואָך אַריינגעלייזט. דערנאָך איז ער שוין מער אין שאָפּ אַריין ניט געקומען. ער איז דעמאָלט געגאַנגען אַהיים און זיך געגרייט צום שבת.

די ווייסע וואַנע בא זיך אין שטוב, אונטער דער נאָז, און הייס וואַסער איז דאָ גענוג. אַלץ וואָס ער דאַרף טאָן, איז אַ דריי טאָן דעם קראַן.

נאָר איין זאַך האָט אים געאַרט — דאָס, וואָס רייזי האָט מיט אים געקאָמאַנדעוועט: דאָ זאָל ער ניט נאָס מאַכן די פאַרהענגלעך באַם פענצטער, דאָרט זאָל ער ניט „פאַרטאָלאָפּען״ דעם שטיינערנעם דיל מיט וואַסער, אַז ער זאָל ניט אויסשמירן די געפּאַרבטע ווענט.

אפשר נאָך מער ווי „צען געבאָט״ האָט רייזי פאַר אים אָנגעגרייט און

ער האָט זיי געמוזט מקיים זיין, אויב ער האָט ניט געוואָלט האָבן מיט איר קיין קריג.

די ווייסע וואַנע מיט דעם הייסן וואַסער איז געווען אַ דערקוויקעניש באַ חיימען. ער האָט עס פאַרגליכן מיט דער פינצטערער באָד, דאָרט אין דעם שטעטל, און ער האָט גאָר אַנגעקוואָלן.

חיים האָט אָנגעהויבן ליב צו האָבן אַמעריקע. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רייך הויז און פון תמיד אָן ליב געהאַט רייכקייט און ברייטקייט. און אָט־די באָד, די אַמעריקאַנישע, באַ זיך אין שטוב, האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד. ער האָט געטראַכט פון זיין שאַפ און גביריש אָפּגעבלאָזן דעם שוואַכן צעפּיעשטשעטן גרעבץ.

אָבער אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם באָד־צימער און זיין ווייב רייזי איז אַריין אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך דאָרט, האָט זי אָנגעמאַכט אַ גוואַלד: זע נאָר וואָס ער האָט געטאָן! וואָס מיינט ער, איז דאָ, אַ באָד? זע נאָר, ווי ער האָט די וואַנע „פאַרסאַליעט"! זע נאָר, ווי ער האָט „פאַר־טאָלאָפּעט" די פּאָדלאָגע!

— שאַ, שאַ, אשה! — האָט חיים אַליין ניט געוויאוסט ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן. עס איז חיימען שוין פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ, דער גאַנצער פאַרגעניגן מיט דער אַמעריקאַנער וואַנע. — וואָס איז דאָס באַ דיר, אַ פּאַלאַץ?

און דאָס ווייב האָט אים דערפאַר ניט געשוויגן. זי האָט אים באַלד אָנגעהויבן אויסרעכענען אַלע זיינע חסרונות, וואָס זי האָט געקענט, זינט זי האָט מיט אים חתונה געהאַט.

חיים האָט זיך געמאַכט, ווי אים אַרט ניט דאָס, וואָס זי וואַרפט אים אויף זיינע חסרונות. ער האָט זיך צו איר געלאַשטשעט און צו איר געמאַכט חנדלעך און אַפילו זי אַרומגענומען און זי צו זיך געדריקט. רייזי האָט אים בייז פון זיך אָפּגעשטויסן.

דערנאָך האָט זי אים געגעבן טיי: „אַניט ביזטו ווערט, אַז איך זאָל דיר דערלאַנגען טיי? אָבער פונדעסטוועגן האָט זי אים נאָך צוגעטראָגן אַ פרישׁ קיכעלע צו דער טיי.

דע־נאָך האָט זיך חיים אַוועקגעזעצט „מעביר־זיין" די סדרה. טפוי! ער ווייסט שוין אַפילו ניט וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט היינטיקע וואָך.

— רייזי!

— וואָסי? — פרעגט דאָס ווייב מיט אַ געמאַכטן בייזער.

— וואָס פאַר אַ סדרה גייט היינטיקע וואָך?

— גיי פרעג דעם רב ! — ענטפערט רייזי מיט כעס דערפאַר, וואָס איר דאַכט זיך, אַז חיים מאַכט פון איר חוזק.

חיים צעלאַכט זיך.

— זיך שיין דערלעבט. ביזנעס. כ'וויים אַפילו ניט וואו כ'האַלט אין דער וועלט — זאָגט חיים אינדערהויך, אַזוי אַז רייזי זאָל דערהערן אין קיך.

אָבער ענדלעך הערט רייזי, ווי חיים זינגט די סדרה. זי טראַכט, אַז עס וועט דאָ פון איר מאַן חיים סיי־ווי גאָרניט ווערן. זעצט זיך אַנידער אַ איד אין מיטן דערינען און איז מעביר די סדרה. וואָס עס ליגט אים דאָ, אין אַמעריקע, אין זינען !

עס האָט זיך געעפנט די טיר און אייזיק איז אַריינגעקומען.

די מאַמע האָט געטאָן אַ מאַך צו אייזיקן, ווי איינער רעדט : — אָט הער, זון, וואָס דיין טאַטע באַבעטשעט דאָרטן.

אייזיק איז דורכגעלאָפן ווי אַ ווינט דורך דעם עס־צימער, וואו דער טאַטע איז געזעסן באַם טיש. חיים האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון חומש. אָבער זיין זון אייזיק איז שוין אַוועק אין זיין צימער.

— ברוגז ! — האָט חיים געטאָן אַ טראַכט.

אייזיק איז נאָר־וואָס געקומען פון דעם הויז פון דעם שריפטשטעלער פ... וואָס פאַר אַ רייכער, באַקוועמער שרייבצימער באַ אים !... ער איז געזעסן באַם שרייבטיש פונקט אין דער מיט פון צימער. עס מיניעט זיך נאָך פאַר זיינע אויגן די האַלב־טונקלקייט און ווייכקייט פון קאַוויאָרן און דיוואַנען, די שאַפעס מיט ביכער און סטאַטועטקעלעך. אַפן טיש — די פּאַפּירן, ביכער, שרייב־געצייג.

אייזיק האָט אים געבראַכט צוויי זאַכן, געציטערט ווי אין פיבער — די הענט האָבן אים אַזש געשוויצט. ער האָט זיך פאַרלאָרן ווי אַ אינגל. אָבער פ... איז געווען אַזוי גוט צו אים, ווי אַ טאַטע צו אַ קינד. אויסגעפרעגט:

— פון וואַנען קומט איר ?

— פון בעסאַראַביע.

— ווי לאַנג שרייבט איר ?

— ניט לאַנג. די ערשטע צוויי זאַכן — זאָגט אייזיק אַ ליגן. פאַרוואָס ער האָט געזאָגט דעם ליגן ווייסט ער אַליין ניט.

— און וואָס טוט איר כדי צו מאַכן אַ לעבן ?

— איך אַרבעט אין אַ שאַפּ.

— אַזוי ? אַן אַרבעטער... ווען־זשע וועט איר האָבן צייט זיך אָפּגעבן מיט שריפטשטעלעריי ?

מיט שריפטשטעלעריי?... אייזיק ווייסט נאָך ניט וואָס דאָס איז. אייזיק שווייגט. ער האָט מורא, אַז אויב ער וועט עפּעס זאָגן, וועט ער נאָך קאַליע מאַכן און וועט זיך מאַכן לעכערלעך אין די אויגן פון דעם גרויסן שרייבער.

ער זיצט אויף אַ שפּיץ פון אַ בענקל און באַטראַכט מיט זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן דעם שרייבער פּ... ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן. אפשר זאָל ער זיך אויפהייבן און באַלד אַוועקגיין. ער האָט אים געטראָפן בײַם טיש זיצן און שרייבן. דאַכט זיך אייזיקן, אַז ער שטערט אים.

— וואו וואוינט איר? — פרעגט פּ... בײַ אייזיקן.

אייזיק זאָגט אים וואו ער וואוינט. פּ... פאַרשרייבט אין אַן אַדרעס־ביכעלע. איצט באַטראַכט אייזיק דעם שרייבער פּ... אייזיק איז אַנטוישט. דערוואַרט צו טרעפן דאָ אַ זקן מיט ווײַסע האָר. צום סוף שטייט דאָ פאַר אים אַ שיינער יונגערמאַן מיט שוואַרצע האָר, מיט ווײַסע הענט. אייזיק באַהאַלט זײַנע אייגענע הענט, די צעדראַפּעטע פון די דראָטן.

אייזיק פאַלט בײַ זיך דערפאַר ניט אַראָפּ. ער דערמאָנט זיך אָן זײַן בראָדעווקע, די שוואַרצע, פּונקט אינמיטן פון שטערן, און אויף זײַן פּנים די צוויי ביינער, וואָס שטעקן אַרויס און גיבן אים דעם אויסזען פון אַ טאָטער. אייזיק האָט תּמיד געגלייבט, אַז דערפאַר ווייכט פון אים דער „שיינער" געשלעכט, און ער האָט ניט קיין מזל צו זייער ליבע.

דער שרייבער פּ... פאַרזיכערט אים, אַז ער וועט אַליין איבערלייענען די זאַכן און אין עטלעכע טעג אים לאָזן וויסן.

און ערשט איצט, בײַ זיך אין צימער, דערמאָנט זיך אייזיק, ווי לעפּעשע־וואַטע ער איז געווען בײַם שרייבער פּ... אין שטוב. עס הייבט אייזיקן אָן צו פלאַמען די באַקן פון בושה.

ערשט איצט דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט גאָרניט גערעדט. און עס שווימען ווידער אויף אין מוח פיל געדאַנקען, וואָס זײַנען גראָד נעלם געוואָרן, ווען ער האָט זיי אַזוי נויטיק געדאַרפט האָבן.

אייזיק שטרעקט זיך אויס אויפן דיוואַן בײַ זיך אין צימער. מיט זיך אַליין קאָן ער זיך זייער גוט אויסטענהן. פאַר זײַנע פאַרמאַכטע אויגן שפּרינגען בילדער נאָך בילדער.

עס וויקלט זיך פאַנאַנדער דער שאַפּ, אין וועלכן ער אַרבעט. עס שטייען פאַר זײַנע אויגן, ווי לעבעדיקע, אַלע אַרבעטער פון שאַפּ, פון גאַנצן פאַך. די עטלעכע „אינטעליגענטן", וועלכע אַרבעטן אין פאַך; דער צושטאַנד אין

פאַך מיט די קליינע באַלעבאַטים; ווי אַזוי אַרבעטער ווערן אויסגעריסן אַ גאַנצן טאָג, און ווי אַזוי די באַלעבאַטים צווינגען אַרבעטער מיטצונעמען אַרבעט אַהיים אַף באַנאַכט. דער אַרבעטער טראָגט זיך אַהיים מיט אַ גיפּסענעם בלאָק און מיט דראָט און אַף מאָרגן מוז ער צוריקברענגען אין שאַפּ פאַרטיקע פּאַסאַנען. דער אַרבעטער־עלעמענט איז אַן אַמעריקאַנער, חוץ עטלעכע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אַהער מיט אַטעסטאַטן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. און דאָ, אין אַמעריקע, האָבן זיך נאָך דידאָזיקע פּאַרטייען ניט איינגעוואָרצלט. דערווייל איז נישטאָ ווער ס'זאָל פירן די היגע אַרבעטער. די היגע סאָציאַליסטן זיינען צעטיילט אין צוויי קריגערישע אַרמייען. די ס. פּ. און ס. ל. פּ. קעמפן צווישן זיך מיט די בימערסטע מיטלען און דערווייל איז נישטאָ ווער עס זאָל פירן דעם אַרבעטער אין זיינע טאָג־טעגלעכע קאַמפן.

און קעמפן איז דאָ פאַר וואָס. אָט באַ אייזיקן אין פאַך זיינען די פאַרדינסטן קליינע, גראָשנדיקע. דער סעזאָן איז אַ קורצער. דאַרף מען אַרבעטן לאַנגע שעהן אַלע זיבן טעג אין דער וואָך. עס איז אין פאַך איינגעפירט „סוועט־שאַפּ". גאַנצע פאַמיליעס שוויצן אָפּ טעג מיט נעכט. אַן אַרבעטער נעמט אַהיים אַרבעט אין הויז אַריין. דאָס ווייב העלפט אים שניידן די דראָטן, די קינדערלעך העלפן אים בינדן די דראָטן. עס איז רעכט, אַז אַזאַ פאַמיליע זאָל אַרבעטן ביזן גרויען טאָג אַריין. און דערנאָך קומט דער פאָטער פון דער פאַמיליע, ערשט אַף מאָרגן, אין שאַפּ אַריין און שטייט ווידער אַף זיינע פיס אַ גאַנצן טאָג און יאָגט די נשמה פון זיך אַרויס. דערנאָך גיט דער סעזאָן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז אויס. און עס ווערט קאַלעמוטנע. עס איז נישטאָ קיין אַרבעט, נישטאָ קיין געלט. די באַלעבאַטים וואַרפן זיך מיט אַרבעטער און רייסן אַלע מאָל אַראָפּ פון זייער לעצטן ביסן. ווערט דראָט טייערער, איז שלעכט — דאַרף דער אַרבעטער אַרבעטן ביליקער, כדי דער באַלעבאָס זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט די פּרייזן. ווערט ווידער דראָט ביליקער, מוז אודאי דער אַרבעטער אַרבעטן ביליקער, ווייל אַניט וועט דאָך קיינער די ביליקע הימלעך ניט וועלן נעמען אין האַנט אַריין. און פונדעסטוועגן זעט זיך ניט, אַז די באַלעבאַטים זאָלן ניט האָבן וואָס צו עסן. זייערע ווייבער זיינען באַהאַנגען מיט דימענטן און זיי פאַרגינען זיך צו גיין אין טעאַטער אַריין אַלע אָוונט.

צי קאָן ער, אייזיק, גיין אין טעאַטער איצט, ווען עס איז סלעק? און ווען עס איז דער סעזאָן האָט אייזיק ניט קיין כוח, פיזיש, צו גיין אין טעאַטער. עס איז נישטאָ קיין כוח אַפילו איבערצולייענען אַ בוך. און ער

וויל נאָך ווערן אַ שרייבער. אפשר איז טאקע פּ... גערעכט. ווען וועט ער זיך קאָנען אָפּגעבן מיט שרייבן?

און פאַניע, דאָס מיידל, וואָס איז מיט אייזיקן געפאָרן אױף איין שיף קיין אַמעריקע — ווי זי איז דאָס געוואָרן סענטימענטאַל און זי גיט אויך אָנצוהערן... היינט אָוונט וועט ער צו איר גיין. עס וועט אפשר זיין דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער וועט זיך מיט איר זען. זי, די היימישע בונדאָווקע, איז דאָ געוואָרן אַן אַנדערע. נישטאָ דאָ קיין „סכאָדקעס" אין די וועלדער. נישטאָ דאָ די ערשטע־מאַי דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן. נישטאָ דאָ די רעוואָלוציאָנערע לידער. זי איז געוואָרן אַ ציניקע, צעוואַקסענע מיידל מיט אַ בלאַס אויסגעצערט פּנים, וואָס רעדט מיט האַלבע ווערטער וועגן עפּעס אַ געהיימער פּערזאָן, וואָס שיקט צו איר שלוחים — און דאָס דענערווירט אַזוי אייזיקן. חתונה האָבן! חתונה האָבן! אַנפילן אַ שטוב מיט קינדער און זיך טראָגן פון שאָפּ מיטן גיפּסענעם בלאָק און מיט דראָט און אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט. פאַניע וועט שניידן די דראָטן און די קינדערלעך וועלן העלפן בינדן...

באַ דעם געדאַנק שפּרינגט אייזיק אויף פון קאַנאַפּע און הויבט אָן אַרומגיין איבערן צימערל. ער איז נאָך יונג. עס איז אים נאָך אפילו קיין פיר־און־צוואַנציק יאָר נישט. עס איז דאָ פאַר אים אַ לאַנגער וועג פון אַרבעט, פון קאַמף. ער וועט עס היינט אָוונט זאָגן פאַניען.

די מאַמע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון צימערל.

— אייזיק!

— איך קום! — לויפט אייזיק אַריין אין שטוב. דער פאָטער איז שוין נישטאָ. אויפן טיש ברענען ליכט אין זילבערנע לייכטער. צוויי קוילעטשן זיינען איבערגעדעקט מיט אַ קליין רויט טישטעכל.

אָט איז עס! אַריבערגעבראַכט אַהער דאָס, פון וואָס ער איז אַנטלאָפן.

באַם טיש זיצן טייל פון די איבעריקע ברידער. אייזיק איז דאָ ווי אַ פרעמדער צווישן זיי.

די מאַמע גיט עסן — פיש, דערנאָך לאָקשן מיט יויך, דערנאָך פליייש, דערנאָך צימעס. אייזיק עסט די אַלע זאַכן מיט דער היימיש־געבאַקענער חלה, וואָס די מאַמע באַקט אַליין דאָ אין אַמעריקע. די מאַמע האָרעוועט דאָ שווער און ביטער. און אייזיק האָט נאָך מיט איר נישט אויסגערעדט קיין עטלעכע ווערטער.

זי אים: „אייזיק", און ער איר: „מאַמע" — דאָס אַלעס. און זי

האָרעוועט אַזוי שווער. אַזאַ גרויסע שטוב צו האַלטן ריין. און ווי שווער זי האָט מסתּם היינט געהאָרעוועט צו ברענגען דעם שבת אין שטוב אַריין.

— מאַמע — זאָגט אייזיק פּלוצים — פאַרוואָס האָרעוועסטו אַזוי שווער?

— צוליב אייך, קינדער — זאָגט די מאַמע און פאַרשעמט זיך. דאָס ערשטע מאָל, זינט זי איז אין אַמעריקע, אַז אייזיק זאָל מיט איר רעדן כאָטש אַ פּאָר ווערטער.

אייזיק האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק פון טיש. ערשט, אַז ער איז געגאַנגען איבער די ענגע גאַסן פון דער איסט־סייד אַפּן וועג צו פאַניען, האָט ער זיך אויסגעטענהט מיט דער מאַמען אין זיין דמיון: „חלה באַקט זי, ווען עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן אפילו ניט קיין שוואַרץ שטיקל ברויט!“

צוועלפטער קאַפּיטל

חיים האָט אָפּן וועג דורך אָטוירני סטריט דורכגעשניטן גרענד סטריט, ברום סטריט, דילענסי סטריט און ריווינגטאָן סטריט. ער איז געווען מלא־רציחה אַף זיינע אידן, פאַרוואָס זיי האָבן נאָך ניט „צוגענומען" דעם שבת. איבעראַל זיינען נאָך די קראָמען געווען אָפּן. און אַף דער גאַס זיינען נאָך געשטאַנען אידן מיט „שטעלן" פון כל־טוב, מיט שלייקעס, מיט שטעקשיך, מיט לימענעס און מיט מענער־היט, מיט מאַראַנצן און קנעפּלעך. די קולות זיינען געגאַנגען „ביז צום זיבעטן הימל".

אין דער גאַס האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע פעסלעך, רייפן, פּאַפּירן און קופּקעלעך קישקעס פון עופות. קעץ און הינט האָבן זיך געריסן איבער אָט־די קישקעס. קינדער האָבן געשפּילט מיט שטעקנעס און מיט באָל. אַלעמאָל האָט אַ בחורעץ געטאָן אַ טראַך מיט אַ שטעקן אין דעם באָל און אַ בינט מיט אַנדערע בחורים האָבן גענומען לויפן נאָך דעם אויסגעשאָסענעם באָל, מיט אַ געפּילדער און געוואַלט, וואָס האָט חיימען שיר ניט „צעשניטן דעם מוח".

ער איז אין אַנפאַנג בא זיך אַראָפּגעפאַלן. פרעגן בא אימיצן וואו די „אנשי חסידים דריזין", האָט זיך אים געדאַכט, וועט אויסקוקן ווי חוזק. אָט אין אַזאַ טאַראַראַם, וועמען ליגט אינזינען דער „הייליקער שבת" חיימס? מען וועט דאָך אים אָנקוקן ווי אַ משוגענעם.

אָבער אָט דערזעט חיים אַ שטאָל, און אַף די טויערן פון שטאָל אַ טאַבליצע מיט אידישע אותיות: „אנשי חסידים דריזין".

— אַ שטאָל גאָר? — פאַרוואונדערט ער זיך. זיין פּנים ווערט אָנגעגאָסן מיט בושה. ער וואָלט שוין געגאַנגען צוריק אַהיים, דערמאָנט ער זיך אָבער וואָס רייזי וועט זאָגן, און איר געבן אַ געלעגנהייט צו „פאָרן" רייטנדיק אַף אים, וויל חיים ניט. און וואָס דאַרף ער אַזוי מורא האָבן פאַר אַ שטאָל? ער איז דאָך אַליין אָפּגעווען אַ סך יאָרן אַ פּאָטשטאַר אין בעסאַראַביע מיט פערד און שטאָלן און האָט דען דער בעל־שם אַליין איינמאָל ניט געדאַוונט אין אַ שטאָל אָדער גאָר אָפּן פעלד?

חיים שטעלט זיך אָפּ אַנטקעגן אַף דער אַנדערער זייט גאַס און קוקט. זעט ער ווי אין איינעם פון די צוויי טויערן עפנט זיך אַלעמאָל אַ קליינע טיר. דורך דער טיר גייען אַרויס ווייבער, קינדער און מאַנצבילן. אריין

גייען זייער ווינציק מענטשן. שטייט אזוי חיים און קוקט נאָכאַמאָל אַף דער טאַבליצע מיט די אידישע אותיות: „אנשי חסידים דריזין”. ער הויבט אויף זיינע אויגן העכער און דערזעט, אז איבערן טויער איז דאָ א געביידע מיט עטלעכע שטאָק. די געביידע איז פון רויטע ציגל און מיט פענצטער, אין וועלכע עס זיינען נישטאָ קיין שויבן. נאַקעטע פענצטער מיט אייזערנע פרענטעס.

חיים קוקט זיך גוט איין און דערזעט, צו זיין גרויסן שטוינען, קעפּ פון פערד. פריער האָט ער די פערד נית געזען. אָבער איצט זעט ער זיי קלאָר. פערד! רויטע פערד, ווייסע פערד, שווארצע פערד. חיים דער־שמעקט שוין אויך דעם ריח פון פערד; א ריח, וועלכער איז אים אזוי גוט און וואויל באקאנט פון זיין פּאָטשטאַרניע. ער דערשמעקט אויך דעם ריח פון גנוי.

חיימען ווערט פינצטער אין די אויגן. ווען עס עפנט זיך דאָ א גרוב וואָלט ער גערן געוואָלט אריינפאלן. מער פעלט נית, אז זיין רייזי זאָל זיך דערוויסן פון זיין חסידים־שטיבל, אז עס איז גאָר א שטאָל מיט פערד. זי וועט פון אים מאכן דאָס גרעסטע געלעכטער.

אינדרויסן איז שוין געווען נאָך זונאונטערגאַנג. בא אטוירני סטריט מיט די אָנגעפּיקעוועטע טענעמענט־הייזער מיט די קרעמלעך, מיט די גע־שטעלן, מיט דעם הו־הא פון האנדל, מיט אידן פון אלערליי מינים, מיט בערד און אָן בערד, מיט האָרבעס אַף די פּלייצעס און מיט גלייכע געזונטע אידן; מיט דעם ריח פון ציבעלעס און פיש און מיט דעם ריח פון מאראנצן און הערינג און מיט דעם ריח פון גנוי און שוויס פון פערד, האָט זיך דער אָוונט שוין היפּש אַנידערגעלייגט. אין דעם שמאָלן פּאַס איבער דער גאַס איז געהאַנגען א בלאַסער הימל.

— נא — האָט חיים צו זיך אליין געזאָגט — מ'באַדאַרף איינשטעלן!

— ער איז אריבערגעגאַנגען די גאַס און געעפנט די טיר מיט קוראַזש, כאָטש אין דער אמתן האָט אים שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ.

א שטאַרקער ריח פון גנוי האָט אים געטאָן א זעץ אין די נאָזלעכער. דאָ, פון דער זייט טיר, איז געווען א פינצטערע קאַמער. גייט חיים אין דער פינצטער, ביז ער שטויסט זיך אָן אין א וואַנט פון ברעטער. דורך די שפּאַרונעס פון די ברעטער דערזעט ער ווי ליכט ברענען, און באַלד דערהערט ער, ווי מען דאַוונט אינעוויייניק.

בא דעם קלוגן חיימען ווערט דאָס פּנים צעשמייכלט מיט א נארישן שמייכל. און ער רעדט זיך איין, באַלד אַף דער מינוט, אז דער „אויבערשטער”

האָט מיט אים געשפּילט אַזאַ אויספּרואוועניש, אים, דעם קלוגן אידן, גע־וואָלט אָפּנאַרן — אײנדרויסן אַ שטאָל מיט פערד און דאָ, אינעווייניק, אַ וואַנט פון ברעטער מיט דעם ריח פון גנוי — אָבער אָט דאַווענען אידן.

חיים טאַפּט די וואַנט כדי צו געפינען אַ טיר. גייט ער דערווייל באַ דער וואַנט, ביז ער קומט צו אַ ווינקל. און עס וואַקסט אויס אַ הויף, וואו עס שטייען וועגענער מיט אויפגעהויבענע דישלס.

און דאָ־אָ, באַ דער זייט, ווידער אַ טיר. חיים גייט אַריין. עס איז אַ מין שאַפּע. איין האַלב איז מיט לאַנגע טישן און בענק — „מסתם אויף צו פּראַווען סעודות" — טראַכט ער. אין דער אַנדערער העלפט פון דער שאַפּע הענגען אַ פּאָר גאַזדרען פון נידעריקן באַלקן. דער באַלקן איז באַ־דעקט מיט פּאָוועטינע. אויבן, איבערן באַלקן, טופען פערד מיט זייערע קאָפּיטעס, און באַם עמוד שטייט אַ איד און שרייט־אויף ווי פון שלאָף אַלעמאָל, ווען אויבן איבערן באַלקן צעטופעט זיך אַ פערד. באַם עמוד ברענען עטלעכע ליכטלעך אין מעשענע לייכטער, אָבער אין שאַפּע איז פינצטער ווי אין אַ קעלער. באַ חיימען, דעם מפונק, האָבן די נאָזלעכער גענומען ציטערן. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן.

איצט האָט ער פאַרשטאַנען די ירידה פון זיין גליקן אין אַמעריקע. און אַנשטאָט ער זאָל מיטדאַווענען מיט דעמדאָזיקן עולם, האָט ער זיך פאַר־טראַכט: צי איז ער ניט קיין לעקיש און צי מאַכט ער זיך ניט צום נאַר מיט דעם גלויבן זיינעם אין אַן „אויבערשטן", וועלכער פירט די וועלט און צו וועלכן מען מוז אַריינגיין בעטן דורך אַזאַ שמעקעדיקער שאַפּע?...

דאָ, אין שאַפּע, בראַקען אידן אָפּן פּאַדלאָגע. חיימען, דעם קלוגן, שיינעם אידן, קערט זיך איבער די גאַל. די אידן, עפּעס אַזעלכע מאָדנע, וואָרלאָזע, אָפּגעריסענע, עפּעס אַזוי ווי ניט זיינע. נאָכן דאַווענען גיט מען אים שלום. חיים איז מלא רציחה און ענטפערט מיטן שפּיץ פון די פינגער. ער האָט קוים זיך אַרויסגעריסן פון דאָרטן; געלאָפן אַהיים, ווי מיט עפּעס אַ פעסטן באַשלוס אָפּצוהיטן און פטור ווערן, זיך אָפּטרייסלען אויף תמיד.

זי איז גערעכט, זיין רייזי, מ'דאַרף זיך טאָן אַ נעם צו ביזנעס, צו אַ תכלית. ער וועט אַריין אין שטוב און רייזין דערציילן פון דעם חוזק מיט דער שטאָל און פערד און מיט די חסידים, וואָס קאָנען ניט קיין „שייטל" עברי.

חיים איז אַרויפגעקומען צו זיך אין שטוב. באַלד אין קיך האָט אים גענומען אַ שלאַג מיטן אַפּעטיטלעכן ריח פון די געפילטע פיש. אויך די

ליכטיקייט האָט אים געלאַשטשעט אין די אויגן. אין שטוב איז געווען אויסערגעוויינטלעך ריין.

האָט אָבער חיים באַלד אָנגעצויגן אַף זיך דאָס „משוגעת" זיינס, ווי רייזי פֿלעגט עס רופֿן.

דאָ אין שטוב האָט חיים גענומען פּראָווען זיינע „שטוטשקעס" אַף רייזיס חשבון. האָט ער דען ניט געוואוסט, אַז עס זיצן די קינדער און וואַרטן אַף אים מיט וועטשערע?

חיים האָט צייט. ער זאָגט איצט „שלום עליכם". עס איז שוין רייזין אַזוי וואויל באַקאַנט אָט דער נודנער „שלום עליכם" זיינער. באַ רייזין זעט ער אויס אַזוי קינדיש. שפּאַנט אַרום אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין אַף אַ קול. וויפֿיל איז דער שיר!

הוישיקעלע זיצט אין אַן אַנדער צימער און לייענט זיין ציטונג. אַניט קאָן ער לייענען, ווען דער טאַטע גייט אַרום איבער דער שטוב און מאַכט אַזוינע קולות „שלום עליכם"!... „בת מלכה"!...

— אפשר וואָלט שוין דאַרטן געווען גענוג געפּרעפּלט! — גייט הוישיקעלע אַרויס פֿון די כּלים און גיט אַ וואָרף זיין ציטונג צום דיל.

חיים בלייבט שטיין מיט ביידע הענט צונויפֿגעלייגט, פֿרום, דלאַניע צו דלאַניע. ער שווייגט און קוקט אַף הוישיקעלען בייז.

— דו, האָוריִלע! — וואַרפֿט חיים צו הוישיקעלען דאָס באַרימטע זידל־וואָרט, וועלכעס חיים האָט אָפּט געוואָרפֿן אימיצן, ווען ער האָט געוואָלט באַצייכענען מיט גראָביאַנגישקייט.

— און דו ביזט זייער אַ געבילדעטער מענטש!... — נעמט זיך רייזי אָן הוישיקעלעס קריוודע. — אויב דו ביזט אַזאַ לערנער, פֿאַרוואָס פֿאַרשטייסטו ניט, אַז מענטשן וואַרטן אַף דיר מיטן עסן? אַ שיינער איד, מען איז אַף אים מחויב צו וואַרטן...

חיים האָט אַף רייזין געטאָן אַ ברום: „נאָ!..." און ווידער אָנגעהויבן, ווי רייזין האָט זיך געדאַכט, פֿון אָנפֿאַנג אָן, „שלום עליכם", פֿריער מיט בייזקייט אין זיין קול און דערנאָך מיט מער און מער פֿרייד און פֿייער.

הוישיקעלע איז אַריין צו דער מאַמען און געזאָגט:

— איך באַדאַרף גיין צו אַ מיטינג, מאַמע!

— וועל איך דיר געבן עסן באַזונדער — האָט רייזי זיך אויפֿגעהויבן און אַריין אין קיך און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט טעלער, לעפֿל און גאָפּל.

באַם טיש זיינען אומגעדולדיק געזעסן לעווע און כאַצקל, און מאָטיע

האָט אַריינגעקוקט אין אַ אידיש ביכל. מאַריס איז געווען באַ זיך אין צימער. אייזיק איז געווען אַוועקגעגאַנגען.

די מאַמע האָט געשטעלט עסן פאַר הוישיקעלען.

חיים האָט אינמיטן פון זיין באַגייסטערטן מקבל פּנים זיין די בת מלכּה פון שבת קודש געטאָן אַ קרומען קוק אויף הוישיקעלען.

הוישיקעלע האָט זיך מיט כּעס אַנידערגעזעצט באַם טיש. דאָס בענקל איז שיער ניט צעזעצט געוואָרן פון הוישיקעלעס אַנידערזעצן זיך.

חיים איז צוגעלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלער מיט פיש און אים אַ וואָרף געטאָן. דער טעלער איז פאַרפאָרן איבערן טיש און איז מיט גרויס אימפּעט אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און בריאַזג — אין פּיצ־פּיצלעך.

אַ מינוט, און אַלע זיינען שוין געשטאַנען אויף זייערע פיס.

— דאָ איז ניט קיין רעסטאָראַציע! — האָט חיים געשריען.

— אַז ס׳געפעלט דיר ניט, פאָר דיר צוריק, פון וואַנען דו ביזט געקומען! — ענטפערט הוישיקעלע.

— שווייג, דו אויסוואורף! דו ממזר בן־הנידהניק! — טופעט חיים מיט די פיס. באַ חיימען ציטערן די הענט. — איך וועל דיר צעפּאַטשן דיינע וואַרגעס!

— אַנו, פּרוּאוו שלאָגן! — רייצט זיך הוישיקעלע. — וואָס מיינסטו, כ׳וויים ניט די מעשה מיטן סטראָפּ... כע, כע, געקומען קיין אַמעריקע באָסעווען!

רייזי האָט דערווייל אָפּגעקליבן די שטיקלעך שערבלעך פונעם צעבראָכענעם טעלער און אויפגעהויבן פון דיל דאָס שטיקל פיש. זי האָט דערווייל געקלאָגט און די באַקן באַ איר זיינען געווען צעפלאַמט:

— אַ פרומער איד!... שבת!... און קוק וואָס ער אַרבעט אָן אין שטוב!

— שווייג! — לויפט צו חיים צו הוישיקעלען און שטעלט זיך אַנטקעגן אים מיט אַן אויפגעהויבענעם ציטערנדיקן פויסט.

הוישיקעלע גיט אַ שאַר אַוועק אַט דעם ציטערנדיקן פויסט, ווי מען שאַרט אַוועק אַ זלידנע פליג. ער שטעלט אָן זיין יונגן געזונטן פּנים אַנטקעגן זיין פאָטער חיים.

דערווייל איז מאַריס געקומען צולויפן פון זיין צימער מיט ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס. זיין קוטשעראַווע קאָפּ האָר צעשויבערט און אויפגעשטעלט, ווי הערנער.

— העי, דו, פאַרמאַך דאָס טריפהנע מויל! — גיט מאַריס אַ געשריי צו

הוישיקעלען און לויפט צו אים צו און גיט אים אַ וואָרף, אַזוי אַז הוישיקעלע פֿאַלט אַרויף אויפֿן בענקל.

הוישיקעלע גיט זיך צוריק אַ הויב אויף, פֿאַרפּלעכט זיך אין גערּאַנגל מיט מאָריסן. מיטאַמאָל דערלאַנגט ער מאָריסן אַ פּאַרפּאָר אין פּנים אַרײַן. דער פּאַטש קלינגט אָפּ, פּונקט ווי עס וואָלט צעבראָכן געוואָרן אַן אַנדער טעלער.

מאָריס וואַרפֿט זיך אַרויף אויף הוישעקעלען, נעמט אים אָן באַם קאָפּ און בויגט אים צו דער ערד. דער טיש מיט די לײַכטער און די שבתדיקע ליכט איז שוין פֿאַרפֿאָרן אין אַ זײַט. איין לײַכטער איז אומגעפֿאַלן און דאָס ברענענדיקע ליכט איז צוגעפֿאַלן צום ווײַסן טישטעך.

אין דער מינוט זײַנען אַלע קינדער געלעגן אין אַ בינט אויפֿן פּאָדלאָגע און געדריגעט מיט די פֿיס און געוואָרפֿן קולאַקעס. עס איז ניט געווען קלאָר, ווער וועמען שלאָגט. ווער עס נעמט זיך אָן אימיצנס קריוודע.

הוישיקעלע איז געלעגן אויפֿן פּאָדלאָגע פֿון סאַמע אונטן און אויף אים אַ באַרג מיט זײַנע אייגענע ברידער.

עס זײַנען געגאַנגען קולות: „באַנדיט!" „אַלרייטניק!" „סקעב!"

און חיים האָט זיך דערשראָקן:

טאַקע, וואָס האָט ער דאָ אָנגעאַרבעט אַזאַ סומאַטאָכע און פּונקט אום שבת.

— וואו איז אײַזיק?! — האָט חיים געשריען צו רײַזין. — גיך, רוף אַרײַן אײַזיקן!...

און אַליין האָט ער געפּרואווט זיך אָנבויגן און דאָס קינדער־געשלעג צערײַסן. אָבער גיי, רײַס גראָבע וואָרצלען פֿון דער ערד — אַזוי איז געווען אוממעגלעך זיי צו צענעמען.

רײַזי איז געלאָפֿן צו דער טיר, וואָס פֿירט אין דרויסנדיקן קאָרידאָר. צי זאָל זי עפֿענען די טיר און טאָן אַ געשריי?

זי קנײַפּט זיך די באַקן פֿון ווייטיק. זי בויגט צו דעם אויער צו דער טיר. צי לויפֿן זיך ניט מענטשן צונויף? וואָס האָט מען געוואָלט פֿון איר לעבן?...

די צוויי קלענערע ברידערלעך, פֿיני מיט שמואליקן, זײַנען געשטאַנען אויף דער קאַנאַפּע און געקלאַפּט מיט די הענטלעך אין די קני:

— אַטאַבאָי!

זיי האָבן שוין אויסגעלערנט אין אַטוירני סטריט אַלע „גוטע" אַמערי־

קאַנער זאַכן. און זײ האָבן געקוקט אױף דעם געשלעג פֿון די ברידער, װי אױף א געװעט װער עס װעט װעמען בײַקומען.

האָט אײנער פֿון די ברידער דערלאַנגט א בעסערן סטוסאַק, אָדער א בעסערן בריק מיטן פֿוס, איז דאָס בײַ פּינין מיט שמואליקן געװען א גרױסע פֿרײד. און זײ האָבן צונעקלאַפּט מיט די הענטלעך און אױסגערופֿן אַלערלײ גאַסן־װערטלעך, װעלכע זײ האָבן שױן באַװיזן זיך אױסצולערנען אין אַמױרני סטריט.

דער מאַמע רײזין איז נעגאַנגען אין לעבן, אַז מען זאָל זיך ניט צונױפֿ־לױפֿן. ס'איז איר געװען א גרױסע בושה. איז זי געשטאַנען בײַ דער טיר און זיך צוגעהערט װאָס עס הערט זיך פֿון יענער זײַט.

זי האָט דערהערט טריט קלאַפּן אױף די טרעפּ. דאָס האַרץ האָט זיך בײַ איר אָפּגעשטעלט פֿון שרעק.

מען קלאַפּט אין טיר. רײזי מאַכט זיך, װי זי הערט ניט, אַז מען קלאַפּט אין טיר. אָבער דער, װאָס פֿון יענער זײַט טיר, קלאַפּט שטאַרק און מיט כּעס.

רײזי עפֿנט די טיר אױף א קלײן שפּעלטל.

ערשט עס איז אײַזיק.

— אױ, אײַזיקל! א חורבן אין שטוב!

אָבער אײַזיק הערט זי ניט. ער לױפֿט אַרײַן אין עס־צימער, ער גיט זיך א װאָרף אױף דעם באַרג, װאָס אױפֿן פּאָדלאָגע. ער גיט א כאַפּ אַלעמאָל אײנעם פֿון זײַנע ברידער און ער הױבט אים אױף און פֿירט אים אַװעק אין א זײַטיקן צימער.

מאָריסן איז געװען שװער אָפּצורײַסן פֿון הױשיקעלען. אָבער ענדלעך האָט זײ אײַזיק צעריסן און פֿאַנאַנדערגעטײלט. דער טאַטע חיים האָט אױף זיך גענומען מאָריסן און איז מיט אים אַװעק אין א באַזונדער צימער.

— איך װעל זען, אַז מען זאָל אים צוריקשיקן קײן רישקאָן — האָט מאָרים געזשיפּעט מיט כּעס. — מען באַדאַרף דאָ ניט קײן אומגעװוּנטשטע אימיגראַנטן!

הױשיקעלע האָט זיך געצאַפּלט אין אײַזיקס הענט און זיך געריסן צו מאָריסן.

— און איך װעל דיר אַרױסלאָזן די קישקעס, דו סקעבאַטש! — האָט הױשיקעלע געשריען מיט װײַסן שױם אױף זײַנע ליפּן.

אײַזיק האָט נעגלעט הױשיקעלעס צעדראַפּעטן פּנים.

די צװײ קלענערע ברידערלעך, פּיני און שמואליק, האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען אױפֿן דיװאַן. מיט יעדן שפּרונג, װאָס זײ האָבן געטאָן, האָבן די

ספּרוזשינעס פון דיוואַן זײַ צוריק אָפּגעשלאָגן, אַזוי ווי צוויי גומענע מענטשעלעך. זיי האָבן בײדע דערווײַל זיך גענומען אימפּראָוויזירן אַ מאַסן־סצענע, וואָס זיי האָבן מסתּם געזען אויף אַטוירני סטריט. זיי האָבן פאַר־קאַשערט די אַרבל פון זייערע העמדער און געפּאַראַמירט פויסטן פון זייערע יונגע ביינערדיקע הענט און גענומען שפּרינגען מיט דידאָזיקע פויסטן איינער צום אַנדערן אין פּנים אַרײַן.

פיני איז געווען אַ פּעטינקער און אַ שווערער, און שמואליק — אַ דאַרער און אַ רירעוודיקער. איז כאָטש פיני איז געווען גרעסער פון שמואליקן, האָט פונדעסטוועגן שמואליק אים אַלעמאָל דערלאַנגט אַ כמאַליע מיט זײַנעם אַ קולאַק אין די אויגן אַרײַן, אָדער אין דער נאָז אַרײַן. ביז די צוויי אינגלעך האָבן זיך טאַקע אויף אַן אמת דערהיצט און געוואָרן פול מיט רציחה איינער אויף דעם אַנדערן. פיליפּ האָט דערלאַנגט אַ פויסט שמואליקן אין די ציין אַרײַן. בלוט האָט באַ שמואליקן אָנגעהויבן צו רינען פון מויל.

— גוואַלט! וואָס איז דאָ געוואָרן פון מײַן שטוב?! — איז די מאַמע רייזי צוגעלאָפן און קוים צעריסן די צוויי קלענערע ברידערלעך. — קינדערלעך, וואָס איז דער מער מיט אײַך?!

אייזיק האָט דערווײַל צוגעפירט הוישיקעלען צום וואַש־קאַסטן און אָפּ־געדרייט דעם קראַן פון קאַלטן וואַסער. הוישיקעלע האָט זיך געוואַשן דאָס פּנים און אַלעמאָל אַרײַנגעשריען אין שטוב אַרײַן ענטפערס אויף די טענות פון מאָריסן און דעם טאַטן.

— ניין, ער איז ניט קיין סקעבּאַטש!... און אַרבעטן אין אַ ניט־יוניאָן שאַפּ איז באַ אים גאָרניט...

— איך קריג צוויי מאָל אַזויפיל אַ וואָך, וויפיל „עני" יוניאָן־מאַן קריגט — שרײַט צוריק מאָריס.

— זאָל ער אַזוי לעבן!

— באַ מיר פאַרשריבן — שרײַט דער פאָטער.

— אָבער וואָס הערט זיך מיט די איבעריקע אַרבעטאָרער?! — פרעגט הוישיקעלע אויפהייבנדיק זײַן נאַס פּנים פון אונטערן קראַן. — פאַרוואָס זעט ער ניט, אַז די איבעריקע אַרבעטאָרער זאָלן אויך קאָנען עסן אַ שטיקל ברויט?...

— דו ווילסט באַ אים קלאַסנקאַמף? — זאָגט אייזיק צו הוישיקעלען אַזוי שטיל, ווי עס וואָלט געווען אַ סוד נאָר פאַר אים מיט הוישיקעלען. אָבער אייזיק האָט ניט געמיינט זיך צו באַהאַלטן מיט דעם „קלאַסנקאַמף". ער האָט נאָר געוואָלט געבן הוישיקעלען דערמוטיקונג און אים ווײַזן, אַז

ער איז מיט אים מיט לייב און לעבן. ער האָט איצט שטאַרק ליב געקראָגן אָט דעם פּראָסטאַק הוישיקעלען און מערער דערזען די מחיצה צווישן אים און מאָריסן.

מאָריס, דער אינטעליגענט, וועלכער לייענט ניט אַנדערש נאָר שאָפּענ־הויערן און ניטשען, אַרבעט אין אַ ניט־יוניאָן שאָפּ, קריגט פון באַלעבאָס די גרויסע, שיינע „פּיידע", און אים, זעט אויס, אַרט ווינציק די לאַגע פון די איבעריקע אַרבעטער אין פאַך. און דווקא דער פּראָסטאַק הוישיקעלע נעמט זיך אָן די קריוודע פון דעם אַרבעטער.

די מאַמע האָט געבראַכט הוישיקעלען אַ האַנטוך. הוישיקעלע האָט זיך געריבן דאָס פּנים.

— ניט דאָס ערשטע מאָל — האָט ער געבורטשעט פון האַנטוך אַרויס.

אייזיק איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין שטוב.

— זעסט וואָס דו האָסט אָנגעאַרבעט — האָט אייזיק געזאָגט צום פאָטער

— מיט דיין ווערן אַ באַלעבאָס.

— וואָס־זשע, דיר געפעלט עס אויך ניט? — האָט זיך מאָריס געטאָן אַ קרום, אין דער אייגענער צייט צוריקבערעננענדיק זיין קאָלנער און שניפּס אין פאַסאָן אַריין.

— אודאי ניט! — ענטפערט אייזיק.

— דיין שיף שטייט נאָך אויך אין האַפן — זאָגט מאָריס.

אף דעם זאָג האָבן זיך די איבעריקע ברידער צעלאַכט. אייזיק איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער. ער איז געקומען צו זיך און געזאָגט:

— איך בין אַזאַ „אַמעריקאַנעץ" פּונקט ווי דו.

— ניין! אַמעריקע באַדאַרף אייך ניט.

— וועסטו אויפטאָן אַ סך פאַר אַמעריקע! — גיט אייזיק אַ שטאָך מאָריסן מיט זיין ענטפער. מאָריס האָט פאַרשטאַנען, אַז אייזיק נעמט זיך איבער מיט זיין שרייבן ווי אַן אויפטו פאַר אַמעריקע, דערפאַר ענטפערט מאָריס:

— אַמעריקע האָט ליב איבערצויילן. — מאָריס קלאַפּט דערביי מיט איין האַנט אין דער אַנדערער.

— נו, גענוג! — האָט חיים זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך קיין קידוש ניט געמאַכט. אים איז שטאַרק געפעלן מאָריסעס ענטפער, אַז אין אַמעריקע האָט מען ליב איבערצויילן. — קומט צום טיש, קינדער, וועט איר הערן קידוש.

— גיב אונדז בעסער „פײדע" — רופט זיך פּלוצים אָפּ כּאַצקל. — וואָס טויג מיר דײן קידוש?

אין כּאַצקלס אויגן האָבן זיך באַוויזן צוויי פּערל טראָפּן.

— טאַקע, טאַקע! אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע וואָך און ס'נישטאָ אַ פּעני אין קעשענע — זאָגט לעווע האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט.

— מירצעשעם מאָרגן אַף דער נאַכט — זאָגט חיים ציענדיק די ווערטער.

— איצט איז שבת.

— מאָרגן אָפּדערנאָכט וועט שוין ניט טויגן — זאָגט מאָטיע. — מאָרגן קאָנען מיר שוין אין ערגעץ ניט גײן, מען דאַרף דאָך זונטיק אויפשטײן צו דער אַרבעט.

— וואָס־זשע האָט איר געוואָלט, אַז איך זאָל מחלל שבת זײן?! — ווערט חיים אַן אָנגעצונדענער.

— דאָס זײנען די קינדער געדעכט — זאָגט מאָריס, זעצנדיק זיך בײם טיש. — וואָס עס קומט צו זײ, באַלאַנגט צו זײ.

— דו אויך? — גיט חיים אַ קרומען קוק צו מאָריסן. — עס וועט זײן שאַ? איך וויל מאַכן קידוש.

חיים האָט געזאָגט צו רײזין, ווי אַף קידער־ווידער לשון:

— ווּעסט הערן?

— איך וויל ניט הערן! — האָט רײזי צוריקגעענטפערט מיט קידער־ווידער.

— רוף אַרײן אים... אײזיקן.

— גײ און רוף אַלײן.

— אײזיק! אײזיק! — שרײט חיים און הערט זיך אײן צי אײזיק וועט ענטפערן.

פון אײזיקס צימער איז ניט געקומען קײן שום ענטפער.

חיים האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן דעם אַלטן פאַרשוואַרצטן זילבערנעם בעכער מיט ווײן און געמורמלט דעם קידוש. רײזי איז געזעסן אַפן דיוואַן און אַפילו ניט געהערט וואָס איר מאַן מורמלט. פאַר אירע אויגן זײנען איצט דורכגעלאָפן אַלע אירע יאָרן. זי גיט זיך אַ דערמאָן, אַז ווען זי איז געווען אַ מײדל פון זיבעצן יאָר האָט זי געמוזט באַהאַלטן אירע בריסטן, אײנקרעמפּעווען זײ מיט אַ לײוונטן שנור, כּדי דער טאַטע זאָל ניט זען. דערנאָך איז איר טאַטע געקומען צופאָרן און זי האָט געהערט ווי ער זאָגט דער מאַמען: „אײ, אַ חתן!..." האָט רײזי פאַרשטאַנען, אַז דאָס מײנט ער אַ חתן פאַר איר. שפּעטער האָט מען זי אוועק־

געפירט קיין קאַמענעץ און געמאַכט חתונה־קליידער. זי האָט דעם חתן ניט געקענט און ניט געוואוסט אַפילו ווי אַזוי ער הייסט. זי האָט געוויינט און פאַר קיינעם ניט געקאָנט דערציילן. עס איז געקומען דער טאָג פון דער חופה, האָט מען זי אַוועקגעזעצט אין אַ צימערל בײַ אַ פענצטער. און דורך דעם פענצטער זיינען געגאַנגען אידן און ווייבער. עס האָט באַדאַרפט אויך דורכגיין דער חתן, כדי זי, די כלה, זאָל אַף אים כאַפּן אַ בליק. זיצט זי און קוקט און וואַרט, ווען וועט שוין דער חתן דורכגיין. קומט אַריין דער פאָטער און פרעגט בײַ איר, צי זי האָט געזען דעם חתן. זאָגט זי: וועלכער איז געווען דער חתן? זאָגט דער פאָטער: האָסט ניט געזען דורכגיין אַ יונגנמאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד? גיט רייזי אַ געשריי ניט מיט אירע קולות: דעם, מיט דער שוואַרצער באָרד! נעמט דער פאָטער און דערלאַנגט איר אַ פּאַטש אין פּנים אַריין: שווייג!

האָט זי געוויינט און געוויינט און איז געגאַנגען צו דער חופה מיט דעם יונגנמאַן מיט דער שוואַרצער באָרד. באַלד נאָך דער חתונה האָט זי אָנ־געהויבן צו קינדלען. אַלע יאָר אַ קינד. זי טראָגט, האָט קינדער, זויגט זיי אַליין, כאָוועט זיי און מוטשעט זיך און ער פאָרט צום רבין און הוליעט מיט זיינע חסידים. זי איז פאַרוואָרפן אין שטוב מיט אַרבעט און זעט קיינ־מאָל ניט אָן די ליכטיקע וועלט. זי ווייסט אַפילו קיינמאָל ניט בײַ אים וויפיל ער פאַרדינט. קיינמאָל באַראַט ער זיך ניט מיט איר וואָס ער זאָל טאָן. ער איז עלטער פון איר מיט צען יאָר. און רייזי האָט אים געפּרוּווט ליב האָבן. אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט מיט אים אויסגלייכן. האָט זי אַלץ געהאָפט, אַז ווען זי וועט מיט אים קומען קיין אַמעריקע וועט ער אפשר דאַרט ניט האָבן די בניאָקעס, די חסידים זיינע, וועט ער ווערן אַן אַנדערער. איצט איז אין אַמעריקע נייע צרות — מיט אַ שאָפּ. זאָל ער פאַרברענט ווערן, דער שאָפּ! די קינדער אַרבעטן שווער און האָבן ניט קיין פּעני צו קויפן אַ גלאָז סעלצער־וואַסער, אָדער אַ צוקערקע. און איר אַליין טיילט ער צו דעם גראָשן. גלויבט איר ניט אַף אַ האָר. זי, רייזי, איז נאָך דאָ אין אַמעריקע ערגער פאַרהאַוועט ווי אין רישקאָן. זי מוז דאָ לויפן מיט די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ אפשר צען מאָל אַ טאָג. קיינער העלפט איר ניט אין שטוב. און טאָמער האָט זי אַמאָל אַ פּרייטיק־צונאַכטס — האָט מען איר היינט אָפּ־געשפּילט אַזאַ סצענע. ניין, זי דאַרף זיין קידוש אַף כפּרות!

חיים האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער וויין און זיך געקוויקט. דער וויין איז געווען זויער. גראָד אַ ביסל גוט וויין דאָ אין אַמעריקע. עס איז אַריין אין ריכטיקן אָרט און אים גענומען וואַרעמען.

— נו, קינדער, ווער וויל מאַכן קידוש? — פרעגט חיים די קינדער.

— גיי שוין גיי, כניאָק! — צעשרייט זיך די מאַמע. — ער מיינט, ער איז נאָך אַלץ דאָרט מיט זיינע חסידים אין רישקאָן. דאָ איז אַמעריקע, פאַרגעס ניט!

— ניט, איז ניט — זאָגט חיים. ער איז איצט מיטאַמאָל געוואָרן גוט ווי אַ קעצעלע. דאָס ביסעלע וויין וואַרעמט. — נו, מירן זיך גיין וואַשן.

באַם עסן די פיש איז חיימען אויפגעגאַנגען אין האַלדז דער ריח פון גנוי, וואָס ער האָט זיך אָנגעשמעקט אין חסידים־שטיבל. ער האָט אָנגעהויבן שנאָרכן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט פאַרטריבן דעם שלעכטן ריח.

רייזי האָט געוואוסט זיין טבע מיט דער נאָז זיינער, וואָס דערשמעקט אַלע גוטע זאַכן, האָט זי אַף אים אָנגעשריען:

— הויבסט שוין אָן מיט דער נאָז דיינער!

חיים צעלאַכט זיך. דאָס ביסל בראָנפן, וואָס ער האָט נאָר־וואָס גענומען, אין דער מיט פון דעם פיש־עסן, האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער זאָגט:

— איך האָב זיך דערמאָנט אין עפּעס — און ער צעלאַכט זיך.

— אין וואָס? — פרעגט מאָרים.

— איך האָב מורא, אַז דיין מאַמע וועט נעמען נקמה׳ פון מיר — זאָגט חיים שמייכלענדיק צו רייזין.

— אהא! ער חנדלט זיך שוין צו מיר... — שרייט אויס די מאַמע און פאַרשעמט זיך גלייך. דערוואַקסענע קינדער באַם טיש, קאָן זי ניט אַרויסקומען אָפן.

חיים פאַרשטייט וואָס זי מיינט, אָבער ער מאַכט זיך ווי ער פאַרשטייט גאָרניט און צעלאַכט זיך מיט אַ געזונטן געלעכטער.

— איך האָב אַזוינס ניט געזען אין דער גאַנצער וועלט.

— נעם שוין ניט אַרויס די עצמות — בעט זיך מאָרים.

— איך האָב היינט געזען פערד אַפן טאָפּ־פלאָר פון אַ הויז.

— אַ וואונדער! — זאָגט מאָטיע. — אין אַמעריקע האַלט מען פערד אויך אין שטאַלן מיט פלאָרס — ערשטער, צווייטער, דריטער.

— אָבער ווי אַזוי גייען די פערד אַרויף, מיט טרעפּ? — פרעגט חיים און לאַכט דערביי האַרציק.

— זיי טאַנצן אַרויף! — זאָגט כאַצקל.

אַלע באַם טיש לאַכן פון כאַצקלס איינפאַל.

דרייצנטער קאַפּיטל

אייזיק האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון פ..., אַז זיינע זאַכן ווערן געדרוקט אין די קומענדיקע נומערן „וואַכנבלאַט", אַז ער זאָל זיך אָנהויבן נעמען ערנסט צו שריפטשטעלעריי, און זאָל ער שיקן נאָך זאַכן, אַזוי שנעל ווי ער וועט קאָנען — און זאָל ער שרייבן, שרייבן!

דאָס בריוול איז אייזיקן אָנגעקומען פּונקט אין יענעם טאָג, ווען אין זיין פאַך פון דאַמען־הימלעך איז דערקלערט געוואָרן אַ גענעראַל־סטרייק.

גאַנץ פרי, נאָך אַ שטורעמדיקן מיטינג, וועלכער האָט געדויערט ביז נאָך האַלבער נאַכט, זיינען שוין אַלע שעפּער געווען פּאַראַליזירט.

אייזיק איז געווען איינער פון די פירער פון סטרייק, ווי אויך זיין חבר יפה, וועלכער האָט געאַרבעט מיט אים אין איין שאַפּ.

דער באַלעבאָס פון אייזיקס שאַפּ, אַן אונגאַרישער איד, האָט זיך אַרויפגעאַרבעט פון האָוסטאָן סטריט אויף זעקס דריי־און־דרייסיק בראָדוויי, מיט אַ גרויסן שאַפּ, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצן עטאַזש און מיט אַ מעשענער גלאַנציקער טאַבליצע מיט גרויסע, גאָלדענע בוכשטאַבן: „וואַכנ־בלוי העט קאָמפּ.". אין דעם דאָזיקן שאַפּ האָבן געאַרבעט פערציק אַרבעטער און אַלע פערציק זיינען אַראָפּ אין סטרייק.

דער אַמאָליקער אונגאַרישער איד — איצט שפּילנדיק די ראָלע פון אַ דייטשן יאַהודי, האָט געהאַלטן אַ פאָרמאַן אין שאַפּ. אַליין זיך מישן אין פאַבריק איז אים, וואַכנבלויען, שוין ניט אָנגעשטאַנען. דער פאָרמאַן איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ פון דער איסט־סייד. ער האָט געקאָנט נאָכשפּילן אַלע ראָלן פון דעם באַרימטן אַקטיאָר דזשייקאָב אַדלער, איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דער באַרימטער גענג „פּיווו פּאָינטס". און אין זיין געגנט אין דער איסט־סייד, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיינע עלטערן, איז ער געווען אַ גאַנצער קנאַקער. פון איין זייט טעראָריזירט קליינע געשעפטסלייט און פּושקאַרט־פּעדלער און פון דער אַנדערער זייט, געווען יד־אחת מיט דער פּאָליציי פון יענעם געגנט און געטאָן „טובות" אַלערליי אידן!

דערצו געשפּילט אַ ראָלע פון אַ שתדלן. אויב אַ קעשענע־גנב, אָדער אַזוי עפּעס אַן אויסוואורף, האָט באַדאַרפט האָבן אַ טובה אין די „הויכע פענצטער", האָט דער דאָזיקער פאָרמאַן, מיטן נאָמען סעם, קיינמאָל זיך

ניט אָפּגעזאָגט צו טאָן יענעם די טובה צו זען זיך מיט אַ פּאָליטישן, אָדער הויכן פּאָליציי־באאַמטן.

דער סעם איז דאָס געווען דער פאַרמאַן אין דעם שאַפּ, וואו אייזיק האָט געאַרבעט. אין יענעם שאַפּ זיינען געווען עטלעכע ארבעטער־אימיגראַנטן און עטלעכע אַמעריקאַנער בחורים, איסט־סיידער בחורים.

און גראָד האָבן די געבאָרענע אַמעריקאַנער זייער שטאַרק געוואָלט דעם גענעראַל־סטרייק.

אייזיק און יפה, צוויי נאַאיווע אימיגראַנטן, האָבן ניט געוואוסט, אַז די דאָזיקע אַמעריקאַנישע איסט־סיידער בחורים מיינען ניט ערנסט מיט זייער סטרייקן.

דער סטרייק איז גערופן געוואָרן צוליב דער העכערונג פון אַ ניקל אויף אַ טוץ, און אַזוי ווי אַן ארבעטער האָט אין סעזאָן געמאַכט צען טוץ אַ טאָג האָט עס געמיינט נאָך אַ האַלבן דאָלאַר אַ טאָג צו פאַרדינען. אין אַ וואָך פון זעקס טעג האָט עס טאַקע אויסגעמאַכט דריי דאָלאַר מער שכירות.

דאָס האָט די באַלעבאַטים ניט געשמעקט: „וואָס הייסט? דריי דאָלאַר מער אַ וואָך מיטאַמאָל... זיי וועלן דאָס קיינמאָל אין לעבן ניט נאָכגעבן!"

סעם, אַ הויכער, געזונטער „וואַרגעלעץ", מיט אַ רויטן קרעפּטיקן פּנים און מיט צוויי שטאַרקע הענט, וועגן וועלכע ער האָט זיך באַרימט, אַז ווען ער גיט אימיצן אַ קלאַפּ מיינט עס אַ „פיונעראַל" — האָט גראָד לכתחילה געוואָלט נאָכגעבן דעם „ניקל".

— ווען זשע?

— ווען מ'קומט צו אים, ווי מענטשן...

אָבער ער האָט פיינט, אַז מען סטראַשעט אים! ער איז ניט פון די „באָיעס", וואָס שרעקן זיך פאַר אַ סטרייק. אויב טראָבל — קאָם אָן!

דער עיקר האָט ער געוואָלט, אַז עס זאָל אין פאַך ווערן אַ גענעראַל־סטרייק. איצט הויבט זיך אָן דער סעזאָן. זאָל די יוניאָן אָפּשטעלן דעם גאַנצן פאַך, די קליינע שאַפּקעלעך מיט די גרויסע.

דערנאָך, האָט סעם געוואוסט, וועט ער שוין אויסמאַנעווורירן די גרינע חברה פון דער יוניאָן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן. די עטלעכע היגע געבוירענע איסט־סיידער באָיעס וועלן אים העלפן צעברעכן דעם סטרייק.

„איצט זיינען זיי טאַקע שטאָל־און־אייזן פאַרן סטרייק, גאַנצע שיסער! אָבער לאָזן זיי זיך נאָר אַ ביסל אויסהונגערן, וועלן זיי גאָר אַנדערש רעדן."

אינדערפרי איז אייזיק געווען באַם שאַפּ מיט אַלע סטרייקער. איבער בראָדוויי האָבן געשטראָמט געדיכטע רייען אַרבעטער. אָבער אין יענע יאָרן האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון קיין פּלאַקאַטן. די אַרבעטער פון וואכנבלויס שאַפּ זיינען געשטאַנען אין אַ בינטל און געהיט דעם שאַפּ. איבער בראָדוויי איז אויפגעגאַנגען אַ רויטע קיילעכיקע פייערדיקע ראָד — די זון.

עס איז געווען דער חודש יוני. עס האָט זיך געוויזן צו זיין אַ הייסער טאָג. אַרבעטער זיינען געגאַנגען מיט זייערע רעקלעך אויסגעטאָן און געטראָגן די רעקלעך אַף די הענט. אַרום די העלדזער האָבן טייל שוין פרימאָרגן באַצייטנס געטראָגן ווייסע פאַטשיילעס, כדי צו פאַרהיטן, אַז דער שוויים זאָל ניט צעווייקן די געפּרעסטע קעלנער.

איבער דער שטאָט איז געהאַנגען אַ פאַרנער טומאַן. עס האָט אויס־געוויזן אַזוי ווי עס וואָלט געווען כמאַרנע, כאָטש דעם הימל האָט זיך אפילו ניט געחלומט צו פאַרוואָלקענען זיך.

די מחנות אַרבעטער, וועלכע האָבן איצט געשפּאַנט איבער בראָדוויי מיט פעקעלעך אָנבייסן, האָבן זיך פונדעסטוועגן אָפּגעשטעלט נעבן דעם בינט מיט סטרייקער און זיך נאָכגעפרעגט פּאָדראָבנע וועגן אַלע איינצלהייטן.

— וואָס איז דאָ?

— אַ סטרייק.

— פאַר וואָס סטרייקט מען?

— ניט פאַר נחת.

— אין אַזאַ היץ?

— הערסט... איז דאָך גוט ניט צו אַרבעטן אין אַזאַ היץ.

— באַ וואָס סטרייקט מען?

— באַ דאַמען־היטעלעך.

— וואָס־זשע וועלן די ווייבער טאָן?...

— אייך גייט עס אין חכמהנען זיך?...

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אַנידערשטעלן וויינען?...

— וויפיל מאַכט באַ אייך אַן אַרבעטער?

— מיסטער, איר ווילט וויסן צופיל...

אָט אַזוי שטעלן זיך אָפּ אַרבעטער און פרעגן און ווערטלען זיך און גייען ווייטער זייער וועג. אייזיק און יפה שפּאַרן זיך אָן אין אַ וואַנט. אייזיק נעמט אַרום דעם בריוו פון פ... און ווייזט יפהן.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — שמייכלט זיך יפה פאַנאַנדער און ווייזט זיינע ווייסע ציין.

— איך גלויב זיך אַליין ניט — זאָגט אייזיק אַ פאַרשעמטער.

— ער איז גערעכט פ... דאַרפסט זיך נעמען אין די הענט אַריין. פון דיר וועט זיכער אויסוואַקסן אַ גרויסער שרייבער.

אייזיק האָט ניט געקענט לײַדן, וואָס מען זאָגט וועגן אים נביאות. ער האָט זיך בשעת מעשה געפילט מאָדנע צעווייקט און שיר האָבן זיך באַ אים פון די אויגן ניט אַ גאַס געטאָן טרערן, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט אויסצווזען סענטימענטאַל.

— וועט מיך אַ גליק טרעפן — האָט אייזיק געזאָגט. — איך וויל בעסער זען, אַז מיר זאָלן געווינען דעם סטרייק.

— דאָס איז אַ באַזונדערער ענין. דעם סטרייק וועלן מיר טאַקע געווינען, אָבער דו מוזט זיך נעמען אַ ביסל מער ערנסט.

עס איז אָנגעקומען סעם, דער פאָרמאַן פון שאַפּ, און איז אַריין צווישן אייזיקן און יפהן — אפשר וועט ער קאָנען כאַפּן אַ וואָרט פון זייער שמועס, האָט ער געקלערט. די צוויי חברים האָבן אים ניט דערוואַרט. זיי האָבן אָפּגעהאַקט זייער שמועס אין דער מיט.

סעם האָט געשמייכלט און געבלישטשעט מיט זיינע גאָלדענע ציין. עס איז געווען אַן אומהיימלעכער שמייכל פון אַ געזונט פנים מיט דעגענערירטע גאָלדענע ציין.

— הייסט עס, אַז מען סטרייקט...

— איר זעטאָך...

— הע, מאַכט זיך ניט נאַריש — זאָגט סעם.

— מיר מאַכן זיך שוין גאָרנישט נאַריש — זאָגט אייזיק — עס איז אַ סטרייק.

— איבער אַ לויזיקן ניקל — שטשירעט סעם מיט זיינע גאָלדענע ציין.

— באַ אונדז אַרבעטער איז עס אַ פאַרמעגן.

— אַ פאַרמעגן... אָבער דאָס וואָס איר וועט פאַרלירן שטייענדיק דאָ אין סטריט — זאָגט סעם, נעמענדיק בשעת מעשה אייזיקן באַם לאַץ פונעם ראָק. — איך רעד'עך איצט מיט אייך. איר האָט'עך סמעקאַלקע... מילא די איבעריקע אַרבעטער זיינען דאָך אייזלען, פערד... איך פרעג באַ אייך, איז דאָס אַ חכמה צו נעמען און אָפּצושטעלן אַ גאַנצע פעקטאָרי פונקט דענסמאָל ווען עס איז דאָ אַ ביסל ביזנעס? !

— אודאי! ווען דען זאָל מען סטרייקן מיט אַ באָס? — פרעגט יפה.

סעם גיט זיך אַזש אַ טרייסל, אים איז ניט אָנגענעם צו הערן אַזוינע ווערטער.
— און צוריקגערעדט — זאָגט סעם — וואָס גייט עס אייך אָן, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע שעפּער? באַ מיר איז דאָך אייך גוט, ווי די וועלט. און ווען איר רעדט צו מיר ווי מענטשן גיב איך אייך דעם ניקל — און פּטור.
— וואָס דאַרפן עפּעס נאָר מיר רעדן ווי מענטשן? — וואַרפט אַריין אייזיק. — מיר רעדן אַזוי ווי אַרבעטער מיט מענטשן־ווירדע דאַרפן רעדן.
סעם גיט אַ גלאַנץ אויס אַ פּאָר גרויע גרויסע אויגן אויף אייזיקן:
— ספּעציעל איר!... איר ביידע האָט זיך טאַקע וואָס צו באַקלאָגן אויף אַמעריקע... אין שניפּעשאָפּ האָט איר דאָך דאָס אויך ניט פאַרדינט! כ'לעבן, עס איז אַ שאַנדע פאַר אַמעריקע! זאָגט בעסער דעם גאַנצן באַנטש, אַז מען זאָל אַרויסגיין אַרבעטן.
— ווען דער סטרייק וועט זיין געסעטלט! — זאָגט אייזיק — וועט מען אַרויסגיין אַרבעטן.
— איך גיב אייך די לעצטע וואָרנונג! איר האָט צייט איידער איך גיי אַרויף. דערנאָך וועט זיין שפּעט! — מאַכט סעם אַ באַוועגונג, ווי אַוועקצוגיין.
— סטראַשעט ניט די געגנדז! — ווייזט אים יפה זיינע געזונטע ווייסע ציין.
סעם איז אַוועק אָן אַ זיי־געזונט, מיט אַ פּנים פול מיט רציחה. ער האָט אויסגעמיטן דאָס רעדל מיט די איבעריקע אַרבעטער פון שאַפּ. די אַרבעטער האָבן אים נאָכגעקוקט מיט חוזק.
סעם, דער גרויסער מאַכער און יוסטער באַס, האָט איצט אויסגעוויזן אין זייערע אויגן אומבאַהאָלפן. עס האָט זיך געהערט ווי די אַרבעטער האָבן צווישן זיך, זיך איבערגעשריען:
— ער איז געבליבן מיטן בייטשל!
— ניטאָ מער קיין פערדלעך!
אייזיק און יפה זיינען צוגעקומען צום רעדל מיט אַרבעטער און איבערדערציילט וואָס סעם האָט געזאָגט און וואָס זיי האָבן אים געענטפערט.
— ער וועט בעסער ווערן!
— עס בריט אים!...
דערנאָך איז אָנגעקומען דער סעקרעטאַר שטערנבאַך. אַ נידעריקער שטאַרקער בחור מיט גרויסע ברוינע אויגן און מיט פליישיקע געשמאַקע ליפּן.
— דער סטרייק איז אַ הונדערט פּראָצענט! — זאָגט שטערנבאַך מיט זיין אייגנטימלעכן ברוגזן טאָן. כאָטש דאָס וואָס ער האָט געזאָגט האָט אים

בשום אופן ניט געגעבן קיין אורזאך צו זיין ברוגז. — איצט וועלן מיר גיין ערגעץ דינגען א זאל צו פארזאמלען זיך.

— טאקע! — שטימט איין אייזיק. — מ׳קאן קיין סטרייק ניט פירן אזוי־א אין מיטן גאס.

— אבער וואו נעמט מען די קלינגערס?... פאר א זאל דארף מען באצאלן... און מיר האבן ניט קיין פאנדן — בייזערט זיך, ווי געוויינלעך, שטערנבאך.

— אין די זאכן בין איך ניט קיין מומחה — זאגט אייזיק.

— מיר וועלן א לויף טאן צו די אידישע געווערקשאפטן — זאגט שטערנבאך.

— אבער מ׳קאן די ארבעטער ניט איבערלאזן דא אליין — זאגט יפה שטילערהייט שטערנבאכן אפן אויער.

— איינער פון אייך קאן דא בלייבן מיט די ארבעטער.

עס איז אזוי געבליבן. יפה איז געבליבן מיט די ארבעטער און אייזיק מיט שטערנבאכן זיינען אוועק צו די אידישע געווערקשאפטן.

פערצנטער קאפיטל

אייזיק און שטערנבאך האבן דערוויל געמאכט א שפאציר איבער עטלעכע גאסן, וואו עס זיינען געווען סטרייקנדע שעפער. בא יעדן שאפ זיינען די ארבעטער געשטאנען אפן טראטואר אין בינטלעך. און בא יעדן שאפ איז געווען א צווייער קאמיטע פון דער סטרייק־עקזעקוטיווע. צווישן די אנ־געזעענע עקזעקוטיוו־מיטגלידער פון דעם דאמען־היטלעך סטרייק האבן זיך געפונען אזוינע בחורים, ווי קוילין און מארטין, אידישע בחורים, געבוירענע אמעריקאנער.

קוילין איז געווען אן אינטעליגענטער ראפינירטער בחור, מיט א קלארן מח. ער האט געקאנט צעגלידערן א סיטואציע און זי קלאר אויסטייטשן. ער איז ניט געווען קיין סאציאליסט, אבער אים האט זיך זייער געוואלט רעפארמירן דאס לעבן פון דעם ארבעטער אין אמעריקע.

מארטין האט געזאלט ענדיקן די הויכשול און אריינגיין אין אוני־ווערזיטעט, אבער די אומשטענדן אין זיין פאטערס הויז האבן זיך געביטן און ער האט געמוזט גיין ארבעטן. ער האט זיך זייער ווינציק אריענטירט אפן ארבעטער־קלאס, ווייל ער האט נאך אלץ געטרוימט זיך ארויסצורייסן פון שאפ און אריין אין קאלעדזש.

אז די דאזיקע צוויי בחורים האבן דערהערט פון אייזיקן און שטערנ־באכן, אז זיי גייען צו די סאציאליסטן נאך מאראלישער און פינאנציעלער הילף, זיינען זיי ביידע געווען קעגן דעם פלאן.

סאציאליזם איז בא קוילינען געווען טריף. וואס האט מען דען געוואלט מיטן סטרייק? ניט מער, ווי א ביסל פארבעסערן די לאגע פון די היטל־מאכער. און דא קריכט מען שוין אריין צו די סאציאליסטן. עס וועט ווערן א פאליטישער סטרייק. עס איז פאר די וואלן. די סאציאליסטן וועלן אויס־נוצן דעם סטרייק פאר זייערע קאנדידאטן און דער סטרייק וועט זיך פארציען אין דער לאנגער באנק אריין. ניין! דער סטרייק אונדזערער מוז געוואונען ווערן העכסטנס אין צוויי וואכן, אויב ניט איז ער א פארלוירענער.

מארטין האט זיך גאר דערשראקן פארן סאציאליזם. ער האט געהאט א באגריף, אז דאס איז א רויטע צעשטערנדיקע מאכט, און ער וואלט ניט וועלן זיך אנהויבן מיט די רויטע. דער סטרייק וועט פארלירן די סימפאטיע פון דער „עפנטלעכער מיינונג".

עס זײַנען אָבער געווען אַנדערע חברים פֿון דער עקזעקוטיווע, וועלכע זײַנען געווען אימיגראַנטן. און צווישן זיי עטלעכע זייער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. באַבסקי, אַ שוואַכער מיט אַן אויסגעבליכט פּנים, אָבער אַ פֿײַער־דיקער רעדנער און אַגיטאַטאָר. גאָלדין, אַן אָנפֿאַנגער־אַקטיאָר, וועלכער האָט דעקלאַמירט רעוואָלוציאָנערע לידער און געוואָרפֿן מיט זײַן טשופּרינע האָר בײַ די ווערטער: „שטיי אויף, דו אַרבעטער־שקלאַף!” יאָזעפּסאָן, דער הויכער פּאָרטראַכטער בחור מיט די שיינע מאַניערן און פֿײַערדיקע מעשׂים. בײַ אים אַלס סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער איז ניט געווען קיין מינדסטער צווייפֿל, אַז דאָ אין אַמעריקע וועט מען מוזן שאַפֿן אַ רעוואָלוציאָנערע „באָיעוואָיע” אָרגאַניזאַציע, אַנדערש וועט מען דאָ צו גאָרנישט דערגיין.

און עס איז נאָך געווען אַן אויסנאַם מיט איינעם אַ חבר פֿון דער עקזעקוטיווע, וועלכער איז געווען אַן איטאַליענער. זײַן נאָמען איז געווען טאָני. דאָס איז געווען אַ פּראָסטער אַרבעטער. ער האָט געאַרבעט פֿון קליינוויז אָן אין אַ שאָפּ און בײַ אים האָט געברענט אַ שׂנאה צו די באָסעס. אים האָט ניט געאַרט, וואָס מען זאָל ניט טאָן, אַבי מען זאָל עפּעס אַרויס־רײַסן פֿון די באַלעבאַטים.

אין גאַנצן פֿאַך איז ניט געווען אַ צווייטער צו טאָנין, וואָס זאָל זײַן אַזוי איבערגעגעבן דער יוניאָן. אַז ער האָט דערהערט, אַז מען וויל גיין צו די סאָציאַליסטן, איז ער געוואָרן פֿול מיט שׂמחה. ער האָט גערעדט ענגליש מיט דעם באַוואוסטן איטאַליענישן דיאַלעקט. עס האָט געהאַט אַלע טויזנט טעמים, ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט די געגנער פֿון סאָציאַליזם.

— מי קער?... באָס נאָ קער פֿאָר מי... אי נאָ קער פֿאָר אים... אי נאָ סקערד פֿאָר די רעדס...

טאָני האָט אָבער פֿאָרגעשלאָגן, אַז דערווײַל דאַרף מען ניט אויסגעבן קיין געלט אַף אַ זאַל.

ער האָט גענומען די גאַנצע חבֿרה פֿון דער עקזעקוטיווע און מיט זיי אַוועק אין גרייט־דזשאָונס פּליים. דאָרטן האָט זיך געפֿונען אַ ביר־סאַלון, וואו מען האָט אויך געבראָטן סטייק־פּלייש פֿאַר אַרבעטער. מ'האָט דאָרט געקראָגן אַ געבראָטענעם סטייק אַף קוילן און אַ גרויסע גלאָז ביר מיט ברויט און מיט געזייערטע פּעפּערלעך פֿאַר פֿופֿצן סענט. אין הינטערגרונט פֿון אָט־דעם סאַלון איז געווען אַ הויף מיט אַן אַלטן בוים, פֿון דעם מין ביימער, וואָס מען רופֿט אין אַמעריקע קאַטן־וואָוד. די בלעטער זײַנען לאַנגע, ענלעך צו ניס־בלעטער, די צווײַגן געדיכטע און צעוואָקסענע, אַזוי אַז דער גאַנצער קאָפּ פֿונעם בוים האָט איבערגעדעקט און באַשיצט פֿון דער זון דעם גאַנצן

שמחה פון דעם הויף. אמת, עס איז אין הויף ניט געוואקסן קיין גראָז. צי דערפאַר וואָס די שטראַלן זיינען ניט צוגעקומען צו דער ערד, צי דערפאַר וואָס דאָרטן זיינען געווען אָנגעוואָרפן שטיינער, גלאָז און פלעשער און אייזערנע רייפן פון פעסלעך ביר און אַלטע איבערגעפוילטע קליעפּקעס.

דער באַלעבאָס פון סאַלון האָט געקענט טאָנין און ער האָט באַוויליקט דאָס גאַנצע פּלאַץ פאַר די סטרייקער מיט צוויי באַדינגונגען: ערשטנס, אַז אין דער שעה צווישן צוועלף און איינס זאָלן די סטרייקער אויסליידיקן דעם סאַלון, ווייל דעמאָלט איז דער סאַלון פאַרנומען מיט קונים. עס איז מיטאָג־צייט. צווייטנס, אַז אַלע סטרייקער, דערפאַר וואָס מען גיט זיי דאָס אָרט פריי צו פאַרזאַמלען זיך, זאָלן זיך פאַרפליכטן צו קויפן זייער עסן דאָ אין סאַלון.

האָבן די חברים צוגעשטימט און מען איז אַרויס אין די גאַסן צו די סטרייקער צו ברענגען זיי אין סאַלון.

אייזיק מיט שטערנבאַכן זיינען אַוועק צו די „געווערקשאַפטן". אפן וועג האָט דערווייל אייזיק באַקומען די געלעגנהייט צו דערקענען בעסער שטערנבאַכן.

— אויב די געווערקשאַפטן וועלן אונדז ניט שטיצן פינאַנציעל — האָט שטערנבאַך געזאָגט צו אייזיקן — וועלן מיר גיין צו דער ס. ל. פּ.

— און אויב די ס. ל. פּ. וועט אויך ניט קאָנען שטיצן מיט געלט? — האָט אייזיק געפרעגט. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס שטערנבאַך וועט זאָגן.

— אויב די ס. ל. פּ. וועט אויך ניט שטיצן אונדזער סטרייק מיט געלט — האָב איך עס אין דער ערד.!

— חבר, וואָס מיינט איר מיט אַזוינע רייד? — האָט אייזיק דער־שטוינט געפרעגט.

— איך מיין גאַנץ פּשוט — הויבט שטערנבאַך אויף ביידע הענט און בייגט אויס זיינע דלאָניעס, ווי צוויי רונדע כלים אף עפּעס אָנצושעפּן. — אויב עס וועט ניט זיין קיין געלט, אַרבעט איך ניט. נאָו סער, אָן געלט אַרבעט איך ניט!

— אָבער, חבר, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין רייד? — האָט אייזיק ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— איך וויל קיינעם ניט טאָן קיין טובֿות, און אף עולם הבא אַרבעט איך ניט — חזרט איבער שטערנבאַך.

— און די באַפרייאונג פון די אַרבעטער?

— דערציילט עס אייער באָבען, ניט מיר — זאָגט שטערנבאַך.

אייזיק האָט געפילט ווי זיך אומצוקערן צוריק צו די ארבעטער און זיי זאָגן וואָס איינער פון זייערע „פירער" טראַכט וועגן זיי. אָבער ער האָט מורא געהאַט צו צעברעכן דעם קאָמפּלוסטיקן סטרייק מיט דעם, וואָס ער וועט אויפּרעקן אַזוינע זאַכן.

דערווייל זיינען זיי צוגעקומען צו הונדערט פינף־און־זיבעציק איסט בראָדוויי. דאָרט האָט באַדאַרפט זיין דער אָפיס פון די „אידישע געווערק־שאַפטן". אייזיק האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם אַלטמאָדישן פיר־שטאָקיקן הויז, איבער וועלכן עס איז געהאנגען אַ גרויסע שילד: „פאָר־ווערטס", און אים איז געוואָרן זייער ניט באַקוועם. די דאָזיקע צייטונג האָט הוישיקעלע, זיין ברודער, פשוט געשלונגען יעדן טאָג. אָבער אים, אייזיקן, איז זי שטאַרק פריקרע געווען מיט איר גאַסן־לשון און מיט איר „געלן" סאָציאַליזם.

ארויפגייענדיק מיט די טרעפּ איז אייזיקן אויפגעפאַלן די פיל ווייבער מיט פאַרוקן און מיט שאַלעכלעך, וואָס גייען אַראָפּ מיט די טרעפּ און זיי רעדן עפּעס אַזוי סודותדיק וועגן דער געטלעכער חכמה פון דעם רעדאַקטאָר.

שטערענבאַך האָט עס מסתם ניט באַמערקט, אָבער אייזיק האָט ליב געהאַט צו הערן און זען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

— איך האָב געזאָגט, זאָג איך, צו מיין מיידל, לאָז מיך — איך וועל ארויפגיין צום רעדאַקטאָר און אים אַלץ דערציילן — זאָגט איין אידענע צו דער צווייטער און איר רויט פנים מיט די צוויי דימענטענע אוירינגלעך אין אירע אויערן שיינען פון גרויס נחת.

— אַזאַ יאָר אויף מיר! אַ גאָלדענער מענטש, אַ צדיק גאָר, ניט קיין רעדאַקטאָר! — זאָגט די צווייטע אידינע. — איר האָט ניט געזען, ווי זיין פנים האָט געשמייכלט, און נאָך אידער איר האָט אים דערציילט פון דעם אומגליק... האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַן אומגליק...

— ניט אומזיסט האָט מען אים אַנידערגעזעצט אויף דעם שטול פון אַ רעדאַקטאָר, אוי וויי...

אייזיק און שטערענבאַך זיינען אַריין אין קאָרידאָר און זיך אַ פרעג געטאָן בא דעם פענצטערל אויף די „אידישע געווערקשאַפטן".

— אַפּסטערז! — איז געקומען אַ בייזער ענטפער.

— אמתער „בערדיטשעווער" אידיש: „אַפּסטערז" — האָט אייזיק געטראַכט.

זיי זיינען געגאַנגען פון איין שטאָק צום אַנדערן, ביז זיי זיינען ענדלעך

אריין אין א גרויסן צימער, וואו בא א לאנגן טיש זיינען געזעסן עטלעכע מענטשן אין די הוילע ארבל און געשריבן.

— וואס האט איר געוואלט? — פרעגט א קליינטשיק מענטשל, וועלכער איז געזעסן באם ברעג־טיש נעבן דער טיר.

— מיר ווילן דעם סעקרעטאר פון די געווערקשאפטן.

— סיי! די לייטע דארפן צו אייך — ווייזט ער אן אף איינעם מיט א רויט פנים און מיט קליינע ממזרישע אויגן.

— וואצימעטער? — פרעגט דאס רויטע פנים.

— מיר זיינען פון א יוניאן — זאגןביידע, אי אייזיק אי שטערנבאך. ביידע זיינען דערשראקן.

אייזיק האט אבער ניט פארגעסן אין זיין צעשראקנקייט אנצוקוקן דעם מיטן רויטן פנים. דאס שמאלץ האט זיך בא אים צעגאסן איבערן פנים פון וואוילטאג.

— פון וואס פאר א יוניע? ! — בייזערט זיך דאס שמאלץ־פנים.

— פון די „ווייער פריים מייקערס" יוניאן.

— ניט געהערט.

— מיר סטרייקן איצט.

— ווער האט אייך געהייסן סטרייקן?

— וואס הייסט ווער? מיר האבן באשלאסן בא א מיטינג צו רופן א גענעראל־סטרייק.

— א־ווא, א גענעראל־סטרייק! און וויפיל מעמבערס האט איר אין דער יוניע?

— בא הונדערט מיט אכציק.

— כא, כא! — הויבט אן דאס פעטע פנים צו לאכן. — הערט נאר, חברה! א יוניע פון הונדערט מיט אכציק מעמבערס האט דערקלערט א גענעראל־סטרייק!...

אייזיק מיט שטערנבאכן האבן זיך איבערגעקוקט. זיי האבן זיך ביידע פארשעמט און ווען זיי וואלטן געקאנט וואלטן זיי באלד דא איינגעזונקען פאר בושה.

די חברה וואס איז געזעסן ארום טיש און געשריבן, האט אויפגעהויבן ביטול־אויגן און מיט זיי ארומגעטאפט אייזיקן מיט זיין חבר דעלעגאט.

שטערנבאך, וועלכער האט אלע מאל געמאכט דעם איינדרוק, אז ער בייזערט זיך בשעת ער פלעגט רעדן, האט איצט עפעס גענומען זאגן.

— איר מאכט „פאן" (חוזק)...

אָבער דער מיטן רויטן פּנים האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן.

— גייט, זייט מוחל. דאָ האָט מען ניט קיין צייט. דאָ איז די רעדאַקציע. עס האָט גערעדט די רעדאַקציע... און אייזיק האָט זיך גוט איינגעהערט. דער טאָן פון די ווערטער, האָט אייזיקן זיך אויסגעוויזן, איז גאָר פון א פורמאַן אָדער פון א פּושקאַרט־פּעדלער און נישט פון קיין שריפטשטעלער.

אייזיק איז אַראָפּ אין גאַס און געוואַרט אַף שטערענבאַכן.

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט איז שטערענבאַך אַראָפּגעקומען אין גאַס און זיין פּנים איז אויך געווען רויט און פארשוויצט. זיינע צוויי גרויסע אויערן האָבן געפלאַמט. ער האָט אונטערגעפּאָנפּעט מיט דער נאָז און זיך געבייזערט:

— איך האָב זיי דאָרט געגעבן, אַז אַ כאָליערע האָט זיי גענומען!... פּיאַווקעס, פּאָליטישנס און גרעפּטערס!...

וואו ערגעץ א נידעריק וואָרט, וואָס שטערענבאַך האָט נאָר געקאָנט גע־פינען, האָט ער אויסגעלאָזט צו די מענטשן פון הונדערט־פינף־און־זיבעציק.

— זיי נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן... — זאָגט אייזיק.

— איך האָב געפּועלט אַ נאָטיץ אין „פאָרווערטס" וועגן סטרייק — באַרימט זיך שטערענבאַך.

ביידע חברים זיינען אַוועק אין לאָקאַל פון דער ס. ל. פּ.

שטערענבאַך האָט געגעבן אייזיקן אָנצוהערן, אַז ער איז באַ דער ס. ל. פּ. אַ גאַנץ נאָענטער מענטש.

— פריער האָט איר געזאָגט, אַז איר זיינט אַ נאָענטער מענטש אין „פאָרווערטס" — האָט אייזיק פאָרגעוואָרפן שטערענבאַכן — און איצט זאָגט איר, אַז איר זיינט אַ נאָענטער מענטש באַ דער ס. ל. פּ.

— אין אַמעריקע דאַרף מען זיין אומעטום אַ נאָענטער מענטש — פּאָרט אָפּ בייז שטערענבאַך.

אייזיקן איז געוואָרן דער דאָזיקער בחור אַלץ מער און מער ניט צום האַרצן. ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן אַ שאַרף אויג אַף אים. ער איז מיט אים אַריין אין דעם לאָקאַל, וואָס איז געווען אַ קעלער אַף איסט בראָדוויי. דער קעלער איז געווען צעטיילט אין קליינע צימערלעך. טירן האָבן געפירט פון איין צימער אין אַנדערן. אַף דער וואַנט, אין איין צימער, אַ בילד פון קאַרל מאַרקס מיט אַ צעפּאַטלטער שוואַרצער באָרד מיט גרויע פּעדים אין דער באָרד. אַף אַ צווייטער וואַנט אַ פּאָרטרעט פון לאַסאַל — אַ הויכע, שלאַנקע פיגור. אַף אַ דריטער וואַנט אַ פּאָרטרעט פון דעניעל דע־ליאָן —

אַן אויסטערלּיש פּנים מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, וואָס גיט אים דאָס אויסזען פון אַ פּוריטאַנער פּויער.

באַ אַ דעסק איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט אַ טונקעלן פּנים, ריין ראַזירט און מיט שוואַרצע וואָנטשעס. די האָר פון זיין קאָפּ פּאַרקעמט מיט אַ שרינט פּונקט אין דער מיטן פון קאָפּ. דער דאָזיקער מענטש איז קאָנטיק געווען זייער נייגעריק צו זען צוויי מענטשן אַריינקומען צו אים. אין דער לופט אַרום און אַרום איז געווען שטיל. אַ פליג איז געפלויגן און געזשומעט.

— העלאָ, גענאָסע של—ג! — באַגריסט זיך שטערענבאַך און גייט צו גלייך צום יונגנמאַן באַם דעסק.

— אָ, העלאָ, מיט וואָס קאָן איך דינען? — האָט של—ג געפרעגט און זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט גוטסקייט.

— מיר זיינען אַרויס אין אַ גענעראַל־סטרייק.

— ווער איז דער „מיר"?

— די „ווייער־פּריים מייקערס" יוניאָן — רופט זיך אָפּ אייזיק, כדי צו לאָזן וויסן, אַז ער איז אויך דאָ.

— דאַמען־היטעלעך? געהערט, געהערט — זאָגט דער יונגערמאַן. — און איר ווילט מסתם אונדזער הילף?

— ווי געוויינטלעך — זאָגט שטערענבאַך און גיט פון אונטן אַ צי באַ דער פּאָלע אייזיקן. דאָס האָט ער אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער שטיל, ווי אַזוי מען נעמט דאָ באַ דער ס. ל. פּ. אויף אַן אַרבעטער־סטרייק.

— אַ סך אַרבעטער? — פרעגט של—ג. און עס איז קאָנטיק (אייזיקן), אַז ער היט זיך מיט יעדן וואָרט אַזוי ווי מען היט זיך מיט אַן איידעלער כלי פון גלאָז, ווען ער רעדט וועגן אַרבעטער.

— ניט קיין סך — זאָגט אייזיק. — איינגאַנצן הונדערט מיט אַכציק.

— ס'מאַכט ניט — זאָגט דער יונגערמאַן. — דער עיקר — צי איז דער סטרייק הונדערט פּראָצענט.

— חוץ איין שאָפּ, וואו עס אַרבעטן איירישע אַלטע מוידן, זיינען אַלע איבעריקע שעפּער אַראָפּ אין סטרייק — דערקלערט שטערענבאַך.

אייזיק שאָקלט צו מיטן קאָפּ און דער יונגערמאַן קוקט אויף אים מיט זיינע צוויי גרויסע טרוימערישע אויגן.

— ווי איז אייער נאָמען? — ווענדעט זיך של—ג צו אייזיקן.

אייזיק זאָגט אים זיין נאָמען.

— אָ, זיינט איר דאָס אפשר דער שרייבער וואָס האָט איז היינטיקן נומער באַ אונדז אַ נאָוועלע? — פרעגט מיט רעספּעקט גענאָסע של—ג.

אייזיק האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט. ער האָט ניט געקאָנט לײַדן, אַז שטערענבאַך זאָל וויסן, אַז ער איז אַ שרייבער. אַזאַ משוגעת איז עס באַ אים געווען צו זיין אינקאָגניטאָ.

שטערענבאַך האָט זיך געמאַכט, ווי ער האָט גאָר ניט געהערט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— שוין לאַנג, אַז איר שרייבט? — פרעגט של—ג באַ אייזיקן, מיינענ־דיק מיט דעם אים צו דערמוטיקן, ווייל ער האָט באַמערקט ווי אייזיק האָט זיך פאַרשעמט.

— אָ, עס איז ניט וויכטיק — האָט אייזיק זיך געפּרואווט ארויסצודרייען פון דער לאַגע.

— פ... דער רעדאַקטאָר איז שטאַרק באַגייסטערט פון אייער זאַך — זאָגט של—ג. — אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג וועט זיין שטאָלץ מיט אייך... אָבער פאַרוואָס שרייבט איר ניט פון אַרבעטער־לעבן?

אייזיק האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אָפן אָרט זיך ניט אָריענטירט. עס האָט אים אויסגעוויזן, אַז של—ג איז גערעכט. טאַקע, פאַרוואָס האָט ער געשריבן זיין ערשטע זאַך וועגן קלויזניקעס פון קליינעם שטעטל, פון יענער זייט ים?

אָט איז ער אַן אַרבעטער; זיינע ברידער זיינען אַרבעטער; אַלע זיינע חברים און חברטעס זיינען אַרבעטער; אָט האָבן זיי געגרינדעט די ערשטע „ווייער־פריים מייקערס" יוניאָן; אָט איז זיין ברודער הוישיקעלע דער אָנפירער פון אַ יוניאָן אין בליקער סטריט; אָט איז אַ גענעראַל־סטרייק באַ זיי אין פאַך און עס איז אויך געווען אַ גרויסער סטרייק אין בליקער סטריט מיט אַ שטיקל קאַמף קעגן דעם אייגענעם טאַטן מיט די ברידער; אָט קען ער שוין, אין די פּאָר יאָר וואָס ער איז אין אַמעריקע, עטלעכע שעפּער; עס איז אים אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט אַלערליי אַרבעטער און באַלעבאַטים און משרתים פון די באַלעבאַטים.

און ווען ער הויבט אָן שרייבן, באַשרייבט ער גאָר אַ בית־מדרשניק פון אַ קליין שטעטל...

של—ג איז גערעכט. אייזיק זאָגט:

— איך בין אַן אָנהויבער און דערפאַר האָב איך זיך גענומען צו אַ גאַנגבאַרער טעמע...

— אַזוי?.. — שמייכלט של—ג. — פאַרטראַכט זיך נאָר, ווי די אַרבעטער וואָלטן אייך געלייענט, ווען איר באַשרייבט זייער לעבן.

אייזיק האָט דערפילט ווי ער איז ניט צוגעגרייט צו רעדן וועגן דעם

ענין אין דעם מאָמענט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט, ווי אַ פאַרלוירענער.

של—ג האָט עס אָנגענומען פאַר אַ צושטימונג פון אייזיקס זייט. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צום ענין „סטרייק" און פאַרשריבן אַלץ אַף אַ שטיקל פּאַפּיר און צוגעזאָגט, אַז נאָך היינט אַפּדערנאַכט וועט ער עס פּאָר־ברענגען פאַר דער עקזעקוטיווע און מאָרגן וועט ער געבן אַן ענטפער, וואָס וועט זיכער זיין, אַז זיין פּאַרטיי נעמט אויף דעם קאַמף.

אייזיק מיט שטערנבאַכן זיינען אַוועק פאַרפּלאָנטעט און פול מיט מונטערקייט צו די סטרייקער אין ביר־סאַלון.

אין ביר־סאַלון איז איצט געווען מיטאָג־צייט. די סטרייקער זיינען דערפאַר אַרויס אין הויף וואָס אין הינטערגרונט פון סאַלון.

עס איז אָנגעגאַנגען אַן ענערגישע רייניקונג פון די שטיקער גלאָז און אַלטוואַרג, וואָס אַרום דעם גרויסן בוים.

חברה האָבן אויפגעקליבן די אַלע זאַכן, צונויפגעלייגט אין אַ בערגל, עס אונטערגעצונדן און מיט אַן אַלטן בעזים אָפּגעקערט דאָס שטיק ערד. דער בוים איז געשטאַנען מיט זיין שיינעם רונדן שטאַם און מיט דער שיינער קאָרע, אין וועלכער עס איז געווען טויזנטער און מיליאָנען רינגעלעך און קנייטשעלעך. די קרוין פון בוים האָט זיך אָנגעהויבן אין דער הויך, מיט פיר גראָבע שיין־אויסגעבויגענע צווייגן, וועלכע האָבן זיך געשטרעקט אין אַלע פיר זייטן פון הימל. פון דער ערד ביז צו די צווייגן איז געווען צוויי מאָן די הויך און דער גאַנצער קאָפּ פון בוים איז געווען געדיכט באַוואָקסן מיט ג־עסערע און קלענערע צווייגן, אַזוי אַז דער בוים האָט אַריבערגעשטיגן מיט זיין הויכקייט איבער די פיר־שטאָקיקע הייזער.

דאָ אַף דער ערד אונטערן בוים איז די זון ניט צוגעקומען. עס איז געווען קיל און לופטיק.

האָבן זיך אַלע סטרייקער אויסגעזעצט אַף דער ערד אַרום בוים און שטערנבאַך האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי די ס. ל. פּ. פּאַרטיי גרייט זיך אַריינצוואַרפן אין קאַמף.

די אַרבעטער האָבן געפּליעסקעט מיט זייערע הענט און זיך געפרייט, ווי קינדער וועלכע מ'פירט אַרויס דאָס ערשטע מאָל אין וואַלד אַריין און מ'דערציילט זיי שיינע מעשהלעך.

פופצנטער קאפיטל

די ערשטע טעג פון דעם גענעראל־סטרייק בא די דאמענהיט־ארבעטער האט אייזיק געפילט פונקט ווי א סאלדאט אין לאגער. ווען עס איז נאך געווען בלויער פרימארגן אין די פענצטער, איז אייזיק אויפגעשטאנען. און אז די מאמע רייזי האט דערהערט אייזיקן ארומגיין שטיל איבער דער שטוב, איז זי אויך אויפגעשטאנען און פאר אים צוגעגרייט קאווע מיט צוויי לויזע אייער.

אייזיק האט אזוי פרי ניט געקאנט עסן. אבער די מוטער האט איבער אים אזוי לאנג איינגעטענהט, ביז ער האט איר צוליב געטאן און אויס־געטרונקען די צוויי לויזע אייער.

דערווייל האט אים די מוטער אריינגעלייגט אין קעשענע עטלעכע סענט:

— ווייז איז מיר, גייסט אוועק אף א גאנצן טאג ביז שפעט באנאכט!

— ווי לאנג וועט עס אזוי געדויערן? — האט די מוטער געוואלט וויסן.

— ביז מיר וועלן געווינען — האט איר אייזיק געענטפערט.

דער טאג האט זיך אנגעהויבן מיט שטיין באם שאפ און היטן, אז דער באלעבאס זאל ניט ארויסנעמען קיין סקעבס. אלע ארבעטער פון אייזיקס שאפ זיינען געשטאנען א גאנצן פרימארגן באם שאפ און געהיט.

אייזיק האט שוין אין די פאר טעג, זינט דעם סטרייק, געקענט אלע מענטשן, וועלכע זיינען אפט אריינגעגאנגען אין דער געביידע, וואו זיין שאפ איז געווען.

אויב עס האט זיך געוויזן עפעס א ניי פנים, איז אייזיק באלד נאכ־געגאנגען דעם נייעם מענטשן, מיט די טרעפ־ארויף, ביז ער האט פינקטלעך זיך דערוואוסט וואוהין דער נייער מענטש גייט.

אין דער געביידע זיינען געווען נאך צוויי שעפער. איינער פון „בייטלען" און דער צווייטער פון רענצלעך. האט מען באדארפט גוט אויסשטודירן די פנימער פון די מיידלעך און בחורים, וואס האבן געארבעט אין די שעפער פון בייטלען און רענצלעך.

אייזיק האט געמיינט, אז ער איז א ספעציאליסט אף אט־דער ארבעט.

אז עס האבן זיך גאנץ פרי אנגעהויבן צונויפקומען די ארבעטער פון אט־די צוויי פאבריקן, וואס האבן זיך געפונען אף די אויבערשטע שטאקן, אי־בער אייזיקס שאפ, האבן אלע ארבעטער־סטרייקער זיך אוועקגעשטעלט היטן.

אָבער אָן אייזיקן האָבן די אַרבעטער־סטרייקער זיך ניט געקענט באַגיין.
ער האָט געמוזט שטיין צווישן זיי און אויך היטן.

— ווער איז אָט־די ?

— די — אָלרייט.

— וואָס זאָגסטו, אייזיק ?

— זי אַרבעט בא רענצלעך.

בא וואַכנבלוי אין שאַפּ איז די גאַנצע אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן. סעם דער פאָרמאַן האָט זיך ווי אויסבאַהאַלטן. ער איז שוין עטלעכע טעג ניט געקומען אין שאַפּ אַריין.

וואַכנבלוי אַליין האָט זיך יאָ געוויזן. ער האָט געטאָן ווי אַ שווער־דורך דורך די אַרבעטער־סטרייקער מיט זיין לאַנגן סיגאַר בא אים אין מויל און מיט דעם שטרויענעם טעלער־קאַפּעליוש אויף זיין קאָפּ. די בוכהאַלטערן האָט זיך אויך ווי דורכגעשמוגלט אַלע אינדערפרי.

אייזיק האָט זי איינמאָל פאַרהאַלטן, פאַרשטעלט פאַר איר דעם וועג צו דער טיר פון דער געביידע און צו איר געזאָגט:

— הער אויס, מיידל, מיר ווילן וויסן וואָס עס טוט זיך אין שאַפּ.

— גאָרניט ! — האָט דאָס מיידל זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי אימיצער זעט זי ניט ריידן מיט אַ סטרייקער.

— ביזט זיכער, אַז קיינער אַרבעט דאָרט ניט ? — פרעגט אייזיק.

— קיינער ניט.

— און וואו איז סעם, דער פאָרמאַן ?

— כ׳וויים ניט.

— „כ׳וויים ניט" איז ניט קיין ענטפער. דו ביזט טאַקע אַ בוכהאַלטערן, אָבער ווען מיר ווילן דיך אַראָפּנעמען אין סטרייק קאָנען מיר עס טאָן. נאָר מיר לאָזן דיך דאָרט אויבן אין שאַפּ, כדי דו זאָלסט אונדז געבן אינפאָרמאַציע.

— פּליז, לאָזט מיך אַרויפגיין. עס איז שוין שפּעט — האָט דאָס מיידל זיך געבעטן. — איך קאָן אייך זאָגן, אַז דער פאָרמאַן איז אין דער היים בא זיך. עס איז אפשר פאָרגעקומען אַ קריג צווישן אים און דעם באָס. דאַטסאָל.

— ווייסט דאָך יאָ עפּעס. האָב ניט קיין מורא, מיר וועלן דיך ניט אויסגעבן. ווער געוואויר איבער וואָס זיי האָבן זיך געקריגט און קום דער־נאָך און דערציייל מיר. איצט גיי אַרויף ! — אייזיק לאָזט זי גיין אַרויף און דערנאָך שטעלן זיך אַרום אים די סטרייקער און ווילן וויסן וואָס דאָס מיידל האָט דערציילט.

— זיי האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען צו קריגן!

— ווער?

— סעם מיטן באַלעבאָס.

— אַזוי? זאָלן זיי רייסן שטיקער איינס פון אַנדערן!

— נעכאַי ווארפט ער אים אַרויס פון שאָפּ!

— אוים פאָרמאַן!

— וועט קומען אַן אַנדערער אויף זיין אָרט!

אָבער אייזיקן האָט עס עפּעס ניט געשמעקט דאָס, וואָס דער פאָרמאַן זיצט עפּעס אין דער היים. ער האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען פאַר אַלע סטרייקער, כדי זיי זאָלן זיך ניט אָנהויבן צו אַנטוישן.

דער גייסט פון סטרייק איז געווען אַ געזונטער און קאַמפּסלוסטיקער.

אייזיק האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דער פאָרמאַן סעם מאַנעווירט עפּעס. שפּעטער מיט עטלעכע מינוט איז ער גראָד געגאַנגען לעבן זיין חבר יפה. די סטרייקער האָבן זיך געוויצלט איבער די צוויי חברים: דער ביעליק מיטן ציגיינער! ווייל אייזיק איז געווען אַ טונקל־ברונעטער; אָפּגעברענט פון דער זון און מיט שוואַרצע האָר. יפה, פאַרקערט, איז געווען אַ ווייסער מיט בלאָנדע האָר. אָבער די צוויי חברים האָבן איצט ניט געשאָנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט צו די וויצן, וואָס די אַרבעטער האָבן געוואָרפן אויף זייער חשבון.

— ווייסט, יפה, איך האָב מורא, אונדזער פאָרמאַן האָט אַריבערגעפירט דעם שאָפּ צו זיך אַהיים — זאָגט אייזיק שטיל.

— פון וואַנען דרינגסטו דאָס?

—איך האָב גערעדט מיט דער בוכהאַלטערן און איך האָב עס געלייענט פון איר פּנים — זאָגט אייזיק.

— עס ליגט זיך אויפן שכל. אָבער ווי אַזוי דו קאָנסט אַזאַ זאַך לייענען באַ אימיצן אויפן פּנים, ווייס איך ניט — לאַכט יפה.

— זי האָט זיך ווי אַרויסגעכאַפּט, אַז דער פאָרמאַן איז באַ זיך אין דער היים. איך האָב באַלד געקאָנט זען, אַז זי האָט חרטה אויף דעם, וואָס זי האָט געזאָגט.

— מען וועט דאַרפן אויסגעפינען.

— אָבער קאָנספּיראַטיוו — שעפּטשעט אייזיק.

— מיר וועלן עס מוזן אַליין טאָן.

— אָבער מיר ווייסן דאָך ניט וואו ער וואוינט.

— דאָס מײדל װעט מוזן אױסזאָגן. פאַרװאָס האָסטו באַ איר ניט געפרעגט?

— איך האָב פאַרגעסן... אָבער איך האַלט, אַז מען טאָר באַם מײדל ניט פרעגן. טאָמער טראָגט זי עס גלײך אָפּ צום באַלעבאָס — זאָגט אײזיק.

— בלײַבט איבער אױסצוגעפינען זײַן אַדרעס באַ די סטרײַקער.

יפה האָט זיך אונטערגענומען אױסצוגעפינען דעם פאָרמאַנס אַדרעס. אָבער די צװײ חברים האָבן אָפּגעמאַכט צװישן זיך, אַז עס מוז געטאָן װערן זײער פאָרזיכטיק.

אָט באַלד גײט מען זיך אָפּרוען פון פּיקעטן. פון איצט ביז צװעלף דאַרפן אַלע סטרײַקער דאָ ניט שטײן.

דאָרט, אין דעם ביר־סאַלון, אונטערן גרױסן שאָטנדיקן בױם װעט זיך דער „שאָפּ" אױסזעצן. יפה זאָל אַרײַנװאַרפן אַ װאָרט. נו, זאָל זײַן, אַז יפה זאָל זאָגן, אַז ער האָט דעם פאָרמאַן געזען אין דער זיבעטער גאַס. װעט אײזיק אים פרעגן, צי דער פאָרמאַן װאױנט אין דער זיבעטער גאַס און יפה זאָל ענטפערן, אַז ער מײנט אַז דער פאָרמאַן װאױנט אין דער זיבעטער גאַס. דאָס זאָל געטאָן װערן אַזױ, אַז אַלע אַרבעטער פון שאָפּ זאָלן עס הערן. דאַן װעט מסתּם אײנער פון די סטרײַקער קאָרעגירן יפהס טעות.

— און אױב קײנער פון די סטרײַקער װײסט ניט זײַן אַדרעס? — פרעגט יפה.

— דאַן װעלן מיר צוטראַכטן אַן אַנדער מיטל.

אַזױ װי די צװײ חברים אײזיק און יפה האָבן אָפּגעמאַכט, אַזױ האָבן זײ געטאָן. צװישן די סטרײַקער איז געװען אַן „אַלטע האַנט" — דער עלטסטער אַרבעטער אין שאָפּ. ער האָט נאָך געדענקט דעם באַלעבאָס װאָכנ־בלױ, װען ער האָט נאָך געהאַלטן זײַן שאַפּקע אין באַנד סטריט. דעמאָלט איז נאָך סעם אױך געװען אַ פּשוטער אַרבעטער אין שאָפּ. אָט דער אַרבעטער איז געװען גוט „צונױפגעלײגט" מיט סעמען און אױך געװאוסט, װאו סעם װאױנט.

— איכ'ל ניט װיסן װאו ער כאַליעט? — האָט געזאָגט דער אַרבעטער, באַ װעמען אין מױל עס האָבן שױן געפעלט אינגאַנצן די אונטערשטע צײן.

און אָט אַזױ זײַנען אײזיק און יפה געפאַלן אָפּן סליאַד.

נאָך אײנס אַזײגער זײַנען זײ בײדע אװעק אין יענער גאַס, װאו דער פאָרמאַן סעם האָט געװאױנט. זײ האָבן זיך אַנידערגעשטעלט ניט װײט פון דער שטוב און געהיט מיט אָפענע אױגן יעדן מענטשן, װאָס איז אַרײַן און אַרױס.

זיי זיינען אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ שעה און צוויי און ניט געזען קיין שום פּעקלעך אַרויסטראָגן, אָדער אַריינטראָגן. אַלץ וואָס זיי האָבן געזען — איז געווען מאַמעס מיט קינדערלעך אויף די הענט.

ניט ווייט פון דער הויז איז געווען אַ קצב. די צוויי חברים האָבן אויסגעוואַרט ביז באַם קצב איז געוואָרן ליידיק פון קונים. זיינען זיי אַריין.

— העלאָ!

— העלאָ! — קוקט זיי אָן דער קצב מיט זיינע קליינע בלויע אויגן און ווישט זיין שוויים מיט די פאַרבלוטיקטע הענט.

—דאָ אין דעם הויז דערנעבן וואוינט איינער סעם?

— וועלכער סעם? עס איז דאָ איין רויטע קו אויף דער וועלט? — חכמהט זיך דער קצב. — איך קען דאָ דרייערליי סעמס.

די צוויי חברים גיבן אים סימנים, ווי אַזוי עס זעט אויס דער סעם, וועמען זיי דאַרפן.

דער קצב דערשרעקט זיך אויגנבליקלעך. ער כאַפּט דאָס גרויסע, לאַנגע מעסער אין איין האַנט.

— מיסטער, איר דאַרפט זיך פאַר אונדז ניט שרעקן — זאָגן ביידע חברים מיטאַמאָל. — מיר זיינען סטרייקער.

— אַזוי, צטריקער? פאַרוואָס זשע שווייגט איר? ווי באַלד אַזוי, שרייט זשע, פּאַנטאַלאָנעס... איך האָב געמיינט, אַז איר זייט פון יענער חברה.

דער קצב לייגט אַוועק דאָס מעסער אויפן צעקראַצטן, בלוטיקן קלאָץ, ווישט זיך אָפּ די הענט, רייבנדיק זיי אין זיינע פאַרשמאַלצעוועטע הויזן, דערגאָך גיט ער ביידע חברים שלום.

— איך וועל אַלעס טאָן צוליב צטרייקער.

— מיר ווילן וויסן, צי איר ווייסט, אויב עס איז דאָ בא סעמען אין הויז אַ שאַפּ.

— איך וועל אַרויפגיין און אַ קוק טאָן — זאָגט דער קצב. — איך וועל זיך מאַכן ווי געפּייגערט... עס איז ניט מיינע ביזנעס. איך וועל אַריין צו זיין מאַמען פרעגן, צי זי וויל אַ שטיקל געשמאַקע לונג־און־לעבער. אַלרייט, פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איר בלייבט דאָ און וואַרט אויף מיר.

דער קצב איז אַרויס פון קראָם. די צוויי חברים זיינען געבליבן. איצט האָבן די צוויי חברים באַרעכנט וואָס זיי האָבן געטאָן.

— וואָס טוען מיר, ווען דער קצב גייט אַרויף און דערציילט סעמען, אַז מיר זיינען דאָ אין קראָם — זאָגט יפה. ער איז אַלעמאָל געווען פראַק־

טישער פון אייזיקן. אָבער איצט איז שוין געווען צו שפּעט. אפילו ווען זיי זאָלן ארויס פון קראָם וועט מען זיי אויך קאָנען אָניאָגן.

אייזיק האָט אלעמאָל געגלויבט מענטשן, אז זיי זיינען גוט און ערלעך, נאָר אזוי ווי דער קצב איז באַלד צוריקגעקומען, איז שוין סיי־ווי־סיי ניט געווען קיין רייד ווער עס איז גערעכט.

— אימיצער האָט אייך איינגערעדט „א קומען אַף א יאַריד" — האָט דער קצב געזאָגט צו די צוויי חברים. — עס איז דאָרט נישטאָ קיין שאָפּ. דער פאָנאָגראַף שפּילט און סעם ליגט אויסגעצויגן אַף א דיוואַן און כאַפּט פליגן.

אויסגעהערט דעם רעפּאָרט, האָבן די צוויי „לעקעשן", ווי דער קצב האָט זיי א נאָמען געגעבן באַ זיך אין געדאַנק, זיך איבערגעקוקט און האָבן געזאָגט „גוד־באַי" און זיינען אוועקגעגאַנגען.

זיי זיינען צוריקגעקומען צו די סטרייקער פּונקט אין צייט, ווען מען האָט באַדאַרפט ארויסגיין צו דעם מאַסן־פּיקעט.

עס איז גראַד באַלד געקומען צולויפן א סטרייקער הענדום־פּענדום, קוים וואָס ער האָט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם:

— באַ אונדז אין שאָפּ זיינען דאָ סקעבס!

— באַ גאָלדשטיין בראָדערס?

— יאָ!

די פירער פון סטרייק האָבן א באַראַטונג. טאָנים פּנים ווערט בלאַס.

— מען דאַרף זיי ברעכן א ביין!

— ניט מיט דעם מעטאָד! — זאָגט קוילין. ער איז קעגן געשלעג.

— וואָס דען? זיי נאָך טאָן אפשר א גלעט אין קעפּל?

— אפשר מיט זיי רעדן. אפשר ווייסן זיי ניט, אז מען סטרייקט.

— נאָר ברעכן א ביין! — היצט זיך טאָני.

די סטרייקער גייען ארויס אין גאַס. עס איז שפּעט נאָכמיטאָג. די זון האָט אָנגעהיצט דעם אספאַלט. עס איז ליכטיק און הייס ווי אין א ברענענדיקן אויוון.

די סטרייקער גייען צו צוויי און צו דריי אין א ריי. עס איז טומלדיק. פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ, ווילן וויסן וואָס דאָ איז.

באַ דער געביידע, וואו עס איז „גאָלדשטיין בראָדערס" שאָפּ, בלייבן שטיין אַלע סטרייקער אין א צעוואָרפענעם, צעשפּרייטן ראָד. די געביידע איז א שמאָלע און א הויכע פון זעקס שטאָק. דער גאַנצער פראָנט פון דער געביידע איז פון שווארצן שטיין. די פענצטער מיט קאָלאָנעס און מיט האַלב־

רונדע אויבערפענצטערלעך. דורך די אָפענע פענצטער קומט דאָס רוישן פון מאַשינען. עס זעט אויס, ווי די מאַשינען אַף אַלע שטאָקן אין די פאַרשיידענע פאַבריקן האָבן צווישן זיך ניט אָפּגעמאַכט צו אַרבעטן ריטמיש. ווען אַפן אויבערשטן שטאָק הערן אויף די מאַשינען צו רוישן מיט אַ ריס, אַזוי ווי פון טויזנט פאַרזשאַווערטע זעגן, פונקט דעמאָלט הויבן דווקא אָן די מאַשינען פון אַן אַנדער שטאָק צו בויערן, אַזוי ווי מיט טיפע עקבערס ביז טיף אין דעם האַרץ פון דער ערד.

די ערד אַרום דער געביידע ציטערט. די גאַנצע גראַניטענע געביידע טרייסלט זיך.

אַפן ערשטן שטאָק איז אַף די פענצטער אָנגעשריבן מיט גאָלדענע בוכשטאַבן: גאָלדשטיין בראָדערס".

ווען די סטרייקער־מאַסע רינגלט אַרום דעם שאַפּ מיט די ווייס־אַרבלדיקע הענט און נאַקעטע קעפּ — שטעקט אימיצער פון „גאָלדשטיין בראָדערס" אַרויס אַ קאָפּ דורכן פענצטער. איין אויגנבליק און עס פאַלט באַלד אַ שווערע זאַך אַראָפּ דורכן פענצטער.

צווישן די אַרבעטער־סטרייקער הערט זיך אַ מוראדיק געשריי.

עס פליט אין דער לופט אַ שטיק פאַפיר פון אַן אַלטער צייטונג.

אַ שטיק גיפּס פאַלט אַראָפּ און ס'איז מסתּם געצילט געוואָרן צו טרעפן אַ סטרייקער אין קאָפּ. אָבער דאָס שטיק גיפּס האָט מיט אַ ראַזמאַך זיך אָנגעשלאָגן אין שטיין פון טראָטואַר און זיך צעשפּאָלטן אין פּיצפּיצלעך. אַפן וועג אַראָפּ האָט דאָס שטיק גיפּס פאַרטשעפּעט דעם אַקסל בּאַ איינעם פון די סטרייקער.

דעמאָלט איז געשען דאָס, וואָס קיינער האָט ניט פאַרויסגעזען. די מאַסע סטרייקער זיינען ווי משוגע געוואָרן און גענומען לויפן אין דער געביידע. זיי האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צו דער טיר פון „גאָלדשטיין בראָדערס" שאַפּ און זי ניט געקאָנט עפענען.

נאָר אַז די סטרייקער האָבן זיך געטאָן אַ שפּאַר אָן דער טיר מיט צענדליקער הענט, איז די טיר אויפגעבראָכן געוואָרן. די סטרייקער זיינען אַריינגעפאַלן איינאיינעם מיט דער טיר אין שאַפּ אַריין.

דער שאַפּ איז געווען שמאָל און לאַנג, אַזוי ווי די פאָרם פון דער גאַנצער געביידע. די פענצטער האָבן נאָר באַלויכטן אַ האַלב פון שאַפּ. די אַנדערע העלפט איז געווען טונקל.

דאָרט, אין דער טונקעלער העלפט, האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט די ברידער גאָלדשטיין מיט די סקעבס. זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט

ניפּסענע פּאַסאַנען, אַף װעלכע מען האָט געװײנטלעך אױסגעאַרבעט די דאַמענהיטעלעך. אָט־די שטיקער גיפּס האָבן איצט געזאָלט דינען אַלס פֿאַר־טײדיקונגס־געװער אין די הענט פֿון די באָסעס מיט די סקעבס.

די סטרײַקער זײַנען אַרײַן און אָנגעפֿילט דעם שאַפּ מיט זײערע געשרײען און מיט די פֿאַרשטײפֿטע פֿױסטן.

טאָני האָט געפֿירט די אַטאַקע. ער האָט געטאָן אַ שפּרונג אַזױ װי אַ טיגער אַף אײנעם פֿון די שונאים, אױסגעכאַפּט בײַ אים דאָס שטיק גיפּס און דעם שונא געטאָן אַ זעץ איבערן קאָפּ. דאָס שיסלאַרטיק שטיק גיפּס איז געװען אױסגעהױלט פֿון דער לינקער זײַט, אַזױ װי אַ פֿאָרם פֿון אַ גרױסן דאַמענהוט. דער גיפּס האָט זיך צעשפּאָלטן אין קלײנע שטיקלעך און זיך צעשאָטן אַפֿן דיל.

דאָס געשלעג האָט זיך אָנגעהױבן. קולות האָבן געברעװעט אין דער לופֿטן. פֿױסטן האָבן זיך געהױבן. שטיקער גיפּס זײַנען געפֿלױגן װי קױלן פֿון האַרמאַטן פֿון שונא צום לאַגער פֿון די סטרײַקער און פֿון די סטרײַקער צוריק צום שונא.

ענדלעך האָט אימיצער געטאָ אַ געשרײ: די פּאָליציי קומט!

די סטרײַקער האָבן זיך געװאָרפֿן צו דער טיר, אַריבערגעטאַנצט די אײַנגעװאָליעטע טיר אַזױ װי הירשן איבער אַ פּלױט.

װען די פּאָליציי איז געקומען איז שױן קײנער פֿון די סטרײַקער ניט געװען אין שאַפּ. געבליבן זײַנען די גאָלדשטײן ברידער מיט צעשפּאָלטענע קעפּ און די סקעבס האָבן זיך געהאַלטן בײַ די אױסגעדרײטע פֿינגער. בלוט איז גערונען איבער פּנימער, נעז און צײן.

דער שאַפּ איז געװען צעװאָרפֿן און צעבראָכן. גלעקער פֿון אַמבולאַנסן האָבן געקלונגען. װײס־געקלײדטע דאָקטױרים האָבן געװיקלט באַנדאַזשן. אין גאַס זײַנען זיך צונױפֿגעלאָפֿן מענטשן און געװאַרט, טאָמער װעט מען אַרױסטראָגן אַ צעהרגעטן אַף אַ טראָג־בעטל.

שפּעט אין אָװנט זײַנען אַלע סטרײַקער געזעסן אין ביר־סאַלון. עס איז געװען אַ גענעראַל־פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע סטרײַקער. טײל זײַנען געזעסן אַף בענקלעך און טײל אַף טישן. אַלע טירן זײַנען געװען אָפֿן. אָבער עס איז געװען הײס — דערשטיקט צו װערן.

יעדער שאַפּ האָט אַרױסגעשטעלט צו אײן רעדנער, װאָס האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון זײַן שאַפּ װי עס האַלט מיטן סטרײַק, צי ס'זײַנען דאָ סקעבס, צי ניט, און װי עס האַלטן זיך די אַרבעטער־סטרײַקער.

די פֿירער, צװישן זײ אײַזיק, זײַן חבר יפֿה און די איבעריקע, זײַנען

געזעסן ארום טיש ניט ווייט פון דער פראַנט־טיר. עס האָט געווייעט מיט מוטיקייט און לוסטיקייט.

עס איז געווען געווען נעגנוג, אז אַן ארבעטער, ניט קיין פּראָפּעסיאָנעלער רעדנער, זאָל זיך ספּאַטיקען עפּעס מיט אַ וואָרט און אַלע זאָלן אויסשיסן אין אַ געזונטן געלעכטער.

עס האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליסמאַן. נאָך אים זיינען געגאַנגען מאָדנע ברואים. געשוואָלענע קעפּ גרויסע, אָנגעוויקלט מיט מערלע און מיט באַנדאַזשן, פון וואַנען עס האָבן ארויסגעשטעקט טיפע לעבער־אויגן און די שפּיצן פון זייערע נעז.

די סטרייקער האָבן ספּאַנטאַן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער פון דעם געשפּענסט.

דער פּאָליסמאַן האָט זיך פארשעמט. די גרויסע, ווייסע קעפּ זיינען דורכגעגאַנגען דעם סאַלון און געשטערט מיט די טיף־איינגעגראָבענע אויגן פון וואַטע און באַנדאַזש.

אָבער צום גליק פון די סטרייקער איז קיינער פון זיי ניט דערקענט געוואָרן. מען האָט דאָ געזוכט די שלעגער. זיי זיינען געזעסן דאָ אויף דער פארזאַמלונג, אָבער מען האָט זיי ניט דערקענט.

זיינען די מיט די צעהרגעטע קעפּ ארוים; דער פּאָליסמאַן נאָך זיי. אין זאַל איז ווידער געוואָרן אַ געלעכטער.

זיבעצנטער קאַפּיטל

שפּעט באַנאַכט ענדיקט זיך דער מיטינג.

אייזיק איז הייזעריק, די פיס ברעכן. די היץ הויערט איבער דער שטאָט ווי אַ פייער־שפּייענדיקער באַרג. אין די גאַסן וואַלגערן זיך מענטשן אויף קאַלדרעס. דער הימל איז אַזוי ווי פון קופּער. די לבנה איז אין אַ נעבלדיקן שלייער.

אייזיק קומט אַרויף אין שטוב.

די מאַמע זיצט אין קיך בײַ אַ ליכט און לייענט אַ צייטונג. זי לייענט די צייטונג אויף אַ קול און מיט אַ ניגון פון טייטש־חומש.

ווען אייזיק באַווייזט זיך אין טיר דערשרעקט זי זיך. זי פאַרענטפערט זיך:

— איך קאָן ניט לייענען אײַערע צייטונגען.

דערנאָך באַלד:

— ווי האַלט עס?

— מען סטרײַיקט! — ענטפערט אייזיק.

— זע נאָר ווי דו זעסט אויס!

— האָב ניט קיין יסורים, איך פיל גוט. עס איז די היץ און ניט מער — קוקט אייזיק גלייך דער מוטער אין די אויגן. — און וואָס מאַכסטו, מאַמע?

— אָט!... דו פרעגסט זיך נאָך ווי אַ פרעמדער — זאָגט די מוטער און נעמט זיך פאַרען באַם אויוון. — ווייסט, אייזיק, דער טאַטע האַלט שוין אין קויפן אַן אייגענע הויז.

— אַזוי? — גלאַנצט אייזיק אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגן.

— מיר דערציילט מען עס ניט. אָבער איך האָב געהערט, ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך.

— און איך וועל אײַנגאַנצן בײַ דיר ניט קאָנען וואוינען.

— פאַרוואָס?

— אַז איך ברענג ניט קיין געלט.

— דערמאָן עס ניט, ווייל דו באַליידיקסט מיך. וועסט אָנהויבן אַרבעטן וועסטו מיר צאָלן.

די מוטער גיט אייזיקן עסן אויף אַ ברעג פון קיך־טיש. אייזיק עסט און די מאַמע רייזי פרעגט:

— גיב מיר צו פֿאַרשטײן, װאָס עס איז אַ סטרײַק. איך װײס דאָך אַפֿילו ניט װאָס דאָס איז.

— עס איז אַזױ. אַרבעטער קאָנען ניט מער איבערטראָגן דעם שװערן יאָך פֿון שאַפּ. לײגט מען אַװעק די אַרבעט און מען גײט אַרױס אין גאַס.

— אַזאַ יום־טובֿ...

— כּמעט.

— אָבער עס איז שױן באַ אײך באַלד צװײ װאָכן אַז איר סטרײַקט...

— עס קאָן אָנהאַלטן אַ שעה, אָדער אַ װאָך, און אַמאָל אַ יאָר.

— אַ יאָר? אַ גאַנץ יאָר? — פֿאַרשטײט ניט רײזי. — און װאָס טוט אַזױנער, װען ער האָט אַ װײַב און קינדער?

— מוטשעט מען זיך.

— װאָס זאָגסטו, אײַזיק, זאָל איך לאָזן דעם טאַטן קױפֿן אַן אײגן הױז? — גיט די מוטער פּלוצים אַ בײט איבער דעם געשפּרעך.

— ער װעט באַ דיר סײ־װי ניט פֿרעגן — זאָגט אײַזיק. ער הײבט זיך אױף און קנאַקט זיך אױס די פּלײצעס. — מאַמע, עס איז צײַט זיך לײגן אָפּרוען.

— אױה — זאָגט די מוטער — איך האָב גאָר פֿאַרגעסן. דאָ זײַנען געװען צװײ שרײַבערלעך... זײ האָבן געפֿרעגט װאו דו ביזט.

— צװײ שרײַבערלעך?! — האָט אײַזיק ניט פֿאַרשטאַנען פֿון אָנהױב, װאָס די מוטער מײנט מיטן װאָרט שרײַבערלעך.

— זײ שרײַבן אין די צײַטונגען. אַזױנע צװײ פֿײַנע מענטשן — זאָגט רײזי. — זײ האָבן דיך זײער געװאָלט זען. אױ, האָבן זײ געזאָגט, איז באַ אײך אַ לײַטישער זון. ליטװאַקעס צװײ...

אײַזיק האָט שױן אין צײַט פֿון סטרײַק כּמעט װי פֿאַרגעסן, אַז ער שרײַבט. נאָר איצט איז אים געװען מאָדנע. צװײ שרײַבער האָבן אים געזוכט.

— װען װעלן זײ דאָ זײַן נאָכאַמאָל?

— זונטיק.

— גוט. װאָס האָבן זײ געװאָלט?

— זיך באַקענען מיט דיר.

אײַזיק גײט שלאָפֿן. ער לײגט זיך, גרינג און שטיל, װי עס איז אים מעגלעך, װײַל מיט אים אין בעט שלאָפֿט מאָריס, זײַן ברודער.

אײדער ער איז אײַנגעשלאָפֿן האָט ער געטראַכט פֿון זײַן שרײַבן און פֿון סטרײַק. דער סטרײַק האָט אים דאָמינירט. פֿאַר אים זײַנען געשטאַנען װי לעבעדיק אַלע סטרײַקער. ער האָט שױן יעדן אײנעם געקענט באַם ערשטן

נאָמען און געוואוסט דעם כאראקטער פון יעדן באַזונדער. עס זיינען ניט געווען קיין צוויי גלייכע מענטשן. יעדער האָט געהאַט זיין אייגנאַרטיקן פּנים און זיין באַזונדערן קול צום רעדן. ער ווערט וואָס אַ טאָג רייכער מיט מאַטעריאַל. ער וועט אָנפילן זיינע טשעמאָדאַנעס מיט דערפאַרונג און איבערלעבונגען.

אייזיקן האָבן לאַנג געשאָסן אָט־די געדאַנקען אין קאָפּ ביז ער איז אַ מידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

:: :: ::

זונטיק האָט מען ניט באַדאַרפט היטן די שעפּער.

אייזיק איז זונטיק דערפאַר געשלאָפן אַ ביסל שפּעטער. געלעגן אין בעט און זיך אויסגערוט די פיס.

ער האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז עס דאַרפן קומען צו אים געסט.

מיטאַמאָל הערט ער ווי מען קלאַפּט אין טיר.

אייזיק האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָנצוטאָן, ווען צוויי בחורים זיינען אַריין צו אים אין צימער.

איינער אַ הויכער און דער צווייטער אַ נידעריקער. דער הויכער מיט שוואַרצע וואָנטשעס און דער קלענערער אָן וואָנטשעס, מיט קרענקלעכע קליינע אייגעלעך.

זיי שטעלן זיך פאָר, אַז זיי זיינען צוויי אידישע שרייבער. דער הויכער איז אַ דערציילער און דער נידעריקער איז אַ פּאָעט.

אייזיק ליגט אין בעט און שלעפּט אָף זיך די זומערדיקע קאָלדרע.

— עפּעס ניט געזונט? — פרעגט דער הויכער.

— ניין.

— גלאַט אַזוי, פון וואוילטאָג?

— אויך ניט — זאָגט אייזיק. — אַ גאַנצע וואָך אַרבעט מען שווער.

— איר סטרייקט דאָך — זאָגט דער הויכער — דאַרפט איר דאָך ניט זיין מיד.

אייזיק טראַכט: זיי ווייסן אַפּנים „זייער פיל" וואָס עס הייסט אַ סטרייק.

— סטרייקן איז ניט קיין גרינגע זאַך — זאָגט אייזיק.

— איך פאַרשטיי... — זאָגט דער הויכער מיט אַ באַסאָווער שטים. — אָבער ווי באַלד אַזוי, וואו נעמט איר צייט צו שרייבן?

— איך שרייב ווען איך האָב נאָר צייט — ענטפערט אייזיק פּראָסט.

— בּאַ וואָס אַרבעט איר? — פרעגט דער הויכער.

— בּאַ דאַמענהיטעלעך — זאָגט אייזיק.

— א ראָמאַנטישע ארבעט — זאָגט דער קליינער מיט די קרענקלעכע אויגן.

— און פאַרוואָס סטרייקט מען?

— פאַר העכערע ווייִדזשעס.

— דאָס איז שוין פּראָזע — גיט דער הויכער א שטורך דעם קליינעם.

אייזיק טראַכט זיך: „וואָס זיינען דאָס פאַר א מין לצים?"

— הערט — לאָזט דער הויכער אייזיקן ניט טראַכטן. — מיר זיינען געקומען אייך גראַטולירן מיט אייערע שיינע דערציילונגען.

— איך דאַנק אייך — פאַרשעמט זיך אייזיק און פילט ווי זיך איבערצודעקן דאָס פּנים מיט דער קאָלדרע.

— ווי לאַנג אַז איר שרייבט? — פרעגט דער הויכער.

— דאָס זיינען מיינע ערשטע זאַכן — ענטפערט אייזיק.

— און אונדז ביידע קענט איר?

— איך האָב געלייענט אייערע זאַכן אין „וואָכנבלאַט".

— און ווי געפעלט אייך?

— ענטפערט אים ניט — מישט זיך אריין דער קליינער מיט די קאַליע אויגן. — וואָס איז ער, א רעפאָרטער, וואָס ער פרעגט אויס בא אייך?...

—ער האָט מורא, טאָמער האָט איר א שלעכטע מיינונג וועגן זיינע לידער.

דער מיט די קרענקלעכע אויגן האָט געטאָן א זשמורע מיט זיינע אויגן און א שנאָרכע מיט דער נאָז. איצט איז ער אריין אין דער ראָלע:

— ווען האָט איר צייט צו שרייבן?

אייזיק גיט א טראַכט: „וואָס ווילן די צוויי נודניקעס פון אים?" עס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז שרייבער זאָלן בא אים זיין אין צימער. וואָס צו טאָן מיט זיי האָט ער ניט געוואוסט. זיי גיבן אָנצוהערעניש, אַז ער וויל, אַז זיי זאָלן ניט קריכן אין זיינע פּריוואַטע ענינים, האָט ער ניט געהאַט קיין מוט.

די מוטער רייזי האָט אים געראַטעוועט, ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אויפגעעפנט זי און אריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

— אייזיק, עס איז שוין אַזוי שפּעט און דו ליגסט נאָך אין בעט — האָט די מוטער אריינגעשריען.

— קום, מיר וועלן גיין — האָט דער הויכער געזאָגט צום קליינעם. — מיר זיינען געקומען ניט אין דער ריכטיקער שעה. ער איז מסתם מיד און רעדן וויל ער ניט צו אונדז.

אייזיק האָט געפילט אין זיין רעדן, אַז יענער איז שוין „אָנגעשטויסן".

אים האָט עס ניט געאַרט. זאָלן זיי גיין. ער האָט נאָך זיי ניט געשיקט. אויב דאָס זיינען שרייבער און זיי פירן זיך אַזוי מיט מענטשן, ווייל ער זיי ניט קענען.

האָט אייזיק געמיינט, אַז ער ווערט שוין פון זיי פּטור. אָבער אין אמתן האָבן די צוויי שרייבער זיך אַנטשולדיקט און זיי זיינען אַריין אין גרויסן עס־צימער און זיך אַוועקגעזעצט באַם קיילעכדיקן טיש. די מוטער האָט זיי געבעטן זיצן.

אייזיק האָט דערווייל זיך אָנגעטאָן. ער האָט באַדאַרפט זיך גיין וואַשן און עס איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין דורך דעם עס־צימער. איז ער דורכגעלאָפן דאַרט־אַרומער, ווי אַ דאַמע, וועלכע איז האַלב אָנגעטאָן.

אייזיק האָט זיך געגאָלט און געוואַשן און געקעמט. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן אַ ריין העמד מיט אַ האַרטן קאָלנער און אָנגעטאָן דעם שענסטן שניפּס, וואָס ער האָט געהאַט, און דערנאָך דערשינען אין עס־צימער ווי עפּעס זייער אַ וויכטיקער וועלט־מענטש דערשיינט אין זיין אויפנאַם־צימער, ווען עס וואַרטן אַף אים ציימונגס־לייט.

די מאַמע רייזי האָט געשטעלט קאַווע מיט פּוטערקיכלעך, איר אייגן געבעקס. זיי זיינען געווען באַשאָטן מיט צימרינג און גוט געבאַקן. די צוויי שרייבער האָבן גענומען יעדער אַ קיכעלע, געלויבט דאָס געבעקס ווי געוויינלעך עס טוען פרויען.

די מוטער האָט זיך געגרויטלט פון דידאָזיקע קאָמפּלימענטן.

— איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש אייער זון איז — חנפהט דער הויכער אַ ביסל די מוטער.

די מוטער הויבט אָן צו שמייכלען און אירע אויגן האָבן בשעת מעשה געפינטלט. זי האָט געזאָגט:

— מיינע קינדער זיינען אַלע באַ מיר טייער. — איר איז, ווייזט אויס, אַלס מאַמע געווען מאָדנע, פאַרוואָס מען לויבט נאָר איין זון אירן, דאַן, ווען **זי האָט גאַנצע ניין זין.**

אייזיק האָט זיך מחיה געווען, וואָס זיין פּשוטע מאַמע האָט דידאָזיקע שרייבער אַזוי פּראָסט אַריינגעזאָגט.

איצט, אַז זיי האָבן געקראָגן אַזאַ ענטפער פון דער מוטער, האָבן זיי זיך צוריק גענומען צו אייזיקן: ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן; און אַף וואָס פאַר אַ שפּראַך האָט ער אָנגעהויבן? און צי האָט ער געשריבן פריער לידער און דערנאָך זיך גענומען צו דערציילונגען? און וואָס זיינען זיינע פּלענער אַף ווייטער? צי פּלאַנעוועט ער זיינע זאַכן אין קאָפּ, צי ער

פּלאַנעוועט זײ אױף פּאַפּיר? צי קלײַבט ער זיך צו װערן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרײַבער?

אײַזיק איז געזעסן און געענטפערט קורץ, כאָטש ניט אױף אַלע שאלות האָט ער געװאָוסט װאָס צו ענטפערן. אױף גאָר אַנדערע האָט ער ניט געװאָלט ענטפערן. ער איז נאָך געװען אַזױ יונג. עס איז אים דאַן געגאַנגען דער פיר־און־צװאַנציקסטער יאָר. עס האָט זיך באַ אים װי אַרױסגעגליטשט פון מויל:

— דערװײַל בין איך אַן אַרבעטער...

— מיר זײַנען אײַך זיכער מקנא מיט דעם, װאָס איר זײַט אַן אַרבעטער — האָט געזאָגט דער הויכער מיט די װאָנטשעס — און איר באַדאַרפט ניט אָנקומען צו די מעצענאַטן אונדזערע...

— װערט מען אױך אַן אַרבעטער — בלאָזט זיך דער קלײנער מיט די קאַליע אױגן — און מען פאַרשפּאָרט צו װײנען.

— צו אײַך רעד איך ניט איצט — ענטפערט דער הויכער. — איר זײַט אַ ציניקער... יאָ, איך האָב געװאָלט פרעגן — װענדט ער זיך צו אײַזיקן — צי באַשרײַבט איר נאָר זאַכן, װאָס איר אַלײן האָט איבערגעלעבט?

אײַזיק האָט דערפילט אױף זיך פיר אױגן. די מוטער איז שױן געװען אין קיך און דאָרט געטאָן איר אַרבעט. ער איז געזעסן מיט די צװײ אומגעבעטענע געסט. אײַזיק האָט זיך געשפּילט מיט זײַן שניפּס און האָט זיך געקלערט װאָס צו טאָן.

װי אַזױ ער זאָל אױף דידאָזיקע צװײ געסט ניט קוקן — זײַנען זײ דאָך פאָרט עפּנטלעכע מענטשן. ער אַלײן איז אַן אַרבעטער. קײנער װײסט נאָך גאָרניט װעגן אים. אָבער פון איצט אָן הױבט זיך עס אָן. יעדער װאָרט, װאָס ער רעדט אַרױס, װעט מסתּם פון אָט די צװײ חבֿרה אַװעקגעטראָגן װערן און זײ װעלן עס צעלײגן אױף טעלערלעך.

— איך באַשרײַב זיך אַלײן — האָט אײַזיק באַשלאָסן צו ענטפערן.

— איך האָב עס געװאָוסט נאָך אײדער איר האָט עס מיר געזאָגט — כאַפּט זיך אָן דער הויכער אין אײַזיקס ענטפער. — איר זײַט דורכויס אַ ליריקער.

— עס איז אַ גרױסע מעלה — װאַרפט אַרײַן דער קלײנער און װישט זיך זײַנע קרענקלעכע אױגן מיט זײַער ניט קײן רײן טיכעלע.

אײַזיק האָט אַפילו ניט געטראַכט בשעת ער האָט געשריבן, צי זײַן שרײַבן האָט עפּעס אַ װערט און געװיס ניט געהאַט די העזה אַפילו צו טראַכטן, צי ער איז אַ ליריקער צי עפּעס אַנדערש.

דער געשפּרעך האָט זיך, ווי עס האָט אײַזיקן אויסגעוויזן, געענדיקט. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט נאָך אין זײַן יונג לעבן ניט באַגעגנט אַזוינע צוויי נודנע מענטשן. און ער האָט שוין געדענקט, אַז זיי וועלן באַלד זיך אויפהויבן און אַוועקגיין.

— איר קענט נאָך קיינעם ניט פון דער שרײַבערשער משפחה? — פרעגט דער הויכער בײַ אײַזיקן.

— קיינעם ניט, אויסער פ...

— ווי קומט איר צו פ...?

— אַליין געגאַנגען — זאָגט אײַזיק אַ ליגן, כּדי פון זיי פּטור צו ווערן.

— איר האַלט פון אים?

— געוויס — ענטפערט אײַזיק — וואָס פאַר אַ שאלה איז עס?

— פ... האַלט פון אײַך זייער פיל — זאָגט דער קלײנער און קוועטשט צונויף די קרענקלעכע אויגן.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, אויב ער האַלט פון מיר? — פרעגט אײַזיק.

— איר באַדאַרפט זיך פרייען.

— ער איז נאָך ניט איבערגעפירט — זאָגט דער הויכער מיט אַ שטורכע דעם קלײנעם אין זײַט אַרײַן. — הכלל, איצט וועלן מיר גיין. איך זע, אַז איר זײַט מיד. מיר וועלן גיין. אָבער מיר וועלן זיך מיט אײַך דערנעענטערן. מיר וועלן זיך וואַרעמען איינער בײַם צווייטן. ביז אַהער איז דאָ ניט געווען קיין שרײַבערישע אַטמאָספערע. אַ יונגער שרײַבער האָט דאָ געקענט דער־פרוירן ווערן.

זיי האָבן אויפגעשריבן זייערע אַדרעסן און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען.

אײַזיק האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט.

ער איז אַרײַן צו זיך אין צימער, אַרויסגענומען די נומערן „וואָכנבלאַט” און געלייענט זײַנע זאַכן.

ער האָט געלייענט און בשום אופן ניט געקאָנט געפינען, וואו עס איז אין זײַן שרײַבן דאָ ליריזם.

ער האָט געפילט אַ באַליידיקונג אין דעמדאָזיקן וואָרט, כאָטש ער האָט ניט קלאָר געוואוסט פאַרוואָס. נאָר ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס ער שרײַבט פון אַזוינע זאַכן, וואָס ער האָט אַליין טיף דורכגעפילט.

זיבעצנטער קאפיטל

די שטימונג בא די סטרייקער האט אנגעהויבן פאלן. די „ווייער־פריים מייקער" יוניאן האט ניט געהאט קיין געלט צו צאלן סטרייק־בענעפיט. די סטרייקער האבן געטענהט, אז זיי קאנען שוין מער ניט אויסהאלטן; זיי קאנען מער ניט הונגערן; זיי קאנען מער ניט אהיים קומען צו זייערע ווייב און קינדער מיט ליידיקע הענט. די טעאטער־אונטערנעמונג, וואס די ס. ל. פ. האט ארגאנזשירט פאר די סטרייקער, האט ערשט געדארפט פאר־קומען אין עטלעכע וואכן ארום. און ווער ווייסט צי די אונטערנעמונג וועט זיין א פינאנציעלער דערפאלג?

חוץ דעם זיינען אין שאפ, וואו אייזיק האט געסטרייקט, אכט ארבעטער צוריקגעגאנגען צו דער ארבעט. דער באס, מר. ווייכענבלוי, האט מיט זיי אונטערגעשריבן א קאנטראקט אף א יאר וואך־ארבעט.

אין יענעם אינדערפרי, ווען די אכט ארבעטער זיינען ארויף סקעבן, האבן אלע ארבעטער סטרייקער פארלארן זייער גאנצן מוט. עס האט ניט געהאלפן קיין שום אגיטאציע פון די פירער.

די פירער האבן זיך קיין עצה ניט געקאנט געבן. פון איין זייט זיינען געקומען קליינע באלעבאטימלעך און געוואלט זיך „אויסגלייכן" מיט דער יוניאן. האבן די פירער ניט געוואוסט וואס צו טאן. צי זאלן זיי נאכגעבן איינצלנע שעפער און זיך מיט זיי „אויסגלייכן" און די ארבעטער שיקן צוריק צו דער ארבעט אין יעדן שאפ באזונדער? צי זאלן זייווארטן ביז אלע באלעבאטים וועלן זיך אונטערגעבן. און דאן וועלן אלע ארבעטער, מיט א זיג, גיין צוריק צו דער ארבעט. אויב ניט, וואס דען הייסט א גענעראל־סטרייק?

יעדן טאג זיינען געקומען די קליינע באלעבאטים און זיך געבעטן בא דער סטרייק־קאמיטע, אז מען זאל מיט זיי „סעטלען".

די קאמיטע האט מיט די דאזיקע באלעבאטים ניט געוואלט רעדן.

עס האט זיך אנגעהויבן א שטארקע באוועגונג צווישן די סטרייקער ארפצונעמען צוריק פון ווייכענבלוים שאפ די אכט סקעבס. עס איז געווען שווער צוצוקומען צום שאפ, ווייל דארט איז סעם געווען דער פארמאן און אין שאפ זיינען געווען „שטארקע". אלע אינדערפרי ווען סעם פלעגט ברענגען די אכט ארבעטער צו דער ארבעט, זיינען זיי געווען ארומגערינגלט מיט א טשאטע פארדעכטיקע בחורים.

זיי פלעגן צוקומען צום שאפ מיט א גרויסן וואגן. איינער פון די וועגענער מיט וועלכע מען פירט געוויינלעך שווערע משא, א פארמאכטער פון אלע זייטן, נאר פון הינטן מיט א טיר אף אייזערנע ריגלען. אף דעם וואגן, געשפאנט מיט צוויי גרויסע, שווערע פערד, לעבן אנטרייבער, איז געזעסן א פאליסמאן. צוקומענדיק צום שאפ פלעגט דער פאליסמאן אראפשפרינגען. בא אים איז אף א גארטל געהאנגען א רעוואלווער אין א שיידל. באם אנ־טרייבער איז אויך געהאנגען א רעוואלווער אף א גארטל. זיי פלעגן אויפ־שליסן די הינטערשטע טיר פון גרויסן וואגן און עס פלעגט זיך א שאט טאן פון דארטן די אכט סקעבס מיט די באגלייטער זייערע, סאמע געזונטע בחורים מיט פארגרעבטע פנימער.

באם שאפ זיינען געשטאנען אין א בינטל די סטרייקער, אייזיק און זיין חבר יפה אויך צווישן זיי.

בא אייזיקן פלעגט זיך אפרייסן דאס הארץ, ווען ער האט דערזען די אכט פארפירטע ארבעטער, מיט די אראפגעלאזטע קעפ. זיי האבן אויסגעזען ווי פארמשפטע צום טויט.

— „סקעבס!" — האבן אלע סטרייקער אויסגעשריען אין א כאר. אין דער מינוט איז דער גאנצער טראטואר געווארן באדעקט מיט נייגעריקע. דער פאליסמאן האט אנגעהויבן צו צעטרייבן. עס פלעגט ווערן א געדריי פון מענטשן און דערוויל פלעגט דער פאליסמאן ארבעטן מיט זיין קלאב און ארייגוווארפן אימיצן א שטורך און אן אנדערן א קלאפ איבער דער פלייצע.

די סקעבס זיינען שוין אויבן אין שאפ. דער וואגן ווערט צוריק פאר־שלאסן און דער אנטרייבער מיטן פאליסמאן בא דער זייט פארן אוועק.

עס בלייבן איבער די סטרייקער בא דער געביידע.

וואס זאלן זיי טאן? ארויפגיין אין שאפ און אראפנעמען די סקעבס, מיינט פארגיסן בלוט. עס ברענט א פייער אין די הערצער און מען מוז שטיין דא אונטן בא דער געביידע און שווייגן.

עס זיינען געגאנגען טעג און וואכן. אייזיק איז געווען פול מיט עקשנות. ער האט ניט צוגעלאזן צו זיך קיין שום שטימונג פון פעסימיזם. ער האט געוואוסט, אז אויב די ארבעטער וועלן שטיין אין סטרייק און היטן די שעפער אזוי ווי ער טוט, וועלן די באסעס זיך מוזן אונטערגעבן. זיי וועלן מוזן אנערקענען די יוניאן און זיי וועלן מוזן אלע אן אויסנאם, צי קליינער באלעבאס צי גרויסער, אונטערשרייבן און אלע ארבעטער וועלן געווינען דאס „גרויסע געווינס".

אייזיק האט גענומען זיין באלעבאס אלס ביישפיל. ווי לאנג וועט ער

אזוי קאָנען אויסהאַלטן? צוויי מאָל אין טאָג פירן די סקעבס מיט א וואָגן און האַלטן א פּאָליסמאַן באַם אַנטרייבער? חוץ דעם האַלטן א גאַנצע כאַפּטע מיט „שטאַרקע״ אויבן אין שאַפּ. דאָס קאָסט דאָך אים אַפּ א שיינע מטבע. און ווי לאַנג וועט מר. וואַכענבלוי אזוי קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דער יוניאָן?

אין דער אייגענער צייט וואָס באַ וואַכענבלוים שאַפּ זיינען די סטרייקער געשטאַנען און געהיט און צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי אייגענע „ברידער״ ארבעטער לאָזן זיך פאַרפירן און צעברעכן די רייען פון ארבעטער־איינינקייט, האָט מען באַם שאַפּ פון „גאָלדשטיין בראָדערס״ שוין אינגאַנצן ניט געקאָנט שטיין און היטן.

זינט דעם געשלעג, שטייט דאָרטן באַם שאַפּ א סך פּאָליציי און לאָזט קיינעם פון די ארבעטער זיך אפילו ניט דורכדרייען דורך דער געביידע. די סטרייקער פון „גאָלדשטיין בראָדערס״ טאָרן זיך אפילו ניט באַווייזן אין פראָנט פון זייער שאַפּ. עס שמעקט מיט ארעסטן און קאָפּ־שפּאַלטעניש. דאָרט אין יענעם שאַפּ ארבעטן א סך סקעבס. און קיינער פון דער יוניאָן קאָן זיי ניט שטערן.

די סטרייקער פון „גאָלדשטיין בראָדערס״ זיינען אַנטמוטיקט. זיי גייען ארום מיט געלע, פאַרזאָרגטע פּנימער און פאַרזייען מוטלאָזיקייט צווישן די איבעריקע ארבעטער סטרייקער.

די סטרייק־קאָמיטע איז פאַרנומען א גאַנצן טאָג. צוויי מאָל אין טאָג רעווידירט מען די סטרייקער. עס ווערט געטאָן אזוי: יעדער סטרייקער האָט א קאַרטל מיט די זיבן טעג פון וואָך. דאָס דאָזיקע קאַרטל ווערט געלעכערט מיט אזא מין „קנייפּער״ צוויי מאָל אין טאָג. יעדער איינער פון דער קאָמיטע האָט אזא קנייפּער. און יעדער סטרייקער מוז באַקומען אַף זיין קאַרטל צוויי לעכעלעך יעדן טאָג, כדי צו באַווייזן, אז ער איז א גוטער סטרייקער און אז ער איז אין דער יוניאָן.

די דאָזיקע פּראָצעדור ציט זיך צוויי שעה אינדערפרי און צוויי שעה אין אָוונט. דערנאָך גייען די קאָמיטעטן ארום איבער די גאַסן, וואו די שעפּער זיינען. מ׳דאַרף א קוק טאָן ווי אזוי עס האַלט מיטן סטרייק; אויס־הערן א רעפּאָרט פון דער פּיקעט־ליין; אויפנעמען קלאַגעס; אויסהערן באַריכטן.

א סך קלענערע באַסעס האָבן זיך מישב געווען און גאָר איבערנאַכט אַנטלאָפן פון זייערע ערטער און איבערגעפירט זייערע שעפּער ערגעץ אין

אַנדערע ערטער. הויבט זיך אָן אַ זוכעניש. גײ זוך איבער דער שטאָט ניו יאָרק, וואו דער און דער האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן!

אײַזיק האָט שוין ניט קײן פּיס, אָבער ער גיט זיך ניט אונטער. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ עפּעס אַנדערש אַ חוץ סטרײַק אויף דער וועלט. ער איז געוואָרן נאַכלעסיק אין זײַן קלײדונג. דער גאַרניטור הענגט אויף אים ווי אַ זאַק; זײַנע הויזן זײַנען צעקנײטשט און צעדרײט; זײַן פּנים איז ניט געראַזירט. עס איז ניטאָ קײן צײַט זיך אָפּצוגעבן מיט דער אײגענער פּערזאָן.

אין דער הײם איז אײַזיק אַזױ ווי אַ פרעמדער. די מאַמע דערצײלט אים יאָ עפּעס, אָבער זי אַלײן ווײסט אויך זײער ווינציק, ווײַל דער טאַטע באַהאַלט פון איר אַ סך זאַכן.

אין אײן שײנעם אינדערפרי, ווען די מאַמע האָט פאַר אײַזיקן געגרײט איבערבײַסן, האָט זי געזאָגט:

— אײַזיק, מיר ציען זיך אַרײַן מיט מזל אין אַן אײגענער הויז.

— ווען? — קוקט זי אײַזיק אָן מיט זײַנע גרויסע אויגן.

— הײַנט פּאַקעווען מיר זיך און מאָרגן פירן מיר זיך איבער. כ׳ווײס אַפילו ניט וואו די דירה איז — זאָגט די מוטער און עס הערט זיך אומצופרידנקײט אין איר שטים. — מען פרעגט בײַ מיר ניט.

— בײַ מיר האָט מען אויך ניט געפרעגט.

— אַז דו ביסט פאַרנומען מיטן סטרײַק.

— אַזױ, וועט שוין דער טאַטע ווערן אַ לענדלאָרד?

— דײַן טאַטע ווערט רײַך, אײַזיק.

— מאָרים מוז אָנקוועלן פון נחת.

— זאָג מיר בעסער וואָס איך זאָל טאָן מיט דײַנע זאַכן — זאָגט די מאַמע. — איך ווײס, אַז דו האָסט פּאַפּירן און ביכער.

— איך וועל אַלײן פאַרפּאַקן מײַנע זאַכן, מאַמע.

— אַבי איך האָב געמײנט . . .

— איך ווײס, וואָס דו ווילסט זאָגן — כאַפּט אונטער אײַזיק און לאָזט די מוטער ניט ענדיקן. — ווען איך סטרײַק ניט איצט ציך איך זיך אינגאַנצן אַרויס פון דיר.

— וואָס אַרט דיך אויב דײַן טאַטע האָט אַן אײגענע שטוב?

— עס איז דאָ אַ סך צו רעדן, מאַמע, און איך האָב ניט קײן צײַט.

אײַזיק איז אינדערגיך אַוועק צו זײַנע סטרײַקער. ער האָט אַפילו ניט געהאַט קײן צײַט צו טראַכטן וועגן דעם ענין פון אַן „אײגענער הויז". אין

דער הײם איז מען געװען שטאַרק פֿרײלעך מיט דעם, װאָס דער טאַטע האָט זיך אַרױפֿגעאַרבעט צו קױפֿן אַן אײגענע הױז.

דער פֿעטער חיים מיט מאָריסן זײַנען אַרױסגעפֿאָרן קײן איסט ניו יאָרק אָנקוקן דאָס הױז, אײדער מען האָט עס געקױפֿט. דאָס הױז איז געשטאַנען אײנס אַלײן אױף אַ גרױסן שטיק שטח ערד, באַװאַקסן מיט טיפֿע גראָזן און װילדע קרײַטעכער. עס איז געװען אַ ציגל־הױז מיט אָפּגעװײסטע װענט צום קלײנעם הױף צו. פֿון פֿאָרנט איז געװען אַ קלײן גאַניקל פֿון שטײנער מיט אײַזערנע שטאַכעטן בײַ די טרעפּ. און די צימערן אינעװײניק, גרױס און מיט געשפּאָלירטע װענט און מיט געפֿאַרבטע הילצערנע פּאָדלאָגעס.

דער טאַטע מיט מאָריסן האָבן אָנגעקוקט די דאָזיקע נחלה און עס איז זײ שטאַרק געפֿעלן געװאָרן. זײ האָבן באַלד געקױפֿט דאָס הױז און טאַקע גלײַך באַשלאָסן, אַז אין קעלער זאָל דער פֿעטער חיים אױפֿעפֿענען זײַן שאָפּ פֿון „פֿאָר״.

— פֿאַר װאָס זאָלסטו צאָלן דירה־געלט פֿאַרן שאָפּ צו אַ פֿרעמדן ? — האָט מאָריס געזאָגט.

— גערעכט, מײַן זון — האָט חיים צוגעשטימט.

— װעסט אײַנבאַרעכענען הוצאות. די קינדער װעלן ניט דאַרפֿן פֿאָרן צו דער אַרבעט.

— אײ גוט, װי איך בין אַ איד! — איז חיים שיר ניט צעשמאָלצן געװאָרן פֿון דעם גוטן אײַנפֿאַל.

אין דער אײנענער װאָך האָט זיך די פֿאַמיליע איבערגעצױגן אין דער אײגענער הױז.

אײַזיקן האָט מען אָפּגעגעבן אַ שטיבל אױפֿן צװײטן גאָרן.

— דאָרט װעט ער קאָנען זײַן מיט גאָט — האָט דער ברודער מאָריס געמאַכט חוזק.

אין דעם צימערל איז געשטאַנען אַ בעטל, אַ טישל און אַ בענקל. פֿון פֿענצטער האָט זיך געזען אַ שטח פֿון לײדיקע פֿעלדער אַרומגענומען מיט אױסגעװוירעטע אָפּגעלאָזענע סטעזשקעס־טראָטואַרן. עס איז געװען סוף זומער. די טיפֿע גראָזן זײַנען שױן געװען האַלב־געל און בײַ דער נאַכט האָט זיך פֿון דאָרט געטראָגן דורכן פֿענצטער דאָס גרילן פֿון די גראָז־שפּרינגערס און דאָס קװאַקען פֿון זשאַבעס. עס איז געװען גוט צו שלאָפֿן. דורך די פֿענצטער האָבן אַרײַנגעשמעקט אַלערלײ געשמאַקע ריחות פֿון די פֿעלדער.

בײַ אײַזיקן האָט זיך אָנגעהױבן צו צעשפּילן די פֿאַנטאַזיע. אים האָט

זיך זייער געוואַלט אומקערן זיך צוריק צום שרייבן. ער האָט עס אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט דורך דער צייט פון גענעראַל־סטרייק.

איצט איז שוין דער סטרייק געגאַנגען וואָס אַמאָל ערגער. דער טעאַטער־בענעפיט, וואָס די ס. ל. פּ. האָט אַראַנזשירט, איז געווען אַ גרויסער פינאַנציעלער דורכפאַל.

דאָס טעאַטער איז דווקא געווען געפּאַקט, אָבער קיין געלט האָט מען ניט פאַרדינט. אַלע סטרייקער האָט מען געמוזט אַריינלאָזן אומזיסט מיט זייערע ווייבער און קינדער.

קיין פּראָפיט פון טעאַטער איז ניט געבליבן און געבן די סטרייקער עפּעס געלט אויף צום לעבן איז ניט געווען פון וואַנען.

עס האָבן זיך די סטרייקער אָנגעהויבן צו צעלויפן. די גרויסע שעפּער, וואו מען האָט געסטרייקט, זיינען געווען פול מיט סקעבס. פּאָליציי און דעטעקטיווס האָבן געהיט די דאָזיקע שעפּער. עס איז געווען אוממעגלעך פאַר די סטרייקער דאָרט צוצוטרעטן, כדי צו קאָנען רעדן מיט די סקעבס.

אין קורצן: דער גענעראַל־סטרייק איז געגאַנגען אויפן וועג צו ווערן פאַרלוירן.

פון דעם סטרייק־קאָמיטעט זיינען געבליבן נאָר אייזיק און זיין חבר יפה. אויפן פּלאַץ, וואו עס שטייט אויף אַן אייזערנעם סלופּ אַ גרויסער זייגער, אין דער מיט פון באַנד סטריט, זיינען נאָך געשטאַנען די רעשטלעך פון די סטרייקער, צווישן זיי אייזיק און יפה.

איצט האָט מען זיך „געגעסן" איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט.

— פאַרוואָס האָט מען ניט „געסעטלט" מיט יעדן שאַפּ באַזונדער?

— פאַרוואָס איז מען אינגאַנצן אַרויסגעגאַנגען סטרייקן?

— וואָס וועט מען איצטער טאָן?

— ווער וועט אונדז אַרויפנעמען צו דער אַרבעט?

און נאָך אַזוינע טענות.

אייזיק האָט געברענט מיט גרויס פאַרדרוס פאַר וואָס דער סטרייק איז פאַרלוירן.

זיין חבר יפה האָט שוין געהאַט באַ זיך אַ נייעם באַשלוס:

— איך גיי אינגאַנצן אַוועק פון שאַפּ — זאָגט יפה צו אייזיקן.

— וואָס וועסטו טאָן?

— איך גיי אַוועק אויף ערד־אַרבעט.

— קאָנסט דען אַרבעטן באַ ערד־אַרבעט?

— וועל איך זיך פריער לערנען.

— וואו ?
— אין אַן אַגריקולטור־שולע.
— און דערנאָך ?
— דערנאָך וועל איך אַוועק אין דער וועסט.
— איך בין דיך מקנא.
— קאָנסט אויך אַזוי טאָן. זעסט דאָך, אַז דאָ אין שטאָט איז ניטאָ וואָס צו טאָן. עס איז אַן „עם הדומה לחמור”... די דאָזיקע חברה, וואָס האָבן געשריען, אַז זיי ווילן סטרייקן, זיינען געווען די ערשטע צוריקצוגיין סקעבן.

אייזיקן איז געווען ביטער ווי גאַל צו הערן דאָס, וואָס זיין חבר יפה האָט געזאָגט. עס איז געווען אַ סך אמת אין זיינע ווערטער. די אַכט ארבעטער פון וואַכענבלוים שאָפּ, וועלכע האָבן זיך פאַרדונגען אַלס סקעבס מיט יערלעכע קאָנטראַקטן, זיינען געווען אַזוי שטאָל און אייזן פאַר אַ גענעראַל־סטרייק, און ווי גיך זיי האָבן זיך פאַרקויפט אַלס סקעבס!

אייזיק האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין. פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? וואָס האָט די דאָזיקע ארבעטער געבראַכט צו דעם, אַז זיי זאָלן פאַרראַטן די זאַך פון דעם ארבעטער־קלאַס?

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּיינלעכע צייט פאַר אייזיקן. אין שטוב בא זיך, צווישן זיינע ברידער, האָט ער זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן, און ווי אַן איבעריקער.

זיין ברודער הוישיקעלע האָט שוין אַפילו אויך פון אים זיך אויס־געלאַכט:

— הא, איר זייט מלמדים!... אָט, בא אונדז אין בליקער סטריט האָבן מיר געסטרייקט און געוואונען... בא אונדז איז צוגעגאַנגען פּענסי... אַ סטרייק!... אַ באַגראַב!... און אויסגעהאַקט די ציין!... און מיר האָבן געוואונען... בא אייך, מלמדים, האָט איר פאַרטאַכלעוועט אַזאַ טייערן סטרייק!...

אייזיק האָט געשמייכלט, ווען הוישיקעלע האָט גערעדט צו אים.

— וואָס האָבן מיר געקענט טאָן?

— דערציייל מיר ניט קיין באָבע־מעשיות — האַקט אים איבער הוישיקעלע.

— אַז די ארבעטער — — — וויל אייזיק אים דערקלערן דעם ענין.

— ארבעטער זיינען אומעטום די זעלבע ארבעטער — פאַרכאַפּט הוישיקעלע. — איר זייט מלמדים און ווייסט ניט ווי איין און ווי אויס!...

די איבעריקע ברידער האָבן אַף אייזיקן געקוקט ווי אַף אַן איבעריקן, ווי אַף אַן אומזיסטיקן פּרעסער.

דער פאָטער חיים האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך אַפּילו אַף אייזיקן אומצוקוקן, אָדער זיך געמאַכט, ווי ער האָט ניט קיין צייט.

אייזיק איז אַלע טאָג געפאָרן אין שטאָט. עס האָט געהייסן, אַז ער פאָרט אַ שמעק טאָן וואָס עס הערט זיך מיט די נאָכווייעניש פון דעם גענעראַל־סטרייק.

אָבער אין דער אמתן האָט מען שוין „באַם זייגער", אַפן פּלאַץ, מער ניט גערעדט וועגן דעם פאַרלוירענעם סטרייק.

איצט האָט מען דאָרט צווישן די אַרבעטער געשמועסט וועגן דעם, ווי אַזוי מען געפינט ערגעץ אַ שאַפּ צו דער אַרבעט.

עס איז אייזיקן געווען קלאָר, אַז ער איז אַף דעם שוואַרצן ליסט בא די באַלעבאַטים.

וועגן דעם, אַז ער זאָל אַרויפגיין צוריק צו וואַכענבלוי אין שאַפּ אַריין, איז גאָר קיין רייד ניט געווען. דער פאָרמאַן סעם האָט באַפוילן צו אייזיקן, אַז ער זאָל זיך ניט „דערוועגן" אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זיין שאַפּ — אויב זיין לעבן איז אים טייער.

נאָר סיי ווי וועט אייזיק אָהין ניט גיין, ווען ער זאָל אַפּילו אויסגיין פון הונגער. אייזיק האָט שוין אָבער אָנגעהויבן פּראָוון זוכן ערגעץ אַנדערש זיין מזל.

אין גאַס זיינען געבליבן זייער ווינציק באַלמעלאָכעס לײדיק־גייער. אין פאַך איז איצט געווען דער ברען פון סעזאָן.

אייזיק קומט אַרויף אין אַ גרויסן שאַפּ. ער איז בטבע ניט קיין זייער גוטער טיר־קלאַפּער און זיין אַ גרויסער „נכנע" קען ער אויך ניט, אָבער פונדעסטוועגן פילט ער זיך באַקוועם, ווען ער קומט אַריין אין אַ נייער פאַבריק.

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— איך בין אַ „ווייער פרייס מייקער" — זאָגט אייזיק — און איך זוך אַרבעט.

— וואו האָט איר פריער געאַרבעט? — פרעגט די אויפזעערן פון אַפּיס.

גיי זאָג איר, וואו ער האָט פריער געאַרבעט... וועט עס דאָך באַלד אַרויס ווי בוימל אַפן וואַסער. אהא, געאַרבעט בא וואַכענבלוי... געסטרייקט!...

אייזיק ענטפערט דער אויפזעערן:

— איך האָב געאַרבעט אין אַן אַנדער שטאָט.

— איר זייט א גוטער „ווייער פריים מייקער"? בא אונדז דארף מען קאָנען מאכן א גוט שטיקל ארבעט.

— איך בין א גוטער באַלמעלאָכע.

— אָלרייט, קומט אריין אין פעקטאָרי — זאָגט די פרוי און פירט אים אריין אינעווייניק אין שאַפּ אריין דורך א טיר.

אינעווייניק אין שאַפּ שטייען ארבעטער בא לאנגע טישן און „ווארפן" זיך איבער גיפּסענע בלאָקן.

די פרוי רופט צו דעם פאָרמאַן, אַן עלטערער מענטש, מיט פוקסענע אויגן און מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. די פוקסענע אויגן קוקן אַף אייזיקן. עס באווייזט זיך אין זיי א פארדעכטיק שמייכעלע.

— ער דערקענט מיך! — טראַכט אייזיק צו זיך אליין.

— דערווייל האָב איך ניט קיין פּלאַץ פאר אייך. קומט מאָרגן, וועל איך פאר אייך האָבן גרייט א פּלאַץ.

— אהא, דער בארימטער תירוץ -- טראַכט אייזיק.

די ארבעטער דרייען אויס זייערע קעפּ און קוקן אַן אייזיקן מיט טרויעריקע אויגן, ווי איינער וואָלט געזאָגט: „וואָס ווילסטו דאָ בא אונדז, דו שלימזל? דאָ, בא אונדז, איז איצט רואיק, מען פארדינט א שטיקל ברויט און דו ווילסט אונדז אָנמאכן נאָכאמאָל צרות"...

אייזיק קומט מאָרגן. ערשט דער פאָרמאַן באגעגנט אים און לאָזט אים וויסן, אַז עס איז ניטאָ קיין ארבעט.

דאָס בארימטע לידל!

אכצנטער קאפיטל

אייזיק האָט פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער גענעראַל־סטרייק איז שוין טאַקע אַ פאַר־לאָרענער. צוליב זיין ניט קענען אַנטשלאָפן ווערן איז ער אַלע טאָג אויפ־געשטאַנען שפּעט.

כאַטש אין שטוב באַ זיי, אין דער „איינגענער הייזקע" אין איסט ניו יאָרק, האָט זיך געטומלט פון גאַנץ פרי. דער פאָטער חיים האָט איבערגעפירט זיין „פּאָר שאָפּ" צו זיך אין דער איינגענער הויז. די פיר ברידער האָבן געאַרבעט אין קעלער. דער רויש פון די מאַשינען האָט געמאַכט ציטערן דאָס גאַנצע הויז מיט די שויבן און די פענצטער.

אייזיק האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו איילן. ער האָט איצט געפירט אַ שטילן ברוגז מיט דער גאַנצער שטוב. די מאַמע רייזי האָט אים „גע־האָדעוועט" באַזונדער. זי האָט אים איצט אַ ביסל „צוגעזען", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, ווייל דער סטרייק האָט אים אויסגעמאַרכעוועט.

אייזיק האָט אויסגעזען פאַרעלטערט אַף צען יאָר. עס איז פאַר אים געווען אַ שווער שטיקל צייט מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען.

און איצט דער נאָכעפעקט; דאָס באַוואוסטזיין פּלאָגט אייזיקן; אויך דאָס וואָס ער איז אַף דער שוואַרצער ליסט באַ די באַלעבאַטים — אַלץ אינאיינעם האָט אייזיקן טאַקע אויסגעמאַרכעוועט. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

דערפאַר האָט אים די מאַמע באַהאַנדלט ווי אַ קוואַרטיראַנט, אים צו־געטראָגן אַלץ אַף אַ ריין טעלערל.

ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט איינהאַלטן אין שטוב. אונטן אין קעלער אַרבעטן זיינע ברידער. און אויבן איז די שטוב ליידיק. די צימער־ן זיינען באַלעבאַטישע, איינגעפונדעוועטע. דורך די פענצטער רייסן זיך אַריין די גרינע פעלדער. ער קאָן אַף די פעלדער איצט ניט קוקן. אים דאַכט זיך, אַז אַלץ אַרבעט דאָ אַרום: די פליגן, די בינען, די גראָז־שפּרינגערס, די זומער־פויגעלעך, די אַלערליי פויגלען און אינסעקטן — אַלע אַרבעטן און אים קומט אויס אַרומצוגיין פּוסט־און־פּאַס. ער אַנטלויפט אין שטאָט אַריין קיין ניו יאָרק.

ער קומט אָן אין שטאָט פונקט צווישן צוועלף און איינס. דעמאָלט שיטן זיך פון די פאַבריקן די אַרבעטער צו מיטאָג. עס הערט זיך געלעכטער און פרייד פון אַלע. עס טרעפן זיך בחורים מיט מיידלעך; חברים אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אין פאַרשיידענע פאַבריקן; אויסגעשרייען, קוויטשערייען.

נאָר ער אַליין דרייט זיך אַרום אַפן פּלאַץ אין באַנד סטריט. פון צייט צו צייט שטעלט זיך אַרום אים אויס אַ רעדל מיט אַרבעטער. מען פרעגט בא אים וואָס ער מאַכט עפּעס, צי האָט ער שוין אַ דזשאַב?

— נאָך ניט!

— נאָך ניט?

— מען וויל מיך ניט אין די שעפּער — זאָגט אייזיק סאַרקאַסטיש.

אַרבעטער הערן אויס, שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ און גייען אַוועק. די שעה איז קורץ, איידער מען קוקט זיך אַרום, דאַרף מען שוין גיין צוריק אין שאַפּ.

אייזיקן דאַכט זיך, אַז ער האָט אָנגעוואָרן זיין איינפלוס און זיין פּאָפּולאַריטעט בא די אַרבעטער פון דעם פאַך.

פריער, ווען ער האָט געאַרבעט בא וואַכענבלוי און קאָמפּאַניע, אין דעם גרעסטן שאַפּ פון טרייד, און האָט פאַרדינט, איז ער געווען דער גוטער באַלמעלאָכע. דאַן האָט מען געוואוסט, אַז ער איז אייזיק, און מען האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. איצט זעט אויס ווי די אַרבעטער, וועלכע קענען אים גוט, וויכן פון אים. זיי קומען צו נאָר פון „יוצא" וועגן און גיבן בא אים אַ פרעג אַ וואָרט און גייען אַוועק פון אים.

אַ סך אַרבעטער מאַכן זיך ווי זיי דערקענען אים ניט. ער שאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ, באַגריסט און זיי ענטפערן אים ניט, זיי קערן זיך אָפּ פון אים אָן אַ זייט; זיי ווילן זיך אַפילו מיט אים ניט באַגעגענען.

די שעה פון מיטאָג גייט אַוועק. דערנאָך בלייבט אייזיק אַליין אויף דעם פּלאַץ אין באַנד סטריט. ער שטייט אַ ווייַלע באַם „זיינגער" און איז אינגאַנצן אַ פאַרלאָרענער. דערנאָך ווייסט ער ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.

וואָלט ער כאָטש געהאַט געדולד צום לייענען, אָבער דער קאָפּ דינט אים ניט. וואָלט ער געבליבן אין שטאָט, זיך אפשר באַקענען מער מיט די אידישע שרייבער. די צוויי, וואָס זיינען בא אים געווען צוגאַסט, האָבן דאָך אים איינגעלאַדן.

איז, ערשטנס, האָט ער ניט קיין געלט מיט וואָס צו בלייבן אין שטאָט. ער נעמט אַלע טאָג בא דער מאַמען אויף „קאַרפעיר". די דאָזיקע סומע, פילט אייזיק, האָט ער אַ רעכט צו נעמען בא דער מוטער. אָבער בלייבן אין שטאָט

מיינט, אז מען דארף אריינגיין אין א רעסטאָראַן עפּעס עסן — און אויף דעם האָט ער ניט קיין געלט.

צווייטנס, האָט ער עפּעס אַן אינערלעכע מורא פאַר די ליטעראַטן. ער ווייסט ניט פאַר וואָס, נאָר אים שטעלט זיך פאָר, אַז זיי וועלן אים קאַליע מאַכן. אַזוי־אָ ווי ער איז איצט: אַ שעמעוודיקער און אין זיך גריבלענדיקער מיט זיין וועלט, אָדער מיט זיינע צוויי וועלטן: דער אַרבעטער און דער שרייבער.

וואָס וועט ער קומען צו זיי, וועלכע זיינען גאָר קיין אַרבעטער ניט?

ער איז נאָך ניט קיין פולבלוטיקער שרייבער צו קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט זיי. ער ווייסט אפילו ניט ווי אַזוי מען באַדאַרף רעדן מיט זיי.

איצט וואָלט גראָד געווען די צייט, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט זיי. ער דרייט זיך אַרום ליידיק, פונקט ווי זיי דרייען זיך אַרום ליידיק.

וועט ער פּרוּוון זיך אַראָפּכאַפּן צו דעם הויכן בחור, וועלכער וואוינט אויף ראָטגערס סטריט. זיין נאָמען איז באַלאַבאַן. אייזיק שפּאַצירט אַוועק איבער דער איסט־סייד. ער קומט אין ראָטגערס סטריט. דאָרט איז דאָ אַ קליינער פּאַרק, אָן גראָז אפילו. די ביימער זיינען קליינע, טשאַכאָטעטשנע — די בלעטער האַלטן זיך קוים אויף זייערע צווייגן. די אַלייען אין פּאַרקל זיינען איבערגעפּאַקט מיט שטיוול־פּוצער, מיט סטאָליאַרעס, וועלכע שטייען מיט זעג און האַמער אונטער זייערע אָרעמס. אויף די בענק זיצן אידן פון דער איסט־סייד און שמועסן פּאָליטיק. זיי האַלטן שטעקנס אין זייערע הענט און גראָבן מיט די שטעקנס די שטיינדלדיקע ערד פון פּאַרק.

עס דערמאָנט אייזיקן אָן אַ קליין, פּראָווינציעל שטעטל, וואו די מעש־טשאַנעס זיצן אויף די פּריזבעס און רעדן פּאָליטיק.

אייזיק זעצט זיך אַנידער אויף אַ באַנק. ער הערט זיך איין צו דעם, וואָס די אידן רעדן. עסטרייכער אידן שפּאַרן זיך מיט רוסישע אידן, וועלכער קייסער עס איז שטאַרקער: צי פראַנץ יאָזעף צי ניקאָלאַי. ניט ווייט אויף אַ צווייטער באַנק זעט אייזיק אַזאַ בילד:

עס זיצט אַ פאָטער מיט זיין ווייב און מיט זייער יונגער טאָכטער. די עלטערן זיינען נאָך ניט קיין עלטערע מענטשן, אָבער די אָרעמקייט האָט זיי דערשלאָגן און זיי זיצן און רוען אין דער נאָכמיטאָג־זון. דאָס מיידל קוקט זיך אַרום און וואַרפט מיט איר אויסגעצוואָגן קעפּל ווי אַ פויגל, אַהין און אַהער. בײַ איר זיינען די צעפּלעך פון אירע שוואַרצע האָר אַראָפּגעלאָזן אויף דעם דאַר העלדזל. איר פּנים איז פאַרגעלט. דערנאָך קומט צו אַ בחורל און ברענגט מיט זיך אַ פּאַפּירענעם בייטל מיט פלוימען און ווייַנטרויבן.

ער גאָסטירט די עלטערן פון דעם מיידל מיט וויינטרויבן און פלוימען. דאָס מיידל פרייט זיך מיט אים. די מאַמע — אַ צעוואָקסענע איסט־סיידער אידענע — האָט אויך הנאה. דערנאָך גייעןביידע יונגע מענטשן אַוועק. דער בחור נעמט אונטער דעם אָרעם דאָס מיידל. דאָס מיידל קוקט צוריק־ווײַלעכץ צו די עלטערן, ווי איינער רעדט — נאָט זעט, ער פירט מיך שוין אונטערן אָרעם! זיי גייען אונטער אַ טשאַכאָטעטשנעם ביימל, שטייען דאָרט אַ ביסל און רעדן צווישן זיך. דאָס מיידל קאַטשעט זיך פון געלעכטער. דאָס בחורל רעדט צו איר און גנבעט מיט זיין האַנט באַ איר אַ גלעט איבערן אַקסל. דערנאָך קומען זיי צוריק און דער טאַטע מיט דער מאַמען הויבן זיך אויף פון באַנק און גיבן די אינגערע זייער אָרט. דאָס מיידל מיטן בחור זעצן זיך אַנידער און טאַטע־מאַמע גייען זיך אַ ביסל דורכ־שפּאַצירן. דערוויל נעמט דער בחור אַרום דאָס מיידל. זי וואָרנט אים, אַז באַלד וועלן זיי צוריק קומען... ער זאָל אויפהערן...

אייזיקן ווערט אומעטיק דאָ צו זיצן. ער איז נאָך אַליין יונג. ער הויבט זיך אויף און גייט אַוועק צו באַלאַבאַנען. אפשר וועט ער זיין אין דער היים איצט.

אים טראָגט אַ ניט־גוטער. ער האָט זיך ניט וואו אהינצוטאָן.

אַף זיין אָנקלאַפּן באַ באַלאַבאַנען אַפן טיר, הערט ער גלייך: „קומט אריין!"

— האַ, העלאָ! זע נאָר, רייזל, איך האָב אַ גאַסט! — שרייט באַלאַ־באַן אוים צו דער פרוי זיינער, אַ יונגע, בלאָנדע און שלאַנקע, און אָנגעטאָן איז זי אין אַ שלאָף־ראָק; אירע בלאָנדע האָר צעפּאַטלט איבערן בלייכן פּנים.

באַלאַבאַן שטעלט אייזיקן פאָר פאַר דער בלאָנדער ווייב זיינער.

אין צימערל איז האַלב־פינצטער. אַ פענצטער איז דאָ, אָבער עס קוקט אַרויס אַף אַ וואַנט. די וואַנט פון ברוין־שוואַרצע ציגל. עס איז דאָ אַ דיוואַן פאַרשפּרייט מיט אַ קאָלדרע און אַ טישל מיט איין בענקל.

אין צימער איז די לופט פאַרדומפּן, דער שטויב קריכט אייזיקן אין דער נאָז און עס ווילט זיך אים ניסן.

רייזל פּרוּווט מאַכן אָרדענונג אין צימערל. זי נעמט אַראָפּ זאַכן פון טישל און לייגט זיי אַפן בעטל. אייזיק קאָן זיך ניט העלפן ניט נאָכ־צופאָלגן נאָך אירע באַוועגונגען. דאָס צימערל איז אַזוי קליין. דריי מענטשן קאָנען דאָ קוים זיך פריי באַוועגן.

באַלאַבאַן וואונדערט זיך ווי אַזוי אײַזיק האָט איצט אין מיטן טאָג צײַט צו מאַכן אַ וויזיט.

— איך אַרבעט ניט — זאָגט אײַזיק.

רײזל כאַפּט אַ קוק אויף אײַזיקן. זי פאַרשטייט ניט: וואָס הייסט ער אַרבעט ניט? דאַכט זיך אַ שרײַבער — וואָס זשע הייסט, ער אַרבעט ניט?

— איר האָט, דאַכט זיך, געסטרײַקט? — פרעגט באַלאַבאַן.

— פאַרלאָרן דעם סטרײַק — פילט אײַזיק ווי זײַן פּנים ווערט רויט. אָבער ס'אַ גליק וואָס דאָ איז האַלב־טונקל און מען וועט ניט באַמערקן זײַן פאַרשעמטקייט.

— אַ דאַנקה אײַך! — זאָגט באַלאַבאַן. — וועט איר דאָך איצט קאָנען שרײַבן. איך מיין, אַז פאַר אײַך און פאַר דער ליטעראַטור וועט זײַן דער פאַרלאָרענער סטרײַק דווקא אַ גרויס געווינס.

אײַזיקן האָט געטאָן אַ ברי אין דער לעבער.

— אײַך איז גרינג צו זאָגן! ווייסט איר וואָס דאָס מיינט צו פאַרלירן אַ גענעראַל־סטרײַק? — אײַזיק האָט געקוקט צו רײזלען, אַז זי זאָל אים כאָטש פאַרשטיין. אָבער יענע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט איר טאַליע, צענומען דעם שלאָפראָק און עפּעס דאָרטן פאַריכט איר טואַלעט.

— איך ווייס, איך ווייס. כ'בין אַליין אַן עס־ערעווען. און ווי איר קוקט מיך אָן בין איך געווען אַ פּשוטער אַרבעטער — זאָגט באַלאַבאַן מיט אַ באַסאָווער שטים, כדי צוצוגעבן זײַנע רייד מער געוויכט. — מיר האָבן אויך געפירט סטאַטשקעס און איך בין געווען גרייט צו גיין אויף באַריקאַדן. אָבער נאָכדעם ווי איך בין דורך אַ צופאַל געוואָרן אַ שרײַבער האָב איך איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַנאַנדער און גיב זיך אָפּ מיט שרײַבן.

— און איך האַלט פּונקט פאַרקערט, אַז מען קאָן זײַן אַן אַרבעטער און אויך שרײַבן — זאָגט אײַזיק. — איך נעם זיך אַלס בײַשפּיל. איך שרײַב בעסער דעמאָלט ווען איך אַרבעט. איך באַלאַנסיר זיך פיזיש. מיר קומט אויס צו שטיין אַ גאַנצן טאָג בײַ מײַן אַרבעט. אין אָוונט זיץ איך און שרײַב. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס איך רו זיך אָפּ מיט מײַן שרײַבן אויך גײַסטיק.

— ווע׳לן מיר זען ווי לאַנג איר וועט עס קאָנען באַווייזן — זאָגט באַלאַבאַן. — אָבער זאָגט מיר בעסער וואָס עס הערט זיך בײַ אײַך. האָט איר עפּעס נײַעס אָנגעשריבן.

— איצט, ווען איך אַרבעט ניט, קאָן איך ניט שרײַבן — זאָגט אײַזיק פראָסט און האַרציק.

— איר ווילט אויסהאַלטן אייער טעאָריע.

— אַזוי איז עס. דאָס איז דער אמת.

— פאַר וואָס זשע שרייב איך, כאָטש איך אַרבעט גאָר ניט אין קיין שאָפּ?

אייזיק קוקט אים אָן. פאַר אים שטייט אַ געזונטער מענטש און רעדט, ווי אייזיקן דאַכט זיך, קרום.

— איך האָב ניט געזאָגט, אַז איר זייט אַזוינער פּונקט ווי איך — זאָגט אייזיק. — איך האָב קאָנסטאַטירט אַ פאַקט וועגן זיך אַליין. אויב איר פירט זיך אַנדערש, באַווייזט עס, אַז איר זייט אַן אַנדער מענטש.

— וואָס, וואָס, איך בין ניט קיין בורזשוי...

— אָבער איר רעדט ווי אַזוינער, לײַדער.

— אוי, איר זייט זיך געקומען קריגן מיט מיר?

— ניין.

— רייזל, פאַרברי אַ ביסל טיי — ווענדט זיך באַלאַבאַן צו זיין ווייב.

— איך דאַנק. אויב עס איז צוליב מיר, דאַרף מען ניט. איך וויל ניט טרינקען — בעט זיך אייזיק.

— איר וועט יאָ טרינקען. איך וועל אייך ניט אַוועקלאָזן אָן אַ גלעזל טיי — זאָגט באַלאַבאַן און קלאַפּט דערביי אייזיקן אין פּלייצע. — איך וואָלט אייך געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו געבן מיר אַ קליינע הלואה, אָבער אַזוי ווי איר אַרבעט ניט איצט, זייט איר מסתמא אַליין אויך אַן אביון.

רייזל האָט באַ די דאָזיקע ווערטער אויסגעשטאַרצט אירע אויגן אַף באַלאַבאַנען, ווי זי וואָלט אים געוואָלט איינשלינגען אָדער פאַרגיפטן. זי איז איצט געשטאַנען אין אַ ווינקל פון צימערל. דאָרטן איז געשטאַנען אַ קעראָסין־אויוועלע אַף אַ בענקל. דורך די צעלולאָיד פענצטערלעך פון קעראָסין־אויוועלע האָט געלויכטן אַ קליין פייערל און קרענקלעך באַלויכטן דאָס שטיקל צימערל.

אייזיק האָט אינסטינקטיוו געזוכט מיט זיינע הענט אין די קעשענעס. פאַרגראָבן איז דאָרטן געלעגן דאָס איינציקע ניקל מיט וועלכן ער האָט באַדאַרפט פאָרן אַהיים.

— חבר, ווען איך זאָל האָבן וואָלט איך אייך געליען — האָט אייזיק שטיל געזאָגט.

— אָלרייט! איך האָב נאָר געמאַכט אַ שפּאַס. איך ווייס אייער לאַגע.

באַלאַבאַן האָט אַף זיך גענומען דאָס רעקל און דעם הוט און איז אַרויס. ער האָט געזאָגט:

— כ'לאָז אײַך איבער מיט מײַן פֿרוי, איך װעל באַלד צוריק קומען. זעט נאָר, אַז עס זאָל מיט איר קײן שלעכטס ניט פּאַסירן.

אײַזיק איז געװען נאַאיװ און ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם װאונק, װאָס איז געלעגן פֿאַרבאָרגן אין באַלאַבאַנס װערטער.

אַזױ גיך װי באַלאַבאַן האָט פֿאַרמאַכט די טיר פֿון יענער זײַט צימער און אײַזיק איז געבליבן אַלײן מיט רײַזלען, האָט רײַזל באַלד געטאָן אַ טיפּז זיפֿץ.

אײַזיק האָט בײַ איר געװאָלט פֿרעגן װאָס זי זיפֿצט, אָבער אַזױ װי ער איז מיט איר נאָך גוט ניט געװען נאָענט, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט גענומען פֿון טיש אַ קלײנע בראָשור און איבערגעלײענט דעם טיטול: „פּרויענצימער", דערצײלונג פֿון באַלאַבאַן. אײַזיקן איז געװאָרן פֿרײלעך אױפֿן האַרצן. באַלאַבאַן האָט שױן אַרױסגעגעבן אַ בוך מיט דערצײלונגען.

ער האָט געבלעטערט דאָס בוך. אין אַלע דערצײלונגען האָט זיך אײַזיקן געװאָרפֿן אין די אױגן באַשרײַבונגען פֿון פֿרויען װאָס רעװאָלטירן קעגן זײערע מענער; פֿרויען װעלכע האָבן ליבע געליבטע אונטער זײערע מענערס פּלײצעס. אײַזיק האָט געטראַכט: װי באַלאַבאַן האָט אים גע־זאָגט, איז ער, באַלאַבאַן, אַלײן געװען אַן אַרבעטער און אַן עס־ערװועץ און אין ביכל איז גאָר נישטאָ קײן אײן װאָרט װעגן דעם. עס איז געװען אַ בוך דערצײלונגען פֿון דעם לעבן פֿון מענטשן װאָס לעבן „ערגעץ" אױף דער װעלט. װאו זײ לעבן האָט מען פֿון דעם ביכל ניט געקאָנט דערגײן.

אין דער אײנענער צײַט װאָס אײַזיק האָט דערװײַל געבלעטערט דאָס ביכל האָט זיך רײַזל דערװײַל איבערגעטאָן. עס האָט געטאָן פֿון דערװײַטנס אַזױ װי אַ בלישטש צו אײַזיקן אין די אױגן אַ װײַסע זאַך. אײַזיק איז געװען אַ בעלן אַ קוק צו טאָן װאָס דאָס איז.

אָבער רײַזל האָט געטאָן אַ קװיטש מיט אַלע אירע כוחות:

— קוקט ניט!

און אײַזיק האָט צוריקגעכאַפּט זײַנע אױגן. דאָס װאָס ער האָט באַװיזן צו זען איז געװען גענוג פֿאַר אים זיך אױפֿצוהיצן, און דאָס גאַנצע בלוט האָט בײַ אים אַ שפּאַר געטאָן אין קאָפּ.

אײַזיק האָט זיך באמת דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן געפֿונען אײנער אַלײן מיט אַ פֿרוי אין אײן צימער און נאָך דערצו בשעת זי טוט זיך איבער. ניט אַנדערש, זי שטעלט אים צום פּרוביר־שטײן.

אײַזיק האָט געפֿילט װי עס ציטערן זײַנע צײן בײַ אים אין מויל. ער האָט זיך צונויפֿגענומען און אײַנגעשרומפּן זײַנע אַלע געפֿילן און געדאַנקען

און איז געזעסן און געקוקט שטאַרק פאַרטיפט אין דעם ביכל און געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער לייענט. אָבער ער האָט ניט געקאָנט לייענען. ער האָט אויך ניט געקאָנט אויפהויבן זיינע אויגן. ער איז אַזוי געזעסן אין איין פּאָזיציע ביז די פּיס האָבן בײַ אים אָפּגענומען און איינגעשלאָפן.

— שוין, מען מעג שוין — האָט רייזל געזאָגט. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צום טישל, וואו אייזיק איז געזעסן.

אייזיק האָט אויפגעהויבן צוויי פאַרכמורעטע, ערנסטע אויגן. זי איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויען קלייד מיט אַ שורה קנעפּלעך פון האַלדז ביז אַראָפּ. די קנעפּלעך זיינען געלאָפן איבער איר פּלייצע אַזוי ווי אַ סטעזשקע אָדער אַזוי ווי סטעבליעס אין אַ לייטער.

אייזיק האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. ער האָט עס ניט געוואָלט טאָן.

די אויגן בײַ רייזלען זיינען געווען בלויע, פאַרפירערישע און אייזיק האָט זיך געראַנגלט מיט זיי.

— וואו וואוינט איר? — פרעגט רייזל בײַ אייזיקן.

— „עס הויבט זיך שוין אָן!” — טראַכט אייזיק. ער ענטפערט:

— מיר וואוינען אין איסט ניו יאָרק.

— איר זייט פאַרהייראַט?

אייזיק דערפילט דאָס גאַנצע בלוט אין זיין פּנים.

— ניין, איך וואוין מיט מיינע עלטערן.

רייזל באַמערקט אייזיקס פאַרשעמטקייט. זי גיט אַ בלישטשע מיט אירע צוויי אויגן ווי מיט צוויי בלויע שמאַראַגדן. „ער איז נאָך אַ בחור!” גיט זי אַ טראַכט און זי זאָגט:

— וואָס עפּעס אין איסט ניו יאָרק? אַזוי ווייט פון מענטשן... איך מוז דאָך זיין אייער אומעטיק... ניין?

אַזוי פיל פראַגן אויף אייזיקן מיט איין מאָל. עס וואָלט געווען גוט ווען באַלאַבאָן קומט שוין צוריק אַריין. אָבער ער נעמט זיך אין די הענט אַריין. ער ענטפערט:

— אומעטיק? ניין! איך בין פאַרנומען מיט מיין אַרבעט. און חוץ דעם רעכן איך גאָר איינגאַנצן אָוועקצופאָרן.

— אָוועקפאָרן? — ציט רייזל דאָס וואָרט, אַזוי ווי איר צונג וואָלט געווען פון גומי. — וואוהין?

פאַרפאַלן, אייזיק האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. איצט איז שוין צו שפּעט צוריק צו כאַפּן. ער אַליין האָט נאָך אַפילו ניט געוואוסט אויף ריכטיק צי ער פאָרט, צי ניט. ערגעץ בײַ אים אין דער טיף איז אפשר

געלעגן אזא אנונג צו פֿאָרן זיך לערנען אגריקולטור און דערנאָך ווערן אַ ערד־ארבעטער. אָבער קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש האָט נאָך וועגן דעם ניט געוואוסט.

איצט האָט ער זיך דאָ פֿאַר רייזלען ארויסגעכאפט מיט א וואָרט.

— איך פֿאָר אוועק זיך לערנען אגריקולטור. אָבער א׳ך וויים נאָך ניט אף זיכער.

— אגריקולטור? — וואונדערט זיך רייזל. דער טשייניק האָט דערווייל גענומען זידן און דאָס וואסער איז אריבער די ברעגן און געלאָשן דאָס פייער פון קעראָסין־אויוועלע. עס האָט גערוישט ווי א באַן וואָס קומט אָן צו דער סטאנציע. רייזל איז אוועק מיט איין שפּרונג אין יענעם ווינקל און אויסגע־דרייט דאָס קעראָסין־אויוועלע. זי האָט פון יענעם ווינקל געפרעגט בא אייזיקן:

— וואָס איז אייער צוועק דערביי?

— איך וויל ענדיקן און דערנאָך אוועק אין דער וועסט ארבעטן אף א פאַרם.

— נעמט מיך אויך... — האָט זי שעלמיש געשמייכלט.

דער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן און די טיר פון צימער האָט זיך געעפנט און באלאבאן איז אריין מיט פּעקלעך, אנגעלאָדן אף זיינע הענט. ער איז אריין מיט א מעלדונג:

— איך האָב געבראכט מיט זיך די גאנצע חברה.

עס האָבן זיך אין צימער געטאָן א שאָט אריין פיר בחורים מיט לאנגע האָר און מיט גרויסע קאַפּעליושן. די קליידער אף זיי צעדרייטע און אויס־געוואלגערטע. די שניפּסן בא זיי שווארצע, מיט גרויסע שלייפן אויס־געבונדענע, ווי ניט בא געוויינלעכע מענטשן.

— אָט דאָס איז דער גרויסער דיכטער קיזעלשטיין. און אָט איז נאָך א גרעסערער דיכטער פייטל. און דאָס איז דער הומאָריסט זולי. און דאָס איז דער ראָמאַניסט קוישיל. אלע פיר פיינע יאטן, א כאָליערע זאָל זיי טרעפן. זיצן אין קאפע דעם גאנצן טאָג און שעפּן שטימונג... באקענט זיך, אייזיק, און איך וועל דערווייל צוגרייטן עפּעס אין פּיסק אריין — האָט באלאבאן געפּלאפּלט מיט פרייד. — רייזל, די טיי האָט פארזאָטן? — האָט ער געטאָן א פיר איבער זיינע אויגן אף זיין ווייב רייזל. דערזען, אז זי איז אן איבערגעטאָנענע, האָט ער צוריק איבערגעפירט זיינע אויגן אף אייזיקן. „די בליאד האָט זיך איבערגעטאָן אין אייזיקס אנוועזנהייט!”... האָט באלאבאן געטאָן א טראכט וועגן זיין ווייב.

אָבער איצט איז ניט געווען קיין צייט צו מאכן א סקאנדאל.

באַלאַבאַן האָט אוועקגעשטעלט אַפֿן טיש עטלעכע פאַרשמירטע גלעזער און צעוויקלט די פּעקלעך און באַלד איז אַפֿן טישל געלעגן אַ ברויט מיט אַ הערינג און שווייצאַרישער קעז און אַ גרויסע ציבעלע.

אייזיק איז געווען הונגעריק און באַם אָנבליק פֿון אַט די גוטע מאכלים האָט זיך באַ אים צעשפּילט דער אַפּעטיט. אָבער ווען ער האָט געטאָן אַ קוק אַף די פאַרשמירטע גלעזער אָן שעלעכלעך האָט זיך אים די גאַל איבער־געקערט. באַ זיין מאַמען אין שטוב האָט מען דערלאַנגט ריינע גלעזער טיי מיט שאָלן.

די פיר חברה האָבן זיך שווער אַנידערגעזעצט אַפֿן דיוואַנטשיקל, אַזוי אַז דער דיוואַן איז אַראָפּגעזונקען זייער נידעריק צום דיל.

איינער פֿון די פיר איז געווען דער קליינער בחור מיט די קרענקלעכע אויגן, וועלכער איז שוין געווען ניט לאַנג צוריק באַ אייזיקן אין צימער. דער דאָזיקער בחור האָט זיך געפֿילט מער אויפגעבונדן און עס געלאָזט הערן אין זיין רעדן. די איבעריקע האָבן געשוויגן.

— עס פֿעלט אונדז דאָ אין אַמעריקע דאָס אָריגינעל אידיש וואָרט — האָט פּייטל אָנגעהויבן, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ רייפטל קאָרן־ברויט און גריזשענדיק דעם וויידל פֿון דעם הערינג. — ווידער שרייבט מען דאָ לידער וועגן שאָפּ און וועגן דער רויטער פאָן... עדלשטאַט און באָוושאָווער זיינען ניט קיין דיכטער... עס איז פּראָקלאַמאַציע... עס איז דאָ עפּעס וואָס איז העכער פֿון שאָפּ... דאָס פּערזענלעכע פֿון דעם מענטשן רייסט זיך צום אויסדרוק! אַ מענטש קאָן זיך ניט ברענגען צום אויסדרוק דורך דעם, וואָס ער גייט אַף אַ דעמאָנסטראַציע..

— וואָס רעדסטו אַזוי פֿיל — שלאָגט אים איבער באַלאַבאַן. — שרייב בעסער אָן און באַסטאַ. דאָ זיצט מיט אונדז איינער, וואָס איז אַן אַרבעטער אין אַ שאָפּ. לאָמיר הערן וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט צו זאָגן.

— וועגן דער דיכטונג פֿון באָוושאָווער און עדלשטאַט קאָן איך נאָר זאָגן, אַז דאָס איז אַזוי עכט און אמת ווי דער טאָג, דער ווינט און דער רעגן. איר קאָנט ניט קומען צום טאָג און אים הייסן לייכטן נאָר פֿאַר איינצלנע און איר קאָנט דעם טאָג ניט זאָגן, ווי אַזוי ער זאָל לויכטן — האָט זיך אייזיק אָנגעכאַפּט אין זיין פאַרגלייך פֿון דעם ליכט פֿון טאָג צו דער פּאָעזיע פֿון עדלשטאַט און באָוושאָווער. — דער טאָג לויכט פֿאַר אַלעמען גלייך. נאָר עס איז דאָ אַן אונטערדריקטער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געצוואונגען צו שקלאַפֿן אין די פֿאַבריקן, אין די מינעס און זיי קאָנען דערווייל ניט זען דאָס ליכט פֿון טאָג.

— ער פּראָפּאַגאַנדירט שוין! — כאַפּט אים איבערשלאָגן פּייטל. — וואָס זיינען מיר דען, אויב נישט קיין פּראָלעטאַריער? עס רעדט זיך דאָ וועגן דער אידישער איסט־סייד. דאָ אַף דער איסט־סייד האָט זיך געשאַפן אַ פּרעסע, וואָס דערלאָזט נישט קיין אָריגינעל וואָרט. אָט וויל איך שרייבן וועגן מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען — קאָן איך אין דער פּרעסע נישט דרוקן מיינע לידער. מיך עקלט דאָס באַראַבאַנעווען ווי אַף אַ פּויק מיט פּערזן. איך וויל שרייבן שטילע, לירישע לידער. איר פאַרשטייט? איך בין אַ מענטש, וועלכער האָט ליב צו זיין מיט זיך אַליין.

— גיי אין דר'ערד! — רופט זיך אָפּ באַלאַבאַן. — מיט זיך אַליין וויל ער זיין... און דאָס לעבן אַרום און אַרום איז גאָרנישט ווערט? וואָס ביזטו אַזאַ גרויסער מענטש, גרעסער פונעם לעבן?...

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט — פאַרענטפערט זיך פּייטל.

רייזל האָט דערווייל צוגעבראַכט צום טיש דעם טשייניק מיט טיי און אָנגעגאָסן די אויסגעשמירטע גלעזער מיט אַ געל־בלאַסער פליסיקייט, וואָס האָט זיך גערופן קרענקלעך־גרינעם קאָליר.

דאָס טוענדיק האָט זי דערווייל צוגעדריקט אירע קנעכלדיקע קני צו אייזיקס פיס.

אייזיק איז געזעסן אַריינגעקרעמפּעוועט צווישן די פיסלעך פון בענקל און די פיסלעך פון טישל. אים איז געווען אוממעגלעך אַוועקצונעמען די פיס זיינע פון רייזלס קני. אָבער רייזל האָט געפילט ווי ער פּרוּווט זיך אַוועקרוקן און זי האָט צו אים געזאָגט:

— האָט נישט קיין מורא, איך וועל אייך נישט אָפּבריען... מיט דער טיי.

אייזיק האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער טרינקען די טיי צי נישט. אָבער אַזוי ווי דער הערינג מיט דער ציבעלע האָבן אים געמאַכט דורשטיק האָט ער באַשלאָסן צו טרינקען, כאָטש די טיי האָט אים געשמעקט ווי טשאָלנט.

אים האָט שוין באַנג געטאָן וואָס ער איז אַהער געקומען. די באַנעמונג פון דער גאַנצער חברה איז אַפילו געווען אַ חברשע און זיי זיינען אַלע געווען אָרעמעלייט, פונדעסטוועגן איז אים נישט געפעלן זייער שטעלונג בנוגע ליטעראַטור און דעם אַרבעטער־קלאַס.

אָבער וואָס האָט ער אַליין דען אויפגעטאָן פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס?

ער אַליין האָט דאָך נאָך אַפילו נישט אָנגעשריבן קיין איין זאַך פון אַרבעטער־לעבן.

— הערט, חברה, ווי וואָלט געווען, אז מיר זאָלן ארויסגעבן א זשור־נאַל?... — האָט זיך פּלוצים אָנגערופן באַלאַבאַן.

— און איִם מאַכן פאַרן רעדאַקטאָר — וואַרפט צו פּייטל און גיט א זשמורע מיט זיינע קרענקלעכע אויגן.

— הויבסט שוין אָן מיט דיינע קליינלעכע אינסינואַציעס... — ענט־פערט באַלאַבאַן. — איך רעד גאַנץ ערנסט. מיר דאַרפן א זשורנאַל, וואו מיר זאָלן קאָנען קומען צום אויסדרוק.

— און וואו וועלן מיר נעמען מאַטעריאַל? — האָט זיך אריינגעמישט קוישיל דער ראָמאַניסט.

— א ראָמאַניסט, און עם פעלט אים מאַטעריאַל! — זאָגט זולי דער הומאָריסט. — כאַ־כאַ, עס איז ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן.

— מיט דיינע פעליעטאָנען וועט מען קיין זשורנאַל ניט אויספילן... — שטעכט אים צוריק קוישיל.

— מיינע פעליעטאָנען שטייען אַף אזא הויכער מדרגה ווי דיינע ראָ־מאַנען, וועלכע דו האָלסט ערשט אין אָנשרייבן — ענטפערט צוריק זולי.

— האָ, ניט געקריגט זיך בא מיר אין צימער! — מישט זיך אריין באַלאַבאַן.

— אזא חוצפה! — הערט קוישיל ניט באַלאַבאַנס וואָרענונג. — זיך צו שטופן מיט זיינע פעליעטאָנטשיקלעך צווישן ריינער קונסט.

— ריינע גראַפאָמאַניע...

— און דו נעמסט דיינע פעליעטאָנען בא וועמען דו קאָנסט נאָר... מען ווייסט, מען ווייסט... — שפרינגט אויף קוישיל פון דיוואַן א צעהיצטער.

— חברים, ער מאַכט אַף מיר א באַשולדיקונג... איך רוף אים צו אַן ערן־געריכט!... — שפרינגט זולי אויך אויף פון דיוואַן.

— שאַ, שאַ! — לויפט צווישן זיי אריין באַלאַבאַן און צעטיילט זיי, אז עס זאָל נישט קומען צווישן זיי צו קיין געשלעג.

אייזיק האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און געזאָגט:

— נו, עס איז שוין צייט פאַר מיר צו גיין אהיים.

ער האָט באמת שוין געוואָלט אוועק פון דאַנען. אים האָט די גאַנצע חברה געעקלט. נאָכאַלעמען זיינען דאָ געווען בחורים אָנפאַנגער און זיי רעדן וועגן זיך אזוי ווי זיי וואָלטן באמת געווען גרויסע שרייבער.

אָבער באַלאַבאַן האָט אַף אייזיקן ארויפגעלייגט א האַנט און געזאָגט:

— איילט זיך ניט. מירן פריער אריינגיין אין אונדזער קאַפּע און איר וועט זען און זיך אָננעמען מיט איינדרוקן. א שרייבער באַדאַרף אַלץ זען.

חברה האָט דערהערט, אַז מען גײט אין קאַפּע, זײַנען זײ גאָר געװאָרן אַנדערע מענטשן. נאָר אײן רײזל האָט זיך געקרימט:

— לאָזט מען מיך איבער אײנע אַלײן...

— קאָנסט מיט אונדז מיטגײן, אויב דו װילסט — זאָגט באַלאַבאַן און עס פילט זיך, אַז ער װיל בעסער אַז זי זאָל בלײַבן אין דער הײם.

זי האָט, װײַזט אויס, ניט געװאָלט בלײַבן אַלײן. איז זי אויך געגאַנגען מיט דער־ חברה.

אין דרויסן איז נאָך דער טאָג ניט פאַרגאַנגען. עס גײען אַ חברה׳ מיט שטעקנס, מיט לאַנגע האָר און ברײטע קאַפּעליושן. די גאַס איז אַ װאָכעדיקע. פרויען שלעפּן קינדער־װעגעלעך איבער די טראָטואַרן. די גאַסן זײַנען געפּאַקט מיט פורן אָנגעלאָדענע מיט משא. אין די קראָמען האַנדלען אידן מיט אידענעס. עס שמעקט מיט הערינג און מאַראַנצן. איסט בראָדװײ איז פאַרװאָרפן מיט קראָמען, מיט אידישקײט. אידישע שילדן שרײַען אויס זײערע סחורות. דאָ אין דעם געװימל זײַנען אויך דאָ שילדן פון די אידישע צײַטונגען. יאַרמולקעס און טלית־קטנס זײַנען צעשפּרײט איבער דער לענג פון דער גאַס.

און אין מיטן דערינען אַ חברה מיט שטעקנס און מיט לאַנגע האָר. באַלאַבאַן גײט אַפריער אַזוי װי דער בוהאַי גײט פריער פון זײַן טשערעדע. און הערט הינטן גײט אײזיק. אים האַלט אונטערן אָרעם רײזל. זי הענגט זיך אָן אָף אים מיט איר לײַבטקײט.

— װען זשע פאָרט איר אַװעק? — װיל זי װיסן.

די חברה׳ איז אַרײַן אין דער קאַפּע, מיט עטלעכע טרעפּ אין דער נידער.

נײנצנטער קאַפּיטל

די שרײַבער־קאַפּע איז האַלב־טונקל און שמאָל. עס שמעקט מיט געפּרעגלטע פֿיש און דיזינפֿעקציע, װי אין אַלע ניו־יאָרקער קאַפּעס. אײַזיקן װערט ניט־גוט פֿון דעם ריח. ער גיט זיך אַ דערמאָן, אַז ער האָט נאָר אײן „ניקל" אין קעשענע. אים װערט קלאָר, אַז אויב ער װעט אויסגעבן דעם „ניקל" װעט ער דאַרפֿן גײן צופֿוס אַהײם.

באַלאַבאַן זיצט שוין באַם טישל; די איבעריקע חברה זעצן זיך אויך אויס; רײזל װאַרט ביז אײַזיק װעט זיך זעצן. אײַזיקן איז ניט באַקװעם אי פֿון דעם װאָס ער האָט נאָר אײן „ניקל" אין קעשענע און אויך פֿון דעם װאָס ער זעט, אַז באַלאַבאַן װאַרפֿט אויף אים גזלנישע אויגן דערפֿאַר, װאָס רײזל „קלעפּט" זיך אַזױ צו אים.

אײַזיק איז פֿון דער דאָזיקער סיטואַציע אַ ביסל צעמישט; ער װײסט ניט װי אַזױ זיך אַרױסצודרײען פֿון דער דאָזיקער סיטואַציע; ער קוקט זיך אַרום, אַ פֿאַרלאָרענער, אין אַלע זײַטן. די טישלעך זײַנען באַזעצט מיט מענטשן, װעלכע זיצן אײַנגעבױגענע אַריבער די טישלעך און סודען זיך. אײַזיק זעט װי מען טײַטלט אויף אים און זײַן חברה מיט די פֿינגער. דערנאָך סודעט מען זיך װידער און מען לאַכט אויף אַ קול.

— איר זעצט זיך, צי ניט? — פֿרעגט רײזל בײַ אײַזיקן אומגעדולדיק.

— איך טראַכט פֿון אַהײם פֿאָרן — זאָגט אײַזיק מיט ניט קײן זיכערער שטים.

— װאָס האָט איר קײן צײַט ניט... און אין דער הײם קײן װײַב מיט קינדער אויך ניט... צי אפֿשר איז אײַך אָנגעקומען דאָס „בינדל" — רעדט רײזל צו אײַזיקן בשעת דער לעצטער האָט זיך שוין ענדלעך אַװעקגעזעצט.

— איר זײַט אַ בעסאַראַבער? — פֿרעגט אײַזיק שטיל בײַ רײזלען.

— פֿון װאַנען האָט איר געטראָפֿן? — װאונדערט זיך רײזל.

— בײַ אונדז זאָגט מען „דאָס בינדל", װען מען װיל אויף אַ מענטשן זאָגן, אַז עס איז אים אָנגעקומען אַ משוגעת. איר מײנט דאָך ניט, אַז איך בין אַ משוגענער?

— איך האָב געמײנט, אַז אײַך איז אָנגעקומען דער חשק צו שרײַבן — שמײכלט רײזל.

עס איז צוגעקומען דער „װײַטער" אין קויטיקן פּאַרטעך אױף זיך. עס האָט פֿון אים געאָװערט מיט שװײס און געפּרעגלטע ציבעלעס.

— װאָס װאָלן די הערשאַפֿטן האָבן? — האָט דער װײַטער מיט הכנעה געפֿרעגט.

— אַ װײַטער אין אַ קאַפּע פֿון אידישע שרײַבער װאָלט געמעגט רעדן אידיש — זאָגט באַלאַבאַן.

— װאָס װאָלן זי? — פֿרעגט איבער דער „װײַטער".

— אַ בעסערן אידיש... — זאָגט באַלאַבאַן.

— הײַנט האָבן װיר „בײַקד" פֿיש... — ענטפֿערט דער „װײַטער", ניט פֿאַרשטײענדיק װאָס דער הער באַלאַבאַן מײנט.

— זיבן גלעזער טײ — רופֿט אױס באַלאַבאַן.

— מיט צובײסן? — בױגט דער „װײַטער" אױס זײַן קאָפּ, מיט פּראָ־פֿעסיאָנעלער גראַציע.

— אָן צובײסן — פֿאַרכאַפּט אײזיק, װײַל אים שרעקט דער געדאַנק פֿון דעם אײנציקן „ניקל" אין זײַן קעשענע.

— איר קאָנט ברענגען אַ ביסל פֿון יענע קיכעלעך. איר װײסט װעלכע...

— שרײַט באַלאַבאַן אַריבער אײזיקן.

— „איך גײ שױן סײ־װי צופֿוס אַהײם..." — טראַכט אײזיק. ער װענדט זיך צו רײזלען, װעלכע זיצט לעבן אים און גיט אים אַלעמאָל אַ שטורכע מיט איר װײכן עלנבױגן, צי אומגערן, צי אומיסטן:

— הײסט עס, אַז איר זײַט אַ בעסאַראַבער?

— יאָ — שמײכלט רײזל. — איר קענט רעדן רומעניש?

— נײן — ענטפֿערט אײזיק. — און איר קענט?

— אױך ניט — ענטפֿערט רײזל.

— באַלאַבאַן, אײזיק רעדט פֿון אײך אָפּ רײזלען — זאָגט זולי, דער הומאָריסט.

— קײנער קען זי בײַ מיר ניט צונעמען — בלאָזט זיך באַלאַבאַן אָן װי אַן אינדיק.

אײזיק מיט רײזלען האָבן איבערגעהאַקט דאָס געשפּרעך צװישן זיך. און כאָטש זײ האָבן גערעדט װעגן אומשולדיקע זאַכן, האָבן זײ פֿונדעסטװעגן בײדע געפֿילט, אַז עס ליגט עפּעס טיפֿערס, פֿאַרבאָרגענעס הינטער די פּשוטע װערטער.

אײזיק האָט זיך געפֿילט אַ ביסל אַ פֿאַרפֿלאָמטער פֿון באַלאַבאַנס װער־טער, אַז קײנער קען רײזלען ניט צונעמען בײַ אים.

רייזל האָט געשוויגן. אירע גרינע אויגן האָבן געברענט מיט דעם פֿייער פֿון שוועבל. זי האָט דורך ליכטע באַרירונגען פֿון איר עלנבויגן געמאָסטן די הויכע טעמפּעראַטור פֿון אייזיקס פֿיבערדיקן קערפּער. באַ אייזיקן האָבן די הענט געשוויצט. ער האָט זיך געריבן די הענט און זיי געטריקנט, און געפֿילט, ווי די גאַנצע קאָפּ קוקט אַף אים. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן פֿאַרוואָס ער איז אינגאַנצן געגאַנגען אהער. ער האָט אָנגעהויבן צו קעמפֿן מיט זיך און זיך גובר געווען. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אַף זיין ניט־באַקוועמען בענקל און אָנגענומען אַ פּאָזע פֿון אַ באַאָבאַכטער.

דער ווייטער האָט געבראַכט טיי מיט קיכעלעך און צעשניטענע האַלבע רייפֿטלעך לימענע.

צום טישל, וואו די חבֿרה איז געזעסן, איז צוגעקומען אַ קליין דאַר מענטשל, מיט אַ שפּיציק בערדל. זיינע אויגן, ווי באַ אַ שטשור, שוואַרצע שפּילקעס.

— דאָ זיצן די יונגע... — האָט דאָס מענטשל געזאָגט מיט איראָניע. — און ווער איז אָט־דער? — האָט ער אָנגעוויזן אַף אייזיקן.

— דאָס איז אַ נייער טאַלאַנט — האָט באַלאַבאַן געענטפֿערט מיט אַ באַסאָווער זיכערקייט.

— אַ נייער גראַפֿאָמאַן... — האָט דאָס מענטשל פֿאַרוואָרפֿן זיין קליין קעפּל מיטן שפּיציקן בערדל אין דער הויך.

אייזיק האָט דערפֿילט, ווי זיין פּנים איז געוואָרן רויט.

— יונגערמאַן — ווענדט זיך דאָס דאַר מענטשל צו אייזיקן דירעקט — אַן עבֿירה אייער ענערגיע... טוט בעסער אַ נוצלעכע אַרבעט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט...

— ווער פֿרעגט באַ אייך? — מישט זיך אַריין קושיל, דער ראָמאַניסט.

— האַ, איר מיט מיר האָט דאָך אַלטע קריוודעס... איך וויל ניט דרוקן אייערע מאַכערייקעס...

— איך וועל געבן אין די ציין!... — הויבט זיך אויף באַלאַבאַן פֿון זיין אָרט.

— נו, וואָס שייך אייך — איר זייט דאָך שוין אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא... אייער ביכל וויל דאָך קיינער אין האַנט ניט נעמען. — זאָגט דאָס מענטשעלע.

אייזיקן הויבט שוין אָן וואונדערן וואָס דאָ איז. עס שטייט אַן אומ־סימפּאַטישער אידל און מען סטראַשעט אים מיט געבן אין די ציין, און ער האָט גאָר קיין שום מורא ניט דערפֿאַר... אייזיק פֿאַרשטייט ניט וואָס פֿאַר

אַ מענטשן זײַנען אַט־די שרײַבער... ער װײסט פֿון אַרבעטער אין די שעפּער, אַז מען זאָגט געבן אין די צײַן, גיט מען טאַקע. און דאָרט אין שאַפּ װאָלט מען אַזאַ נפֿש ניט געלאָזט אַזױ רעדן.

אײַזיק האָט זיך אױפֿגעהױבן און געטאָן מיט אײן האַנט אַ שטופּ דאָס דאַזיקע אידל:

— גײט צו אַל־די שװאַרצע יאָר!...

דאָס אידל האָט זיך געטאָן אַ קוליע און צוגעפֿאַלן צו די טישלעך, װאָס אין דער אַנדערער רײ.

— בראַװאָ! — פּאַטשן די חברה מיט די הענט.

— װײסט איר, אײַזיק, מיט װעמען איר הױבט זיך אָן? — פֿרעגט פּײַטל.

— ער קען אים ניט! — זאָגט קיזלשטײן. — אַניט װאָלט ער דאָס ניט געטאָן. דאָס איז דאָך אַ רעדאַקטאָר און אַ קריטיקער.

אײַזיק האָט אַרױסגענומען זײַן „ניקל" פֿון קעשענע און אַװעקגעלײגט אַפֿן טיש, נעבן דעם לײדיקן גלאָז.

— איך װעל אײך שװערן, אַז איך װעל מיט אים קײנמאָל ניט האָבן צו טאָן! — האָט אײַזיק געזאָגט, און זיך אָנגעהױבן געזעגענען מיט רײזלען, דריקנדיק איר האַנט. איצט האָט אין אײַזיק געברענט אַ כּעס און ער האָט אױף רײזלען כּמעט װי ניט געקוקט, כאָטש זי האָט אים געקװעטשט זײַן האַנט און אים געגעבן סיגנאַלן.

אין קאַפֿע בײַ די אַנדערע טישלעך איז געװאָרן לעבעדיק. עס האָבן זיך געהערט פּראָטעסטן פֿאַרװאָס מען לאָזט דעם אינצידענט אַריבער אָן גאָרניט. אָבער דאָס קלײנע אידל איז אַרומגעגאַנגען פֿון אײן טיש צום אַנדערן און באַרואיקט די אױפֿגערעגטע:

— איך װעל אים שױן פֿאַרניכטן!

אײַזיק האָט זיך געזעגנט מיט דער גאַנצער חברה. ער איז װאױלעריש אַרױס פֿון קאַפֿע. אינעװײניק בײַ אים האָט געציטערט דאָס האַרץ: װי אַזױ װעט ער איצט גײן צופֿוס אַהײם?

אין דרױסן האָט זיך שױן געזעצט די זון. אַרבעטער זײַנען אין גרױסע שטראָמען געגאַנגען אַהײם פֿון דער אַרבעט. עס איז געװען דאָס שענסטע בילד פֿון ניו־יאָרק. טריט האָבן געקלאַפּט אַזױ װי אין אַ טאַנץ. אײַזיק איז איצט געװען בלינד. ער האָט גאָרניט געזען. פֿאַר אים איז נאָר געװען אײן פּראָבלעם: װי אַזױ קומט מען אַהײם צופֿוס?

ער איז שױן אױף דער דילענסי סטריט בריק. דער הימל אַ פֿאַרבלײכטער

פון אויבן, און אונטן דער רואיקער, שפיגלדיקער איסט־ריווער. שיפן צע־שניידן דאָס וואַסער אַף פאַסן. דאָס גרינע וואַסער שלאָגט מיט דעם גאָלדענעם אָפּשיין פון זון־פאַרגיין. באַנען פאָרן איבער דער בריק. דאָס ריזיקע געפלעכטעריי פון שטאָלענע דראָטן און זיילן און פאַרענטשעס ציטערט מיט וויבראַציע.

אייזיק שפאַנט מיטן וועג, וואָס איז אָפּגעטיילט פאַר מענטשן. ער זעט ניט קיין שום זאַך. ער איז אַ טיף־באַליידיקטער. איס האָט מען גערופן גראַפאָמאַן; ער, וועלכער האָט אַזאַ שיינע באַציאונג צום שרייבן; ער, וועלכער האָט נאָך אַפילו קיין איין שורה ניט גענומען בא עמעצן; ער, וועלכער שרייבט וועגן זיך אַליין, דעקט זיך אויף פאַר דער וועלט, אַז מען זאָל אים משפּטן און פאַרגעבן.

אייזיק איז אַהיים געקומען שפּעט אין אָוונט. ער איז אַרויף צו זיך אין צימער און אָנגעצונדן דעם קעראָסין־לאָמפּ. די פינגער זיינע האָבן גע־פיבערט. אַרום דעם אַבאַזשור פון לאָמפּ זיינען געפלויגן ווייסע זומער־פויגעלעך און אָנגעמאַכט אַ טומל, קלאַפּנדיק מיט זייערע קערפּערלעך אָן דעם ווייסן אַבאַזשור.

אָבער אייזיק האָט געשריבן און האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמ־קייט די אינזעקטן.

די דערציילונג איז געלאָפן וועגן אַן אַרבעטער, וועלכער ברענגט אַהיים נאַכט־אַרבעט — אַן אַרבעטער־היים אַף דער איסט־סייד. אין שטוב איז האַלב־פינצטער. דער אַרבעטער מיט זיין פאַמיליע עסן וועטשערע. דער אַרבעטער איז מיד, אָבער ער מוז היינט באַנאַכט אויפאַרבעטן די אַהיימ־געבראַכטע אַרבעט. דאָס ווייב מיט די קינדערלעך העלפן אים.

בלייבט אייזיק שטיין. וואָס וועט ער ווייטער דערציילן? און וואָס וועט זיין דער סוף?

דער אַרבעטער אַרבעט. דאָס ווייב העלפט אים, די קינדער אויך.

אמת, עס איז אַ טרויעריק בילד. אָבער וואָס פּאַסירט ווייטער?

אייזיק לייענט איבער דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. עס געפעלט אים ניט און ער צערייסט דאָס פּאַפּיר מיטן אָנגעשריבענעם. עס איז ניט קיין מאַטעריאַל פאַר אַ דערציילונג. כדי צו דערציילן עפּעס, מוז עפּעס געשען. עס מוז עפּעס פאָרקומען, טראַכט אייזיק.

אייזיק הערט, ווי עמעצער לויפט מיט די טרעפּ אַרויף צו אים.

ער הויבט זיך אויף פון טישל און עפנט די טיר.

די מאַמע רייזי.

— װעסט אַראָפּגײן עסן?

— עס איז דאָ װאָס? — ענטפֿערט צוריק אײזיק מיט אַ שאלה.

— עס זאָל אַזױ ניט זײַן בײַ אַלע אונדזערע ליבע — זאָגט די מאַמע, טאַנצנדיק אַראָפּ צוריק מיט די טרעפּ. עס איז געלעגן אַ גרינער טעפּיך מיט בלימעלעך איבער די טרעפּ. אין קאָרידאָר האָט געשמעקט מיט קאַלך און נאָך ניט אױסגעטריקנטער פֿאַרב.

שױן זיצנדיק באַם טיש, האָט די מאַמע געזאָגט צו אײזיקן:

— ביז װי לאַנג װעסטו זײַן ברוגז מיט דער שטוב?

— ביז איך װעל אַװעקפֿאָרן.

— פֿאָרסט אַװעק?

— יאָ, מאַמע, איך פֿאָר אַװעק. דאָ איז פֿאַר מיר נישטאָ קײן אָרט.

— װאוהין פֿאָרסטו?

— איך פֿאָר זיך לערנען אױף אַגראָנאָם — זאָגט אײזיק, מאַכנדיק באַלד אָפּן אָרט זײַן באַשלוס טאַקע אַװעקצופֿאָרן.

די מאַמע האָט געװאוסט װאָס עס הײסט אַן אַגראָנאָם. אין בעסאַראַביע האָט עס געמײנט אַ פֿאַרװאַלטער פֿון אַ גרױסער אימעניע.

די מאַמע האָט דערצײלט מיט שמחה אַלע ברידער, אַז אײזיק פֿאָרט אַװעק זיך לערנען אױף אַן אַגראָנאָם. זי האָט געװאָלט, אַז חײם זאָל הערן, כאָטש זי האָט צו אים ניט גערעדט דירעקט. ער דערצײלט איר ניט — דער־צײלט זי אים ניט!

— דער בחור דײַנער איז אַראָפּ פֿון זינען! — האָט חײם געזאָגט מיט אַ פֿול מױל מיט עסנװאַרג און זיך שיִר ניט װאָרגנדיק.

— טאַקע שױן אַ נײַע משוגעת! — האַלט מאָריס מיטן פֿאָטער. — אָדער ס'סטרײַקט, אָדער ס'פֿאַנטאַזירט... — מאָריס האָט מיטן בוכשטאַב „ס" געװאָלט װײַזן װי קלײן אין זײַנע אױגן אײזיק איז.

מאָטיען האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן פֿאַר װאָס מאָריס רעדט אַזױ מיט ביטול װעגן אײזיקן. ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— פֿונדעסטװעגן זע איך ניט, װאָס דו האָסט אױפֿגעטאָן אין אַמעריקע...

מאָריס האָט אים גאָרניט געענטפֿערט. ער האָט אים נאָר אָנגעקוקט מיט צװײ קרומע אױגן.

מאָטיע האָט שױן איצט זיך גערופֿן מעקס. און באַם פֿאָטער חײם איז מעקס געװען גאָר אַ גרױסער יחסן, װײַל זײַן אַרבעט בײַ חײמען אין שאַפּ איז געװען פֿון דער פֿײַנסטער מלאכה. די קונים האָבן זיך געריסן איבער

די „בענדס”, װעלכע מעקס האָט געניט. חיים האָט אים דערפֿאַר גערופֿן מעקסל.

און מעקס האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו שטעלן זיך קעגן מאָריסן און האַלטן מיט אײַזיקן.

מעקס האָט מיט גרױס ליבשאַפֿט געלײענט אײַזיקס דערצײלונגען. ער איז געבױרן געװאָרן מיט אַ טאַלאַנט צו זײַן אַ גוטער לײענער.

מעקס האָט עס אַזױ געזאָגט אײַזיקן: „דו ביזט געבױרן געװאָרן צו זײַן אַ שרײַבער און איך בין געבױרן געװאָרן צו זײַן אַ לעזער.”

אײַזיק האָט דערפֿילט אין מעקסן דעם אמתן, נאָענטן ברודער. נאָר זײ בײדע האָבן זיך פֿאַרשטאַנען דאָ אין הױז.

אײַזיק האָט מעקסן דערצײלט זײַנע ליטעראַרישע פּלענער. מעקס פֿלעגט אָנשטעלן מױל און אױערן און שלינגען יעדעס װאָרט. עס איז געװען דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן צו הערן אַ שרײַבער רעדן. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט מעקס פֿאַרגעסן, אַז אײַזיק איז זײַן אײגענער ברודער.

מעקס האָט נאָך געװאָלט דערגײן צו דער מדרגה, װען זײַן ברודער אײַזיק װעט אים לײענען אַ זאַך פֿון דעם מאַנוסקריפּט.

— װען װעסטו מיר עפּעס איבערלעזן פֿון געשריבענעם?

— אַזױ גיך װי איך װעל עפּעס אָנשרײַבן — זאָגט אײַזיק צו מעקסן.

— געדענק־זשע!

— אַז איך זאָג צו, װעל איך אַזױ טאָן.

— שרײַב עפּעס אָן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס — בעט זיך מעקס בײַ אײַזיקן. — עס איז דאָ אַזױ פֿיל טיפּן בײַ אונדז אין בליקער סטריט. פּשוט זײ בעטן זיך: שרײַב אונדז אױף!

— איך בין ניט קײן באַשרײַבער — זאָגט אײַזיק.

— איך פֿאַרשטײ ניט װאָס דו מײנסט.

— איך מײן, אַז איך קאָן ניט אַרױסקומען אין בליקער סטריט צו טאָן אַ קוק אױף די טיפּן און דערנאָך זיך אַװעקזעצן און זײ באַשרײַבן.

— װאָסי דאָ די מלאכה? שרײַבן קאָנסטו? קום אַרױס אין בליקער סטריט און באַטראַכט זײ. הער זיך צו װי אַזױ זײ רעדן און קוק זיך צו װי זײ זעען־אױס. יעדער אײנער פֿון זײ האָט זיך זײַן הולך. און אױ, װי זײ זײַנען אינטערעסאַנט!

— אָבער איך קאָן עס ניט! — בעט זיך בײַ אים אײַזיק. — אַזאַ סאָרט שרײַבן אינטערעסירט מיך ניט. איך קאָן דערצײלן אַ מעשה. בעסער געזאָגט, איך האָב ליב צו דערצײלן אַ מעשה.

— װעגן װאָס־זשע דערציילסטו אין דער נײַער מעשה, װאָס דו שרײַבסט איצט? — פרעגט מעקס.

— דעם אמת צו זאָגן, האָב איך געװאָלט דערציילן אַ מעשה, װי אַזױ אַן אַרבעטער נעמט אַהיים נאַכט־אַרבעט. אָבער עס איז מיר ניט געלונגען, האָב איך צעריסן דעם מאַנוסקריפּט.

— דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע טעמע — באַגײַסטערט זיך מעקס. זײַן הױכער שטערן קנײטשט זיך אין קלײנע כװאַליעלעך. ער פאַרװיכערט אַ סיגאַרעטל און זײַנע גרױסע אױגן פון קאַװע־קאָליר צינדן זיך אָן. — און עס װעט זײַן אָריגינעל. איך האָב נאָך אין דער אידישער ליטעראַטור אַזױנס ניט געלעזן. ניט בײַ מענדעלען, ניט בײַ פּרצן.

זיצט אײַזיק בײַ זיך אין צימער מיט דער פּען אין האַנט. אױפן טיש ברענט דער קעראָסין־לאָמפּ. דאָס פּאַפּיר איז גרײט. די טעמע איז דאָ. אין זײַן קאָפּ פליען געדאַנקען אַזױ װי כמאַרעס צעריסענע פון װינט.

סטרײַק, סטרײַק. פאַרלאָרן דעם סטרײַק. איצט קומט אים אױס צו װערן אױס אַרבעטער. קײנער װיל אים ניט אַרױפנעמען צו דער אַרבעט. אַ געזונטער בחור איז ער. זיצן און עסן בײַם טאַטן װיל ער ניט. די טעמע איז דאָ. ער גײט איצט אין אַ געװעט מיט מענדעלען און פּרצן. ער װעט דערציילן אַ מעשה פון אַ געזונטן בחור, װי ער אַליין איז.

קאָן זיך אַזאַ בחור ניט אַנטקעגנשטעלן אַנטקעגן דעם באַלעבאָס. נאַכט־אַרבעט, אַהײם נעמען, גיט אים דער באַלעבאָס. עס איז אים ניט גענוג, װאָס דער אַרבעטער האָרעװעט אױף אַ גאַנצן טאָג!

פאַרװאָס־זשע האָט ער זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן?

אײַזיק הײבט אָן צו שרײַבן זײַן מעשה. ער פּרואװט גובר זײַן דאָס צעקראָכנקײט, קודם אין זיך אַליין.

ער פירט איצט אַ געװעט מיט מענדעלען און פּרצן.

דער אַרבעטער איז אַ האַלבער אינטעליגענט פון יענער זײַט ים. דאָ אין אַמעריקע איז ער אײנזאַם און אַליין. ער איז איזאָלירט פון די איבעריקע אַרבעטער. נאָך זײַן מײנונג, שטײען זײ נידעריקער פון אים. ער װערט פון די אַרבעטער בײַ זיך אין שאָפּ אױסגעלאַכט און פאַרשפּאָט. די אַרבעטער האָבן פײַנט, אַז מען זאָל זיך פון זײ האַלטן פון דער װײַטנס. דער באַלעבאָס איז דער אײנציקער, דװקא, װאָס לאַשטשעט זיך צו אים, צום אינטעליגענט. ער איז נושא־חן בײַ דעם באַלעבאָס אין די אױגן. דער באַלעבאָס רוקט אים צו אַ פּעט בײַנדל, ער גיט אים בעסערע אַרבעט. זעט ממש, אַז דער אינטעליגענט זאָל בעסער פאַרדינען. אים קומט, װײַל ער קאָן

לייענען ביכער און ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דער באַלעבאָס וועבט אַרום אים צוביסלעך אַ נעץ. ער טוט אים טובות און־דערוואַרט פון אים צוריק חלילה ניט קיין רעות. אַט אַ שטייגער, דורך אים לעשן דאָס פייער־צאָרן, וואָס צינדט זיך אַמאָל אָן בײַ די איבעריקע אַרבעטער... זיי זיינען דאָך פּראָסטע כּאַמולעס... זאָל דער אינטעליגענט נאָר אַריינוואַרפן אַ וואָרט דאָרט, וואו מען דאַרף...

פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, ווערט דער אינטעליגענט מיטן באַלעבאָס אַ נאָענטער מחותן. די איבעריקע אַרבעטער האָבן אים דערפאַר פיינט. זיי הייבן אָן קוקן אויף אים ווי אויף זייער ערגסטן שונא. און זיי הייבן אָן פון אים צו שפּעטן, אי הינטער די אויגן, אי אין די אויגן.

דער באַלעבאָס האָט הנאה דערפון, וואָס זיינע אַרבעטער זיינען ניט יד־אחת. ער סטאַרעט זיך מיט אַלע מיטלען צו צעטיילן זיי און אָנצומאַכן צווישן זיי אַ פיינטשאַפט.

אַז עס קומט אין אָוונט, ווען די אַרבעטער דאַרפן שוין אַהיים גיין (ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אַרבעטער זאָלן דאַרפן אַהיים גיין!), נעמט דער באַלעבאָס און גיט דעם אינטעליגענט אַ בינט מיט אַרבעט אויף אַהיים צו נעמען. „נאַ", זאָגט ער צו אים, „האָסט דאָך צייט אין דער היים, נעם די אַרבעט אַהיים צו זיך און מאַך זי מיר ביז מאָרגן ; כאַפּ אַריין !"

דעם „כאַפּ אַריין" שרייט דער באַלעבאָס אויס אַזוי, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן הערן. זאָלן זיי צעפּיקעט ווערן פון קנאה.

דער אינטעליגענט קומט אַהיים. ער האָט דווקא אַ באַזונדער צימער פאַר זיך אַליין. ער האָט אויך ביכער בײַ זיך אויפן טיש. ער האָט ליב יחידות. אַנטקעגן זיין פענצטער שטייט אַ קירך. דאָס גע‌סל איז אַ שטילס. די קירך פאַרנעמט העכער אַ האַלב פון דעם געסל. זי וואַרפט אַ גרויסן שאָטן איבער די איבעריקע שטיבער מיט איר מאַסיווקייט און הויכע טורעמס. עס איז דאָ שטימונג. אַרום דער קירך עטלעכע שטאָטישע ביימלעך. אויסגעוווירעטע לעקעכער פון גראָז. אַ גאַסן־לאָמפּ שטייט פאַרדרימלט און היט אויף די צעשניטענע גראָז־לעקעכער.

דער אינטעליגענט איז אין אַ מאָדנער לאַגע. דאָס הייליקטום פון זיין ווינקל ווערט צעטראָטן מיט זיינע אייגענע פיס. ניט אַרבעטן, איז שלעכט. ער קאָן שוין ניט גיין קעגן דעם באַלעבאָס. ער איז עטיש (זיין עטיק) צו־געבונדן און פאַרפליכטעט צום באַלעבאָס. יאָ אַרבעטן, איז ווידער ניט גוט. ער שעמט זיך פאַר זיינע אייגענע פיר ווענט.

ער נעמט זיך, נעבעך, צו דער אַרבעט. די קירך קלינגט אויס אַף איר זייגער, מיט איר וואויל־באַקאַנטן גלאָק, אַלע פערטל שעה...

אייזיק דערבערענגט זיין העלד צו טראַגיזם. ער ווייסט אַליין ניט פאַר וואָס. אָבער אַזוי קומט ער בײַ אים אַרויס. די מעשה פאַרענדיקט זיך מיט דעם, וואָס דער העלד אַרבעט ביז שפּעט בײַנאַכט, און סטראַשעט די וועלט מיט דעם וואָס זי איז אַזוי פרעמד צו אים און אַזוי קאַלט.

אַף מאָרגן האָט אייזיק געלייענט פאַר זיין ברודער מעקס די אָנגע־שריבענע זאַך. מעקס האָט געטאָן אַ קנאַק מיט דער צונג, ווען אייזיק האָט געענדיקט, און האָט אים געדריקט די האַנט:

— אָט אַ דערציילונגל! דו „ביטססט” זיי אַלע אין „פּיסעס”!

אייזיק האָט געשמייכלט אומבאַהאָלפן און געפּאַקעוועט דעם מאַנו־סקריפּט אין אַ קאָנווערט אַריין.

צווייטער טייל

ערשטער קאפיטל

אייזיק האָט זיך כמעט ניט געזעגנט מיט קיינעם פון זיינע ניין ברידער, ווען ער איז אוועקגעפאָרן. נאָר מיט דער מאַמע רייזי האָט ער זיך געזעגנט. זי האָט, ווי דער שטייגער, געלאָזט א טרער. אייזיק האָט מיטגענומען א קליינעם באַגאַזש און איז געגאַנגען צו דער באַן. אפן וועג האָט ער זיך דערמאָנט, אז עס טוט אים וויי א צאָן. איז ער אריין צו א דענטיסט און זיך געהייסן אַרויסשלעפן דעם צאָן. האָט אים דער דענטיסט אָנגעקוקט ווי א משוגענעם. אזא צאָן אַרויסנעמען? ער וועט בעסער דעם צאָן פאַר־פילן. אָבער אייזיק האָט אים געזאָגט, אז ער האָט קיין צייט ניט צו וואַרטן אף אַן אָנפילונג. קוקט אים דער דענטיסט שוין אָן ווי אַן אמתן משוגענעם. וואָס הייסט ער האָט קיין צייט ניט? אָבער אייזיק זאָגט, אז ער וויל אַרויס־שלעפן דעם צאָן, ווייל באַלד דאַרף ער אוועקפאָרן מיט דער באַן.

דער דענטיסט האָט ניט געהאַט קיין ברירה און אַרויסגעשלעפט בא אייזיקן א באַקצאָן מיט א קליין לעכל. דער דענטיסט האָט שוין געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן. דער פּאַציענט האָט אפילו ניט געטאָן קיין קרעכץ, און א ווייטיק האָט ער זיכער באַדאַרפט פילן.

אייזיק האָט זיך געזעצט אף דער באַן און אין עטלעכע שעה אַרום איז ער אָנגעקומען קיין וואודביין, ניו־דזשוירזי.

א קליינע הילצערנע סטאַנציע־געביידע. פון דערווייטן א קליין שטעטל, גרויס ווי א גענעץ.

אייזיק האָט אַרויסגענומען זיין חבר יפהס בריוו און אריינגעקוקט. וועדליג יפהס אינסטרוקציעס האָט ער באַדאַרפט נעמען א „פּורל" און מיט דעם צופאָרן צו דער שולע. אָבער אייזיק האָט פשוט ניט געהאַט קיין געלט אף א „פּורל". איז ער געגאַנגען צופוס. ער האָט זיך נאָר נאָכגעפרעגט, וואו די אַגריקולטור־שולע איז. מען האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג און ער איז אַהין געגאַנגען. דער וועג א ברייטער, א זאַמדיקער. בא די זייטן, טעלעגראַף־סלופּעס. די פעלדער, נאַקעטע. עס איז געווען סוף זומער. די איבערגעבליבענע סטעבליעס פון קוקורוזע האָבן געווירעט דאָס פעלד אין גלייכע שורות. די ערד צווישן די סטעבליעס א געל־גרויע, א זאַמדיקע. פון דער אַנדערער זייט פון וועג איז געלאָפן די באַן־ליניע, און פון יענער זייט באַן־ליניע א וועלדל. דאָס וועלדל שיטער און דורכזיכטיק. די בלעטער אף

דיביימער קרענקלעך־געלע. קיין בערג האָט אייזיק ניט געזען אַף ווי ווייט זיין אויג האָט געקאָנט קוקן. עס איז אָבער יאָ פאַר זיינע אויגן אויס־געוואַקסן, נאָך אַ קורצן שפּאַציר, אַ גרויסע מאַסע פון געביידעס, געפאַרבטע אין ווייס און גרין.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זיין די אַגריקולטור־שולע. און עס איז טאַקע אַזוי געווען. אייזיק איז צוגעקומען און דערזען גרויסע אותיות אויסגעפאַרבטע אַף אַ גרינער לאַנקע: „באַראָן הירש אַגריקולטור־שולע".

דער וועג האָט זיך פאַרבויגן גלייך צווישן צוויי גרויסע געביידעס פון שינדלענע ווענט. אייזיק איז אַריין מיטן וועג, וועלכער איז געווען באַשאָטן מיט איבערגעבראָכענע קוילן. זיינע שטאָטישע קאַמאַשן האָבן זיך ניט געפילט אַזוי באַקוועם אַף די קליינע שטיקלעך קוילן.

באַלד האָט ער דערזען, ווי יונגע בחורים גייען מיט האַנטעכער אַף די אַקסלען. עס איז געווען אַרום פינף, אָדער האַלב־נאָך־פינף אין אָוונט.

אייזיק האָט נעפרעגט בא איינעם פון די בחורים וואו יפה איז.

אין אַ פּאָר מינוט איז שוין יפה געשטאַנען לעבן אייזיקן, העגט אַרום אַקסל, און די צוויי חברים האָבן זיך ביידע געפרייט.

דערנאָך איז יפה מיט אייזיקן געגאַנגען מעלדן אין אָפיס אַריין. דאָרט איז געזעסן מר. געלער, אַ רויטער, אָנגעפרעסענער מאַן, מיט רויטע האָר, וועלכע זיינען גשטאַנען בא אים אַפן קאָפּ, ווי אָנגעשפּיזטע נאָדלען. ער האָט געהאַט צוויי גרויסע גרויע אויגן, טעמפּע, בייזע.

— איך וויל פאַרשטעלן: דאָס איז מיין פריינט אייזיק און דאָס איז דער סופּעראינטענדענט פון סקול, מר. געלער — האָט יפה געזאָגט.

— „האַו דו יו דו" — האָט אייזיק געענטפערט, מיט העפלעכקייט.

מר. געלער האָט צו אייזיקן אויסגעשטרעקט אַ ווייס פּוכקע הענטל מיט רויטע הערעלעך באַדעקט און מיט אויסערגעוויינלעך קורצע פינגערלעך.

— מר. אייזיק, איך באַגרים איך אין נאָמען פון אונדזער שולע — האָט מר. געלער געזאָגט און אויפגעעפנט אַ גראָבן בוך און אָנגעהויבן פרעגן בא אייזיקן. אייזיק האָט געענטפערט אַף אַלע זיינע פראַגן און מר. געלער האָט פאַרשריבן אין בוך.

— ווי אַלט זייט איר?

— 25 יאָר — ענטפערט אייזיק.

— ווי לאַנג אין אַמעריקע?

— פיר יאָר.

— פאַרהייראַט?

— נײַן.

— האָט איר קינדער?

— נײַן — ענטפערט אײַזיק אַ צעשמײכלטער.

— עלטערן?

— יאָ.

— ברידער און שוועסטער?

— נאָר ברידער — טראַכט אײַזיק, אַז אַט־דאָ וועט ער באַלד איבעראַשן דעם הער געלער מיט זײַנע אַכט ברידער. אָבער מר. געלער האָט גראָד ניט געפרעגט וויפיל ברידער אײַזיק האָט.

— וואו וואוינט איר?

— אין ניו־יאָרק — און אײַזיק גיט איבער זײַן אַדרעס.

— וואָס האָט איך געמאַכט קומען אַהער?

— איך וויל ווערן אַן ערד־אַרבעטער — ענטפערט אײַזיק פּראָסט און ערלעך.

— וואָס האָט איר געטאָן אין שטאָט?

— אַן אַרבעטער בײַ דאַמענהיט.

— אָלרײַט, מר. אײַזיק — דאָס אַלעס! איצט דזשאָפּי, נעם דײַן פרײַנט אין דער דאָרמיטאָרי. זײַן צימער וועט מיט קענטאָר אײַך אָנווײַזן.

אײַזיק האָט זיך פאַרנוינט און איז אַוועק מיט זײַן פרײַנט, וועלכן מען האָט שוין דאָ גערופן דזשאָפּי, אין דער דאָרמיטאָרי.

דאָס איז געווען אַ הויכע, גרויסע הויז פון שינדלענע ווענט, גרין און ווײַס געפאַרבט, מיט גרויסע פענצטער און מיט ווײַסע פאָרהאַנגען בײַ די פענצטער. דאָס הויז האָט אויסגעזעען ווי אַ שפּיטאָל פון דרויסן. בײַם אַרײַנגאַנג זײַנען געשטאַנען צוויי קוסטעס, וועלכע זײַנען נאָך געווען באַדעקט מיט גרינע בלעטלעך. דורך דער טיר זײַנען געלאָפן בחורים אין כאַקי־יוניפאָרמס מיט בראָנזענע קנעפּ און מיט עפּאָלעטן.

— דאָס איז אונדזער סטודענטנשאַפט — האָט דזשאָפּי דערקלערט אײַזיקן. זי זײַנען בײדע אַרײַן אינעווייניק. אַ גרויסער קאָרידאָר, צעטײלט אין צוויי טײלן. אין יעדן טײל שטײען אײַזערנע שאַפעלעך אין לאַנגע שורות.

עס קומט צוגײן אַ נידעריקע פרוי מיט אַ ברונעטן פּנים, מיט אַ לאַנגער האַרבאַטער נאָז און מיט אויפגעקרויזלטע שוואַרצע האָר, וועלכע זײַנען בײַ איר געשוירן אין אַ מאַנסבילשן פאַסאָן. די פרוי האָט זיך אַליין פאַר־געשטעלט נאָך אײדער דזשאָפּי האָט דאָס צײַט געהאַט צו טאָן. זי איז, זאָגט זי, מיס קענטאָר. „ווערי גלעד טו סי יו היר!” זי רעדט בראָדעריש און

מיט דײַטשישן אַקצענט. און איז זײער אײדל, אַלץ מיטן „פּליז" און מיטן „איי בעג יור פּאַרדאָן", אַזוי אַז אײַזיק האָט זי עפּעס באַלד פֿײַנט באַקומען. נאָר ער האָט דאָך באַדאַרפֿט פֿון איר קריגן אַ צימער צום שלאָפֿן, איז ער אײַנאײַנעם מיט דזשאָפּין איר נאָכגעגאַנגען מיט די טרעפּ אַרויף.

גײענדיק אַרויף האָט די מיס סענטאַר זיך געהאַלטן באַם האַרצן און געגלאָצט מיט אירע שוואַרצע אויגן, זיך מאַכנדיק ווי זי קאָן ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַז אָט־אָט גײט איר די נשמה אויס.

זי האָט געעפֿנט אַ טיר און געזאָגט: „דאָס איז אײַער צימער." אײַזיק איז אַרײַנגעגאַנגען און דערזען פֿיר בעטלעך מיט ווײַסע דעקן און קישעלעך און דאָס רײנקייט פֿון צימער האָט אײַזיקן טאַקע ווידער געגעבן אָנצוהערן, אַז עס איז דאָ אַלץ אַזוי פּונקט ווי אין אַ שפּיטאָל.

אינדערמיט פֿון צימער אַ גרויסער טיש מיט פֿיר בענקלעך און פֿון סטעליע איז אַף דראָט געהאַנגען אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַן אַבאַזשור פֿון בלעך. עס זײַנען אויך געווען צוויי גרויסע פֿענצטער און בײַ יעדער בעט איז געשטאַנען אַ שאַפֿעלע.

די מיס סענטאַר האָט אײַזיקן געגעבן דרײַ שליסלען. זי האָט אים דערקלערט פֿאַרוואָס די שליסלען זײַנען און איז אַוועק.

זי איז אָבער באַלד צוריקגעקומען מיט אַ האַנטוך און אַ שטיקל זײף און געזאָגט: „היר, פּליז!"

„וואָס פּליזד זי מיר אַזויפֿיל?" — טראַכט אײַזיק.

— וועלכע בעט איז פֿאַר מײַן פֿרײַנט? — פֿרעגט בײַ איר דזשאָפּי.

— אָט דאָס! — צײַגט זי אָן אַף אַ בעטל בײַ דעם פֿענצטער און גײט אַרויס פֿון צימער.

אײַזיק האָט אַרונטערגעשטעלט זײַן רענצל אונטערן בעט און אויסגעטאָן זײַן ראָק און דזשאָפּי האָט אים געפֿירט אין וואַש־צימער. איצט פֿאַרשטײט שוין אײַזיק וואוהין די בחורים גײען מיט די האַנטעכער אַף זײערע אַקסלען.

— וואַש זיך ניך אָפּ, עס איז באַלד די צײַט פֿון וועטשערע. באַלד וועט מען קלינגען — זאָגט דזשאָפּי.

אײַזיק וואַשט זיך. דאָס וואַסער צאַפּט זיך אין אַ לאַנגער קאַרעטע און פֿון דער קאַרעטע רינט עס אַראָפּ דורך אַ רער אין אַ לאָך אין דער צעמענט־פּאָדלאָגע. אין צימער שמעקט מיט זײף און מיט שוויים.

דער גלאָק קלינגט דרײַ מאָל.

אײַזיק אײַלט זיך און גײט אַרײַן מיט דזשאָפּין עסן. דאָס עס־צימער איז איבער דער קיך, אַזוי אַז מען דאַרף אַרויפֿגײן מיט טרעפּ אין דער הויך.

אָבער באַם עס־צימער שטייען די סטודענטן אין זייערע באַקי־יוניפאָרמס, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען.

דזשאָפּי דערקלערט אייזיקן, אַז מען לויפט ניט אַריין אַלע מיטאַמאָל, און קיינער קאָן נישט קומען ווען ער וויל. אַלע מוזן זיין באַם עס־צימער אין צייט און וואַרטן ביז דער „סופּער״ הייסט אַריינגיין.

„אַט האָסטו דיר אַ נייע סאָלדאַטשינע מיט קאָמאַנדירן״ — טראַכט אייזיק. און אַזוי ווי ער טראַכט, דערהערט זיך אַ קאָמאַנדע „אָלרייט״ און די סטודענטן־פּיס הויבן אָן באַראַבאַנעווען איבער די הילצערנע טרעפּ.

אַ גרויסער זאַל מיט אַ סך טישן, געדעקטע מיט ווייסע טישטעכער. די טישן געגרייט מיט טעלער־גאָפּל־מעסער און לעפל. די סטודענטן שטעלן זיך אוים באַ די טישן.

אָבער אייזיק האָט ניט געוואוסט די פּירעכצן דאָ. האָט ער זיך באַלד באַ זיין אַריינקומען אוועקגעזעצט אָפּן אָרט, וואו דזשאָפּי האָט אים אָנגעוויזן. אָבער ער האָט דערהערט, ווי עס זעצט אוים אַ געלעכטער פון אַלע סטודענטן מיטאַמאָל. אייזיק קוקט זיך אַרום, ער וויל וויסן וואָס מען לאַכט. דזשאָפּי גיט אים אַ סיגנאַל, אַז ער זאָל זיך צוריק אויפשטעלן. שטעלט זיך אייזיק אויף. ערשט איצט זעט ער, אַז אַלע שטייען באַ זייערע ערטער און האַלטן זייערע הענט אויף די ווענטלעך פון די בענקלעך. „איף יו פּליז!״ גיט דער מר. געלער אַ זינג אַרויס מיט זיינע גראָב־פלייִשיקע ליפּן. בענקלעך גיבן זיך אַ רוק פון די טישן און חברה זעצן זיך, אַקוראַט ווי אַ פּאָלק גוט־געמושטירטע סאָלדאַטן.

שוין זיצנדיק, גיט דזשאָפּי אייזיקן צו דערקלערן, אַז קיינער פון די סטודענטן טאָר זיך ניט זעצן צום טיש ביז וואַנען מר. געלער זאָגט ניט דעם „איף יו פּליז״.

צום טיש, באַ וועלכן אייזיק מיט דזשאָפּין האָבן זיך געזעצט, איז פון אַ בחור אין אַ פאַרטוך געבראַכט געוואָרן צוויי גרויסע טעלער מיט הויכע שטויסן אָנגעשניטן ברויט. אַזוי ווי דער בחור האָט נאָר דאָס ברויט אָפּן טיש אוועקגעשטעלט, האָבן זיך הענט געטאָן אַ שטעק צום ברויט. אַ סעקונדע און ביידע טעלער זיינען שוין געווען ליידיק.

— דאָ דאַרף מען ניט וואַרטן אויף כבוד — זאָגט דזשאָפּי צו זיין חבר אייזיק. אייזיק קוקט זיך אַרום איבער דעם עס־צימער. עס איז אַ גרויסער זאַל. אויבן־אָן, באַ אַ טיש, זיצן מר. געלער און מיס קענטאָר. עס זיצן נאָך עטלעכע מענטשן, וועלכע אייזיק קען נאָך ניט. אָבער פון זייער האַלטן זיך דערקענט אייזיק, אַז זיי זיינען וואַזשנע פּאַרשוינען. מיס קענטאָר רעדט

מיט זיי מיט איידלקייט. און אז די מיס קענטאָר איז אַ מאַטראָנע פון דער שול, האָט שוין אייזיק דערוויזן זיך צו דערוויסן פון דזשאַפּין. ארום די ווענט זיינען אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ „ח" די איבעריקע טישן, באַ וועלכע עס זיצן די סטודענטן.

דזשאַפּי באַקענט אייזיקן מיט די צוועלף סטודענטן וועלכע זיצן דאָ באַ זייער טיש. אייזיק איז צעטומלט. אַזאַ טבע האָט ער: ווען ער קומט אין אַ נייער אומגעבונג, ווערט ער אַזוי ווי פאַרטויבט און סטובערוואַטע. דעמאָלט הערט ער ניט וואָס מען רעדט צו אים. און ווען דזשאַפּי האָט פאַר אים פאָרגעשטעלט די סטודענטן דאָ באַם טיש, האָט אייזיק ניט געהערט אפילו איין איינציקן נאָמען.

הונגעריק איז ער געווען ביז גאָר, און דאָס עסן איז געווען געשמאַק. דער בחור אין פאַרטעך האָט געבראַכט נאָך ברויט און געזאָטענע קאַר־טאָפּליעס, רינדערן פלייש, גרינוואַרג פון אַלערליי מינים, געפּרעגלטע „סוויט־פּאָטייטעס" און מאַרינירטע פרוכט. און אַז מען האָט זיך גוט אָנגעגעסן און אַלע סטודענטן זיינען שוין געבליבן זיצן און געוואַרט — האָט דער מר. געלער געזאָגט: „עקסקיוזד!"

און אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן מיט אַ טומל און ארויס אין דרויסן. עס איז שוין געווען פינצטער. דער הימל, באַדעקט מיט שטערן, האָט פרעמד און ווייט זיך געשפּרייט איבער אייזיקן.

דזשאַפּי האָט אייזיקן גענומען אונטערן אָרעם און אים אריינגעפירט אין סאָשעל־צימער. דאָרט איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ. אויף אַ הענגער זיינען געהאַנגען עטלעכע צייטונגען, איינגעקלאַמערטע אין הילצערנע צווענגעס. בענקלעך זיינען געשטאַנען ארום די ווענט. אויבנאָן אויף דער וואַנט—אַ בילד פון באַראָן הירש און אויך אַ בילד פון דער באַראָנעסע הירש.

גרופּעוויז זיינען געזעסן סטודענטן און געשמועסט, געזונגען לידער און געלאַכט מיט אַן אויפּפּראַלנדיקן, פאַרגרעבטן און זאָרגלאָזן געלעכטער.

— דאָס איז אונדזער סאָשעל־רום — זאָגט דזשאַפּי צו אייזיקן. ער האָט אים צוגעפירט צו די הענגענדיקע צייטונגען. אייזיק האָט אויסגע־שטרעקט זיין האַנט און געוואָלט נעמען אַ צייטונג. אָבער ער האָט חרטה געהאַט און קיין צייטונג ניט גענומען.

— איך וויל זיך אינגאַנצן אָפּגעוואוינען פון דער שטאָט — האָט אייזיק געזאָגט.

דזשאַפּי האָט אים געפירט באַקענען מיט די סטודענטן, וועלכע זיינען

דאָ געזעסן. און די מערסטע פון די סטודענטן האָבן באַ אײַזיקן אויס־געפרעגט וואָס עס הערט זיך אין שטאָט.

דערנאָך האָט דזשאָפּי אײַזיקן געפירט אַרויף אין צימער, כדי ער זאָל זיך אויספּאַקעווען און באַקענען מיט זײַנע דרײַ מיט־וואוינער פון צימער.

אײַזיק האָט דערווײַל געכאַפּט אַ קוק אָפן נומער פון דער טיר. עס איז נומער זעקס־און־דרײַסיק. ער האָט געחזרט באַ זיך אין געדאַנק דעם נומער. זעקס־און־דרײַסיק, זעקס־און־דרײַסיק.

און ווען זיי זײַנען אַרײַן אין צימער, איז שוין אײַזיקס רענצל געשטאַנען ניט אונטערן בעט באַם פענצטער, נאָר אונטערן בעט באַ דער טיר.

— ווער האָט איבערגעשטעלט מײַן רענצל? — האָט אײַזיק געפרעגט.

עס זײַנען געזעסן אַרום טיש אינמיטן צימער דרײַ בחורים. זיי זײַנען געווען פאַרטיפט אין אָפענע ביכער און זיך געמאַכט ווי זיי הערן ניט וואָס אײַזיק פרעגט. זיי האָבן אַלע דרײַ פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זײַן דער נײַער סטודענט.

און אַזוי ווי זיי זײַנען שוין דאָ געקומען פריער פון אים, האָבן זיי זיך געפילט אַלס מיוחסים, און זיי האָבן אַפילו ניט אויפגעהויבן זייערע אויגן פון די ביכער.

— העי, באָיס, דאָס איז מײַן פרײַנט אײַזיק. ער איז נאָר וואָס געקומען פון ניו־יאָרק, אַלס סטודענט. ער וועט מסתמא זײַן אין אײַער קלאַס — האָט דזשאָפּי געזאָגט.

די דרײַ חברה האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ און באַטראַכט אײַזיקן פון אויבן אַראָפּ און ווידער זיך גענומען צו זייערע ביכער.

— נו, גוט — האָט געזאָגט דזשאָפּי צו אײַזיקן — וואָס איז דיר פאַר אַ נפקא־מינה וואו דו שלאָפסט? זאָל זײַן דאָ.

אײַזיק האָט גאָר ניט געזאָגט. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אָפן בעטל. דזשאָפּי האָט אים געזאָגט, אַז דאָ טאָר מען ניט זיצן אַף די בעטן. ווען די מאַטראָנע זאָל אַרײַנקומען און אים טרעפן זיצנדיק אָפן בעטל, וואָלט זי זיך געריסן באַ די האָר.

האָט זיך אײַזיק אויפגעהויבן און געשמייכלט. אים האָט זיך זייער גע־גלוסט אָפּירצוגעמען דאָס רענצל און זיך געזעגענען מיט זײַן פרײַנט דזשאָפּין און אויסקירעווען דעם דישל צוריק קיין ניו־יאָרק. אָבער אים איז געווען זייער טשיקאַווע צו באַקענען זיך מיט דעם אָרט אַ ביסל מער.

דזשאָפּי איז אַוועק צו זיך אין צימער און פאַר זײַן אָפּשייד געגעבן אײַזיקן אינסטרוקציעס, אַז אַזוי גיך ווי מען וועט קלינגען דאָס ערשטע

מאָל, װעט עס מײנען, אַז מען דאַרף זיך נעמען גרייטן גײן שלאָפן. און אַז מען װעט קלינגען דאָס צװײטע מאָל, װעט עס מײנען, ליגן אין בעט און פאַרלעשן די עלעקטריק. און מאָרגן אינדערפרי װעט מען קלינגען צום ערשטן מאָל, אַז מען זאָל אויפשטײן. און דערנאָך װעט זיך שוין דזשאָפי טרעפן מיט אײזיקן און װעט אים שוין װײַזן װאָס צו טאָן.

אײזיק איז געבליבן מיט די דרײַ פרעמדע בחורים. ער האָט איצט צײַט געהאַט זײ צו באַטראַכטן. יענע זײַנען נאָך אַלץ געזעסן איבער זײערע ביכער און צו אים גאָרניט געררעדט. זײ האָבן זיך יאָ איבערגעוואָרפן צװישן זיך מיט װערטער, װאָס זײַנען געװען פרעמד אײזיקן: „אָרגאַניק מעטער", „אָקסידזשען", „דעקאָמפּאָזט מעטער".

אײזיקן האָט זיך אויסגעװיזן, אַז זײ װילן אים שרעקן מיט די הױכע װערטער און באַרימען זיך פאַר אים, אַ שטאָט-מענטשן, װעלכער האָט קײנ־מאָל ניט געלערנט קײן אַגריקולטור, מיט זײער אַגריקולטור-טערמינאָלאָגיע.

אײזיק האָט זײ געהאַט טיף אין דער ערד. ער האָט געטראַכט בײַ זיך, אַז ער װעט זײ אַריבעריאָגן, אַזױ גיך װי ער װעט זיך נעמען לערנען. דער־װײַל האָט ער זײ גוט באַטראַכט און אַראָפּגענומען אין זײַן זכרון זײערע פּרימעטעס. צװישן די דרײַ איז אײנער געװען אַ קלײנינקער און אַ פּעטינקער, מיט אַ קלײן פּעט פּנימל און מיט קלײנע פאַרגאָסענע אײגעלעך. בײַ אים איז די נאָז געװען מיט קלײנע נאָז-לעכלעך און פאַרקאַטשעט װי בײַ אַ קלײן חזירל. ער האָט געקוקט אין זײַן בוך און געשאָקלט מיט זײַנע ליפּן, װי ער װאָלט געלײענט אין דער הױך פאַר אַלעמען. ער האָט גערעדט ענגליש מיט אַ ליטװישן „סין" און בשעת ער האָט גערעדט האָט זײַן קלײן, פּעט פּנימל געשמײכלט און די פאַרגאָסענע אױגן האָבן זיך בײַ אים פאַר־זשמורעט. עס האָט אױסגעװיזן, אַז ער האָט זיך װי גערײצט: „איך װעט אײַך, אַז איר פאַרשטײט ניט װאָס איך רעד צו אײַך..."

אײנער פון די צװײ גרעסערע בחורים האָט פאַרמאָגט אַ פּנים פון אַ ביטראַק. אַ לאַנגע נאָז מיט אַ שפּיץ אַריבערגעבױגן ביז צו דער אױבערשטער ליפּ. אַ קלײן, נידעריק שטערנדל און מיט אַ טשופּרינע האָר פאַרבױגן װי אַ האַטשיק איבערן שטערן. אַ קלײן מױל און מיט צװײ חן-גריבלעך אין די באַקן.

דער צװײטער בחור מיט אַ פּנים פון אַ ים-פּיראַט. דאָס פּנים איז באַזעצט מיט פּרישטשעס. צװײ מילך-בלױע ליפּן אַרױסגעבױגענע, װי ער װאָלט געװען שטאַרק אין כעס. די האָר פון זײַן קאָפּ אָפּגעשױרן מיט אַ מאַשין ביז צו דעם שאַרבן. דער שאַרבן מיט אַ שפּיץ, און דער קאָפּ זעט

אױס װי אַ קופּאַל פֿון אַ קלױסטער — אױבן שפּיציק און װאָס נידעריקער אַלץ ברײטער. צװײ גרױסע אױערן שטאַרצן אַרױס פֿון קאָפּ װי באַ אַ אײזל.

אין צימער איז האַלב־ליכטיק. דער אַבאַזשור פֿאַרשטעלט דאָס ליכט פֿון דעם אײנציקן עלעקטרישן לעמפּל. אײַזיק זיצט באַם טיש. ער שרײַבט מיט אַ פֿינגער אױפֿן צעדראַפּעטן פּלאַך פֿון טיש. ער איז מיד פֿון דער יאָזדע מיטן באַן און דער פּולער מאָגן שלעפּערט אים.

ער איז אַזױ געזעסן און געטראַכט װעגן זײַן אַװעקפֿאָרן פֿון דער הײם אָן אַ „זײַ־געזונט". ער האָט מיט זײַנע ברידער פֿאַרענדיקט מיט אַ שטאַרקן ריס. זאָלן זײ װיסן, אַז ער האָט כּח אין זיך. ער איז ניט קײן צעקװאַטשעטער אינטעליגענט. ער קאָן פֿאַרברענען הינטער זיך אַלע בריקן. און אָט איז ער אין אַ נײַער סבֿיבֿה. „איף יו פּליז", סאַלדאַטסקע קלײדער און אױפֿן בעט טאָר מען ניט זיצן. איצט פֿאָרן צוריק אַהײם, װעט ניט טױגן. עס װעט אים אומגליקלעך מאַכן אױפֿן גאַנצן לעבן. יאָ, מיטן שרײַבן האָט ער זיך דערװײַל געזעגנט. ער האָט, אמת, זײער װײניק אָנגעשריבן, כּדי ער זאָל זיך האָבן מיט װאָס צו געזעגענען. אָבער ער האַלט זיך צוריק אפֿילו פֿון טראַכטן דערפֿון. און אַז ער װיל אַזױ, קאָן ער מאַנעװרירן מיט זײַנע מחשבֿות. ער װיל זיך אױסקורירן און מאַכן זיך „געזונט". ער האָט קײן־מאָל ניט געטראַכט דערפֿון, אַז עס איז מעגלעך, אַז ער איז קראַנק. װעט ער דאָ „געזונט" װערן?

דער גלאָק האָט געקלונגען. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז עס קומט פֿון ערגעץ װײַט, װײַט.

די דרײַ בחורים האָבן זיך געטאָן אַ כאַפּ אױף אַזױ װי פֿון אַ טיפֿן שלאָף. זײ האָבן פֿאַרמאַכט די ביכער און צוגעגאַנגען יעדער באַזונדער צו זײַן בעטל און גענומען אַראָפּנעמען די אױבערדעקן פֿון זײ.

אײַזיק האָט זײ נאָכגעטאָן.

אין צימער איז באַלד געװאָרן אַ ריח פֿון פֿאַרשװיצטע פֿיס, און אַלע פֿיר, אײַזיקן אַרײַנגערעכנט, האָבן זיך אױסגעטאָן און זײַנען שױן געבליבן אין זײער אונטערװעש.

— פֿון װײַט געקומען? — װענדט זיך דער װאָס מיטן פּיראַטן־פּנים צו אײַזיקן.

— פֿון ניו־יאָרק — ענטפֿערט אײַזיק און פֿאַרשטעלט מיט זײַנע הענט זײַן לײַב אין די אונטערװעש.

— ער װעט זײַן אין אונדזער קלאַס — זאָגט דער װאָס מיטן קלײנעם

פּנימל, אַזוי אַז מען קאָן ניט וויסן, צי ער פרעגט אַ פראַגע, צי ער קאָנ־סטאַטירט אַ פאַקט.

— אין וועלכן דען קלאַס? — שמייכלט דער וואָס מיט די חן־גריבלעך.

— נאָ, איילעך, מיילעך, ים טאָם דריטאָם, אָפּ! — גיט אַ זאָג דער וואָס מיטן פּיראַטן־פּנים און גיט אַ שפרונג אַריין אין בעט.

אייזיק צעלאַכט זיך פון דער שפּילעוודיקייט פון דעם בחור. און ערשט פריער האָט עס געמאַכט אַף אים דעם איינדרוק, אַז ער איז דער געפער־לעכסטער פון די דריי.

אייזיק האָט זיך אויך אַריינגעלייגט אין בעטל. די איבעריקע צוויי בחורים אויך. דאָס עלעקטרישע לעמפּל איז געבליבן ברענען.

— ווער וועט אויסלעשן דעם לאָמפּ? — פרעגט אייזיק בא זיך אין געדאַנק.

— אי, מיר האָבן פאַרגעסן אויסצומאַכן די ליכט — זאָגט דער וואָס מיטן פּיראַטן־פּנים.

— מיר וועלן מכבד זיין אונדזער נייעם שכן מיטן אויסלעשן דעם לאָמפּ — זאָגט דער וואָס מיט די חן־גריבלעך אין זיינע באַקן. ער ליגט איינגעדעקט ביז איבערן מויל מיט דער קאָלדרע און מיטן פּנים אַרויף, און די נאָז זיינע, מיטן אויסגעבויגענעם שפּיץ, זעט אויס ווי זי האַלט פאַר־טשעפּעט די קאָלדרע.

פון דער זייט וואו אייזיק איז געלעגן ביז צום טיש איז געווען אַ שטיק שטח.

— „דאַטסרייט״! — זאָגט דער וואָס מיטן פּיראַטן־פּנים. — מיר פירן זיך, אַז אַלע אָפּדערנאַכט לעשט אָן אַנדערער אויס דעם לאָמפּ. זאָל דער יונגערמאַן... ווי רופט מען אייך?

— אייזיק.

— אָלרייט, אייזיק, גייט אַראָפּ און פאַרלעשט דאָס ליכט — זאָגט דער מיטן פּיראַטן־פּנים.

אייזיקן איז געווען געפעלן די פּראָסטקייט און ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעטל, צוגעגאַנגען צום טיש און אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל. פון דער פּלוצלונגדיקער פינצטערקייט איז ער געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואו צוריקצוגיין.

דערווייל איז דער וואָס מיטן קליינעם פּנימל אַראָפּ פון בעטל און זיך שטילערהייט אוועקגעלייגט אונטער אייזיקס פיס, כדי אייזיקן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל. און אַז אייזיק האָט זיך געטאָן אַ ריר און געוואָלט שטעלן אַ פוס

צו גיין, איז ער געפאַלן און זיך אויסגעשטרעקט אפן פּאָדלאָגע. עס איז געשען אזוי פּלוצלונג, אז אייזיקן האָט זיך געדאַכט, אז ער פאַלט אין א טיפן אָפּגרונד. עס האָט געטאָן א שטאַרקן זעץ. אַלע בחורים זיינען געשטאַנען אין דער מינוט אַף זייערע פיס, מ׳האָט צוריק אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אייזיקן אויפגעהויבן.

— וואָס איז געשען?

— ווי אזוי איז ער געפאַלן?

— כע־כע! — קאָן זיך דער וואָס מיטן קליינעם פּנימל ניט איינהאַלטן.

— ער איז „אינישיאייטעד" געוואָרן!

— כאַ, כאַ!

אייזיק האָט זיך געריבן די קניעס מיט זיינע הענט. זיין פּנים איז געווען בלייך ווי קאַלך. עס האָט אין אים געזאָטן א כעס און שוין געהאַלטן באַם אויסברעכן אַף דער פריי — ווען דער שול־גלאָק דאָט זיך פּלוצים ווידער צעקלונגען, אז די סטודענטן זאָלן אויסלעשן די לאָמפּן.

אימעצער פון די בחורים האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און עס איז געוואָרן פינצטער און שטיל.

צווייטער קאַפּיטל

זעקס אַזייגער אינדערפרי האָט געקלונגען דער גלאָק. אין דעם צימער, וואו אייזיק איז געשלאָפן, האָט זיך אָנגעצונדן די עלעקטריק. אייזיק האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן. ער האָט באַמערקט, ווי די דריי איבעריקע שכנים זיינע טוען זיך אָן. איז אייזיק אויך אַראָפּ פון בעט און אויפגעעפנט זיין רענצל. ער האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ פּאָר בלויע „אָוועראָלס". זיי זיינען נאָך געווען צונויפגעלייגט און פּאַרפּאַקט. אייזיק האָט צו זיי גערעדט, ווי צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש: אָט, מיינע טייערע, מיר וועלן איצט באַלד אָנמעסטן און מיר וועלן זען וואָס מיר קאָנען אויפטאָן...

ער איז אַריין מיטביידע פיס אין די ברייטע „אָוועראָלס" און געטאָן אַ קוק צו זיינע שכנים, וואָס זיי האָבן צו זאָגן וועגן דעם. אָבער יענע זיינען געווען פאַרנומען מיט זייער אָנטאָן־זיך. אייזיק איז געבליבן שטיין אין די ברייטע און לאַנגע „אָוועראָלס" און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אייזיקן דערשראָקן. זיין חבר דזשאָפּי איז אַריין.

— גוט־מאָרגן! — האָט דזשאָפּי געזאָגט — ביזט שוין אַריין אין די „אָוועראָלס"?

— וואָס דען? איך בין ניט געקומען דאָ זיך צערעמאָניעווען — ענטפערט אייזיק.

— און גומי־שטיוול האָסטו געבראַכט?

— ניין.

— צו דער אַרבעט דאָ דאַרף מען גומי־שטיוול — זאָגט דזשאָפּי — אָט, זעסט, אַזוינע ווי בא מיר. — און דזשאָפּי ווייזט אייזיקן זיינע לאַנגע גומי־שטיוול מיט כאָליוועס ביז איבער די קני.

אייזיק האָט דערפילט אַ קנאה צו די דאָזיקע שטיוול. טאַקע, ווי אַזוי וועט ער אַרבעטן מיט די שטאָטישע קאַמאַשן, וועלכע ער האָט תמיד אַזוי אָפּגעהיט, אַז עס זאָל אויף זיי ניט פאַלן קיין שטויב, און זיי געפּוצט אַלע מאָל, כדי זיי זאָלן גלאַנצן.

— אָלרייט, קום מיט מיר! — האָט דזשאָפּי איבערגעשלאָגן אייזיקס געדאַנקען.

— און ווער וועט דאָס בעט פאַרבעטן? — פרעגט אייזיק.

— דאָס וועסטו טאָן שפּעטער. פריער זיינען דאָ אַנדערע פליכטן: מעלקן קי, פּאַיען פערד, רייניקן די שטאַלן, קעמען פערד און געבן עסן די הינער און חזירים. דערנאָך וועט קלינגען דער גלאָק. דאָס וועט הייסן, אַז די סטודענטן באַדאַרפן זיך אַליין וואַשן, פּאַרבעטן זייערע בעטן. און דער־נאָך וועט ווידער קלינגען דער גלאָק, וואָס עס וועט הייסן, אַז מען רופט צום איבערבייסן — האָט דזשאָפּי אייזיקן געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע, בשעת זיי זיינען ביידע געגאַנגען מיט די טרעפּ אַראָפּ.

עס זיינען געלאָפן מיט די טרעפּ סטודענטן און אין איילעניש זיי ביידע אַריבערגעיאָגט. אייזיק האָט געהערט ווי אַלע האָבן געשריען צו זיין חבר: „גוד־מאָרנינג, דזשאָפּי!״ אים האָט קיינער קיין גוט־מאָרגן ניט געזאָגט. אייזיק האָט זיך געפילט דערשלאָגן: קיינער זאָגט אים ניט קיין גוט־מאָרגן!

ווען ער איז אַרויס אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. אַ קילע, פייכטע לופט האָט אים געלעקט דאָס פּנים. פונוויטן האָט זיך געהערט ווי אַ האָן האָט געטאָן אַ קריי און באַלד האָבן אָפּגעענטפערט אַ סך אַנדערע הענער אין אַ כאָר. עס האָט אייזיקן דערקוויקט און געשטאַרקט. ער האָט גענומען זיין חבר דזשאָפּין אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— וויפיל יאָרן, אַז איך האָב דאָס ניט געהערט?

— וואָס? — האָט דזשאָפּי ניט פאַרשטאַנען, וואָס אייזיק מיינט.

— דאָס קרייען פון הענער.

— האָ!... — האָט דזשאָפּי געשמייכלט אין דער פינצטער צו זיך אַליין.

אַלע מאָל איז אימיצער פאַרביי־געלאָפן אין ווייסן אָנגעטאָן. אין דער פינצטער האָט עס אויף אייזיקן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס לויפן אַרום „גייסטער״, צי וועך ווייסט וואָס. עס האָט געקלונגען עפּעס אַזוינס ווי גלעקלעך אין די הענט פון די ווייסע געשטאַלטן.

דזשאָפּי האָט דערקלערט אייזיקן, אַז דאָס זיינען די קי־מעלקער אָנ־געטאָן אין ווייסע „אָוועראָלס״. דער וואָס מעלקט די קי, מוז זיין אָנגעטאָן אין ווייסן.

— מיט וואָס־זשע קלינגען זיי? — פרעגט אייזיק.

— מיט די עמער.

— וואָס וועל איך טאָן היינט איינדערפרי? — פרעגט אייזיק, און ער האָט גרויס חשק, אַז זיין חבר דזשאָפּי זאָל אים רעקאָמענדירן צו מעלקן קי. דזשאָפּי ווייסט אָבער ניט, וואָס אייזיק האָט חשק צו טאָן. ער איז ניט קיין נביא. אין שול איז געווען אַן איינפירונג, אַז יעדן נייעם סטודענט האָט מען דעם ערשטן טאָג געגעבן אַרבעט אין שטאַל בײַ די פערד. דאָס איז

געווען אזא מין אויספּרואוו. די אַרבעט אין פערד־שטאַל איז אַ שווערע און ניט קיין אַנגענעמע. אויב דער נייער סטודענט וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, וועט עס הייסן, אַז ער פאַרבלייבט אין שול.

דזשאָפּי האָט אייזיקן אַריינגעפירט אין פערד־שטאַל און אים איבער־געגעבן אין די הענט פון אַ בחור, וועלכער איז געווען דער פאָרמאַן.

— גוט־מאָרגן, קאַפּאָשאַן, איך האָב דיר געבראַכט אַ „פרעשמאַן" — האָט דזשאָפּי געזאָגט צום פאָרמאַן. — ער איז מיינער אַ פריינט.

קאַפּאָשאַן איז אַ הויכער געזונטער בחור אין בלויע „אָוועראָלס", מיט גומי־שטיוול ביז איבער די קני און מיט אַ רויט טיכל אַרומגעבונדן אַרום האַלדז און מיט אַ קאַפּעליוש מיט אַ ברייטן דעניק און אויפגעשטעלט מיט פיר עקן ביז צום שפּיץ, אין דער פאָרם ווי אַמעריקאַנער סאָלדאַטן טראָגן זייערע קאַפּעליושן. ער האָט פאַרמאָגט צוויי גרויסע אויגן און אַ ברייט־ביינִיקן פּנים, אַ גרויסע נאָז און צוויי גראָבע, גוטמוטיקע ליפּן. קאַפּאָשאַן האָט דערלאַנגט אייזיקן אַ שווערע צעדראַפּעטע האַנט, וועלכע ער האָט אַרויס־געשלעפּט פון דער הענטשקע. אייזיק האָט גענומען די האַנט זיינע. זי איז געווען אַ וואַרעמע.

— מיין נאָמען איז אייזיק.

— אָלרייט, דזשאָפּי — האָט קאַפּאָשאַן געזאָגט — איך וועל שוין אַכטונג געבן אויף דיין פריינט. קיין צרות וועט אים שוין ניט פעלן... — דזשאָפּי האָט צעעפנט דאָס מויל זיינס מיט די ווייסע ציין. עס איז אים געפעלן דער וויץ, אַז עס וועט זיין פריינט ניט פעלן קיין צרות... דזשאָפּי האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז ער באַדאַרף אַוועקגיין טאָן זיין אַרבעט, און איז אַוועקגעגאַנגען.

אייזיק האָט זיך אַרומגעקוקט, וואו ער איז. איבער דער לאַנג פון שטאַל— צוויי טיילן מיט קעמערלעך. אין יעדן קעמערל שטייט באַזונדער איין פערד, מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און מיטן הינטן צו אייזיקן. איבערן דיל אָנ־געוואָרפן אַ סך גנוי אויסגעמישט מיט שטרוי, און כמעט פון יעדן קעמערל האָט זיך געצויגן אַ רימשקעלע פון פערדישע אורין מיט ווייסן שוים, אַזוי ווי פון אויסגעגאָסן ביר. פון דעם גנוי, וואָס איז געלעגן אין קופּקעלעך, האָט געזעצט אַ פּאַרע. און פון סטעליע האָבן באַלויכטן די שטאַל מיט אַ פאַרשמירט, אָפּגעבליאַקעוועט ליכט עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך. די לעמפּלעך — פאַרדריפּעטע מיט פליגן־פּינטעלעך און מיט פּאַוועטעניע. די הילצערנע באַלקנס פון סטעליע אָפּגעשמירט מיט אַ גרוי־ווייסן קאַלך און

דורך די ברעטער פון סטעליע האָבן זיך נאָכגעהאַנגען איינציקע דינע סטעבליעס פון היי.

עס זיינען געקומען צוגיין נאָך עטלעכע בחורים, אָנגעטאָנענע אין בלויע אָוועראָלס און גומי־שטיוול מיט סאָלדאַטסקע קאַפּעליושן אַף זייערע קעפּ און מיט הענטשקעס אַף זייערע הענט.

קאַפּאַשאַן האָט צו יעדן איינעם פון זיי געזאָגט: „גוד־מאָרנינג!“ און אין דעם טאָן זיינעם איז געווען אַ ביסל חוזק. ענדלעך האָט אייזיק פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס איז דאָ חוזק אין זיין טאָן. קאַפּאַשאַן האָט געזאָגט:

— „גאָד־דעם־איט“, ווען וועט מען אָפּטאָן די אַרבעט, אויב מען שטייט אויף אַזוי שפּעט!

באַלד איז געוואָרן אַ יאָגעניש. עס זיינען אויסגעוואַקסן צוויי טאַטשקעס, שטאַל־גאָפּלען, לאָפּעטעס און גראַבליעס.

קאַפּאַשאַן האָט אייזיקן אָוועקגעשטעלט בײַ איינער פון די טאַטשקעס.

— איר האָט ניט קיין „ראָבער־בוטס“? — פרעגט קאַפּאַשאַן אייזיקן און קוקט אַף זיינע געפּוצטע שטאָט־שיך. אייזיקן האָט געבראָטן אין די פּיס פון אָט־דעם קוק.

— איך האָב ניט — האָט אייזיק געזאָגט, זיך שטעלנדיק צווישן ביידע הענטלעך פון דער טאַטשקע.

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. אין אַ פּאָר מינוט איז די טאַטשקע אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ ווערך פון רויכערדיקן גנוי און אייזיק האָט די טאַטשקע געטאָן אַ נעם מיט ביידע הענט און זי גענומען שטופּן. דאָס רעדל פון דער טאַטשקע האָט זיך געגליטשט. און די אַטשקע האָט פאַרלוירן דעם באַלאַנס און זיך איבערגעקערט. אייזיק האָט צו־שפּעט זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף ניט דערלאָזן צו קיין קאַטאַסטראָפע. באַלד אין דער מינוט איז שוין די טאַטשקע געלעגן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיטן רעדל אַרויף. און אייזיק איז געבליבן שטיין מיט די הענט אַראָפּגעלאָזט.

די בחורים האָבן זיך צעלאַכט, זיך געהאַלטן בײַ די זייטן פון געלעכטער. די פערד האָבן אויפגעהערט צו עסן און אויסגעדרייט זייערע קעפּ, און קייענדיק דעם האָבער, געקריצט מיט זייערע שטאַרקע ציין, ווי זיי וואָלטן אויך געלאַכט פון דעם נייעם חברה־מאַן אין די שטאָטישע שיך.

קאַפּאַשאַן איז צוגעקומען און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף אייזיקס פּלייצע.

— ניט געזאָרגט, מיין פריינט!

ער האָט צוריק אויפגעשטעלט די טאַטשקע און אַליין צוריק אָנגעלאָדן

דעם גנוי. דאָס טוענדיק, האָט ער באַוויזן זיין קענטעניש און פּאַכמעגישקייט. מיט צוויי הויב פון דעם שטאָל־גאָפּל האָט ער צוריק אַנגעלאָדן די טאַטשקע און געוויזן אייזיקן ווי אַזוי מען פירט אַ טאַטשקע; אים דערקלערט, אַז מען מוז שטיין פּונקט אין ליניע מיטן רעדל; אַז מען טאָר קיינמאָל ניט געבן דער טאַטשקע קיין געלעגנהייט זיך איבערצוקליגערן... — אַ טאַטשקע איז אַלע מאָל „סמאַרטער" פון אַ מענטשן... אויב דער מענטש איז אַ „דאָמי"...

אייזיק האָט זיך זייער שלעכט געפילט פון דער דאָזיקער לעקציע. אָבער ער האָט איצט געטאָן אַ נעם די טאַטשקע מיטביידע הענט. די טאַטשקע האָט זיך טאַקע געפּרואווט וואַקלען, אָבער ער האָט זי געהאַלטן מיט זיין גאַנצן געוויכט און איז ענדלעך מיט איר אַרויסגעפאָרן פון שטאָל אין דרויסן אַרויס.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אַף טאָג. אָבער אייזיק האָט איצט ניט געקאָנט אינזינען האָבן אַזוינע פּוסטע זאַכן. ער האָט באַדאַרפט אויסליידיקן די טאַטשקע און צוריק גיין אין שטאָל אַריין. באַם איבערקערן די טאַטשקע האָט זיך איין הענטל פון דער טאַטשקע פאַרטשעפּעט אין זיינע „אָוועראָלס" און ער איז אומגעפאַלן אַף דער קופּע מיט גנוי. בשעת מעשה האָט ער דערפילט, ווי ער איז אַריין מיט ביידע הענט אין דער קופּע מיט מיסט און זיינע פינגער האָבן זיך אַזוי ווי אָפּגעבריט אין דעם צעוואַרימטן גנוי. ער איז מאָמענטאַל צוריק געשטאַנען אַף זיינע פיס, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אַז אימיצער פון די סטודענטן זאָל אים זען אַ ליגנדיקן אין גנוי. ער האָט געפילט, ווי זיינע פינגער זיינען קלעפּיק, און עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַן עקל ביז צום ניט־גוט ווערן. ער האָט באַ זיך אין געדאַנק געשריען אַף זיך אַליין: „גוט אַזוי! האָסט געוואָלט ווערן אַן ערד־אַרבעטער!"... ער האָט געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער און זיי געווישט אָן די „אָוועראָלס" און זיך צוריק איינגעשפּאַנט אין דער טאַטשקע, נאָכדעם ווי ער האָט באַשלאָסן אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען. וואָרים עס איז שוין ניט געווען באַ אים קיין אַנדער ברירה. צוריק אין שטאָט האָט ער שוין ניט צו וואָס צו קומען.

אייזיק איז אָפּגעלאָפן מיט שווייס, פירנדיק די טאַטשקעס מיט גנוי. און קאַפּאָשאָן האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע אַלס באַלוינונג. אָבער יעדער קלאַפּ אין פּלייצע האָט אייזיקן שטאַרק דערנידעריקט.

די שטאָל איז אויסגערייניקט געוואָרן. איצט האָט אייזיק אַ ביסל אָפּ־געכאַפּט זיין אָטעם. ער האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכל און זיך אָפּ־געווישט דעם שווייס פון פּנים.

קאפּאַשאַן איז צו אים צוגעקומען. אין זיינע הענט אַ באַרשט מיט אַן אייזערנער קאַם. ער האָט וואָוויליונגעריש מיט דער אייזערנער קאַם געקעמט די באַרשט און געזאָגט צו אייזיקן:

— וואָס האָט איר געטאָן אין שטאָט?

— אַן אַרבעטער.

— הייסט עס, אַז איר ווילט ווערן אַ פאַרמער? — שמייכלט קאַפּאַשאַן און זיינע גרויסע ליפּן ווערן נאָך גרעסער, און עס שטעקן אַרויס זיינע געלע, שיטערע ציין. — מוזט איר זיך אויסלערנען בערשטן און קעמען אַ פערד..

— אָלרייט — זאָגט אייזיק, ווי איינער וואָלט געזאָגט: „נו, גוט, דערהרגעט מיך!"

קאַפּאַשאַנען איז ניט געפעלן אייזיקס האַלטן זיך.

— אָלרייט, אויב איר ווילט ניט — איז ניט.

— איך וויל יאָ.

— אָט אַזוי האָב איך ליב. קום מיט מיר, איך וועל דיר ווייזן — האָט קאַפּאַשאַן פּלוצים אָנגעהויבן אייזיקן זאָגן „דו".

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ קעמערל, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער, גראָער פערד מיט אַ ברייטן הינטער־חלק, אין וועלכן עס איז געווען איינגעפרעסט אַ ריוואָשיקל מיט עטוואָס שוואַרצע האָר, און פון דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן דער ווידל, פריער דין און וואָס ווייטער אַלץ ברייטער. דער ווידל אַ שוואַרץ־גרויער און אַ לאַנגער און די סטרונעס גלאַנציקע, אַזוי ווי פון זייד. די צוויי הינטערשטע פיס ברייט־קנעכלדיקע, אָבער שטאַרק פאַרשמירטע מיט גנוי און פאַרפלעקטע מיט אורין און שמוץ.

קאַפּאַשאַן האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דעם פערדס הינטער־חלק און צו אים גערעדט:

— העי, בייבי!

דאָס פערד איז אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. קאַפּאַשאַן איז אַריין אין קעמערל און גערופן אייזיקן מיט זיך.

אייזיק האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין. עס איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ מורא פאַר אָט־דעם גרויסן פערד, וועלכער האָט אויפגעהויבן דעם גרויסן קאָפּ מיט די לאַנגע גרוועס אויף זיין לאַנגן האַלדז און געקוקט מיט איין אויג צו אייזיקן. אַ לענגלעך, שוואַרץ, טיף, קלוג אויג. די אויערן, שיינע, זיינען באַם פערד געווען אויפגעשטעלט. עס האָט זיך אייזיקן אויסגעדאַכט, אַז דאָ שטייט ניט קיין פערד, נאָר אַ גרויסער עלעפאַנט. אָבער ער האָט

געמוזט איינשטעלן זיין לעבן און איז אַרייַנגעגאַנגען אין קעמערל מיט ציטער־דיקע הענט און פיס.

קאַפּאַשאַן האָט מיטן קעמל אין איין האַנט און מיט דער באַרשט אין דער צווייטער געטאָן אַ פּאָר איבער דעם פערדס קריזש. דאָס פערד האָט זיך געטאָן אַ צאַפּל און מיט אַלע פיר פיס געטאָן אַ טופּע אויף דער פּאָדלאָגע. די קאָפּיטעס פון זיינע פיס — ברייטע, שוואַרץ־גרויע און געקאָוועטע אין פּאָדקאָוועס — האָבן שיר ניט איינגעוואַליעט די גאַנצע שטאַל.

אייזיק איז אַ פּאַרציטערטער צוגעפּאַלן צום ווענטל פון קעמערל.

— דאָס איז געווען מיין „מיסטייק"! — זאָגט קאַפּאַשאַן. — איך האָב די בייבי איבערגעשראָקן, כדי דיר צו ווייזן, אַז מען טאָר ניט איבער־שרעקן אַ פערד, ווען מען וויל אים קעמען.

קאַפּאַשאַן האָט איבערגעגעבן אייזיקן די קאַם און באַרשט. אויף דער לינקער זייט פון קאַם און באַרשט זיינען געווען אַזוינע רימענדלעך, אין וועלכע אייזיק האָט אַריינגעשטעקט זיינע פינגער.

— איצט — זאָגט קאַפּאַשאַן — טו אַ פּאָר איינמאָל מיטן קעמל און באַלד דערנאָך מיט דער באַרשט.

אייזיק האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט צוגעלייגט דאָס קעמל צום פערדס בויך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קעמל איז פון די גאָר אַלטע ציטן, אפשר פון די ציטן פון דער אינקוויזיציע. די ציינדלעך שאַרפע ווי מעסערלעך, און עס וועט דעם פערד ווייַ טאָן. האָט אייזיק דערפאַר אַזוי גרינג ווי נאָר מעגלעך קוים אָנגערירט דעם פערדס בויך מיט דעם דאָזיקן קעמל. געקעמט און געבלאָזן מיט די ליפּן זיינע.

— וואָס בלאָזטו? — צעשרייט זיך אויף אים קאַפּאַשאַן.

„ניט בלאָזן", טראַכט אייזיק, „איז ניט."

אויף די ציינדלעך פון קעמל האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פוכקע ווייסע האָר. אייזיק האָט געוואָלט טאָן אַ שטאַרקן ניס. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט מיט דער באַרשט געטאָן אַ פּאָר איבער דעם פערדס בויך און די האָר האָבן זיך אויסגעלייגט, ווי די האָר אויף אַ גוט שטיקל וואָל.

— דו וועסט זיין אָלרייט! — זאָגט קאַפּאַשאַן צו אייזיקן. — אָבער טו עס אַ ביסל גיכער. דער גלאָק וועט באַלד קלינגען.

„וואָס, דאָ טרייבט מען אויך?" — האָט אייזיק געטאָן אַ טראַכט. — „וואָס איז דאָ, אַ שאָפּ?"

קאַפּאַשאַן איז געשטאַנען און געלערנט אייזיקן, ווי אַזוי מען דאַרף

טאָן די אַרבעט. ער האָט געטראַכט און שוין אָפּגעמאַכט בײַ זיך אַז אָט־דער אײַזיק װעט זיך אױסטױגן צו דער אַרבעט.

אַז עס איז געקומען צו די הינטערשטע פֿיס, האָט קאַפּאַשאַן אײַזיקן געװיזן, אַז מען טאָר ניט שטײן, אַזױ װי אַ יאָלד, בײַם פֿערד פּונקט אונטער די פֿיס. — כאָטש „בײביי" איז זײער אַ שטיל פֿערד, אָבער מען זאָל זיך קײנמאָל ניט פֿאַרלאָזן אױפֿן יושר פֿון אַ פֿערד. עס קאָן זיך אים פֿאַרגלוסטן צו טאָן אַ בריקע.

דער גלאָק האָט געקלונגען. אין דעם רױען פּרימאָרגן האָבן כמאַרעס זיך געטראָגן איבערן הימל. אין מזרח איז אױפֿגעגאַנגען אַ רױטער האַלבער רעדל. דאָרטן זײַנען די כמאַרעס אָנגעצונדן געװאָרן מיט רױט און פּיאָלעט און אָראַנזש. און עס האָט זיך אױסגעװיזן, אַז פֿון דאָרטן קומט דאָס קלינגען פֿון אַ שטאַרקן, גרױסן גלאָק.

אײַזיק איז נעגאַנגען און געקוקט אױף זײַנע שטאָטישע שיך, װי זײ זײַנען רואינירט געװאָרן. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן דאָס, װאָס זײַנע פּאָדעשװעס זײַנען געװען פֿאַרפּאַפּט מיט באַלינקע פֿון פֿערד. זײַנע בלױע „אָװעראָלס" זײַנען געװען באַדעקט מיט גרױע האָר פֿון דעם װײַסן פֿערד און פֿון אים האָט געשמעקט מיט פֿערדן־שװײס. ער האָט ניט געװאוסט װאו מען דאַרף איצט גײן, װײַל ער איז נאָך דאָ געװען אַ פֿרעמדער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז דאָס אָרט איז זײער גרױס. אױף דער גאַנצער שטרעקע װיפֿיל זײַן אױג האָט געקאָנט אַרומנעמען, זײַנען געשטאַנען װײַס־געפֿאַרבטע געבײדעס און רױט־געפֿאַרבטע שטאַלן. און קלענערע קעמערלעך מיט פֿענצטערלעך און טירן. דער פּלאַן איז געװען אױסגעלײגט װי אין גאַסן, צענטראַלע און קלענערע געסלעך, װאָס האָבן איבערגעשניטן די צענטראַלע גאַסן. און איבער די אַלע גאַסן און געסלעך האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ טורעם פֿון שמאָל אַ פּירעקעדיקער און פֿון אונטן ברײט, און װאָס העכער אַלץ שמעלער. און אױף דעם טורעם איז געשטאַנען אַ ריזיק־גרױסע פֿאַס מיט אײַזערנע רײפֿן. און דאָס דעקל פֿון פֿאַס איז געװען געמאַכט אין דער פֿאָרם פֿון אַ רונדן דאַך מיט אַ שפּיץ פּונקט אינדערמיט. און אױף דעם שפּיץ אַן אײַזערן פֿערדל.

אין דער לופֿט האָט געשמעקט מיט סאָסנע־װעלדער. אמת, קײן װעלדער האָט מען דאָ ניט געזען, אָבער עס האָט פֿאָרט געשמעקט מיט דעם זיס־זױערן טעם פֿון סאָסנעס. העגער האָבן פֿון צײַט צו צײַט געקרײט; פֿון ערגעץ האָט זיך געהערט דאָס קװיטשען פֿון חזירים; אַ בוהאַיי האָט גערעװעט מיטן גאַנצן כח זײַנעם; אַ פֿערד האָט אַרױסגעלאָזט אַ הירזש, װאָס האָט געשניטן

די לופֿט, ווי מיט אַ בליץ; אַ קלײן, יונג, פֿרײלעך מעקען פֿון אַ קעלבל; וואָראָנעס זײַנען געפֿלויגן אין דער הויך און געקראַקעט; פֿון אַ גרויסן, לאַנגן קוימען, וואָס האָט געשטאַרצט פֿון אַ דאַך, וועלכער איז געלעגן כמעט ווי אויף דער ערד, האָט געזעצט אַ קוטשעראַווער, שוואַרץ־גרויער רויך.

אָט־די אַלע זאַכן זײַנען געווען נײַ. אײַזיק האָט זײַ זינט ער איז אין אַמעריקע ניט געזען. זײַנע אויגן ווײסן אַלײן ניט, וואו פֿריער צו קוקן, און זײַנע אויערן זאַפּן אין זיך אַרײַן די נײַע קלאַנגען.

דזשאָפּי איז אונטערגעקומען און אײַזיקן געכאַפּט אונטערן אָרעם.

— נו, ווי גלײַכסטו איצט אַמעריקע?

— איך וויל זיך אײַנוואָשן — האָט אײַזיק געענטפֿערט מיט עפּעס אַנדערש אויף דזשאָפּיס פֿראַגע. דזשאָפּי האָט געשמײכלט און געזאָגט:

— האָסט געאַרבעט שווער, ווי עס ווײַזט אויס.

— נײן, די אַרבעט איז מיר אינטערעסאַנט — זאָגט אײַזיק — אָבער איך וויל זיך אָפּוואָשן די הענט.

— אַ פֿאַרמער דאַרף זיך אויסלערנען צו האָבן פֿאַרשמירטע הענט.

— גיב מיר אַ געלעגנהײט — בעט זיך אײַזיק בײַ זײַן חבר.

— ווי געפֿעלט דיר דער בחור קאַפּאַשאַן? — פֿרעגט דזשאָפּי.

— אַ וואוילער בחור.

— אַ פֿאָלקס־מענטש.

— איך בין אים מקנא, ווי אַזוי ער קאָן אַרומגײן אַרום אַ פֿערד.

— אָ? — שמײכלט דזשאָפּי. — קאַפּאַשאַן איז דער בעסטער סטודענט אין די ענינים. ער האָט באַקומען דעם ערשטן פּרײַז אַלס פֿערד־יונג.

— טאַקע?

— וועסט אים אויך באַקומען, אויב דו וועסט וועלן.

— איך?! — לאַכט אײַזיק. — פֿון וואַנען קומט עס צו מיר?

— און פֿון וואַנען קומט צו דיר צו זײַן אַן אַרבעטער? — פֿרעגט דזשאָפּי.

זײַ זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער „דאָרמיטאָרי". דזשאָפּי האָט געוויזן אײַזיקן ווי אַזוי מען באַדאַרף צובעטן דאָס בעט.

— מאַך עס שנעל. מען באַדאַרף זיך נאָך וואַשן, גאָלן. דו דאַרפֿסט זיך דערווײַל ניט גאָלן. אָבער מען מוז זיך דאָ גאָלן נאָר אײנדערפֿרי, פֿאַר „ברעקפֿעסט" — דערקלערט דזשאָפּי אײַזיקן. — יאָ, קײן יוניפֿאָרם האָסטו נאָך ניט?

— איך מוז אָנטאָן א יוניפאָרם? — קרימט זיך אייזיק — און אויב איך וויל ניט?

— צי דו ווילסט צי ניט, א יוניפאָרם מוזטו טראָגן — זאָגט דזשאפּי.

זײ זײנען אריין אין וואש־צימער. דאָרט איז געווען די צעמענט־פּאָדלאָגע נאָס און חברה סטודענטן זײנען געשטאַנען ארום די ווענט. קלײנע שפּיגעלעך זײנען געהאַנגען פאר יעדן באַזונדער. טייל פון די סטודענטן האָבן זיך געראַזירט מיט געווײנלעכע בריטוועס און טייל מיט „זשילעט"־מאַשינקעס.

אין צימער איז געשטאַנען א פּריקרע ריח פון זייף און שווייס. קולות פון אָפּגעהאַקטע שמועסן, אויסגעשרייען און געלעכטערייען; דאָס אויספּייפן פון אַן אַמעריקאַנער גאַסנלידל אויסגעמישט מיט דעם עבט־אידישן קרעכץ פון עפּעס א חזניש, ציקלדיקס פון דעם דאַווענען.

אייזיק איז געבליבן שטײן. ער האָט זיך ארומגעקוקט. קיין פרייער קראַן, וואו ער זאָל זיך קאָנען וואשן, איז ניט געווען.

— וואַרטן אף כבוד, טויג דאָ ניט — זאָגט צו אים דזשאפּי און שטופּט זיך אריין צווישן דער חברה און נעמט זיך צו דער ארבעט. און צו אייזיקן:

— נו, וואָס שטייסטו?...

לעבן דזשאפּין איז געשטאַנען א הויכער, שיינער יונג. בא אים איז שוין געווען איין זייט באַק אָן אָפּגעגאָלטע און די צווייטע זייט באַק נאָך דערווייל אַן אָנגעזייפטע.

— ווער איז דער נייער, אייערער אַן אייגענער? — פרעגט ער בא דזשאפּין אפן חשבון פון אייזיקן.

— איך וועל אייך באַקענען — האָט דזשאפּי פאָרגעשטעלט אייזיקן — דאָס איז דער פּרעזידענט פון די סטודענטן, מיסטער פּאַסינקי, און דאָס איז מיינער א גוטער־ברודער, אייזיק.

— „ווערי גלעד!" — האָט זיך פּאַסינקי געטאָן א נויג און מיט זיין אָנגעזייפטער באַק אויסגעזען, ווי אַן אַקטיאָר, וואָס גרייט זיך צו א פאָר־שטעלונג. — ענדלעך געטאָן א גוטע זאַך אין אייער לעבן, זיך גענומען צו א געזונטער זאַך.

— או־או! — האָט אייזיק ניט געקאָנט ליידן, וואָס מען איז שוין מיט אים אזוי פאַמיליאַר.

צווישן די סטודענטן דאָ אין וואש־צימער האָט זיך ארומגעדרייט א קליינ־געוויקסיקער, א דאַרער, מיט ברילן און מיט א קליין קעפּל — אזוי, אז די ברילן זײנען געווען גרעסער פונעם קעפּל. דאָס דאַזיקע באַשעפעניש האָט געקלאַפּט מיטן צינגל און איז ארומגעלאָפן און אָפּגעטאָן שפּיצלעך וועמען

ער האָט נאָר געקאָנט. בא דעם האָט ער צוגעגנבעט דאָס צאָן־בערשטל און בא א צווייטן האָט ער אַרויסגעשלעפּט דאָס העמד פון די הויזן אַרויס.

צו אייזיקן איז דאָס „קלעפּערל" צוגעקומען און צו אים אויסגעשטרעקט א האַנט. נו, אז א מענטש גיט א האַנט, דאַרף מען נעמען. ערשט יענער שטרעקט די האַנט און כאַפּט זי צוריק. א חכמהלע אזא חנעוודיקס, אַלט ווי די בערג. אָפּגעטאָן דאָס, זאָגט דאָס „קלעפּערל" צו אייזיקן:

— סעי, האָסט געקויפט א באַן־בילעט אַף אַהער און צוריק?

חברה סטודענטן האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ. זיי האָבן דערוואַרט עפּעס א שפּיצל. אָבער אייזיק האָט געשמייכלט און געקוקט אַף דעם „קלעפּערל" מיט זיינע גרויסע, גוטע אויגן.

— איך האָב ניט געטראָפן אַפן ריכטיקן „גאַי" — האָט זיך דאָס „קלעפּערל" אָפּגערוקט און זיך געקראַצט אין קאָפּ, ווי ער וואָלט טאַקע באמת געוועזן דער גרויסער „לץ", נאָר דאָס מאָל האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

דער גלאָק האָט געקלונגען. עס איז געוואָרן א געלאַף: „ברעקפעסט"!

נאָך איבערבייסן האָט די מאַטראָנע מיס קענטאָר גענומען אייזיקן אונטערן אָרעם און אים געפירט אין סקלאַד, כדי אים צו געבן א יוניפאָרם.

אַפן וועג האָט זי אים א ביסל צו נאָענט צוגעדריקט צו זיך אַזוי, אז ער האָט מיט זיין עלנבויגן אָנגערירט איר ברוסט. עס איז אייזיקן געוואָרן פריקרע פון דעם. מיס קענטאָר האָט צו אים גערעדט זייער העפלעך און אים אַזוי פיל קאָמפּלימענטן אָנגעזאָגט, אז ער זעט ניט אויס צו זיין אזא שנאָרער ווי די איבעריקע חברה; אז ער מוז קומען פון אן איידעלער פאַמיליע; אז זי גיט אַוועק איר גאַנץ לעבן, כדי צו העלפן די „רוסישע" יונגעלייט זיך צו שטעלן אַף די פיס — איר גאַנץ לעבן.

זי איז צוגעקומען צום סקלאַד און אויפגעשלאָסן און אייזיק איז, צוליב דעם וואָס די דאָזיקע פרוי איז אים ניט געפעלן, געבליבן שטיין אין דרויסן.

— קומט אַריין — האָט מיס קענטאָר אייזיקן געזאָגט — איר דאַרפט זיך אויסקלייבן א יוניפאָרם.

אייזיק האָט געטאָן א קרים מיטן פּנים, און איז אַריינגעגאַנגען.

די מיס קענטאָר האָט אַף אים אויסגעשטעלט א פּאָר שוואַרצע, גרויסע אויגן, ווי די אויגן פון א יאַשטשערקע. איר דאַר, טונקל פּנים און די דינע, בייזע ליפּעלעך האָבן געברענט מיט גיפט.

— וואָס האָבן אייך די סטודענטן שוין געזאָגט וועגן מיר? — האָט זי פּלוצים א פרעג געטאָן בא אייזיקן.

— „וואָס בין איך עס באַ איר — אַ שפּיאָן?" — האָט אײַזיק גע־טראַכט. — „זי האָט דאָ געטראָפֿן דעם ריכטיקן מענטשן!"...

— איך קען נאָך קײנעם ניט, מאַדאַם — האָט אײַזיק געענטפֿערט, און צו זיך אַלײן האָט ער געטראַכט: „מען דאַרף זיך פֿאַר איר היטן!"

— אָט איז אַ יוניפֿאָרם מיט צװײ פּאָר הױזן — האָט מיס קענטאָר מיט אַ געמאַכטער ליבלעכקײט געזאָגט — און צװײ העמדער װעט פֿאַר אײַך זײַן גענוג?

— איך דאַנק, העמדער האָב איך אײגענע — זאָגט אײַזיק.

— איר האָט מיטגעבראַכט ברױנע העמדער?

— נײן.

— דאָ, אין אונדזער אינסטיטושאָן, מוזט איר טראָגן ברױנע העמדער, צום קאָליר פֿון דעם יוניפֿאָרם — האָט מיס קענטאָר געזאָגט בײז.

ערשט איצט האָט אײַזיק פֿאַרשטאַנען די טיפֿקײט פֿון דעם „קלעפּערלס" װיץ, צי ער האָט געקױפֿט אַ באַן־בילעט אַהער און צוריק.

ער האָט גענומען די העמדער און דעם יוניפֿאָרם און אױך אַ שאַכטל מיט רױטע קלײנע בוכשטאַבן, די איניציאַלן פֿון זײַן נאָמען. די מיס קענטאָר האָט אים אינפֿאָרמירט, אַז ער מוז אָננײען די איניציאַלן אױף זײַן גאַנצן װעש, כּדי מען זאָל אין דער „לאָנדרי" זײַן װעש ניט פֿאַרבײַטן מיט אַנדערע װעש.

אײַזיק איז אַרױף צו זיך אין צימער, און אַזױ װי ער האָט דאָרט קײנעם ניט געטראָפֿן, האָט ער זיך אװעקגעזעצט און זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט.

דריטער קאַפּיטל

דער גלאָק פון שול האָט געקלונגען און איבערגעריסן אייזיקס טראַכטן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ שווערן שלאָף, אין אייִלעניש אויסגעטאָן זיינע „אָווערעלס” און אַריינגעקראָכן אין דעם כאַקי־אוניפאָרם. קיין שפּיגל איז דאָ אין צימער ניט געווען, האָט ער ניט געקאָנט זען, ווי ער זעט אויס אין דעם אוניפאָרם. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, וואָס דער אוניפאָרם איז געלעגן אויף אים לעפּעשעוואַטע, און בכלל האָט אייזיק פיינט געהאַט יעדן סאָרט אוניפאָרם.

אייזיק איז אַראָפּגעגאַנגען אין דרויסן. עס איז געווען אַ ליכטיקער פרימאָרגן. די זון האָט באַגאָסן מיט וואַרעמקייט אַלע שול־געביידעס, די כטעזשקעס און די נידעריקע ביימלעך בײַ די זייטן פון די סטעזשקעס. די גרינע לאָנקעס האָבן געשמעקט מיט געשניטענעם גראָז. אַקוראַט, ווי עס וואָלט גאָר איצט ניט געווען שפּעטער אָסיען, נאָר דער אָנהויב פון פרילינג. אויף קאַרניזן פון דעכער און טעלעפאָן־דראָטן און ביימער זיינען געזעסן פויגעלעך, געזונגען און געפּיסטשעט.

די סטודענטן האָבן זיך פאָרמירט אין גרופּעס אויף איינעם פון די גרינע לאָנקעס. אייזיק האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס זיי פאָרמירן זיך דאָרט. ער איז דאָ נאָך געווען אַזוי ווי אַ פרעמדער. איז ער געשטאַנען באַם ברעג פון דער לאָנקע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

עס איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, אָנגעטאָן ווי אַן אָפיצער, מיט אַ שווערד אויף זיין לעדערנעם גאַרטל און מיט לאַקירטע געלע שטיוועלעך מיט כאַליעוועס אויף זיינע פיס. בײַ די אָפּצאַסן פון זיינע שטיוול — גלאַנציקע, ווייס־זילבערנע שפּאָרן. אין די שפּאָרן שפּיגלט זיך אָפּ די זון, פון דאָרט פליען צעבראָכענע פונקען נאָך יעדן טראָט, וואָס דער דאָזיקער אָפיצער שטעלט איבערן גראָז.

דער אָפיצער, אָדער, ווי אייזיק האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, פּראָפעסאָר מאַלטבי, איינער פון דעם לערער־ראַט, האָט געזאָגט פאַרבייגייענדיק צו אייזיקן, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין די רייען.

דערווייל איז דזשאָפי, אייזיקס פריינט, אָנגעקומען און צו אים געזאָגט, נעמענדיק אים אונטערן אָרעם:

— קום, מיר האָבן אַ נייע צרה... מיליטערישע איבונגען...

— און די סטודענטן שווייגן? — האָט אייזיק זיך געוואונדערט.

— מען וועט מוזן רעאַגירן אויף דעם — ענטפערט דזשאַפי — און ווער ווייסט צי עס וועט זיך לוינען...

— וואָס הייסט, צי עס וועט זיך לוינען? — קאָן אייזיק ניט פאַרשטיין.

— ווייל מיר זיינען דאָ נאָר אויף אַ וויילע.

— אָבער מיליטאַריזאַציע... אַזאַ סקאַנדאַל!... — עקשנט זיך אייזיק.

דערווייל האָבן זיך די סטודענטן געפאָרמירט אין שורות, צו אַכט אין אַ שורה. פּראָפעסאָר מאַלטבי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון דער ווייטנס אויף אַ שטרעקע פון אַן אַכט־צען פוס, אַרויסגעשלעפּט די שווערד פונעם שיידל און איר אויפגעהויבן הויך ביז איבערן קאָפּ. די בליאַסקענדיקע שאַרף פון שווערד האָט געטאָן אַ שנייד איבער דאָס ליכט פון דער זון, און מיט אַ פּאָך האָט דער אָפיצער געטאָן אַ געשריי: — קאָמפּאַניע, שטייט גלייך!

אייזיק און דזשאַפי האָבן זיך געשטעלט אין דער מיט. עס האָט זיך געהערט אַ שטילער געלעכטער צווישן די סטודענטן. אייזיק האָט געטאָן אַ שטורכע זיין פריינט דזשאַפי און זיך צעלאַכט.

— העי, דאָרטן! — איז געקומען באַלד אַ באַפעל פון דעם בלומרשטן אָפיצער. — דאָס איז ניט קיין שפּאַס! איך וויל, אַז די קאָמפּאַניע זאָל זיין אויפמערקזאַם!

דערנאָך האָט דער פּראָפעסאָר געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אַז מיליטערישע איבונגען זיינען נויטיק פאַר די אידישע יונגעלייט, וועלכע קומען מיט אויס־געבויגענע פּלייצעס און מיט איינגעפאַלענע ברוסטן פון דער גרויסער שטאָט, אַזוי, אַז אויב מיר ווילן ווערן אמתע, גוטע ערד־אַרבעטער, מוזן מיר פריער אויסגלייכן אונדזערע פּלייצעס און פאַרהאַרטעווען אונדזערע מוסקולן.

דער פּראָפעסאָר האָט געענדיקט רעדן און דערנאָך געגעבן אַ קאָמאַנדע, אַז מען זאָל גיין אין אַ געמאָסטענעם טראָט — איינס, צוויי, דריי; מען זאָל זיך אויסגלייכן, די אַקסלען אויסבויגן צוריק און די ברוסט אַרויסוואַרפן פאָרויס.

ער איז אַ ביסל געגאַנגען אין אַ קרייז און געפירט די קאָמפּאַניע פון אַכט אין אַ שורה. דערנאָך איז ער געבליבן שטיין און די קאָמפּאַניע האָט פאַר זיינע אויגן פאַרביי־געמאַרשירט.

— „האַלט!”

בלייבט מען שטיין.

— ווער פון אייך איז געווען אין מיליטער?

די סטודענטן שווייגן. אייזיק מיט דזשאַפין קוקן זיך איבער.

— העי, דאַרטן! — װײַזט דער אַפּיצער מיט דעם שפּיץ פֿון שװערד אױף אײַזיקן. — גלײַך אױס דײַן רוקן, די ברוסט דײַנע פֿאָראױס!

— איך בין ניט קײן סאָלדאַט! — זאָגט אײַזיק.

— שװײַגן! דאָ אָפֿן פֿעלד איז מיליטער־דיסציפּלין, פֿאַרשטאַנען? — װערט דעם פּראָפֿעסאָרס פּנים רױט און זײַנע דינע, פֿאַרטריקנטע ליפּן קלעפּן זיך פֿון אױפֿרעגונג. — װער עס װעט זיך דערװעגן צו רעדן װעט מוזן אַרױספֿאַלן פֿון די רײען!

— איך האָב געזאָגט, אַז איך בין ניט קײן סאָלדאַט — דערװעגט זיך אײַזיק נאָכאַמאָל צו זאָגן.

— אַט! יונגערמאַן, דו גײסט אַרױס פֿון די רײען, מאַרש! — האָט מר. מאָלטבי געזאָגט, געבנדיק אַ קנאַק מיט זײַנע שפּאָרן און אױך אַ פּאַך מיט דער שװערד.

אײַזיק איז אַרױס פֿון די רײען און זיך געלאָזט אַװעקגײן.

— קום נאָר אַהער, יונגערמאַן! — גיט צו אײַזיקן אַ געשרײ דער אַפּיצער.

אײַזיק איז צוגעגאַנגען און מיט די הענט אין די קעשענעס זיך אַװעקגעשטעלט פֿאַר אים. זײ האָבן זיך בײדע אָנגעקוקט אַ סעקונדע.

— נעם אַרױס דײַנע הענט פֿון די קעשענעס!

אײַזיק האָט זיך ניט דערשראָקן און די הענט ניט אַרױסגענומען. עס איז געװען אַן אָנגעשטרענגטע מינוט. די סטודענטן זײַנען געשטאַנען אין אַ לאַנג־געפֿאָרמירטן סקװער־בלאָק. עס איז ניט געװען קײן סימעטרישעס אין זײער פֿאָרמע. צװישן זײ זײַנען געװען הױכע לאָבערעצעס, װעלכע האָבן אַרױסגעשטעקט מיט די סאָלדאַטסקע קאַפּעליושן אױף זײ, װי הױכע זונרױזן אױף אַ פֿעלד פֿון קוקורוזע. עס זײַנען אױך געװען קלײנע בחורימלעך, פּעטינקעס, נידעריקע. זײ זײַנען אָבער אַלע געשטאַנען איצט װי פֿאַרגליװערט און דערװאַרט עפּעס אױסערגעװײנטלעכס פֿון דעם צוזאַמענשטױס צװישן מאָלטבי און דעם „פֿרעשמאַן“.

זײ האָבן אַלע געקאָנט מאָלטבין אַלס דעם עלטסטן לערער אין שול, אַז ער איז געװען שטרענג און האָט ליב געהאַט דיסציפּלין. אים זיך אַקעגנשטעלן, האָט געמײנט אפֿשר צו פֿאַרלירן די פּריװילעגיע צו זײַן דאָ אין שול.

— הער, באַלד נאָכן עקסערסיז װעל איך דיך זען אין אָפֿיס בײַ מיר — האָט מאָלטבי אַזש געקריצט מיט זײַנע װײַסינקע, קלײנע צײנדעלעך.

— אָלרײַט! — האָט אײַזיק געענטפֿערט מיט װירדע. ער איז אַװעקגעגאַנגען אין שטאַל צו די פֿערד.

אייזיק האָט געמיינט, אַז אין שטאָל איז קיינער ניטאָ. איז ער אַהין אַריינגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט, און אויף אַ מינוט איז ער דאָרט פּלוצים געטראָפן קאַפּאַשאַנען.

— איר זייט גאָר ניט געגאַנגען צום מיליטער־דינסט? — פרעגט אייזיק.

— איך האָב זיי טיף־טייער אין דער ערד — ענטפערט קאַפּאַשאַן און קראַצט זיך אין פּאַטילניצע.

— מיך האָט מען פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן — לאַכט אייזיק. זיין פּנים איז געוואָרן בלייך און אויפגערעגט.

— אַרויסגעוואָרפן, פאַר וואָס?

— ווייל איך וויל ניט זיין קיין סאָלדאַט.

— אָבער איר זייט אין געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן.

— עס זאָל מיך אָנהויבן צו אַרן! — ענטפערט אייזיק.

— מילא איך הער זיי, ווי דעם קאָטער. איך בין שוין דאָ אַן אַלטער סטודענט. אָבער איר זייט אַ „פרעשמאַן". אייך קאָנען זיי אוועקשיקן — זאָגט קאַפּאַשאַן און דרילעוועט בשעת מעשה מיט אַ פינגער זיין אויער. — אָבער ניט געזאָרגט; איר ווילט מיר העלפן אין שטאָל?

— איך מוז אים באַלד זען אין זיין אָפּיס.

— וועמען? מאַלטבין?...

— יאָ.

— שלעכט... אָבער איך האָב אַן עצה.

— וואָס?

— גייט ניט, און „דאַטס אָל"!

— דאָס וועל איך טאָן. איך וועל ניט גיין.

— דאָס איז אַ נייע איינפירונג, אַ כאַליערע אויף זיי! סאָלדאַטן ווילן זיי פון אונדז מאַכן — נעמט קאַפּאַשאַן אַרויס אַ פּעקל ציגאַרעטן און טראַקטירט אייזיקן אויך מיט איינעם. — דאָ טאָר מען ניט רויכערן, אָבער איך הער זיי ווי דעם קאָטער. קומט אַריין אין אונטערשטן קעמערל וועלן מיר טאָן אַ רויכער אַ ביסל.

זיי זיינען ביידע אַריין אין אונטערשטן קעמערל. די פערד האָבן זיי נאָכגעקוקט, אויסדרייענדיק זייערע קעפּ. דאָס קעמערל איז געווען באַהאַנגען מיט כאָמוטן און עס איז געשטאַנען אינדערמיט אַ הילצערן פערדל אַזוינס, וואָס רימערס נוצן צו נייען כאָמוטן. עס איז אויך געשטאַנען אַ טיש מיט אַ וואַרשטאַט און אויף אים אַ זעג מיט אַ האַמער.

דאָ האָבן זיי ביידע פאַררויכערט.

— ווילסט מיך פאָלגן? — זאָגט קאַפּאָשאַן.

— לאָמיך הערן.

— זיי ניט קיין יאָלד — לאָזט קאַפּאָשאַן ארויס צוויי זיילן רויך פון זיינע נאָזלעכער.

— וואָס האָסטו געמיינט, אַז איך בין אַ יאָלד? — ענטפערט אייזיק. — איך בין אַ הארטע נוס צו צעקנאַקן. אין שטאָט אָנגעפירט אַ סטרייק און וועל זיי דאָ אויך וויזן וואָס מיר קאָנען אויפטאָן.

— האָסט שוין אַ מיידל? — פרעגט פּלוצים קאַפּאָשאַן בײַ אייזיקן און גיט אים אַ טראַסק איבערן פּלייצע.

— נאָך ניט.

— אָ, באָי! האָב איך דאָ געפּאַקט אַ שטיקל סחורה!... איך זאָג דיר, אַ צאַצקע!... זאָג מיר צו, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן.

— איך קאָן האַלטן אַ סוד — זאָגט אייזיק און פאַרטרעט דעם געענדיקטן ציגאַרעט אַף דער פּאָדלאָגע.

— ניין, דאָס טויג ניט. הויב אויף דאָס שטיקל פון ציגאַרעט און באַהאַלט אין קעשענע. איך וויל ניט, אַז מען זאָל געפינען אַ שפּור.

אייזיק בויגט זיך אָן און הויבט אויף דאָס פאַרטראָטענע ציגאַרעטל און באַהאַלט עס אין קעשענע.

— יאָ, זי קומט צו מיר אין שטאַל אַריין — דערציילט קאַפּאָשאַן, האַלטנדיק אייזיקן בײַ אַ קנעפּל פון זיין אוניפאָרם. — און זי האָט זיך מיר שוין דערלאַנגט.

אייזיק האָט פאַרשטאַנען, וואָס קאַפּאָשאַן האָט געמיינט. ער איז אַ ביסל געוואָרן צעמישט. דאָ איז פאַר אים געשטאַנען גאָר אַן אַנדער מין בחור. אַ געזונטער פּאָלקס־מענטש, אַ פּראָסטער האָרעפּאַשניק, וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות. און ער, אייזיק — אַ „צעקוועטשטער" אינטעליגענט, וועלכער האָט נאָך מיט פרויען קיין אַנדערע באַציאונגען ניט געהאַט, ווי בלויז אַמאָל אַ דריק אין האַנט. אים איז איצט ניט באַקוועם. ער קאָן ניט ארויס פון זיין „שטאַנדהאַפטיקייט", פון זיין קאָליע. ער האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל אַ סך נידעריקער, ווי אָט־דער קאַפּאָשאַן, און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען דאָ מיט אים. יענער דערציילט אים אַזאַ אינטימע זאַך, און ער דאַרף עפּעס זאָגן. און אַזוינס, אַז ער זאָל ניט מאַכן דעם איינדרוק אַף קאַפּאָשאַנען פון אַ בית־מדרשניק אָדער אַ לאַ־יצלח.

קאַפּאַשאַן האָט געראַטעוועט די סיטואַציע מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט:

— וועל, מיר וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט. קאָנסט אפשר נייען כאַמוטן?

— איך וועל פּרוּאוון — האָט אייזיק זיך ווי דערפרייט און האָט זיך באַלד געזעצט רייטנדיק אַף דעם הילצערנעם פערדל. — ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל, האָב איך ליב געהאַט צו שטיין און קוקן, ווי דער רימער נייט כאַמוטן.

— מיר וועלן באַלד זען. — קאַפּאַשאַן האָט געבראַכט אַ לאַנגן רימען, וועלכער איז געווען איבערגעריסן פּונקט אינדערמיט. — אָט ניי צונויף די דאָזיקע לייצעס.

ער האָט געבראַכט אַן אָל, נאָדל און פאָדעם און אויך אַ שטיק שוואַרצע סמאָלע. קאַפּאַשאַן האָט געקוקט, ווי אַזוי אייזיק מאַכט די דראַטווע, רייבנדיק דעם פאָדעם איבער דעם שטיק סמאָלע אַהין און צוריק.

— הע, ביסט דאָך אַן אמתער רימער! דיך וועט מען שוין פונדאַנען ניט אַרויסשיקן. זאָל מען נאָר זיך דערוויסן, אַז דו קאָנסט נייען כאַמוטן. דאָס וואָס זיי ווילן דאָ. דער באַראָן הירש האָט זיי געגעבן אַ פאָנד און זיי האָבן זיך דאָ געמאַכט אַן אימעניע און ברענגען אידישע בחורים, אַז מען זאָל פאַר זיי אַרבעטן פאַנטשישינע...

אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון קעמערל. קאַפּאַשאַן האָט געעפנט די טיר. אין קעמערל איז געווען האַלב־טונקל פון דעם איינציקן פאַרשמירטן פענצטערל. אָבער דורך דער אַף־דער־ווייל־צעעפנטער טיר האָט געטאָן אַ שטראָם אַריין דאָס ליכט פון טאָג און דערמיט אַ געשטאַלט פון אַ מיידל.

אין קעמערל איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיק אַף אַ רגע. דער שווערער ריח פון לעדער מיט טראָן און שווייס פון פערד מיט פאַרלעגערטן שטויב האָט זיך אַזוי ווי איבערגעמישט מיט דער פרישקייט פון דרויסן. פון דעם מיידל האָט געשמעקט מילינקעס פון זייף און דער געוויינטלעכער ריח פון מיידלשקייט.

אייזיק האָט שוין געהאַט פאַרלעמט אין די זאַסטאַוועקעס די פאַסיקלעך פון דעם רימען און מיט דער אָל דורכגעשטאָכן אַ לעכל אין דער עטוואָס־האַרטלעכער לעדער. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און אָנגעקוקט דאָס געשטאַלט פון דער מיידל. זי איז געווען אַ ברייטע און צעוואַקסענע, מיט אַ שווערן בוזעם און מיט אַ גרויסן קאָפּ; די האָר זיינען בא איר געווען

פּאַרקעמט אין הויכן פּאָמפּאַדור און מיט אַ קובליק פֿון אונטן, אָבער עס איז ניט געווען מעגלעך צו באַשטימען וואָס פֿאַר אַ קאָליר זײַנען זיי צי זי איז אַ שײנע; אויך דעם קאָליר פֿון אירע אויגן איז געווען שווער צו זען.

דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דין, קוויטשעדיק געלעכטערל, ווען קאַפּאָשאַן האָט זי אַ כאַפּ געטאָן בײַ אירע גרויסע, גראָב־מוסקולירטע הענט און זי געשלעפּט ביז צום טיש און זי געטאָן אַ וואַלגער מיט דער פּלייצע אַפֿן טיש. זי איז געבליבן ליגן מיטן קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אַפֿן טיש און מיט די פֿיס איז זי געשטאַנען אַף דער פּאָדלאָגע. קאַפּאָשאַן האָט זיך אַף איר אַרויפֿגעלייגט און זי גערישעט. זי האָט זיך געווערט. די זאַג מיטן האַמער, וואָס זײַנען געלעגן אונטער אירע פּלייצעס, האָבן זיך אָנגעקלאַפּט און אַרויסגעלאָזט אַ שטומפּיקן קלאַנג.

— ווערסט אָפּלאָזן, צי ניט — האָט דאָס מיידל געקייכט פֿון געלעכטער.

— אַ ניט גיי איך אויס אונטער דײַנע הענט...

— שווײַג! — האָט קאַפּאָשאַן איר געבראָכן די הענט און זיי צו־געפּרעסט אײַנאײַנעם מיט זײַנע הענט צו איר ברוסט. זי האָט אים געבריט מיט איר קערפּער און געפּרואווט אים טאָן אַ ביס מיט אירע ציין, נאָר זי האָט ניט געקאָנט גרייכן זײַנע הענט, ווײַל קאַפּאָשאַן האָט מיט זײַן קאָפּ אָנגעשפּאַרט זיך אין איר קאָפּ און אים ניט געלאָזט זיך אויפֿהייבן פֿון טיש. — ווערסט ניט שווײַגן? — האָט קאַפּאָשאַן זי צערטלעך געקנאָטן מיט זײַנע עלנבויגנס.

אײַזיק האָט אַרויסגעשלעפּט די אָל און אַרײַנגעצילעוועט די צוויי דראַטווועס פֿון בײדע זײַטן. אים האָט די סצענע צעמישט און צעקאָכט בײַ אים דאָס יונג בלוט. עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט פֿאַר זײַנע אויגן און נאָענט לעבן אים, דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, אַזאַ סצענע. בײַ אײַזיקן האָט דער גאַנצער מוח זיך אָנגעצונדן און די קאָרעניעס פֿון זײַנע האָר האָבן זיך געריסן מיט ווייטיק פֿון דעם סקאַלפּ.

אַ גליק, וואָס פֿון שטאָל האָט אימיצער געריפֿן אַ קול: — קאַפּאָשאַן! קאַפּאָשאַן! — דאָס מיידל האָט זיך געטאָן אַ ריס פֿון קאַפּאָשאַנס הענט און איז אַרויס פֿון קעמערל דורך דער טיר אין דרויסן.

קאַפּאָשאַן האָט אײַנגעצויגן דעם פּאַס פֿון זײַנע הויזן און איז אַרויס אין שטאָל אַרײַן. אײַזיק איז געבליבן זיצן רייטנדיק אַפֿן הילצערנעם פֿערדל. ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטעפּט אַ גלײַכע ליניע. און ער האָט געקוקט אַף זײַן אַרבעט און זיך געפֿרייט, ווי אַ קינד.

אין שטאל האט קאפּאשאן באגעגנט מיסטער געלערן, דעם „סופּער" פון שול. זיין רויט פּנים האט געשמייכלט צו קאפּאשאנען, ווי א גוטבאזיצער שמייכלט געוויינלעך צו זיין פּארקויפטן שקלאף. קאפּאשאן איז פּאר אים געשטאנען, ווי עס שטייט אן ארעם פויערל פּאר א רייכן פּריץ. כאטש אינעווייניק בא זיך האט ער געלערן מיט די טערקאטע וויעס שטארק פיינט געהאט.

— גוד מארנינג! גוד מארנינג! — האט קאפּאשאן צו אים געזאגט.

— ווי פילן זיך די פערד היינט? — האט מיסטער געלער געפרעגט. אבער קאפּאשאן האט שוין געוואוסט, אז ניט דאס איז ער געקומען פרעגן בא אים. דאס איז נאר אזא מין ווענדונג, כדי אים צו פּארדרייען דעם קאפּ. קאפּאשאן האט געענטפערט מיט הכנעה:

— די פערדלעך מיינע פילן זיך היינט פיין!

— סעי, ווי זעט עפּעס אויס דער נייער בחור? — ווענדט זיך פּלוצים געלער צו קאפּאשאנען.

— דער נייער „פּרעשמאן"? ער איז אלרייט. קומט, מיסטער געלער, וועט איר זען ווי ער נייט כאמוטן.

— דו מאכסט שפּאס?

— איך זאל אזוי לעבן! ער איז א טייערער בחור, אבער מיסטער מאלטבי דענקט אנדערש...

— וואס זאגט מיסטער מאלטבי וועגן דעם? — פּארזשמורעט געלער איין אויגל און בויגט זיך איין נאענט צו קאפּאשאנען, גלייך ווי קאפּאשאן וואלט געוועזן טויב אף אן אויער.

— מר. מאלטבי וויל אים אוועקשיקן פון סקול.

— פּארוואס?! — צינדט זיך אן דאס רויט פּנים בא געלערן.

— ער וויל מאכן די באיעס פּאר סאלדאטן און ניט פּאר פּארמערס — קראצט זיך קאפּאשאן אין קאפּ פון גרויס הנאה, וואס אזא גרויסער מאן ווי מר. געלער רעדט מיט אים ווי מיט א גלייכן.

— נעווער מאינד! איך בין דא דער „סופּער", ניט מר. מאלטבי! — לייגט מר. געלער ארויף זיין האנט אף קאפּאשאנס פּלייצע. — קום, ווייז מיר וואס דער „פּרעשמאן" טוט.

זיי זיינען ביידע אריין אין קעמערל. געלער האט מיט זיינע רויטע אויגן געשמייכלט. און צו אייזיקן:

— „אטא-באי"! אזוי האב איך ליב! — ער האט אייזיקן געטאן א קלאפּ אין פּלייצע.

אײזיקן איז געװוען מאָדנע, און ער האָט ניט געקאָנט אײנזיצן אױפֿן אָרט. עס האָט אים עפּעס ניט געשמעקט אָט־דאָס לױבן און קלאַפּעניש אין פּלײצע.

— עס איז שױן צײַט, אַז די סטודענטן זאָלן זיך נעמען לערנען דאָס, װאָס אַ פֿאַרמער דאַרף קאָנען — האָט געלער געזאָגט. — און פֿאַררירכטן אַ כאָמוט איז זײער אַ װיכטיקע פֿאַרם־אַרבעט.

דערנאָך האָט געלער געפֿרעגט אײזיקן:

— װאָס איז פֿאָרגעקומען צװישן אײַך און מר. מאָלטבי?

— איך בין ניט געקומען אַהער טאָן מיליטערישע איבונגען — האָט אײזיק געזאָגט — האָט ער מיך הײַנט אַרױסגעװאָרפֿן פֿון דער בריגאַדע און האָט מיר געהײסן קומען צו זיך אין אָפֿיס.

— זײַט איר געגאַנגען?

— נײן! — האָט אײזיק געענטפֿערט, און ניט געזען װי קאַפּאָשאַן האָט צו אים געװוּנקען הינטער געלערס פּלײצע, אַז ער זאָל פֿאַרשטײן װאָס צו רײדן.

— איר דאַרפֿט גײן, יונגערמאַן, אים זען. ער איז דער הױפּט פֿון פֿאַקולטעט, און אים קומט רעספּעקט — האָט געלער געזאָגט אָן שום כעס, נאָר פֿאַרקערט, מיט דער װײכקײט פֿון אַן עלטערן צו אַ מינדעריעריקן, ניט־דערפֿאַרענעם. — באַט, אָלרײַט. איך װעל זיך זען מיט מר. מאָלטבי און אײַך פֿאַרענטפֿערן. גוד־באַי!

געלער איז אַװעקגעגאַנגען. קאַפּאָשאַן האָט אים באַגלײט ביז צו דער אָפֿענער גרױסער טיר פֿון שטאַל.

— גיב אים פּלענטי אַרבעט — האָט געלער געזאָגט צו קאַפּאָשאַנען.

— אָ־קעי! איך װעל טרײַען מײַן בעסט — ענטפֿערט קאַפּאָשאַן.

— ברעך אים אײן. דו גײסט דאָך אַרױס אַקעגן ספּרינג אױף דער גרױסער װעלט. און איך װיל, אַז דו זאָלסט מיר אײַנברעכן אַ בחור, װעלכער זאָל קאָנען די אַרבעט טאָן פּונקט װי דו — האָט געלער געזאָגט.

— אָבער דער דאָזיקער בחור איז אַ ביסעלע װײכלעך — האָט קאַפּאָשאַן פֿאַרצױגן זײַנע אױגן מיט די אױסגעצופּטע װיעס.

— װאָס מײנסטו?

— איך בין אַ מבין, מר. געלער. אַז איך זאָג „צו װײכלעך", װײס איך װאָס איך זאָג. ער קומט אַרױס פֿון אַ פֿאַמיליע פֿון „דוכאָװונע"... צי עפּעס אַזױנס, דער גוטער יאָר װײסט עס...

— װאָס האָסטו געװאָלט, ער זאָל קומען פֿון אַ הױז פֿון גנבים?

— ניט דאָס וואָס איך מיין...

— „אָלרייט, בי גוד טו יורסעלף״ — און גנעלער איז אוועק מיט זיין שטאָלצן, פּאַמעלעכן גענגעלע.

באַלד זיינען די סטודענטן געקומען מיט אַ געפּילדער אַרויסנעמען די פערד און זיי שפּאַנען צו דער אַרבעט. דער גלאָק האָט געקלונגען.

קאַפּאַשאַן איז אַריין אין קעמערל, וואו אייזיק איז געזעסן, און געזאָגט:

— קום, העלף מיר אָנטאָן די כאָמוטן אויף די פערד.

אייזיק האָט זיך אויפגעהויבן. זיינע פיס זיינען געווען אַ ביסל שטייף פונעם זיצן רייטנדיק. קאַפּאַשאַן האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ כאָמוט און אייזיק איז אַריין אין שטאַל און נאָך אים האָבן זיך געשלעפּט לייצעס און קייטעלעך מיט אַ געקלינגעריי.

די שטאַל איז געווען פול מיט שאַלנדיקע יונגע קולות. קאַפּאַשאַן איז אויך אַריינגעקומען מיט אַ גאַנג כאָמוטן אויף זיך און איז אַריין אין איינער פון די באַזונדערע קעמערלעך צו אַ פערד און מיט איין ראַזמאַך געטאָן אַ וואָרף דעם כאָמוט אויפן פערד.

דאָס פערד האָט געטאָן אַ טאַנץ מיט זיינע שווערע פיס פון שרעק.

— איך וויל „בייבי״ און „ליידי״! — האָט דער קליינער סטודענט מיט די גרויסע ברילן געזאָגט. — איך בין אַ קליינער און איך וויל אַרבעטן מיט אַ „בייבי״ און מיט אַ „ליידי״...

— דו וועסט נעמען וואָס מען וועט דיר געבן — האָט קאַפּאַשאַן גע־ענטפערט פון אונטערן פערד, פאַרשפּיליענדיק דאָרט די ספּראָנזשקעס פון כאָמוט.

אין עטלעכע מינוט האָט קאַפּאַשאַן מיט דער הילף פון אייזיקן פאַרטיק געמאַכט אַלע פערד צום איינשפּאַנען. אייזיק האָט געשוויצט און קאַפּאַשאַן האָט אים געוויזן אַלערליי קונצן, ווי אַזוי אָנצוטאָן די קאַפּעסטרע, כאָטש דאָס פערד הויבט דעם קאָפּ אין דער הויך און לאָזט זיך ניט.

— כאַפּ אים אָן באַם טשוב, צווישן די אויערן — האָט קאַפּאַשאַן געזאָגט — און דאָס פערד איז באַ דיר אין די הענט.

ער האָט אייזיקן געוויזן ווי אַזוי מען לייגט דעם פערד אַריין דאָס צוימל אין מויל אַריין.

— שטעק אַריין צוויי פינגער אין ביידע ווינקלען פון זיין מויל. אָט אַזוי. זעסט, ווי ער עפנט דאָס מויל. עס איז אַזוי גרינג, ווי צו עסן אַ שטיקל פּאַי — האָט קאַפּאַשאַן געזאָגט. — און איצט לאָמיר זען. אייזיק, פיר אַרויס „בייבין״ מיט „ליידין״.

אייזיק איז אַריין און אויפגעבונדן „בייבין" און איר אַרויסגעפירט פון איר קעמערל. „בייבי" האָט צו אים געשמעקט און געטאָרקעט אייזיקס אַקסלען מיט זיין מאָרדע. עס איז געווען אַ ווייס־גרוי פערד מיט שוואַרצע פינטלען. די גריווע זיינע אויסגעקעמט און קוטשעראַווע, ווי אַ פאַרגליווער־טער וואַסער־פאַל. אייזיק האָט אויסגעזען ווי אַ מילב אַקעגן דעם גרויסן, ריזיקן פערד. אייזיק האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, כדי ער זאָל קאָנען אַרויסברענגען דעם צווייטן פערד. קאַפּאָשאַן האָט שוין דערווייל אַרויס־געפירט צוויי גרויסע, שוואַרצע פערד, גלאַנציקע ווי סמאָלע און מיט אָנ־געפּאַקעוועטע, אויסגערונדיקטע גלידער.

— קאָנסט זיך קיין עצה ניט געבן... — לאַכט קאַפּאָשאַן פון אייזיקן.

— אָלרייט, נעם די צוויי אָדלערס און פיר זיי אַרויס.

אייזיק האָט גענומען מיט ביידע הענט די צוימלעך בא די צוויי שוואַרצע שיינהייטן. ער צווישן זיי און זיי ביידע פון ביידע זייטן מיט די שיינע, אויסגעבויגענע קעפּ, ווי בא שוואַנען, אָבער מיט גרעסערע העלדזער. אַזוינע שיינע העלדזער האָט נאָך אייזיק אין זיין לעבן ניט געזען. עס איז איצט ניט געווען קיין גלייכן צו אים אױף דער גאַנצער וועלט. ער איז אַ שטאָלצער מיט זיינע צוויי גראַציעס אַרוים פון שטאַל.

אין דרויסן איז געווען אַזוי שיין און מילד. די זון האָט געשניטן אין די אויגן. איבעראַל איז געווען אַזוי פיל ליכט און פון אַלץ האָט געשמעקט מיט זוניקייט, מיט ווייטע, אויסגעוואַרעמטע קרייטעכער און סאָסנע־נאָדלען, און מיט געפּראַזשעטן זאַמד. פון דעם שאַרפן ריח פון פערד־שוויים האָבן זיך די נאָזלעכער צעשפּרייט און אָט־די גוטע, פיינע און געשמאַקע ריחות זיינען אַריין אין בלוט. עס איז געווען גוט, עס האָט געמונטערט צו דער אַרבעט.

אין גרינע וואָגנס מיט שטאַרקע, גרויסע רעדער, וואָס זיינען אַזוי שווער און שטאַרק געשטאַנען אױף דער ערד, האָט מען איינגעשפּאַנט די פערד. מ'איז געפאָרן ברענגען „זעגאַכץ" פון דער זעג־מיל אין דענעסוויל.

די סטודענטן שטייען אין די וואָגנס, איינער טרייבט די פערד. עס איז אַ זאַמדיקער, פלאַכער וועג. די פערד גייען פּאַמעלעך און שאָקלען מיט זייערע קעפּ. די סטודענטן, אַלע כמעט יונגע, געקומענע פון רוס־לאַנד, זייער אַ קליינע צאָל פון רומעניע אָדער גאַליציע. זינגען די סטודענטן רוסישע לידער, „דובינושקאַ" און „סאָלנצע ווסכאָדיט". מען איז שוין אַרויס פון די גרענעצן פון דער אַגריקולטור־שול. עס איז אַ געדיכטער סאָסנע־וואַלד פון ביידע זייטן וועג. די סאָסנעס הויכע, גרינע און שלאַנקע.

עס פֿאָרן פֿינף וואָגנס אָנגעלאָדן מיט בחורים אין סאָלדאַטסקע אוני־פֿאָרמס. דאָס געזאַנג לעבערט דעם וואַלד. פֿון טיפֿעניש פֿון וואַלד ענטפֿערט אַן עכאָ. די זון באַקט. דער וועג איז אַ העלער און ליכטיקער.

דער ערשטער וואָגן בלײַבט שטיין. די סטודענטן שפּרינגען אַראָפּ.

— לאָמיר האַלטן אַ מיטינג אינמיטן וואַלד.

— לאָמיר, קינדער, האַלטן אַ מיטינג.

— הײַדאַ!

— מיר ווילן ניט קיין מיליטערישע איבונגען!

— קינדער, לאָמיר זיך אָרגאַניזירן און קעמפֿן קעגן מיליטאַריזאַציע!...

— מיר ווילן ווערן ערד־אַרבעטער און ניט קיין סאָלדאַטן!

פּאַסינקי, דער פּרעזידענט פֿון דעם סטודענטן־פֿאַרייַן, האָט זיך אַרויפֿ־געכאַפּט אויף אַ וואָגן און געפֿירט דעם מיטינג.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט צוצושטעלן די פֿאָדערונגען צום פֿאַקולטעט פֿון סקול.

דערנאָך האָט מען געשריען הורא. די ביימער האָבן זיך געוואונדערט. פֿויגעלעך אויף די ביימער האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און געהערט.

דער קאַראַוואַן מיט די וואָגנס איז ווײַטער געפֿאָרן און די שיינע פֿערד האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ.

אײַזיקן האָבן די חברים געדריקט די האַנט פֿאַרוואָס ער איז געווען דער ערשטער אַרויסצוטרעטן קעגן מיליטערישע איבונגען.

פערטער קאפּיטל

די סטודענטן זיינען צוריקגעקומען פון דענעסוויל מיט פולע וואַגנס זעגעכץ. זיי האָבן שוין ניט געקאָנט באַוויזן אויסצולאָדן, ווען דער גלאָק האָט געקלונגען אױף מיטאָג. מען האָט אין גרוים איילעניש אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אַנגעטרונקען בײַ דער פּאָמפּע.

אייזיק האָט געהאָלפן קאַפּאַשאַנען אַנצוהאָדעווען די פערד מיט היי און האָבער. יעדעס פערד האָט געקראָגן אַ בינטעלע היי און אַ מעסטל האָבער. דאָס היי איז פון בוידעם אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך קאַפּאַשאַנען, פון אַן עפענונג אין סטעליע פון שטאַל. דער האָבער האָט זיך געצאַפּט פון אַ הילצערנעם קאַסטן גלייך אין מעסטל אַריין. אַ קליין קיילעכיק טירל האָט זיך אויפגערוקט און האָבער־קערנער האָבן זיך גערוקט אין מעסטל אַריין. אַ טערפּקער ריח פון טרוקענעם ערד־שטויב איז געקראָכן אייזיקן אין דער נאָז. נאָענט בײַ דעם קאַסטן מיט האָבער איז אויך געווען אַ קליין קעסטל מיט זאַלץ. יעדעס מעסטל האָבער האָט אייזיק צוגעטראָגן צו דעם קעסטל, געעפנט אַ טירעלע און אַרויסגעלאָזט אַ ביסל זאַלץ אױף דעם האָבער.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי פיל געזאַמט אין דענעסוויל? — האָט קאַפּאַשאַן געפרעגט פאַרביילויפנדיק אייזיקן.

אייזיק האָט ניט געוואוסט צי ער מעג דערציילן קאַפּאַשאַנען וועגן דעם מיטינג אין וואַלד. ער האָט גיך בײַ זיך אָפּגעמאַכט אים ניט צו דערציילן.

נאָכן אָנבייסן זיינען געווינלעך די סטודענטן געקומען אין דער „סאָשעל־רום" זיך אָפּרוען. דאָ האָט יעדער געקראָגן זיין פּאָסט. מען איז געזעסן און געלייענט בריוו פון נאָענטע, אָדער מען האָט געלייענט צייטונגען.

פּאַסינקי, דער פּרעזידענט פון סטודענטן־פאַריין, איז אַריין און געטאָן אַ קלאַפּ אין טיש, וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן.

— פריינט, מיר וועלן האָבן אַ קורצן מיטינג. איך האָב עפּעס צו אַנאָנסירן.

עס איז געוואָרן אַ גערודער. די סטודענטן, וואָס האָבן געלייענט בריוו, האָבן אָנגעהויבן האַסטיק צונויפלייגן די בריוו. בענקלעך האָבן זיך גערוקט.

— פריינט — האָט פּאַסינקי אָנגעהויבן. — ווי איר ווייסט, זיינען מיר אַלע דאָ געקומען אַהער זיך לערנען פאַרמעריי. פּלוצים איז אָבער אונדזער פאַקולטעט איינגעפאַלן אונדז צו דערציען אין מיליטערישע איבונגען. געטאָן

האָב זיי עס אַף זייער אייגענער אחריות. גאָר באַ אונדז ניט געפרעגט, צי מיר ווילן, צי ניט. — דאָ האָט פּאַסינקי געהעכערט זיין שטים. — צי מיר ווילן? איך בין איבערצייגט, אַז מיר ווילן ניט!

— מיר ווילן ניט!

— מיר ווילן ניט! — האָבן סטודענטן געשריען פון אַלע זייטן.

— פריינט, די צייט איז קורץ. באַלד דאַרף מען גיין אין קלאַס. איך שלאָג פאָר, אַז אַ קאָמיטע פון איין פאַרטרעטער פון די סיניאָרס, דזשוניאָרס און פרעשמען זאָלן גיין צום סופּער, מר. געלער.

— איך שלאָג פאָר, אַז עס זאָל זיין צוויי אַנשטאָט איינעם — שרייט אויס איינער.

— עס איז גענוג איינער.

— פריינט, איך וועל עס נעמען צום אָפּשטימען.

עס איז אָפּגעשטימט געוואָרן, אַז עס זאָלן גיין דריי פאַרטרעטער צום סופּער. און טאַקע באַלד זיינען זיי אוועקגעגאַנגען מיט דער פאָדערונג, אַז די סטודענטן ווילן ניט קיין מיליטערישע איבונגען.

דער סופּער, מר. געלער, האָט געוואוינט אין אַ באַזונדערן קאָטעדזש ניט ווייט פון שול. עס איז געווען אַ שיין, צוויי־שטאָקיק, הילצערן הויז, אַרומגערינגלט מיט גרינע לאָנען און אויסגעלייגטע סטעזשקעלעך, באַשאָטענע מיט קליינטשינקע, ווייסינקע ים־שטיינדעלעך. באַ די ברעגן פון די סטעזשקעלעך — גרינע קוסטעס און אַלערליי טראָפּישע פלאַנצן. דאָס הויז האָט פאַרמאָגט אַ שפּיציקן דאַך פון געפאַרבטע שינדל און טורעמס מיט פענצטערלעך אין אַלע פיר זייטן. די ווענט מיט גרויער פאַרב און די פענצטער מיט ווייסער פאַרב. פון פאָרנט אַ באַלקאָן מיט עטלעכע טרעפּ אַרויפצוגיין.

די קאָמיטע פון דריי סטודענטן איז אַרויפגעגאַנגען מיט די טרעפּ. די הערצער באַ זיי קלאַפּן ווי מיט האַמערס. אַ קלונג אין גלעקל — עס באַווייזט זיך מיס קענטאַר.

— וואָס איז געשען? — שטעלט זי דורך די קאָמיטע מיט אירע גרויסע אויגן.

— מיר זיינען אַ קאָמיטע פון אַלע סטודענטן צו מר. געלער.

— צו מר. געלער? וועגן וואָס?

— מיר ווילן רעדן מיט מר. געלער.

— ער רוט איצט — פלאַמט אויף דאָס פּנים פון מיס קענטאַר מיט צוויי קרענקלעכע רויטע פליאַמעס. — אפשר קאָנט איר עס מיר דערציילן?

— מיר מוזן זען מר. געלער — באשטייט די קאָמיטע אויף זייערס.

— אָלרייט, קומט אריין, אָבער זייט פּאָרזיכטיק. מר. געלער כאַפּט א דרעמל — האָט מיס קענטאָר געזאָגט און זיך אָפּגערוקט אין א זייט און דורכגעלאָזט די קאָמיטע אינעווייניק דורך דער אָפענער טיר. זי האָט באַטראַכט יעדן פון דער קאָמיטע אונטערארומעט. דערהויפּט האָט זי געקוקט אויף זייערע שווערע שטיוול; עס האָט זיך באַ איר שיר ניט אָפּגעריסן דאָס האַרץ, ווען זי האָט געזען ווי זיי טרעטן מיט די דאָזיקע שטיוול אויף די טייערע טעפּיכער.

מיס קענטאָר האָט פאַרמאַכט די טיר. דערנאָך האָט זי אריינגעפירט די קאָמיטע אין א גרויסן צימער מיט א סך ווייכע טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע. אין א ווינקל פון צימער — א שרייב־טיש פון שווארצן האָלץ מיט א בענקל פונקט אין ווינקל. דאָס בענקל אויך פון שווארצן האָלץ, מיט א הויך געשניצט ווענטל. אין צימער איז געווען איין איינציקער דיוואַן מיט אַן אַנטיטשנעם שפּרייטל, פון געשווירענעם פּליוש. דאָס שפּרייטל איז געלעגן מיט א סך פאַלדן, אַזוי ווי מיט א ברייטער האַנט צעשפּרייט איבער דער פּאָדלאָגע. אויפן דיוואַן — בערג מיט סאַמעטענע קישעלעך, פיר־עקעכיקע, קײַלעכיקע און דריי־עקעכיקע. אין ווינקל איבער דעם שטול איז אויף דער וואַנט געהאָנגען א שווערד און א פאָן, מיט איניציאַלן: „אייטש, איי, עס".

מיס קענטאָר האָט די קאָמיטע איבערגעלאָזט אין אָט־דעם צימער און איז אַוועק מיט דראָבנע טריט אין דעם דערבייאיקן קאָרידאָר. דורך דער ברייטער, אָפענער טיר האָט מען זי געזען אַרויפלויפן די טרעפּ. זי וואַרפט א בייזן בליק לויפנדיק און טראַכט: — „פאַרפלוכטע שנאָרער!" דאָס איז באַ איר געווען דער באַליבטער נאָמען, מיט וועלכן זי האָט אָנגערופן אַלע סטודענטן פון דער שול.

זי איז אריין אין דעם שלאָף־צימער מיט א קלאַפּ אין טיר. דאָס איז געווען מר. געלערס באַזונדערער שלאָף־צימער. אָט אַזוי האָבן זיי זיך דאָ געפירט. מר. געלער באַזונדער א שלאָף־צימער און זי, מיס קענטאָר, האָט אויך א באַזונדער שלאָף־צימער. כאָטש זיי האָבן געוואוינט אין איין קאָטעדזש און עס איז פאַר קיינעם פון די סטודענטן ניט געווען קיין סוד, אַז זיי לעבן ביידע, ווי מאַן און ווייב. זיי האָבן זייער צבועיאַטסטווע אָנגעהאַלטן אפילו באַ זיך, מיט דעם וואָס מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר ווען איינער האָט געוואָלט אריינגיין צום צווייטן.

מר. געלער איז געלעגן באַ זיך אין שלאָף־צימער אויף א שטרעק־שטול און געדרעמלט, ווען מיס קענטאָר איז אריין.

— וואָס איז געשען, טײַערע? — האָט ער געפרעגט, און זיך אָפּגערוקט, כדי זי זאָל זיך קאָנען צוזעצן לעבן אים. מיס קענטאָר האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעשפּאַרט אירע בײַנערדיקע עלנבויגנס אַף זײַן ברוסט.

— די „פּאַרפּלוכטע שנאָרער" זײַנען געקומען צו דיר אין אַ קאָמיטע.

— צו מיר?!

— זיי זײַנען דאָרטן בײַ דיר אין צימער.

— וואָס ווילן זיי? — צינדט זיך מר. געלער אָן.

— זיי ווילן מיר ניט זאָגן.

מר. געלער האָט זיך געטאָן אַ ריס פון שטרעק־שטול.

— טײַערער, מען דאַרף וויסן ווי אַזוי מיט זיי צו האַנדלען.

— איך וועל זיי אַרויסוואַרפן — די שנאָרער!

— ניין, טײַערער, הער אוים פריער וואָס זיי ווילן.

— איך וויל ניט, אַז זיי זאָלן קריכן צו מיר מיט זייערע שמוציקע שטיוול!

— רואיק, טײַערער! גיי אַראָפּ און הער וואָס זיי ווילן. דערנאָך וועלן מיר וועגן דעם שמועסן. זאָג זיי גאָרניט צו, אָן מײַן וויסן!

— אָלרײַט, טײַערע! — האָט מר. געלער אין זיך איצט געפילט אַ שנאה צו מיס קענטאָר, כאָטש ער האָט זי גערופן „טײַערע".

מר. געלער איז אַראָפּגעקומען צו דער קאָמיטע. ער האָט געטאָן אַ שאָקל מיט זײַן קאָפּ, אַלס אַ באַגריסונג צו די דרײַ סטודענטן. זײַן פּנים איז איצט געווען אַזוי רויט, ווי דער קאָליר פון זײַנע רויטע האָר. ער האָט זיך געזעצט אַף דעם בענקל, זײַנע גרויסע אויגן אונטער די טערקאָטע וויעס האָבן געהאָט אין זיך דעם בליק פון אַ ווילדן חזיר, ווען ער וואַרפט זיך אַף זײַנע שונאים ערגעץ אין דער ווילדערניש.

— וואָס וועט איר זאָגן?

— מיר זײַנען אַ קאָמיטע פון אַלע סטודענטן.

— אַ קאָמיטע?! וואָס איז געשען, וואָס מע דאַרף צו מיר שיקן קאָמיטעס?

— מיר, די סטודענטן, האָבן באַשלאָסן, אַז מיר ווילן ניט קיין מיליטערישע איבונגען.

מר. געלערס פּנים איז געוואָרן רויט. ער האָט זיך אַזש געהויבן פון זײַן בענקל. ער האָט מיט ציטערדיקע, פּוכקע הענטעלעך געזוכט עפּעס אַפן טיש. דאָרט איז אין גוטער אָרדענונג געלעגן אַ קלעק־לעשער מיט ריינעם קלעק־פּאַפּיר אַף זײַן האַלב־רונדן בייכל. עס איז געשטאַנען אַ שרײַב־געצייג

איינגעפאַסט אין רויטן מאַרמאָר און עס איז געלעגן אַ ביינערדיק מעסער מיט וועלכן מען עפנט בריוו.

— דאָס איז אַ באַשלוס פון דעם נאַציאָנאַלן אָפיס — האָט מר. געלער מיט כעס אַרויסגעשיפּעט. בשעת מעשה האָט ער געטאָן אַ בייזן שטויס אַוועק מיטן ביינערדיקן מעסער.

— מיר פאַרטרעטן אַלע סטודענטן. מיר בעטן אייך אָפּשטעלן די מיליטערישע איבונגען — האָט געזאָגט איינער פון דער קאָמיטע, מיטן נאָמען טאַנסקי, אַ געזונטער בחור, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ פיר־עקעדיק פּנים, מיט אַ שוואַרצן טשוב האָר איבער זיין קליינעם שטערן. ער האָט פאַרטראָטן די סיניאָרס, די עלטסטע סטודענטן דאָ אין שול. טאַנסקי איז דאָ אין שול געקומען מיט נאָך עטלעכע בחורים פון „הפּועל הצעיר" זיך לערנען אַגריקולטור, און זייער אַמביציע איז געווען צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

מר. געלער האָט אים געטאָן אַ שטאָך דורך און דורך מיט זיינע אויגן.

— אָבער עס איז ניט אין מיינע הענט.

— אָלרייט, נעמט עס אויף מיט וועמען איר פאַרשטייט — האָט טאַנסקי געטאָן אַ וואָרף מיט זיין טשוב האָר. — מיר ווילן ניט קיין מיליטערישע איבונגען.

— האָט איר פיינט אַמעריקע?

— מיר האָבן ליב דאָס לאַנד.

— און אַז אַ שונא וועט באַפאַלן דאָס לאַנד?

— צוליב דעם צוועק זיינען מיר אַהער ניט געקומען — ענטפערט דאָקטאָראָוויטש, אַ הויכער בחור און אַ דאַרער, מיט זומער־שפּרענקעלעך אויף זיין פּנים. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון די דזשוניאָרס, פון די סטודענטן, וואָס זיינען שוין דאָ אין שול איין יאָר. — מיר זיינען אַהער געקומען לערנען אַגריקולטור.

— וועמען עס געפעלט ניט אונדזער שול — ווייסט וואָס צו טאָן... — זאָגט מר. געלער און קערט אָפּ זיין פּנים אין אַ זייט. — איר גייט בעסער אין די קלאַסן. איך וועל אייך דערווייל גאָרניט צוזאָגן. דאָס אַלץ. — מר. געלער האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אַרויסגעפירט די קאָמיטע אינדרויסן מיט אַ העפלעכן נויג.

און באַלד ווי די קאָמיטע איז אַרויס איז שוין מיס קענטאָר מיט בייזע, דריבנע טריט אַראָפּגעקומען דורך די טרעפּ פון אויבן.

— וועל, טייערער?

— זיי ווילן ניט קיין מיליטערישן דריל.

— וואָס הייסט, זיי ווילן ניט?! — גיט מיס קענטאָר א קוויטש און איר מאַנגאַליש־ענלעכער פנים ווערט צעקרימט. — ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?!

— איך האָב זיי געזאָגט, אַז עס ליגט ניט אין מיינע הענט.

— וואָס האָסטו געטאָן?! האָסט אַליין צוגעגעבן, אַז דו ביזט דאָ ניט דער באַלעבאָס!

— וואָס דען האָב איך זיי געקאָנט זאָגן? זיי פאָדערן... דו ווייסט ניט, וואָס אַט־די איסט־סיידער שנאָרער קאָנען נאָך אונדז אָפּטאָן..

— איך וועל זיי אַלעמען אַרויסשיקן פון דאַנען!

— היץ זיך ניט! זיי אַרויסשיקן קאָנען מיר ניט. עס וועט ווערן אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל.

— וואָס האָסטו אַזוי מורא? דער נאַציאָנאַלער אָפיס פון באָראָ הירש פאָנד וועט האַלטן מיט אונדז.

— אָבער וואו וועלן מיר קריגן נייע סטודענטן? די שנאָרער וועלן עס צעפּויקן אין די צייטונגען און מיר וועלן קיין נייע סטודענטן ניט קריגן.

— דו ביסט אַלעמאָל געווען א שוואַכינקער, מיין העלד, און עס וועט דיר שוין ניט העלפן גאָר ניט.

— אָלרייט, זאָג וואָס זאָל איך טאָן. איך האָב די קאָמיטע געוואָלט אַרויסוואַרפן, האָסטו ניט געלאָזט. איצט ווייסטו שוין וואָס זיי ווילן. גיב אַן עצה.

— מיין עצה: א מיטינג מיט דעם גאַנצן פאַקולטעט. און טאָקע שוין איצט.

— איצט זיינען די קלאַסן.

— נעווער־מאַינד די קלאַסן! — האָט מיס קענטאָר געטאָן א שפּרונג צום טעלעפאָן, ווי א בייזער טיגער. זי האָט אין איר נערוועזיטעט פאַרגעסן וויפיל מאָל זי באַדאַרף קלינגען צום צענטראַלן אָפיס, כדי זי זאָל קריגן א פאַרבינדונג.

זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און בשעת זי האָט גערעדט אין טעלעפאָן־רערל האָט זי געפּרואווט זיך אָנשטרענגען צו זיין ווי ווייט מעגלעך פּאָלירט אין אויסשפּראַך. זי האָט גערעדט מיט א מענערשער שטים, ווי איר שטייגער איז געווען צו רעדן.

אין צען מינוט שפּעטער זיינען געקומען צו מר. געלער אין קאַטעדזש אַריין מר. מאַלטבי, מר. לואיס און מר. קרעיג — די דריי וויכטיקע מיטגלידער פון דעם פאַקולטעט.

פּראָפעסאָר מאָלטבי איז שוין איצט געווען אָנגעטאָן ציוויל, אין אַ פײַנעם גאַרניטור און געפּוצטע האַלבע שיך. פּראָפעסאָר קרעיג, אַ קלײַנ־טשיקער און אַן אויסגעדאַרטער, מיט שוואַרצע וואָנצעלעך און מיט אַ ווײַסער גערַאַניום־בלום אין זײַן לאַץ — האָט זיך געהאַלטן אין גלעטן די וואָנצעס אַהין און אַהער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ברוגזער און געקוקט מיט זײַנע שמאָלע, האַלב־אָפענע אויגן צום דיל. פאַרקערט, פּראָפעסאָר לואיס, אַ הויכער, געזונטער יונג, אָנגעטאָן אין קאָרדוראָי־הויזן און אין אַ פּאָר שווערע פאַרמער־שטיוול פאַרשנורעוועטע ביז צו די קני און פאַרבלאָטיקטע פּאָ־דעשוועס. זײַן העמד, פון גרויען פלאַנעל, איז געווען צעשפּיליעט באַם האַלדז און זײַנע ריסיאווע האָר צעבאַרשטן. זײַן פּנים האָט אַן אַ שיר געשמייכלט בשעת ער האָט געפּרואווט פלירטעווען מיט דער מיס קענטאָר.

מר. מאָלטבי איז געווען פּראָפעסאָר פון אַלגעמיינער אַגריקולטור. אַליין אַ גראַדויִרטער פון אילינאָיער קאָלעדזש. זײַן פאָטער האָט פאַרמאָגט אין אילינאָי אַ גרויסע אימעניע פון מילך־פּראָדוקטן. אין דער באַראָן הירש שול איז ער אויך געווען דער וועטערינאַר און ספּעציאַליסט אין האָדעווען און דערציִען קי, חזירים און פערד. מר. לואיס איז שוין אַרויסגעקומען פון אַן אָרעמער פאַמיליע און האָט גראַדויִרט פּרינסטאָן אוניווערזיטעט. דאָ האָט ער געלערנט מיט די שילער אַריפמעטיק, פיזיאָלאָגיע און זיך ספּעציאַלי־זירט אויף האָדעווען עופות. בשעת ער האָט געלערנט מיט די סטודענטן ווי אַזוי צו האָדעווען עופות, איז דאָס געווען בײַ די סטודענטן די בעסטע איבער־לעבעניש דאָ אין שול. די סטודענטן האָבן אים זייער ליב געהאַט, און פּראָפעסאָר לואיס האָט זיך מיט זיי געפירט זייער דעמאָקראַטיש און זיך מיט זיי געחברט.

פּראָפעסאָר מאָלטבי האָט זיך, פאַרקערט, געהאַלטן שטײַף און זיך געגדולט אַקעגן די סטודענטן. ער האָט תמיד אַרויסגעוויזן אין זײַן האַלטונג דעם בענאָק פון אַ רײַכן פּעדאַלן פּריץ. די סטודענטן האָבן אים פײַנט געהאַט. ער איז גאָר ניט געווען אַזוי פּאָפּולער מיט זײַנע לעקציעס וועגן כעמיע, פּי־צוכט, באַמיסטיקונג, פאַרזייאונגען, מילך־ווירטשאַפט און אַגרי־קולטור־מאַשינען. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין אָט־די אַלע ענינים, האָט ער אָבער בשעת זײַנע לעקציעס זיך געהאַלטן אויף אַ מאָדנער הויך איבער זײַנע סטודענטן. עפּעס איבערפרעגן בײַ אים האָט מען ניט געטאָרט. ער איז געווען ניט קיין איבעריק קלוגער, און באַלד געטאָן דעם איבערפרעגער „אַ פּאַטש אין פּנים" מיט אַ ניט־אַנגענעם וואָרט. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען דער הויפּט־לערער און בײַ אים אין די הענט זײַנען געווען די שליסל

צום הויפּט־וויסן וועגן די גרונטאָוונע אַגריקולטור־וויסנשאַפטן, האָבן דער־פאַר די סטודענטן געזוכט מיט אַלע מיטלען מיט אים אויסצוקומען. גיי זיי מיט אים ברוגז — אַז דער מר. מאַלטבי האָט געוויזן כעמישע עקספּערימענטן אין דער לאַבאָראַטאָריע, ווי אַזוי מען טײַלט אָפּ פעטס פון דער מילך. אָדער ער האָט געוויזן ווי אַזוי מען גרייט צו אין דער לאַבאָראַטאָריע אַלערליי מעדיצינישע מיטלען פאַר קראַנקע קי און פערד. ער האָט געוויזן אַלערליי עקספּערימענטן אין כירורגיע אויף פערד, קי און חזירים. ער האָט געוויזן קונצן מיט צענעמען אַ שנייד־מאַשין אויף פּיצ־פּיצלעך און געלערנט די סטו־דענטן ווי אַזוי די מאַשין צוריק צוזאַמענצושטעלן.

דערפאַר אָבער, האָבן שוין די סטודענטן זייער שטאַרק פיינט געהאַט דעם קליינטשיקן פּראָפעסאָר, מר. קרעיגן. ער האָט געגעבן לעקציעס וועגן דער ענגלישער שפּראַך און גראַמאַטיק; זיין ספּעציאַליטעט איז געווען האָרטי־קולטור, פרוכט־ביימער, פלאַנצן און בלומען. און אַזוי ווי ער האָט שטאַרק פיינט געהאַט מענטשן, אַזוי האָבן די אידישע יונגעלייט שטאַרק פיינט געהאַט זיינע בלומען, פרוכט־ביימער און פלאַנצן. קומען פלעגט ער אין קלאַס־צימער אַלע מאָל מיט אַ בלום אין לאַץ. גראַמאַטיק האָט ער זייער ווינציק אַליין געקענט — פלעגן אים די סטודענטן כאַפּן אין אַלערליי גרייזן. האָט ער דאָך ניט געקאָנט באַ זיך פועלן, אַז זיי זאָלן אים כאַפּן אין גרייזן... איז אַזוי קליין ווי דאָס איז געווען, האָט ער געיאָדעט די סטודענטן און זיי געגעבן די וועלט צו זען. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז די סטודענטן האָבן פיינט צו הערן אים רעדן איבער פרוכט־ביימער און פלאַנצן, האָט ער אַלע מאָל, בשעת זיי האָבן אים געכאַפּט אין אַ גרייז אין דער גראַמאַטיק, זיי באַלד גענומען באַשטראָפן מיט אַ לעקציע וועגן האָרטיקולטור: „דאָ וועט איר מיר שוין ניט קאָנען כאַפּן אין אַ גרייז!...״ ער פלעגט זיך דעמאָלט אוועקשטעלן רעדן לאַנג און פּאַדראָבנע וועגן גערעניום־בלומען, אָדער וועגן עפּל־ביימער. גערעדט האָט ער זייער ניט אינטערעסאַנט. ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן יעדע פראַזע צוויי מאָל. אַ טייל פון די סטודענטן פלעגן באַ זיין לעקציע איינדרעמלען, פלעגט ער אַראָפּגיין פון זיין קאַטעדרע און צוגיין צו דעם דרעמלער און אים אָנכאַפּן באַם אויער און געבן אַ גוטן ריס. באַלד דערויף האָבן די סטודענטן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. און פּראָפעסאָר קרעיג פלעגט פון כעס געבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און איבערלאָזן דעם קלאַס און אַנטלויפן.

אין באַראָן הירש שול זיינען געווען נאָך צוויי לערער. איינער — מר. פּעטערסאָן, וועלכער האָט געגעבן לעקציעס וועגן גאָרטנוואַרג און איינער מר.

שאַלעמבוירגער, אַן אַלטער דייטש, וועלכער האָט געגעבן לעקציעס וועגן בינענצוכט און פלאַנצן אונטער גלאָז. אָט די צוויי לערער האָט מיט קענטאַר ניט איינגעלאַדן צו דער באַראַטונג פון דעם פאַקולטעט אין געלערם קאַטעדזש.

דער גלאָק האָט געקלונגען און גערופן די סטודענטן אין די קלאַס־צימערן. אין דרויסן איז געווען וואַרעם און פון דער דאָרמיטאָרי האָבן זיך געצויגן רייען סטודענטן מיט ביכער אונטער זייערע אָרעמס. די געביידע פון די קלאַס־צימערן, אַ גרויסע מיט לאַנגע פענצטער און מיט אַ שווערן דאַך, מיט אַ טורעם אויפן שאַרף פון דאַך. דער טורעם, מיט לאַנגע פענצטער און מיט אַ מאַסט־בוים, אויף וועלכע עס האָט געפלאַטערט אַ בלויע פאָן — דער עמבלעם פון דער שול, מיט ווייסע בוכשטאַבן.

דער פראָנט פון דער געביידע איז געווען געווענדעט צום וועג, וועלכער איז געלאָפן עטלעכע יאַרד, נאָענט לעבן די באַן־רעלסן. עס האָבן זיך געזען די טעלעפאָן־סלופּעס לויפנדיק מיט דראָטן פאַזע דעם וועג. אויף דער אַנדערער זייט פון דער אייזנבאַן־ליניע — אַ סאַד מיט פרוכט־ביימער. די ביימער — אָן בלעטער, מיט שיינע קעפּ באַצווייגטע, זיינען געלאָפן אין גלייכע שורות, פּאַראַלעל מיט דער טיר פון דער געביידע. צו דער טיר האָבן ארויפגעפירט עטלעכע טרעפּ. עס זיינען געשטאַנען פיר ווייס־אויסגעפאַרבטע קאָלאָנען באַם אַריינגאַנג צו דער טיר. די טיר איז געווען ברייט אָפן און סטודענטן האָבן געשטראָמט אין גרופּעס פון דריי און פיר דורך דער טיר. אינעווייניק אַ קאָרידאָר. פון ביידע זייטן קאָרידאָר גרויסע טירן. אויף די טירן — די נעמען פון די לערער. עס איז אויך געהאַנגען אַ גרויסע, שוואַרצע בולעטין־ברעט, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן, מיט קרייד, די גאַנצע פּראָגראַם פון די קלאַסן פאַר דער וואָך.

די סטודענטן זיינען אריין אין די צימערן, יעדער נאָך זיין קלאַס נאָך: סיניאָרס באַזונדער און דזשוניאָרס באַזונדער, און אַזוי די פרעשמען.

דאָס געפּילדער פון דער חברה יונגוואַרג האָט געלעכערט די ווייסע ווענט פון די קלאַס־צימערן. הויכע ווענט מיט הילצערנע פּאַנעלן פון נאַטיר־לעכן דעמבאָוון האָלץ. די פּאַדלאָגעס פון קאָנקריט און געפאַרבט מיט גרויען גלאַנציקן אויל־פאַרב. די בענקלעך מיט ספּעציעלע טישלעך פאַר יעדן סטודענט באַזונדער. אין פאָדערגרונט אַ קאַטעדרע מיט אַ שטול און אַ שטענדער. אַ קליין הילצערן העמערל אויפן שטענדער. אויף דער וואַנט הינטערן שטענדער אַ טאַבעלע פון שוואַרצן גראַפיט, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע וואַנט. באַם פוס פון טאַבעלע אויף אַ לייסטל ליגן קישעלעך אויף אָפּצואווישן דעם קרייד פון דער טאַבעלע און עס שטייט אויך אַ קעסטעלע מיט קרייד.

אייזיק איז אריין מיט זיין קלאַס פון די „פרעשמען" אין דעם צימער, וואו עס איז געווען אָנגעשריבן מר. קרעיגס נאָמען. דער דאָזיקער קלאַס איז באַשטאַנען פון אָרום עטלעכע און דרייסיק סטודענטן. אייזיק האָט נאָך ניט געהאַט קיין שום ביכער. עס איז געווען זיין ערשטער טאָג אין קלאַס. אָבער כאָטש עס איז געווען זיין ערשטער טאָג, האָט ער שוין געשטעקט ביז איבער די אויערן אין דער טיף פון איבערלעבונגען. אָט איז די באַוועגונג קעגן מיליטערישע איבונגען פון אים אָנגעהויבן געוואָרן. און ער איז געווען איינער פון דער קאָמיטע צום סופער. און אייזיק האָט געפילט דעם פולס פון דער סטודענטשאַפט. קיינער איז ניט געווען קעגן קאַמף, אויב מען וועט דאַרפן קעמפן... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ אין „פרעשמאַן"־קלאַס זיינען אַלע געווען האַרעפּאַשניקעס פון ניו־יאָרק. זיי האָבן כמעט אַלע געהאַט צו דערציילן דאָס אייגענע, וואָס אייזיק האָט דורכגעמאַכט אין זיין פאַך: סטרייקס... פאַרלוירן... געוואָרן אַוועקגעשטעלט פון די באָסעס אַף דעם שוואַרצן ליסט... די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער שטאָט איז שלעכט... האָט מען זיך געוואָלט ראַטעווען אַפן דאָרף... איז מען זיך דאָ באַם באַראָן הירש געקומען אויסלערנען די מלאכה פון ערד־אַרבעט. איינער פון זיינע חברים אין צימער, דער קליינטשיקער כייפעץ, איז אין ניו־יאָרק געווען אַן אַפּערייטאָר באַ קלאָוקס. חוץ דעם איז ער פון קליינערהייט אַן אַרטיסט. ער האָט ליב צו קלעפּן פיגורן פון קליי און קאָן אויך מאָלן.

אייזיק האָט אים געטאָן אַ נעם דורך מיט זיינע אויגן.

— אַן אַרטיסט? פאַרוואָס זשע אַרבעט איר ניט אַף זיך?

— סע גוט צו זאָגן, אַרבעט אַף זיך — ענטפערט כייפעץ און זשמורעט מיט זיינע קליינע אויגן. — און ווער וועט פאַר מיר מאַכן אַ לעבן?

— אַ לעבן? — פרעגט איבער אייזיק און קוקט טיף אריין כייפעצן אין די גרוי־וואַסערדיקע אויגן.

— איך ווייס וואָס איך רעד — ענטפערט כייפעץ. — איך קאָן מאַכן די שענסטע פיגורן אין דער וועלט, אַלץ מיט מיינע אייגענע פינגער. אָט וועט איר באַלד זען ווי איך מאַך מיט קרייד, עקזעקטלי, די פּיקטשע פון אונדזער ליבן מר. קרעיג.

כייפעץ איז צוגעגאַנגען צו דער טאַבעלע, זי גוט אָפּגעווישט מיט אַ קישעלע און מיט קרייד גענומען צייכענען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַף דעם בענקל, וואו געוויינלעך עס האָט באַדאַרפט זיצן מר. קרעיג. ער האָט געטאָן אַ פּאָר מיט דעם שטיקל קרייד און געמאַכט אַ ליניע, דערנאָך אַ האַלבן

קרייז, און די סטודענטן האָבן אָנגעהויבן צו שרייען מיט פרייד: „ער איז דאָ! ער האָט אים געפּאַקט! קרעיג מיט די ביינער!"

ס'האָט זיך געעפנט די טיר און אַ בחור האָט אַריינגעשריען אין צימער אַריין: „אַלע אין דער אַסעמבלי!"

— אין דער אַסעמבלי? — האָבן זיך קולות איבערגעוואָרפן.

— יעס, אין דער אַסעמבלי! — האָט דער סטודענט דאָקטאָראָוויטש געשריען. — מיר ווילן אָפּהאַלטן אַ מיטינג פון אַלע סטודענטן.

די אַסעמבלי האָט זיך געפונען אין דער זעלבער געביידע וואו עס זיינען געווען די קלאַס־צימערן. עס איז געווען אַ לענגלעכער זאַל מיט צוויי רייען בענקלעך, ווי אין אַ קליין טעאַטערל. עס איז געווען אַ בינע מיט צוויי בלוי־סאַמעטענע פאָרהאַנגען. אויף די פאָרהאַנגען צוויי ווייסע מגן־דודס. די לאַנגע פענצטער פוןביידע זייטן ווענט מיט קאָלירנדיקע שייבלעך אַזוי, אַז דאָס ליכט פון דרויסן איז אַריינגעקומען אין קאָלירן פון רעגנבויגנדיקע זיילן. פון סופיט האָבן געהאַנגען דריי גרויסע קרישטאָלענע קאַנדעליאַברעס. די סטודענטן האָבן פאַרנומען די פּלעצער אויף ביידע זייטן בענקלעך. די פאָר־האַנגען האָבן זיך צערוקט און פּאַסינקי, דער פּרעזידענט פון סטודענטן־פאַריין, איז דערשינען אויף דער בינע. עס איז געוואָרן אַ געפּליאַסקעריי. הינטער פּאַסינקין איז געווען אויף דער בינע אַן אויסגעשניצטער קאַסטן פון האָלץ, וועלכער האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט פון דער בינע. צו אַט־דעם קאַסטן האָבן געפירט עטלעכע טרעפּלעך. די טירלעך פון דעם קאַסטן האָבן אויסגעזען ווי די טירלעך פון אַן אָרון־קודש ערגעץ אין אַ בית־מדרש.

פּאַסינקי האָט צענומען זיינע גרויסע הענט און אָנגעהויבן:

— פריינט סטודענטן, ווי איר ווייסט, גייט איצט אָן אַ קאָנפערענץ פון דעם פאַקולטעט באַם סופער מר. געלער אין קאַטעדזש. די דריי פאָר־טרעטער פון אַלע סטודענטן האָבן אין נאָמען פון אונדז אַלע געפאָדערט באַ מר. געלער אָפּצושטעלן מיליטערישע איבונגען. ער האָט געענטפערט דער קאָמיטע, אַז ער קאָן גאָר ניט טאָן. (אַ געלעכטער ברעכט אויס אין זאַל.)

— ער וועט שוין גאָר מוזן עפּעס טאָן! — שרייט אויס אימיצער פון זאַל.

— פריינט — הויבט ווידער אָן פּאַסינקי — צו דער קאָנפערענץ האָט מר. געלער אונדז ניט גערופן. זיי אָנערקענען ניט אונדזער פאַריין. זיי, וועלכע פּרעדיקן אונדז אַלע טאָג וועגן דער דעמאָקראַטיע פון די פאָר־אייניקטע שטאַטן, האָבן איצט אַליין געוויזן ווי זיי טרעטן מיט די פיס אויף דער דעמאָקראַטיע. וואָס דענקען זיי, אַז מיר זיינען ניט קיין זעלבסט־

שטענדיקע מענטשן? אמת, מיר זיינען געקומען דאָ לערנען אַגריקולטור — אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז מיר האָבן ניט קיין מיינונג וועגן אונדזער וואוילזיין. איר זאָלט וויסן זיין, אַז די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן געהיים. אונדז האָט מען אָפּגענאַרט. געקלונגען דעם גלאָק, אַז מיר זאָלן קומען אין די קלאַס־צימערן. מיר זיינען געקומען. און וואו זיינען אונדזערע לערער? אויף אַ קאָנפערענץ, פריינט! וואו זיי וועלן אונדז פרואוון פאַר־קויפן און פאַרראַטן! אָט די משרתים פון די רייכע — זיי מיינען, אַז זיי קאָנען מיט אונדז אָרעמע יונגעלייט טאָן וואָס זיי וועט זיך פאַרגלוסטן. איך וועל איצט געבן ווערטער צו יעדן איינעם פון די סטודענטן. פריינט, זאָגט אייער מיינונג. מאַכט פאָרשלאָגן. דערהויפּט, לאָמיר ווייזן סאָלידאַריטעט! ווער וויל דאָס וואָרט? — האָט פּאָסינקי געענדיקט אונטער אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן.

אויף דער בינע איז אַרויפגעגאַנגען טאַנסקי. זיין פּירעקעכיקער פּנים האָט געשמייכלט מיט אומבאַהאָלפנקייט. ער איז געווען נערוועז. זיינע הענט האָבן געציטערט.

— פריינט — האָט טאַנסקי אָנגעהויבן זיין רעדע. — איר זעט אָט דאָס פּלאַץ, וואו מיר געפינען זיך איצט? דאָס איז ביז לעצטן יאָר געווען אַ בית־מדרש...

אַ הילכיקער געלעכטער זעצט אויס צווישן די סטודענטן.

— איך בין שוין דאָ אָנדערהאַלבן יאָר אַ סטודענט. ביז פאַראַיאָרן איז דאָ געווען אַ מנהג, אַז אַלע סטודענטן האָבן געמוזט גיין שבת דאַווענען. — טאַנסקי ווייזט אָן אויף דעם געשניצטן קאַסטן אין הינטערגרונט. — און אָט אין דעם קאַסטן ליגט אַ תּורהלע אין אַ סאַמעטענעם מענטעלע. איז, ווי געזאָגט, ביז פאַראַיאָרן האָט יעדער סטודענט געמוזט גיין שבת דאַווענען. און עס איז דאָ געווען אַ רעוועראַנד אויך. אָבער מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט און געסטרייקט און אויסגעקעמפט, אַז מיר, די סטודענטן, ווילן ניט דאַווענען... דעם רעווערענד האָט מען נעבעך אַוועקגעשיקט פון דאַנען. איי, איז דאָס געווען אַ סטרייק!... איצט, פריינט, ווילן זיי אויף אונדז אַרויפצווינגען אַ נייע מאַכערייקע... סאָלדאַטשינע... וועלן מיר זיך לאָזן פאַרפירן?... מיר אַלע, אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, וועלן זיי ווייזן, די רייכע הערן און זייערע משרתים, די מר. געלערס און מאַלטבים — מיר וועלן זיי ענטפערן מיט אונדזער איינציקן וואָפן — קאַמף!

— בראַוואָ! הוראַ! — איז געקומען דער שטורעמדיקער ענטפער פון די סטודענטן.

— אָבער פריינט — האָט טאַנסקי ווייטער גערעדט — איך שלאָג פאָר, אַז מיר זאָלן רופן דעם פאַקולטעט גלייך אַהער און דאָ אויף דער פּלאַטפאָרמע זאָלן זיי אונדז באַלד זאָגן: יאָ, צי ניין. איך מאַך עס אַלס אַ פאָרשלאָג.

אָבער אַזוי גיך ווי טאַנסקי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בינע, האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריינגעקומען מר. מאָלטבי. זיין פּנים איז געווען פאַרפלאַמט ביז איבער די אויערן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער בינע, און ניט דורך די טרעפּ, נאָר אַזוי ווי איינער וואָס וויל זיך זעצן רייטנדיק, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט זיך צוגעגלעט זיינע האָר, און ניט פרעגנדיק קיין דערלויבעניש בײַ פאַסינקין, דעם פּרעזי־דענט, האָט ער אָנגעהויבן:

— איך ווינטש, אַז אַלע סטודענטן זאָלן גיין צוריק אין זייערע קלאַסן — האָט ער מיט איינגעהאַלטענעם כעס געזאָגט — אי דאָס שוין — „ראַיט עווע״!

— מיר גייען ניט!

— וואָס איז דאָ?

— מיר ווילן וויסן וואו מיר שטייען!

— אונדז טעראָריזירט מען ניט!

— מיר גייען ניט!

האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען פון אַלע זייטן. אין זאַל איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע און אַ גערודער. קולות האָבן זיך געפּלאָכטן און איבערגעשריען. מר. מאָלטבי האָט אויך עפּעס געשריען, אָבער קיינער האָט אים ניט געהערט.

פאַסינקי האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און מיט זיי געפּאַטשט אין דער לופטן, אַזוי ווי מיט פליגלען. פאַסינקי האָט ענדלעך איינגעשטילט די סטו־דענטן אויף אַ מינוט. ער האָט געזאָגט מיט סאַרקאַזם אין זיין טאָן:

— דער געערטער הער, פּראָפעסאָר מאָלטבי, וועט זיין אַזוי גוט און אונדז איבערגעבן וואָס די געהיימע קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן.

— דאָס איז אַ סעקרעט — בריט זיך אָפּ מר. מאָלטבי, ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג.

— אָבער מיר ווילן וויסן צי מען האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן מיליטערישע איבונגען — יאָ, אָדער ניין?

— דאָס איז אונדזער זאַך. אויף דעם איז דאָ אַ פאַקולטעט! — שפּרינגט אונטער מר. מאָלטבי.

— און מיר, סטודענטן, האָבן אויך עפּעס וואָס צו זאָגן — וואַרפט אים צוריק פּאַסינקי.

— „יו בעט!"

— מיר ווילן ניט!

— „דאַטס אָל!"...

— ווען מען עס געפעלט דאָ ניט קאָן באַלד פאַרלאָזן די שול — שרייט אויס מאַלטבי. — די איבעריקע זאָלן גלייך גיין אין די קלאַס־צימערן. אויב ניט, וועט מען שטרענג באַשטראָפן!

פּראָפעסאָר מאַלטבי איז אַראָפּ פון בינע מיט די טרעפּ. איצט האָט ער אויסגעזען, ווי איינער וואָס איז פּלוצים בלינד געוואָרן. ער האָט זיך געהיט, אַז ער זאָל ניט מאַכן קיין פאַלשן טראָט. ער איז מיט גרימצאָרן ארויס פון זאַל. בײַ דער טיר איז ער געבליבן שטיין אויף אַ ווײַל און זיך צוגעקוקט, ווי פּאַסינקי פּרואווט מאַכן אָרדענונג אין זאַל.

— מיר ווילן סטרײַקן!

— סטרײַק! סטרײַק! — האָט זיך געהערט דאָס ריטמישע געשריי פון אַ גרויסן כאָר פון די סטודענטן. — סטרײַק! סטרײַק!

— פרײַנט סטודענטן — האָט פּאַסינקי געשריען אויף זײַנע העכסטע טענער. — גוט! עס איז אונדז ניט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טאָן ווי נאָר צו דערקלערן אַ סטרײַק!

אַז מאַלטבי האָט דערהערט דאָס וואָרט סטרײַק, איז ער אַנטלאָפן, צו־קלאַפּנדיק מיט דער טיר. ער האָט געוואָלט לויפן צו מר. גלעער אין קאַטעדזש אַרײַן, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אין די „שטיק", וואָס די מיס קענטאָר האָט געפּראַוועט בשעת דער געהיימער קאָנפערענץ הײַנט נאָכ־מיטאָג, האָט אים אָפּגענומען דער חשק איצט אַהין צו גיין. ער איז גלייך אַרײַן צו זיך אין צימער.

אין דרויסן האָט די זון זיך שוין גערוקט נאָענט צום האָריזאָנט. זי איז געשטאַנען נאָענט בײַם זוים פון וואַלד. איין שפּרונג און זי וועט אַרײַן אין וואַלד אַרײַן. אינדרויסן איז איצט געווען שטיל אַרום די געבײַדעס פון דער שול — אַזוי ווי פאַר אַ שטורעם אין אַ טיפן וואַלד. דער הימל, אַ בלאַס־גרינלעכער. איבער אים האָבן געשוועבט שטיקער כמאַרע, ווײַסע ווי פרישער קעז.

די סטודענטן אין אסעמבלי האָבן אויסגעקליבן אַ סטרייק־קאָמיטע פון צוואַנציק סטודענטן. אייזיק איז אַריין אין דער קאָמיטע.

דערווייל האָט מען באַשלאָסן ניט צו סטרייקן מיט די קי, פערד, חזירים און עופות — דערווייל ניט! ביז ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דעם סטרייק. אַלע סטודענטן זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן ניט צו גיין עסן, אָבער מען זאָל יאָ געבן עסן און טרינקען די בהמות און עופות. אָבער נאָר עסן — רייניקן די שטאַלן זאָל מען ניט! אויך זאָל מען ניט טאָן קיין שום אַרבעט אין פעלד, און ניט גיין אין די קלאַסן.

— און וואָס הערט זיך מיט מעלקן די קי? — פרעגט אַ סטודענט.

— מעלקן?! — קוקט זיך איבער די סטרייק־קאָמיטע.

— זאָלן זיי אַליין מעלקן! דער פאַקולטעט איז ניט קראַנק צו מעלקן!

פינפטער קאפיטל

מיסטער מאַלטבי איז באַלד נאָך דעם, ווי די סטודענטן האָבן דער־קלערט אַ סטרייק, ארויף צו זיך אין צימער. אין אים אינעווייניק האָט געזאָטן דאָס גאַנצע בלוט, אַזוי ווי הייסע לאַווע. ער האָט פון תמיד אָן געהאַלטן, אַז אַ סטרייק איז ניט־אַמעריקאַניש; אַז עס איז אַ קרענק, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן פון אַנדערע לענדער אַהער קיין אַמעריקע; אַ באַציל אַזאַ, וועלכן מען באַדאַרף באַלד באַם ערשטן דיאַגנאָז אויסברענען און פאַרניכטן.

ער האָט געקלונגען צו מר. געלער דורכן טעלעפאָן, אים דערציילט וועגן סטרייק.

— סטרייק, האַ? — פרעגט דורכן טעלעפאָן מר. געלער און זיינע הענט הויבן אָן ציטערן. מיס קענטאָר שטייט נאָענט באַ זיין זייט. זי וויל וויסן וואָס עס איז געשען.

מר. געלער פאַרשטעלט מיט איין האַנט דאָס רערל פון טעלעפאָן און זאָגט צו איר:

— די „שנאָרערס" האָבן דערקלערט אַ סטרייק.

מיס קענטאָרס פּנים גיט אַ ציטער. עס שטעלן זיך אַוועק באַ איר אויף ביידע באַקן צוויי רויטע פּליאַמעס.

— ווער רעדט דאָרטן אויפן טעלעפאָן?

— מאַלטבי.

— זאָל ער באַלד אַריבערקומען...

מר. געלער נעמט אַראָפּ די האַנט פון רערל און שרייט אַריין צו מאַלטבין: — סעי, מאַלטבי, קום גלייך אַריבער.

מאַלטבי ענטפערט: — איך האָב מיט דער שול מער גאָר ניט וואָס צו טאָן!... איך פאָר נאָך היינט אַוועק אַהיים.

— וואָס זאָגסטו? איך האָב פאַרהערט; וואָס זאָגסטו? — פרעגט איבער מר. געלער, כאָטש ער האָט זייער גוט געהערט, וואָס מאַלטבי האָט געזאָגט. — העלאָ!... העלאָ!... — אָבער אומזיסט האָט מר. געלער געשריען אין טעלעפאָן־רערל. עס איז ניט געקומען קיין ענטפער פון מאַלטבין.

מאַלטבי האָט געגומען מיט כעס ווארפן וואָס עס איז אים געקומען אין די הענט אריין. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן די באַוואוסטע

אמעריקאנישע קלה, וואס האט גאר ניט געפאסט פאר אזא אידל־געוואקסן קינד, ווי ער איז געווען. אבער אזוי ווי ער איז געווען איינער אליין אין צימער, האט ער זיך געפילט פריי און די דאזיקע קלה איז ניט ארויס פון זיינע ליפן.

עס האט שוין געהאלטן בא דעם, אז ער זאל זיך אנהויבן צו פאקעווען, ווען צו אים אין צימער איז אריין מיס קענטאר. זי האט געטראגן א בלאע מאטילדע אריבערגעווארפן אף אירע אקסל און די האר זיינען אף איר קאפ געשטאנען ווי דער קאם בא אן אויפגערעגטן האן.

— וואס טוט זיך דא? — איז מיס קענטאר אריין מיט א געוואלד. די פאלדן פון איר בלאער מאטילדע האבן זיך געווארפן אהער און אהין מיט דעם אימפעט פון אירע טריט.

— דאס איז מיין לעצטער טאג דא אין שול — זאגט מאלטבי יייי הויבט ניט אויף זיינע אויגן.

— פאר וואס?

— דערפאר, וואס איך קאן שוין מער ניט פארטראגן אט די... די... — ער האט געוואלט זאגן „סאנאוועביטשעס", אבער דאס ווארט איז דערוואריי געווארן בא אים אין האלדז.

— אזוי!... דו ווילסט זיין א „קוויטער"...

— איך בין עס קיינמאל ניט געווען — ברויט זיך אפ מאלטבי.

— „מאי דיר", וואס דען קאן עס הייסן, אויב דו פארסט איצט אינ־מיטן אוועק?

— איך וועל ניט פארן, אויב איך קריג פולמאכט צו באהאנדלען די סיטואציע — הויבט מאלטבי אויף זיינע קליינע, העל־ברוינע אויגעלעך צו מיס קענטאר. אף א מינוט האבן מיס קענטארס גרויסע, שווארצע אויגן אים דורכגענומען דורך און דורך.

— אלרייט, דירי, דו ווילסט פולמאכט?... פארוואס שוויגסטו?... מיר וועלן עס דיר געבן... אבער ווארף אוועק דיין קינדערישקייט!

דער שול־גלאק האט געקלונגען. ביידע, אי מיס קענטאר, אי מר. מאלטבי, האבן זיך אזוי ווי דערשראקן פונעם קלונג.

— וואס איז דאס?

— טשאורס *) — ענטפערט מאלטבי.

— ווער וועט טאן די טשאורס? — פרעגט מיס קענטאר.

---

*) פארם-ארבעט ארום בהמות.

— ניט געזאָרגט! די סיטואַציע איז אין מײַנע הענט! — זאָגט מאַלטבי. און באַלד, אין דער אָנוועזנהייט פון מיס קענטאָר, האָט מאַלטבי אַרויפגעשלעפּט אַף זיך אַ פּאָר אָוועראָלס.

— דו זעסט אויס אין זײַ זייער גוט — גיט אים מיס קענטאָר אַ קאָמפּלימענט.

—קאָמפּלימענטן אין אַ זײַט — זאָגט מאַלטבי און זײַן פּנים פּלאַמט בשעת מעשה.

— אָלרײַט, איך גײ איצט זען וואָס עס טוט זיך אין קיך — זאָגט מיס קענטאָר — און איך בעט דיר אַ פּערזענלעכע טובה — נאָר ניט קיין געשלעג!

— מיר וועלן עס שוין אײַנשטילן — ענטפערט מאַלטבי — אָן געשלעגן.

דער גלאָקן־קלינגער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ סטרײַק בײַ די סטו־דענטן, האָט ער געמיינט, אַז אויב ער וועט קלינגען אַ לאַנגע צײַט וועט עס אפשר העלפן. איז ער געשטאַנען בײַם שטריק פון גלאָק און מיט אים געשאָקלט, און דער גלאָק האָט געקלונגען אָן אַן אויפהער.

די סטודענטן זײַנען שוין געווען אין סאָשעל־רום. דער קאָמיטעט פון צוואַנציק האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם סטרײַק.

די סטודענטן וועלכע האָבן באַדינט די קי, פערד, עופות און חזירים, האָבן באַקומען אינסטרוקציעס צו גײן אין די שטאַלן און געבן טרינקען און עסן אַלע קי, פערד, עופות און חזירים. קיין אַנדערע אַרבעטן זאָלן די סטודענטן ניט טאָן. און אויב דער אויפזעער אָדער דער פאַקולטעט וועט עפּעס פרעגן בײַ איינעם פון די סטודענטן, זאָל קיינער פון די סטודענטן ניט ענטפערן און זיך ניט אַרײַנלאָזן אין קיין שום דיסקוסיע, מען זאָל רעפערירן צו דעם סטרײַק־קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט פון צוואַנציק האָט אויך צעשטעלט צו צוויי פּיקעטס בײַ דער שטאַל פון קי, בײַ דער שטאַל פון פערד, אין פּאָולטרי־דעפּאַרטמענט און בײַ דעם „פּיג־ווילעדזש" (חזיר־דערפל).

עס איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז אַלע סטודענטן וועלן גײן עסן אין שטעטל אַרײַן — באַלד נאָך די „טשאָורס".

אײַזיק איז געווען איינער פון קאָמיטעט. אָבער ער האָט באַדאַרפט געבן עסן און טרינקען די פערד אין שטאַל.

איז ער געגאַנגען מיט קאַפּאַשאַנען אין שטאַל אַרײַן. אַפן וועג איז פאָרגעקומען צווישן זײ אַזאַ געשפּרעך:

—צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן... — זאָגט קאַפּאַשאַן צו אײַזיקן —

איך בין „אגענסט" א סטרייק דאָ אפן פעלד.... מיט וועמען סטרייקן מיר, מיט פערד און מיט חזירים?

— חבר, איר זייט ניט גערעכט. מיר סטרייקן מיט די געלערס און זייערע משרתים.

— טאָקע זיי מיין איך... די געלערס און די מאָלטבים... — ענטפערט קאַפּאָשאַן. — וואָס דען האָט איר געמיינט? —

זיי זיינען ביידע אריין אין שטאַל.

באַלד הינטער זיי איז אָנגעקומען מר. קרעיג. ער האָט געטאָן א געשריי צו די צוויי סטודענטן: — וואָס ווילט איר דאָ?!

קאַפּאָשאַן האָט נאָר אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ. אייזיק האָט געהערט:

— איך פרעג, וואָס ווילט איר דאָ? דער „סטייבל" איז איצט אין מיינע הענט. איך בין דאָ איצט דער באָס.

— אזוי, א נייער באָס!... — חוזקט קאַפּאָשאַן. — אָלרייט, אייזיק, מיר האָבן שוין דאָ גאָר ניט וואָס צו טאָן. „לעטס גאָו!"

אייזיק און קאַפּאָשאַן זיינען ארויס פון שטאַל. דאָרט אינדרויסן זיינען געשטאַנען צוויי סטודענטן־פּיקעטס.

— קוקט זיך צו, ווי ער וועט קריגן א בריק פון „קידין" — זאָגט קאַפּאָשאַן צו די פּיקעטס. און טאָקע אזוי גיך ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן, האָט זיך דערהערט א געשריי פון שטאַל: — האָ!... האָ!...

קאַפּאָשאַן האָט זיך אומגעקוקט.

ניט ווייט פון דעם פערד, וועלכער האָט געהייסן „קידי", איז מיסטער קרעיג געשטאַנען מיט א בינטל היי אין זיינע הענט. „קידי" איז געווען אזא מין פערד, וואָס האָט קיינעם ניט געוואָלט אריינלאָזן צו זיך אין שטעלכל אריין. עס איז געווען בא אים אזא קאַפּריז. ניט איין סטודענט איז פון „קידין" געבריקעט געוואָרן.

קאַפּאָשאַן איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געלעבט גוט מיט „קידין".

שטייט מיסטער קרעיג מיטן בינטעלע היי און שרייט: האָ! האָ!" און „קידי" בריקעט מיט די הינטערשטע פּיס.

— א סקעב וועט „קידי" גיין אריינלאָזן!... — לאַכט קאַפּאָשאַן. — העי, ביג באָס, לאָמיך זען, גיי אריין צו „קידין"... — רייצט זיך קאַפּאָשאַן פון דער ווייטנס מיט מיסטער קרעיגן.

קרעיג, כאָטש ער איז געווען א פאַרביסענער שונא פון די סטודענטן,

איז ער אָבער געווען אַ גרויכער גאַרנישט און אַ פּחדן. ער איז געשטאַנען אויף אַ ווייטער שטרעקע מיטן בינטעלע היי אַזוי, אַז דאָס פערד „קידי" זאָל אים ניט קאָנען טאָן קיין שלעכטס.

— יאָ, ער וועט אַזוי שטיין ביז מאָרגן... — האָט קאַפּאַשאַן געטאָן אַ שפּיי און זיך געלאָזט גיין מיט אייזיקן צוריק אין סאָשעל־רום. צו די צוויי פּיקעטס האָט קאַפּאַשאַן געזאָגט: — אויב „קידי" ציט אים אויס, קומט באַלד און דערציילט אונדז די בשורה...

אין שטאַל באַ די קי איז דער סטודענט טאַנסקי געווען דער פאַרמאַן. ער האָט געהאַט אונטער זיך אַ בריגאַדע פון צוואַנציק סטודענטן. אין שטאַל זיינען געשטאַנען פערציק קי. דער שטאַל איז געווען צעטיילט אויף צוויי העלפטן. אין איין זייט צוואַנציק קי און אין דער צווייטער זייט צוואַנציק קי. די בהמות זיינען געשטאַנען מיט די פּנימער איינע אַקעגן ס'אַנדערע, איינ־געשלאָסענע מיט זייערע קעפּ אין אַזוינע „סטענשלס", כדי זיי זאָלן באַנאַכט ניט קאָנען זיך טאָן שאָדן איינע די אַנדערע. די טשאָורס, וואָס די סטודענטן האָבן היינט געדאַרפט טאָן — געבן עסן און טרינקען אַלע קי — זיינען שוין איצט געטאָן געוואָרן דורך מר. מאָלטבי מיט דער הילף פון מר. פּעטערסאָן, איינער פון די ניט־זייער אָנגעזעענע לערער אין שול.

ווען טאַנסקי איז אַריין מיט זיין בריגאַדע און האָט געזען אַז מאָלטבי מיט פּעטערסאָנען טוען די אַרבעט, זיינען זיי צוריק אַרויס און אַוועק אין סאָשעל־רום.

גייענדיק אויפן וועג האָט טאַנסקי באַגעגנט טשאַרלי דעם קוכער גיין מיט אַן עמער, אין וועלכן מען מעלקט. טשאַרלי האָט זיך געוואָלט מאַכן, ווי ער גייט גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג און ניט אין קי־שטאַל. אָבער טאַנסקי האָט פאַרשטאַנען דעם טריק.

— טשאַרלי, וואוהין גייסטו? — פאַרלויפט אים טאַנסקי דעם וועג.

— איך גיי קלייבן שפּענער...

דערווייל האָט די גאַנצע בריגאַדע טאַנסקיס אַרומגעשטאַמפּעוועט טשאַרלין. דאָס איז געווען אַ שווער מיט בלאָנדע האָר. וועלדיק זיין ענגליש רעדן, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז נאָך אַ גרינער דאָ אין לאַנד.

— נעווער־מאַינד שפּענער, עס איז אַ סטרייק, און אויב דו וועסט מעלקן, וועלן מיר דיך באַצייכענען אַלס אַ סקעב — זאָגט צו אים טאַנסקי. — און אויב דו ווייסט ניט וואָס אַ סקעב איז . . .

אָבער איידער טאַנסקי האָט געענדיקט האָבן די סטודענטן באַ טשאַרלין

אַרויסגעריסן דעם צינענעם עמער און מיט זײַערע הענט דעם עמער צעבויגן און אים געוואָרפן צו דער ערד און צעטראָטן מיט די פֿיס.

טשאַרלי האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפֿן אין קיך אַרײַן.

אין דרויסן איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט. אָבער עס איז איצט ניט געווען קיין צײַט צו קוקן אױף אַ שײנעם אָוונט. דער קאָמיטעט האָט איצט אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו היטן די דאָרמיטאָרי.

האָט דער קאָמיטעט באַלד אויסגעקליבן פֿערציק סטודענטן, וועלכע זאָלן שטיין אין די קאָרידאָרן פֿון דער דאָרמיטאָרי און זיך אַרומדרײען אין דרויסן און האַלטן אַן אויג אױף דער געבײדע. די איבעריקע סטודענטן וועלן גײן אין שטעטל עסן. דערנאָך, אַז מען וועט צוריקקומען פֿון שטעטל, וועלן די פֿערציק וואַכלײַט גײן עסן.

דערווײַל האָט מען אין דער קיך פֿון שול געגרייט וועטשערע. פֿון גרויסן קוימען אױפֿן דאַך פֿון קיך איז געגאַנגען אַ דיקער זײַל רויך. און פֿון דער קיך האָט זיך געטראָגן דער ריח פֿון געפּרעגלטע פֿעטס. דורך די פֿענצטער פֿון סאַשעל־רום האָט מען געקאָנט זען, ווי פּראָפֿעסאָר מאַלטבי מיט מר. פּעטערסאָנען טראָגן יעדער צוויי עמערס מיט מילך.

— סקעבס! סקעבס! — איז געקומען אַ געשרײ פֿון די אָפֿענע פֿענצטער פֿון סאַשעל־רום. מאַלטבי האָט זיך אײַנגעהויקערט אונטער דעם געשרײ „סקעבס", ווי אײנער וועלכער ווערט באַוואָרפֿן מיט שטײנער. ער איז אַרײַן אין דער „מילעכאַרניע", וואָס איז געשטאַנען אַ ווײַס־געפֿאַרבטע איבערן וועג פֿון סאַשעל־רום.

דער שול־גלאָק האָט ווידער אָנגעהויבן צו קלינגען. דאָס מאָל גערופֿן די סטודענטן צום עסן. קלינגט דער גלאָק — קלינגט.

און די סטודענטן זיצן אין סאַשעל־רום, ווער אויסגעזעצט אױף בענקלעך און ווער עס שטייט אין אַ רעדל. עס איז אַ גרויסער זשום פֿון דעם, וואָס אַלע רעדן מיטאַמאָל.

דער סטודענט אוווערבוך, וועלכער איז דער פּאָעט פֿון שול און קאָן, אַגב, אויך שיין זינגען, האָט באַלד אויסגעשטעלט אַ כאָר און טאַקע דאָ אױפֿן אָרט פֿאַרפֿאַסט אַ ליד מיט גראַמען, וועגן דעם סטרײק. ער באָרגט פֿאַר דעם ליד זײַנעם דעם מאָטיוו פֿון „צען ברידער זײַנען מיר געווען"...

פּונקט אינמיטנדערינען ווי אוווערבוך שטייט אַזוי און האַקט אויס זײַנע גראַמען, קומט צולויפֿן דער פּיקעט־קאָמיטעט, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דעם פֿערד־שטאַל. די צוויי בחורים פֿאַלן אַרײַן מיט אַ שמחה: קרעיג ליגט שוין אָן אויסגעצויגענער. „קידי" האָט אים געגעבן אַ בריק!

דערהערט אוועקבויגנדיק די דאָזיקע בשורה און ניט באַלד מיט זיין טענאָר־שטימע אַ זינג־אויס: קרעציג איז געפאַלן, געבליבן, געבליבן זיינען נאָר דריי... האַ! זינגט־זשע, קינדערלעך מיר אַ לידל!...

דער גלאָק קלינגט לאַנג, הערט אויף. הויבט אָן נאָכאַמאָל קלינגען. אפשר וועלן די סטודענטן זיך דערבארימען און גיין עסן.

אָבער די סטודענטן זיינען איינגעעקשנט: קיינער וועט ניט עסן!

פּאַסינקי נעמט פון אַ ביכל לייענען דעם ראָל־קאָל. עס ווערט שטיל. יעדער סטודענט, בשעת זיין נאָמען ווערט דערמאָנט פון פּאַסינקין, גיט אַ געשריי: „איי!"

עס הויבן זיך אָן פאָרמירן די רייען. צו צוויי אין אַ ריי. אָט אַזוי וועט מען גיין עסן אין שטעטל אריין.

עס געפינען זיך אַ סך צווישן די סטודענטן, וועלכע האָבן בא זיך קיין געלט ניט.

— אָלרייט, מיר וועלן פאָרמירן אַן אַלגעמיינע קאַסע — שרייט אויס פּאַסינקי.

עס הויבט אָן פאַלן געלט פון אַלע זייטן. די סטודענטן ליידיקן אויס זייערע קעשענעס. פּאַסינקי, דער פּרעזידענט, שטייט מיט אַ פולער האַנט מיט געלט.

די רייען רירן זיך פון אָרט. דער דרויסן איז שיין. אַ בלויע נאַכט מיט אַ וואונדערלעך־שיינעם הימל און מיט שטערן. עס שמעקט מיט סאַסנע־ביימער און עס איז שטיל און גוט אַזוי צו גיין צו צוויי אין אַ ריי. עס קומט אויס די סטודענטן דורכצוגיין פאַרביי דעם עס־צימער פון שול. ער איז באַלויכטן דאָרט אין אַלע פענצטער און די טיר איז ברייט צעעפנט. די סטודענטן גייען פאַרביי. ווען מען וואָלט זיי ניט אָנגעזאָגט פון פריער צו זיין דיסציפּלינירט, וואָלטן זיי איצט מסתם רעאַגירט אפן חשבון פון עס־צימער.

די טריט סקריפּען איבער די שטיינדלעך פון וועג. פון יענער זייט איז דער קאַטעדזש, וואו עס וואוינט מר. געלער. דאָרט איז איצט פינצטער. די סטודענטן גייען אויסגעמושטירטע, ווי אַ פּאָלק סאָלדאַטן. דער וועג איז אַ ברייטער און פירט פון דאַנען גלייך אין שטעטל אריין. און אָט זעט זיך שוין דאָס שטעטל וואודביין.

די הויפּט־גאַס איז באַלויכטן פון ביידע זייטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. עס שטייען צוויי שערענגעס מיט מייפּל־ביימער פון ביידע זייטן גאַס. די שטיבלעך זיינען הילצערנע. בא יעדן שטיבל אַ גאָרטנדל און אַ גאַניק.

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין וואָדביין האָט מען שוין געוואוסט פֿון דעם סטרײַק און די באַלעבאַטים פֿון שטעטל האָבן זיך געגרייט אױף געסט.

טירן האָבן זיך געעפֿנט און באַלעבאָסטעס זײַנען אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס אַרײַן און צוגעלאָפֿן גלײַך צו די רייען און גענומען, „אַזוי ווי עס גייט", אַ פּאָר פֿון די סטודענטן אױף קעסט.

אײַזיק איז געגאַנגען אין דער רײ אינאײנעם מיט זײַן חבר יפה. עס איז אַרויס אַ ברייט־צעוואַקסענע אידענע און זי ביידע אײַנגעלאַדן אױף קעסט. זיי זײַנען געגאַנגען.

דאָס הויז איז געווען פֿײַן אַרומגעפּוצט מיט אַ גאָרטן און אינעווייניק איז געווען ליכטיק און ריין. די אידענע איז געווען אין די פֿערציקער, כאָטש דורך איר צעגאָסנקייט האָט מען זי געקאָנט רעכענען פֿאַר אַ סך עלטער. זי האָט די צוויי בחורים אַרײַנגעפֿירט אין עס־צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ סך בענקלעך אַרום אים. עס האָט זיך געהערט, אַז אין אַן אַנדער צימער שפּילט מען אױף אַ פּיאַנאָ. און פֿון צײַט צו צײַט — אַ מיידלשער געזאַנג.

— מע דאַרף גיין זאָגן מײַן טאָכטער... — האָט די אידענע געזאָגט און איז אַוועק מיט צעשפּרייטע פּיס. באַם טיש איז געזעסן אַ מאַן מיט אַ באַשוירן שוואַרץ־גראָ בערדל און מיט גרויסע ווינקלען אױף זײַן שטערן און מיט די האָר פֿון זײַן קאָפּ אָפּגעשוירן זייער נידעריק.

— שלום־עליכם! — האָט דער מאַן געדריקט אײַזיקס און יפהס הענט.

— זיצט, יונגעלייט. סטודענטן, האַ? אַ סטרײַק?... — האָט דער איד געשמייכלט.

אײַזיק און זײַן חבר יפה האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש. זיי זײַנען ביידע געווען זייער שעמעוודיק און זײַנען געזעסן ווי אױף שפּילקעס.

— פֿון וואַנען, יונגעלייט?

— פֿון ניו־יאָרק — ענטפֿערט יפה.

— איך ווייס, אַז פֿון ניו־יאָרק... איך מיין: פֿון וואַנען — איר פֿאַרשטייט?...

— אָ, פֿון בעסאַראַביע.

— לאַנדסלייט! — טוט דער איד אַ פּליעסקע מיט ביידע הענט פֿאַר פֿרייד.

— איר אויך פֿון בעסאַראַביע? — פֿרעגט יפה. אײַזיק האָט אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט שווײַגעניש. ערשט איצט האָט ער דערפֿילט די אָנגעשטרענגטקייט פֿון דער סיטואַציע און עס האָט ניט געהאַלטן ווײַט, אַז

ער זאָל צוזאַמענברעכן. עס איז אים אָנגעקומען „שטימונג". ער האָט זיך איצט פאַרטראַכט.

— יאָ, פון בעסאַראַביע — ענטפערט דער איד יפהן. — איך בין איינער פון די באַרימטע בעסאַראַביער אידן... אפשר האָט איר געהערט. אונדז האָט דער באַראָן הירש אַרויסגענומען פון בעסאַראַביע און דאָ אַהער קיין ניו־דזשוירזי געבראַכט אַף אייגענער ערד...

— אַזוי! — זאָגט יפה. — וואָס־זשע טוט איר דאָ אין שטעטל?

—ס'אַ לאַנגע מעשה צו דערציילן.

— מסתם ניט געטויגט צו ערד־אַרבעט — פרעגט יפה.

— יאָ געטויגט, אָבער די ערד האָט ניט געטויגט.

— פאַר וואָס?

— מען האָט אונדז באַזעצט אַף זומפּן.

— און איר האָט געשוויגן? — פרעגט יפה.

— וועלדער און זומפּן... גיי שריי חי־וקים!...

— און וואָס־זשע האָט איר געטאָן? — פרעגט יפה און קוקט זיך אַרום אַף דער ליכטיקייט און ריינקייט פון צימער.

— איבערגעלאָזט.. עס איז אַזוי די מעשה. באַלד ווי מיר, בעסאַראַביער אידן, האָבן זיך דאָ באַזעצט אַף די זומפּן, האָט זיך דאָ, וואו עס שטייט איצט אונדזער שטעטל, געעפנט אַ פאַבריק פון דזוירבי־העטס. זיינען מיר צוביסלעך אַוועק פון די זומפּן און געוואָרן אַרבעטאָרער אין דער פאַבריק. איך אַרבעט שוין אין דער פאַבריק באַלד פערצן־פופצן יאָר. און איך האָב מיר אַליין אויסגעבויט אָט־די הייזקע. מיר האָבן שוין היינט אַ פיין שטעטל. מיין טאָכטער איז אַ לערערן דאָ אין סקול בא אונדז. מיינט איר דאָך, אַז מיר איז גוט, האַ?... זאָג איך אייך, אַז איך האָרעווע אין דער פאַבריק זייער שווער. עס איז שוין באַלד קיין כח נישטאָ. דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק ווערט וואָס אַ יאָר אַלץ רייכער. וואוינט ערגעץ אַליין אין פילאַ־דעלפיע, אין פּאַלאַצן. און וואָס האָב איך? — אַן אָרעם קליין שטיבעלע, וואָס איך האָב מיט מיינע הענט אַליין געבויט און בין נאָך שולדיק דעם ערשטן מאָרטגעדזש.

אָט אַזוי ווי דער איד דערציילט יפהן זיין מעשה, קומט דערווייל אַריין די מאַמע מיט דעם מיידל.

— יונגעלייט, דאָס איז מיין טאָכטער — זאָגט די מוטער. יפה האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געטאָן אַ שטויס אייזיקן אין אַקסל אַריין און אייזיק האָט זיך אויך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון דרעמל.

אײַזיק האָט דערזען דאָס מײדל און איז פאַרכאַפּט געוואָרן באַלד באַם ערשטן בליק אַף איר. אויך אַזוי איז יפה געבליבן אַ פאַרציטערטער פון דעם שײנעם קינד. זי איז געווען ניט קײן זײער הויכע און ניט קײן זײער נידעריקע. דאָס פּנים אויסגערונדעט און די הויט פון פּנים ווי אויסגעוואַשן מיט מילך. צוויי אויגן באַ איר גרויסע און דער קאָליר פון בלויע הימלען. אירע האָר אַזוי ווי קוקורוזע ווען זי ווערט צײַטיק. איר שײנער קאָפּ איז געזעסן אַזוי ווי אויסגעטאָקט אַף אַן אויסגערונדעטן האַלדז. דער האַלדז אַ דורכזיכטיקער, ווײסער מאַרמאָר. און הענט האָט זי געהאַט אַזוינע ווײסע און מיט אַזוינע שײנע לאַנגע פינגער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּשוט קלײדל מיט רויטע און ווײסע פּינטעלעך. אָבער עס האָט אַף איר געזונגען. די קורצע אַרבל האָבן זיך קוים צוגערירט צו אירע הענט און דער אויס־געשניטענער האַלדז איז געווען אַרומגעפּאַלדעוועט מיט קאַווע־קאָלירטע קרוזשעוועס.

— אונדזער טאָכטער הײסט לילי — האָט דער פאָטער געזאָגט. אײַזיק און יפה האָבן צו איר אויסגעשטרעקט זײערע הענט, אײנער נאָכן אַנדערן. זײ האָבן בײדע געשמײכלט און ניט געוואוסט וואָס זײ טוען אָדער וואָס זײ דאַרפן טאָן. זײ זײַנען אַזוי געשטאַנען און שיר ניט פאַרגליווערט געוואָרן מיט זײער שמײכלען. די מוטער האָט געזאָגט: דאָדי, די יונגעלײַט מוזן זײַן הונגעריק.

— מיר וועלן גײן עסן — האָט דער פאָטער געזאָגט.

לילי האָט געטאָן אַ לויף אַוועק, אונטערזינגענדיק, נאָך איר מוטער אין קיך אַרײַן. איצט האָבן זיך בײדע חברים אין זײערע סאָלדאַטסקע אוני־פאָרמס דערמאָנט, אַז זײ זיצן ניט. זײ האָבן פאַרשעמטע זיך בײדע אַוועק־געזעצט.

דאָדי איז אַרויס און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פלאַש רויטן ווײַן.

— אײגענער ווײַן, קינדער; אַפילו ניט קײן בעסאַראַביער ווײַן, אָבער עס איז אַ גוט גלעזל ווײַן — האָט דאָדי געזאָגט. — אפשר ווילט איר זיך וואַשן די הענט?

בײדע חברים זײַנען געגאַנגען זיך וואַשן די הענט. אַפן וועג דורכן קאָרידאָר האָבן זײ אָנגעטראָפן לילין מיט אַ טעלער אָנגעשניטן ברויט. זי האָט אים געטראָגן אין בײדע הענט. בײדע חברים האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג לילין, שטעלנדיק זיך אַף בײדע זײַטן. לילי איז דורכגעגאַנגען דורך זײ בײדע, זײער נאָענט. עס האָט פון איר געשמעקט מיטן ריח פון פעלדער און פון סאָסנעס און פון ברויט. זי האָט צו זײ געשמײכלט אַ באַ־

רווישטע, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד לאָזט זי אַראָפּ דעם טעלער מיטן ברויט.

דערנאָך האָבן זיי זיך געוואַשן די הענט און די מוטער האָט גערופן לילין און איר געהייסן געבן די געסט ריינע האַנטיכער. לילי האָט בשעת־מעשה מיט זיי אַ שטיף געטאָן דורך דעם, וואָס זי האָט יעדן איינעם פון זיי אויפגעהאַנגען דאָס האַנטיכל אויף זיין אַקסל.

זיס איז געווען די וועטשערע. דאַכט זיך אין אַמעריקע, אָבער עס האָט דאָך געשמעקט מיט בעסאַראַביע. עס איז געווען געהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס, אַ יויך מיט רעטשענער קאַשע און רינדערן פליש און צימעס־קאָמפּאָט. דער ווין, אַ זויערער און אַ שטאַרקער, האָט זיך געלאָזט טרינקען. אָבער ער איז גיך געלאָפן אין אַלע גלידער און געוואַרעמט. אויבנאָן איז געזעסן דאָדי און אַקעגן זיין ווייב. אייזיק מיט יפהן בײַ איין זייט טיש און אויף דער אַנדערער זייט לילי. עס איז געווען געשמאַק דאָס ברויט, וואָס זי האָט מסתם געשניטן, געהאַלטן אין אירע הענט און אפשר צוגעדריקט צו איר ברוסט.

— אַט אַזוי גייט די וועלט — האָט דאָדי אָנגעהויבן נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך ווין. — ווער עס אַנטלויפט פון דער ערד צוריק אין פאַבריק אַריין און ווער עס אַנטלויפט פון דער פאַבריק צו דער ערד... מסתם זיינט איר דאָך געווען אַרבעטער אין ניו־יאָרק?

— יאָ, אַרבעטער — ענטפערט אייזיק, פילנדיק אַ ביסל אויפגעמונטערט און אונטער דעם איינפלוס פונעם ווין. יפה האָט געזאָגט, ווייזנדיק אויף אייזיקן:

— אָט דער בחור, ווי איר קוקט אים אָן, איז אַ שרייבער.

— אַ שרייבער? — האָט לילי געוויזן איר וויסינקע ציינדלעך.

— יאָ, טאָכטער, איך האָב באַלד דערקענט, אַז ער איז עפּעס פון די דאָזיקע — זאָגט דאָדי מיט אַ שמייכל. — איצטער וועל איך פרעגן אַ נאַרישע שאלה: ווען אַ מענטש האָט אַזאַ גאָלדענע מלאכה אין זיינע הענט, צו וואָס פאַר אַ גוט־יאָר קריכט ער צווישן פערד?

לילי האָט געטאָן אַ באַדייטפולן בליק צו איר פאָטער. דאָדי האָט אויפגעהויבן איין האַנט איבערן קאָפּ און געזאָגט: — אַנטשולדיקט, איך נעם אָפּ דעם „זאָג"... איז וואָס־זשע, גייט איר לערנען בלק מיטן באַראָן הירש? איי, ווען מיר האָבן שכל בײַ אונדז אין פאַבריק עפּעס טאָן אַזוי אַמאָל אַ סטרייק!...

— דאָדי!... — האָט די מאַמע אַ געשריי געטאָן אויף איר מאַן.

— וואָסי, אונדזער נשמה איז פון קליאַטשע? וויפיל איז דער שיר, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס?

לילי האָט געשמייכלט און אייזיק מיט יפהן האָבן איר געענטפערט מיט זייער שמייכל.

— לילימשקע, וועסט אַריינפירן די געסט אין פראָנט־צימער — זאָגט די מאַמע. לילי האָט זיך אויפגעהויבן און אייזיק מיט יפהן האָבן איר נאָכגעטאָן. זי האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויס צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ דיוואַן און אַ פּיאַנאָ.

אָבער איידער די צוויי חברים האָבן נאָך באַוויזן צו באַטראַכטן דעם צימער האָט זיך שוין דערהערט אַ רעש פון גאַס. פּאַסינקיס קול האָט זיך געהערט אויסרופן די נעמען פון סטודענטן.

אייזיק און יפה זיינען געקומען צו זיך און אויפגעוואַכט פון דעם צויבער און זיך דערמאָנט, אַז מען באַדאַרף שוין גיין צוריק צו דער שול.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט לילין און יעדער באַזונדער געהאַלטן איר האַנט אַ ביסל מער ווי געוויינלעך.

— איר קומט מאָרגן אָוונט ווידער? — פרעגט לילי.

— אויב מיר וועלן ביז מאָרגן ניט געווינען דעם סטרייק — זאָגט יפה.

— בעסער געווינט אים ניט — טאַנצט אונטער לילי.

— מיר וועלן קומען סיי־ווי — זאָגט אייזיק.

זיי זיינען אַריין אינעווייניק אין שטוב זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע. פון דער גאַס איז דערווייל געקומען אַ געפּייפעריי און אַ טומל.

די מאַמע האָט אָפּגעווישט די הענט אין פאַרטעך און זיך געזעגנט מיט די צוויי בחורים, געבנדיק זיי אַ שטיקל פון איר האַנט. דער פאָטער ווידער האָט געגעבן זיין פולע מאַזאָליעדיקע האַנט און וואַרעם און ברידערלעך געדריקט זייערע הענט.

— מאָרגן זעען מיר אייך ווידער — האָט געזאָגט דאַדי. — סיידן איר געווינט דעם סטרייק.

— נו, זאָלן די קינדער קומען פּריוואַטיק־צו־נאַכט — זאָגט די מוטער מיט אַ וויינענדיק קול. — לילימשקע, ניי און באַגלייט זיי ביז צו דער גאַס.

לילי האָט געכאַפּט אַף זיך אַ שאַל און איז זיי נעגאַנגען באַגלייטן. האָבן די צוויי חברים זי דערפאַר שוין גענומען אונטערן אָרעם און אַלע דריי האָב אַזוי אַראָפּגעטאַנצט די פּאָר טרעפּלעך אין גאַס אַריין.

אינמיטן גאַס זיינען שוין געשטאַנען די סטודענטן אין אַ לאַנגער ריי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען אַרויסגעקומען אַלע מיידלעך פון

שטעטל באגלייטן די קעסט־קינדער. און ווי עס האָט אויסגעוויזן, זיינען דאָ אין שטעטל געווען אַ סך מיידלעך...

פּאַסינקי, דער פּרעזידענט, האָט געטאָן אַ קאָמאַנדעווע, אַז מען זאָל זיך רירן פון אָרט. האָבן זיך אייזיק מיט יפהן נאָכאַמאָל געזעגנט מיט לילין, דריקנדיק איר האַנט וואָס שטאַרקער. און לילי האָט אפילו צוגעטראָגן זייערע הענט צו איר ברוסט, אַלס אַ צייכן פון נאָענטקייט.

די רייען האָבן זיך גערירט אין וועג. אימיצער האָט אָנגעהויבן צו זינגען: „וויכרי וראַזשדעבניע"... אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס ליד, זינגענדיק צום טאַקט. און אויסגעלאָזט מיט די העכסטע טענער, שיר זיך ניט צערייסנדיק די העלדזער.

די סטודענטן זיינען געקומען צוריק אין שול. נאָענט פאַר דער שול האָבן זיי אויפגעהערט זינגען. שוין באַם טויער פון שול איז זיי אַקעגנ־געקומען דער וועכטער מיט אַ לאַמטערן אין האַנט.

דאָס איז געווען אַ איד אַ „ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט". ער איז געווען אַלט, אָבער שטאַרק ווי אַ ריז. ער האָט ליב געהאַט אריינצומישן רוסישע ווערטער אין זיינע רייד.

— רעביאַטאַ!... — האָט ער געזאָגט, אויפהויבנדיק זיין לאַמטערן אין דער הויך. — וואָס איז דאָס?

— אַ סטרייק...

— שדים וויסן דאָס — האָט דער וועכטער געענטפערט. — איך האָב אָרדערס אייך ניט אריינצולאָזן אין סקול.

— ער האָט אָרדערס!.. — האָבן די סטודענטן געטאָן זיך אַ ריס דורך און איבערגעלאָזט דעם וועכטער מיט זיין לאַמטערן. דער וועכטער האָט אָנגעהויבן צו פייפן מיט זיין נאַכט־פייפל.

אָבער די סטודענטן זיינען שוין געווען אין דער דאָרמיטאָרי. עס האָט זיך אויך דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס. דאָס האָט מיסטער געלער דערהערט דעם פייף פון וועכטער, געכאַפּט זיין ביקס און אַרויס באַ זיך אָפּן גאַניק און אויסגעשאָסן.

דער וועכטער איז צוגעגאַנגען צום קאַטעדזש.

— וואָס האָסטו געפייפט?! — פרעגט אים געלער שטרענג און זיין גאַנצער קערפּער ציטערט פון אויפרעגונג.

— איך האָב זיי ניט געוואָלט אריינלאָזן. זיי זיינען געקומען פון וואודביין. אָבער זיי האָבן מיך ניט געהערט.

— אַ שיינער וועכטער ביזטו... מען קאָן זיך אַף דיר פאַרלאָזן...

— וואָס־זשע מיסטער געלער, איך קאָן זיך ניט שטעלן אַקעגן אַזוי פיל!...

— דו ביזט אַפּגעזאָגט!... איך באַדאַרף אַ וועכטער!... ניט קיין...!

— מיסטער געלער!...

— „יו אַר פייערד!" — שרייט געלער צום וועכטער.

— אָלרייט, פאַני געלער, מסתּם ווייסט איר וואָס איר טוט — האָט דער וועכטער אַראָפּגעלאָזט דעם לאַמטערן און זיך געלאָזט גיין, מיטן וועג צו די שול־געביידעס.

אין דער דאָרמיטאָרי האָבן די סטודענטן געפונען די טירן אָפן. איצט האָט מען געשיקט די סטודענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז זיי זאָלן גיין אין שטעטל אַריין עסן.

די פּיקעטס האָבן אָפּגעגעבן אַ רעפּאָרט, אַז קיינער פון דעם פאַקולטעט האָט זיך די גאַנצע צייט ניט געוויזן אויפן אויג. אַלץ איז צוגעגאַנגען רואיק אין דער צייט וואָס די סטודענטן זיינען געווען אין שטעטל. און אַז מר. קרעיג ליגט שוין אין דער היים מיט אַ צעבראָכענער ריפּ. „קידי" האָט אים דערלאַנגט אַ ריכטיקן בריק מיט די הינטערשטע פיס. און אַז מר. געלער האָט טעלעגראַפירט קיין פילאַדעלפיע צו דעם באָראָן הירש קאָמיטעט.

די לעצטע ידיעה האָט געבראַכט דער וועשערנס מיידל. זי האָט גראָד באַ מר. געלער אין קאַטעדזש געראַמט די צימער־ן און אונטערגעהערט, ווי ער האָט דורכן טעלעפאָן דיקטירט די טעלעגראַמע. דאָס מיידל האָט באַלד איבערגעגעבן די נייעס דורך קאַפּאָשאַנען, און קאַפּאָשאַן האָט עס דערציילט די סטודענטן.

— ווּעמען אַרט עס! זאָלן זיי קומען — האָט פּאַסינקי געזאָגט. — מיר האָבן באַ קיינעם גאָרניט צוגעגנבעט. אונדזער קאַמף איז אַ גערעכטער.

אייזיק האָט אינאיינעם מיט דעם קאָמיטעט געהאַט אַ מיטינג אין איינעם פון די שלאָף־צימערן אין דאָרמיטאָרי. באַם מיטינג איז אויס־געאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פאַר מאָרגן.

דערנאָך איז אייזיק אַריין אין זיין צימער. ער האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו זיין מוטער. געשריבן האָט ער איר, אַז ער איז געזונט און האָט נאָך אין זיין לעבן אַזוי מונטער ניט געפילט. (זאָל ער איר דערציילן פאַרוואָס?). די גאַנצע צייט פון זיין שרייבן האָט ער געפילט לילין לעבן זיך. ער האָט באַשריבן פאַר דער מאַמען די גאַנצע שול מיט די קי, מיט די פערד און מיט די געביידעס. עס האָט זיך באַ אים געעפנט אַ קוואַל.

ער האָט שוין געהאַלטן באַ דעם אַכטן בויגן. האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין: שוין גענוג!

דערנאָך זיינען געזעסן די פיר בחורים פון צימער און געשמועסט.

— ווי מיינט איר, מען וועט אונדז אַלעמען אַוועקשיקן? — פרעגט בערמאַן, אַ פּראָסטער בחור, וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות—וואָס ער טראַכט, דאָס רעדט ער.

— גייט אַוועק! מיר וועלן געווינען!... — שרייט חפץ.

— מיר האָבן גאָר ניט וואָס צו פאַרלירן — מישט זיך אַריין אייזיק — און אַלץ צו געווינען.

אינמיטן דערינען האָט זיך אויסגעלאָשן די עלעקטריק. דאָס האָט שוין געמוזט זיין אַ צו־להכעיס צוליב דעם סטרייק, וואָס מען האָט, דורך אַן אַלגעמיינעם סוויטש, אויסגעדרייט די עלעקטריק אין דער גאַנצער שול.

אָבער געשלאָפן איז מען יענע נאַכט זייער ווינציק. חברה האָט געוואַ־ט מיט אומגעדולד אַף דעם מאָרגנדיקן טאָג.

זעקסטער קאפיטל

מיסטער געלער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון דעם קאָמיטעט, וואָס האָט צו זאָגן איבער דעם באַראָן הירש פאָנד, אַז ער זאָל אַליין „סעטלען" מיט די סטודענטן. און וואָס גיכער וועט זיין בעסער — כדי עס זאָל ניט אַריין אין דער פרעסע.

די דאָזיקע טעלעגראַמע האָט געלער דערהאַלטן שפּעט באַנאַכט. ער האָט אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיס קענטאָרס צימער. מיס קענטאָר האָט, ליגנדיק אין איר בעט, אים געהייסן אַריינקומען.

— אַ טעלעגראַמע!... וואָס שרייבן זיי?

געלער לייענט די טעלעגראַמע מיט ציטערדיקע הענט. דער שלאָפראָק איז בא אים ניט פאַרקנעפּלט, זיינע האָר צעפּאַטלט און אַרום די אויגן בלאָע רינגען. מיס קענטאָר האַלט אירע נאַקעטע הענט איבער דער קאָלדרע. איבער איר קאָפּ ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל איינגעוויקלט אין אַ ראָזעווען אַבאַזשור. איר פּנים איז בלייך, אַזוי ווי מיט קאַלך אויסגעווייסט.

— „קאָנפאַונד איט" ! — זאָגט מיס קענטאָר, נאָכדעם ווי מיסטער געלער ענדיקט לייענען די טעלעגראַמע. — איצט וועט מען זיי נאָכגעבן אין איין זאַך, וועלן זיי באַלד וועלן זיין די באַלעבאַטים פון דער סקול.

זי האָט זיך אויפגעזעצט און מיט ביידע הענט גענומען רייבן אירע האָר. אין צימער איז געוועזן שטיל און עס האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון דעם, וואָס מיס קענטאָר האָט געריבן אירע האָר מיט די הענט.

— עס בלייבט ניט קיין אַנדער זאַך צו טאָן — זאָגט געלער און זעצט זיך אַפן ברעג פון בעט.

— זיך אונטערגעבן?

געלער קוקט זי אָן. זיינע אויגן ציטערן. מיס קענטאָר גיט אַ שמייכל.

— טייערער, דו ביזט עלטער געוואָרן איבערנאַכט.

— וועגן דעם זאָלסטו זיך ניט זאָרגן.

— אָבער, ווי אַזוי וועלן מיר עס דורכפירן? גלאַט אַזוי נאָכגעבן, מאָר מען ניט. די „שנאָרער" וועלן אַף אונדז טרעטן מיט זייערע שמוציקע שטיוול.

— איך האָב געמיינט, אַז דער קאָמיטעט וועט מיר געבן פולמאַכט, אָדער וועט אַליין אַרויסקומען אַהער — פּיעסטעט זיך געלער און לייגט אָן זיין

קאָפּ אויף מיס קענטאָרס נאַקעטן אָרעם. — אָבער איצט, ווי עס שטייט די לאַגע, מוז דער סטרייק געסעטלט ווערן באַלד אינדערפרי, צום ברעקפעסט.

— אזעלכע שנאָרער! מען גרייט פּאַר זיי אָן אזא טייערן סאַפּער און זיי גייען אוועק אין וואודביין! — קריצט מיס קענטאָר מיט די ציין. — מען דאַרף זען, אַז די קאָמיטע זאָל באַשטראָפן די וואודביינער איינוואוינער פּאַר געבן די סטרייקער עסן.

— דאָס וועלן מיר זען... מען טאָר עס ניט פאַרשווייגן! — באַהאַלט געלער זיין פּנים אין איר בריענדיקן לייב. — וואודביין טאָר אזוי ניט האַנדלען... עס איז פאַרראַט!

— אָלרייט, טייערער! — נעמט מיס קענטאָר ארום געלערן ארום האַלדז מיט איר נאַקעטן אָרעם און דישעט אים צו צו זיך. — שלאָף שוין דאָ, בא מיר, איבער די נאַכט. און מאָרגן גאַנץ פרי וועסטו זיי שיקן רופן און מיט זיי סעטלען. אָבער זאָלסט צו זיי רעדן האַרטע רייד.

מיסטער געלער האָט פאַרהויבן זיינע פּיס און אַראָפּגעטרייסלט די שטעק־שיך אַפן דיל.

— איך וועל זיי רופן באַלד אינדערפרי אהער, צו אונדז אין קאַטעדזש, און זיי פריער גוט אויסזידלען — זאָגט מיסטער געלער, אויסציענדיק זיינע פּיס הינטער דער קאָלדרע — און דערנאָך וועל איך זיי זאָגן אזוי: איר זעט, איך בין מיט אייך ווי אַ פאָטער מיט זיינע קינדער. פריער האָב איך אייך באַשטראָפט און איצט בעט איך אייך אַליין איבער.

— טאַקע, וואָס באַדאַרפן מיר זיך זאָרגן צו מאַכן זיי פאַר מענטשן? — שעפּטשעט מיס קענטאָר מיט היסן אָטעם אויף געלערס פּנים. — עס וועט סיי־ווי פון די שנאָרער גאָר ניט אַרויסקומען.

מיסטער געלער האָט זיך צעלאַכט.

—איך וועל זיי שוין באַזאָרגן מיט אזוינע שטעלעס, נאָכן גראַדואירן, אַז עס וועט זיי פינצטער ווערן אין די אויגן.

— קאָנסט יעדן איינעם פון זיי ערגעץ פאַרשיקן אין אַ ווייט אָרט, אזוי אַז ער זאָל קיינמאָל ניט קאָנען צוריק קומען צו זיינע פריינט — זאָגט מיס קענטאָר.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר. מיר וועלן זיך שוין אָן זיי נוקם זיין, אין די אַלע „קיקערס”, אזוי, אַז זיי וועלן שוין געדענקען און פאַרזאָגן אַ צענטן צו סטרייקן.

מיסטער געלער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר הייסן קערפּער. און מיס קענטאָר האָט אים מיט אירע נאַקעטע הענט צוגעצויגן צו זיך.

און ארום זעקס אזייגער אינדערפרי זיינען זיי ביידע אויפגעשטאנען. מיס קענטאָר איז אוועק אין דער קיך און מיסטער געלער האָט אָפּגערופן דורכן טעלעפאָן מאָלטבין און אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס און דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע.

— ברענג אַהער באַלד דעם קאָמיטעט פון די סטודענטן.

— איך מוז גיין מעלקן די קי — ענטפערט מאָלטבי.

— לאָז איבער דאָס מעלקן אויף נאָך ברעקפעסט.

— איר האָט זיך דערשראָקן?...

— דאָס איז אַן אָרדער פון פילאַדעלפיע...

— אָלרייט.

מאָלטבי איז אַרויס אין קאָרידאָר און געפרעגט בא די סטודענטן וואו זייער קאָמיטע איז. מען האָט אים אָנגעוויזן און ער האָט זיך באַגעגנט מיט פאַסינקין, טאַנסקין, אייזיקן און יפהן. אין צען מינוט אַרום זיינען שוין די פיר חברים געשטאַנען פאַר געלערן.

— וועל — האָט געלער צו זיי געזאָגט — איר זייט ניט ווערט, אַז דער באַראָן הירש פאָנד זאָל אויף אייך אויסגעבן איין סענט. איר זייט טראָבל־מאַכער און עס איז בא אייך נישטאָ קיין איין פאַטריאָטישער פונק. איר זייט ניט לאָיאַל צו אונדזער אינסטיטוציע, און מיט אייער סטרייק האָט איר באַפלעקט דעם גרויסן, שיינעם נאָמען פון אונדזער סקול. אָבער, איך וועל מיט אייך האַנדלען אַזוי ווי אַ פאָטער מיט זיינע פאַרדאָרבענע קינדער. איך וועל אייך געבן אַ געלעגנהייט... אויב איר וועט באַלד צוריקרופן דעם סטרייק.

מיסטער געלער האָט אָנגעבלאָזן זיינע רויטע באַקן און אַרויסגעלאָזט דעם אָטעם דורך זיינע צעשפּרייטע נאָזלעכער. ער האָט אָנגעשטעלט צוויי בייזע אויגן אויף די פיר בחורים, וועלכע זיינען געשטאַנען אין אַ האַלב־רונדער ליניע פאַר אים.

— מיר וועלן צוריקרופן דעם סטרייק — האָט פאַסינקי געזאָגט — אויב איר וועט צוריקרופן מיליטערישע איבונגען. מיר זיינען לאָיאַל צו אונדזער סקול ——

אָבער געלער האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן.

— לאָיאַל?!... און ווער איז געגאַנגען אין וואודביין עסן?...

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך אויסהונגערן?

— גענוג! גייט, זאָגט די סטודענטן, אַז דער סטרייק איז געענדיקט — האָט געלער אַ מאַך געטאָן מיט זיין האַנט.

— און די מיליטערישע איבונגען? — מישט זיך אריין איזיק.

— איך רוף צוריק די מיליטערישע איבונגען — ווארפט געלער אף אייזיקן א בליק פול מיט שנאה. — גייט און מאכט זיך פארטיק פאר ברעקפעסט. יעס! נאך ברעקפעסט וועט זיין „טשאורס". און איך נעם זיך דעם פארגעניגן אייך צו זאגן, אז אייער קאמיטעט וועט זיין פאראנטווארטלעך אויב די סטודענטן וועלן ניט גיין צוריק אין די שטאלן און פעלדער.

דער קאמיטעט איז געגאנגען צוריק צו דער דארמיטארי און אף גיך געעפנט יעדן צימער און אנגעזאגט די סטודענטן, אז דער סטרייק איז געוואונען; אז א גענעראלער מיטינג וועט זיין אין אוונט אין סאשעל־רום; אז דערווייל זאלן די סטודענטן גיין עסן ברעקפעסט און דערנאך גיין צו די „טשאורס".

עס איז געווען א געהויבענער ברעקפעסט. שוין לאנג האט מען אזוינע מאכלים ניט דערלאנגט. די טישן זיינען געדעקט געווארן מיט פעבלדיקע, ווייסע טישטעכער, און פרישע אייער מיט הייס־געבאקענע פוטערקוכנס, און קאשע מיט זיסער סמעטענע, און מארענירט פלייש, און געקאכטע פרוכטן, און געשמאקע קאווע.

די סטודענטן האבן געזשומעט בא די טישן און זיך דערציילט מעשיות און געזונט געלאכט.

די סטודענטן, וועלכע האבן באדינט און דערלאנגט צום טיש, זיינען געווען אנגעטאן אין פעבלדיקע ווייסע פארטיכער. זיי האבן געטראגן פון קיך אלדאס־גוטס און ניט געזשאלעוועט, אויב א סטודענט האט זיך פארגלוסט צו עסן צוויי פארציעס פון עפעס א מאכל.

נאכן ברעקפעסט איז מען ארויס אין דרויסן פונקט ווען די זון האט זיך ארויסגעהויבן פון א גראען פאס כמארע אין מזרח.

איצט איז מען געגאנגען צו די „טשאורס". ווער צו די קי־שטאלן און ווער צו די הינער־שטיבלעך.

אייזיק איז אוועק אין שטאל. ער האט אין זיין לעבן קיינמאל אזוי מונטער ניט געפילט. די גרויסע ליכטיקע זון האט אריינגעקוקט פונקט אין דער אפענער טיר פון שטאל. אייזיק איז אריין מיט קאפאשאנען און די פערד האבן זיי באגעגנט מיט א פריילעכן הירזשען. דורך דער נאכט איז אין שטאל געווארן א חורבן. דאס פערד־מיסט איז געלעגן צעשפרייט איבערן גאנצן דיל פון שטאל. די פערד האבן אויסגעזען ווי אויסגעדארט, ווי זיי וואלטן איבערנאכט געווארן עלטער מיט הונדערט יאר.

צום אלעם ערשטן האבן זיך די חברה גענומען ארויספירן די פערד

צום טרינקען. אייזיק האָט גענומען „בייבין״ און אים אַרויסגעפירט, און דאָס פערד האָט זיך געטאָן אַ ריס צום וואַסער און אָנגעהויבן צו שלינגען מיט אימפּעט, אַזוי אַז אייזיק האָט געהערט ווי דאָס וואַסער גיסט זיך באַם פערד דורכן האַלדז.

קאַפּאַשאַן איז אַריין צו „קידין״ און זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט אַרום איר קאָפּ.

— קידי, האַ, וואָס מאַכסטו?... ווייסט, מיר האָבן געסטרייקט?... מיך ווערסטו דאָך ניט בריקעווען, אַזוי ווי דו האָסט קרעיגן געבריקעט?.... קידי, מיין טייער, זיס פערדל...

קידי האָט מיט אירע ליפּן געשנאַפּט אין קאַפּאַשאַנס קעשענעס. זי האָט געוואוסט, אַז קאַפּאַשאַן האָט תמיד פאַר איר שטיקלעך צוקער אין די קעשענעס. זי האָט שיין און רונד אויסגעבויגן איר האַלדז און מיט אירע קלוגע, שוואַרצע אויגן געקוקט אויף קאַפּאַשאַנען.

— האָסט שוין היינט געטרונקען? — פרעגט קאַפּאַשאַן קידין. ער בינדט זי אויף און פירט זי אַרויס. קידי כאַפּט זיך צו צום וואַסער.

— איך קאָן וועטן, אַז די פערד האָבן נעכטן אָוונט ניט געטרונקען — זאָגט אייזיק צו קאַפּאַשאַנען.

— עס זעט אַזוי אויס — ענטפערט קאַפּאַשאַן. — זאָלן די פערד אויך וויסן, אַז מיר זיינען זייערע בעסטע פריינט.

אייזיק האָט זיך פון יענעם טאָג אָן אַריינגעלאָזט אין דער אַרבעט. אים זיינען די פערד אין שטאַל געוואָרן זייער באַליבט. צו־ביסלעך איז ער געוואוינט געוואָרן צו די פערד און באַלד נאָך דער ערשטער וואָך האָט ער געקראָגן „לידי״ און „בייבי״, די צוויי גראָע פערד מיט די שוואַרצע פינטעלעך, אויף זיין אייגענער אחריות. ער האָט זיי געגעבן עסן און זיי געריייניקט און אויך מיט זיי געאַרבעט. זיי האָבן געבלאַנקט און די האָר פון זייערע ווידלען און אַפן האַלדז האָבן אויסגעוויזן ווי פון זייד.

די צוויי פערד זיינען געווען אַ פּאָר אין שפּאַן. צוויי שווערע פערד און שטילע אַזוי ווי צוויי קעצעלעך. זיי האָבן אייזיקן אויך ליב באַקומען, ווייל ער האָט זיי געגעבן עסן אין צייט און טרינקען און האָט זיי אויסגעבעט אויף באַנאַכט מיט אַ סך שטרוי, אַזוי, אַז עס איז זיי געווען ווייך צו שלאָפן.

אויף שבת נאַכט זיינען אייזיק מיט יפהן געגאַנגען קיין וואודביין זיך זען מיט לילין. עס איז געווען נאָך וועטשערע. דער אָוונט, אַן אויס־

געשטערנטער און אַ קילער. האָבן זיך ביידע חברים, אונטנאָרומעט מיטן וועג וואָס פירט דורך אַ יונג וועלדל, אַרויסגעשמוגלט פון שול.

זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די סטודענטן זאָלן באַמערקן, אָדער אימיצער פון דעם פאַקולטעט.

געקומען אין שטעטל, זיינען זיי אַריין צו לילין אין הויז. לילים פאָטער, דאָדי, האָט זיך מיט די צוויי בחורים שטאַרק דערפרייט.

— וואָס הערט זיך מיט אייער סטרייק?

— געסעטלט!

— קומט אייך אַ מזל־טוב! — שטרעקט צו זיי דאָדי זיינע צוויי הענט און דריקט זייערע הענט.

— מיר האָבן אַ גרויסן זיג — זאָגט אייזיק אַף אַ קול און זוכט מיט זיינע אויגן צי עס איז נאָך אימיצער דאָ אין שטוב.

— ליליטשקע איז באַ זיך אין צימער — זאָגט דאָדי.

ביידע בחורים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דער אָפענער טיר פון לילים צימער.

דאָדי איז זיי נאָכגעגאַנגען און געשריען איבער זייערע קעפּ:

— לילי, עס גייען צו דיר געסט!

לילי איז אַקעגן געקומען צו לויפן. זי איז געווען צעטומלט און אויך אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו אייזיקן מיט יפהן. באַ איר איז אַ פּאַסמע האָר געפאַלן איבערן שטערן ביז צום אויג. זי איז איצט געווען באַקליידט אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ ווייסן קאָלנערל. דאָס האָט איר קערפּער געמאַכט דינער און העכער.

— לילי, דער סטרייק איז געסעטלט! — האָט דאָדי אויסגעכאַפּט די בשורה.

— געסעטלט?... אוי, ווי איך פריי זיך...

— מיר האָבן געהאַלטן וואָרט — זאָגט יפה. — צוגעזאָגט קומען, און אָט זיינען מיר געקומען.

אייזיקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יפה האָט גערעדט נאַריש. ער האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט געוואָלט פאַרגלעטן זיין חברס נאַרישע רייד. אָבער אין דער מינוט איז אַריינגעקומען לילים מוטער און מיט אַ וויינענדיק קול אויסגעמישט מיט פרייד און האַרציקייט געזאָגט:

— זעט, זעט נאָר, די קינדער זיינען דאָ...

זי האָט שוין ביידע בחורים גערופן „קינדער”.

— מאַמע, דער סטרייק איז געסעטלט — פרייט זיך לילי.

— שוין! דאנקען גאָט! איך בין זיך מחיה! אפשר וועט'ן טרינקען טיי?

— טאקע, א גלעזל טיי וועט ניט שאטן — זאָגט דאָדי און גייט נאָך זיין ווייב, וועלכע גייט אין קיך צושטעלן טיי.

— עס פרייט מיך אזוי! — זאָגט לילי. — זעצט זיך. עס איז אזוי אומעטיק דאָ אין וואודביין. א גאנצע וואָך דאָס מאָנאָטאָנע לערנען מיט די קינדער. מען קאָן משוגע ווערן פון איינזאמקייט.

— איר וואָלט באדארפט זיין אין א גרויסער שטאָט — קוקט זי אָן אייזיק מיט זיינע גרויסע, ווילד־צעעפנטע אויגן.

— עס זיינען פאראנען מענטשן, וועלכע זיינען איינזאם אפילו אין א גרויסער שטאָט — מישט זיך אריין יפה.

— איך בין קיינמאָל ניט געווען אין א גרויסער שטאָט — לאָזט לילי אראָפּ אירע אויגן צום דיל.

— וואו האָט איר געלערנט? — פרעגט אייזיק.

— אנטשולדיקט. יאָ. איך האָב געלערנט אין פּרינסטאָן. גראדואירט און געקומען דאָ צוריק קיין וואודביין. איך בין ניט פון די סענטימענטאלע, אָבער אז איך באגעגן זיך מיט שטאָטישע מענטשן גיט מיך מיטאמאָל א ריס באם הארצן. עס דאכט זיך מיר, אז איך פארשפּיל מיין לעבן דאָ אין דאָרף.

אייזיק מיט יפהן קוקן זיך איבער, ווי זיי וואָלטן זיך געהאלטן אן עצה וואָס צו טאָן, כדי צו ראטעווען זי פון אונטערגאנג.

אין דער איינענער צייט האָבן לילים טאטע־מאמע געהאלטן א קאָנ־פערענץ אין קיך.

— וועלכער פון די צוויי בחורים געפעלט דיר? — פרעגט די מאמע.

— זיי געפעלן מיר ביידע — זאָגט דאָדי בייז. אזא טבע האָט ער, ווען ער רעדט מיט זיין ווייב מאלי, זיך צו בייזערן. מאלי ווייסט שוין, אז עס איז נישטאָ קיין שום געפאר אין זיין בייזערן זיך.

— ביידע? — פרעגט איבער מאלי. — טייערע צוויי אינגלעך, הא? אז עס איז שוין אזא מזל. פריער איז נישטאָ קיינער, און אז עס באווייזט זיך שוין אימיצער, קומען זיי צו צוויי מיטאמאָל...

— באלד ביזטו דאָ מיט דיינע זאכן!

— מיינע זאכן גייען דיר ניט אָן?

— מיר גייען זיי ניט אָן! לילי ווייסט אליין ווי צו האנדלען.

— איך וועל זיך שוין מיט דיר ניט אויסטענהן — שלאָגט אים איבער

מאַלי. זי גיסט אָן טיי אין פינקלדיקע גלעזער, שטעלט זיי אויס אַף אַ טאַץ.

— גיי רוף די קינדער צום טיש.

דאָדי איז אַוועק רופן די „קינדער" צום טיש.

זיצנדיק באַם טיש, האָט דאָדי געבעטן אַז מען זאָל אים דערציילן אַ ביסל מער איינצלהייטן וועגן דעם סטרייק.

אָבער מאַלי האָט מורא געהאַט, אַז דאָדי זאָל ניט פאַרנודיען די „קינ־דער", און זי האָט אַף אים גוטמוטיק אָנגעשריען.

— וואָס „באַדערסטו" אַ קאָפּ!

דאָדי האָט זי בייז אָנגעקוקט און געזאָגט צו די געסט:

— איך האָף, אַז איר פאַרשטייט מיך. מיינע לאָזט מיך ניט אויפהויבן קיין קאָפּ. אין שאָפּ באַ אונדז לאָזט מען ניט רעדן. און באַ מיר אין הויז טאָר מען שוין אויך ניט רעדן...

— די קינדער ווילן זיך מסתּם אַ ביסל דורכגיין — זאָגט מאַלי און ווינקט צו לילין.

— מיר וועלן גיין שפּאַצירן — זאָגט לילי צו די געסט.

אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיי שוין געגאַנגען איבער אַ ברייטער גאַס פון שטעטל. לילי אינדערמיט, אייזיק און יפה פון ביידע זייטן. די גאַנצע גאַס איז געווען אַ קורצע, כאָטש אין שטעטל האָט זי זיך גערעכנט פאַר איינער פון די לענגסטע.

האָבן זיי זיך געדרייט עטלעכע מאָל אַראָפּ און אַרויף מיט אָט־דער גאַס ביז זיי זיינען אַרויס פון איר און זיך מיטאַמאָל דערפילט אַף אַ וועג, וועלכער איז געלאָפן צווישן פעלדער און סעדער. עס איז געווען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. דאָס ווייסקייט פונעם זאַמדיקן וועג האָט געדינט אַלס די איינציקע באַלייכטונג. די ביימער פון די סעדער זיינען געשטאַנען שטילע און דאָ און דאָרטן האָט אויסגעוויזן, אַז צווישן די ביימער שטייט אַ מענטש מיט אויפגעהויבענע הענט, אָדער אַ גרויסער ריזיקער פויגל שטייט מיט צע־שפּרייטע פליגל.

עס האָט געשמעקט מיט רויך פון ברענענדיקע וועלדער. עס איז געווען דאָ און דאָרט אַ שטיבל, און אַ באַלויכטן פענצטער. די שיין פון אַזאַ באַלויכטן פענצטער האָט זיך געלייגט ווי אַ ליכטיקער זייל איבער די פעלדער און איבערן וועג.

אייזיק און יפה זיינען געגאַנגען נאָענט לעבן לילין. זי האָט זיי ביידן געבריט מיט איר קערפּער אַלע מאָל ווען זיי האָבן זיך אומגערן אין דער פינצטער אָנגערירט.

— אָ, ווי גוט עס איז! — זאָגט אייזיק.

— איך וואָלט אַזוי געקאָנט גיין אַ גאַנצע נאַכט — לאָזט יפה וויסן זיין מיינונג.

— די נאַכט איז אַ וואונדערבאַרע — זינגט אויס לילי.

— מיט אייך איז זי וואונדערבאַר — פּרוּווט יפה.

— איר הערט פון ווייטנס דאָס קול פון אַ באַן? — פרעגט אייזיק און בלייבט שטיין זיך איינצוהערן אין דעם ווייטן רויש פון די רעדער פון אַ באַן.

— יאָ, טאַקע, אַ באַן! — דערפרייט זיך לילי.

דאָ באַם וועג איז געלעגן אַן אַלטער בוים. לילי איז געווען די ערשטע צו דערזען דעם בוים.

— מיר וועלן זיך צוזעצן.

אייזיק און יפה האָבן פאַרגעסן, אַז זיי האָבן ערשט פריער געזאָגט, אַז זיי וואָלטן אַזוי געקאָנט גיין אַ גאַנצע נאַכט. אַלע דריי האָבן זיך געזעצט אַפן איבערגעקערטן בוים. דער הימל איז געווען אַזוי הויך איבער זיי. עס איז געווען איינע פון די וואונדער־שיינע ניו־דזשוירזיער נעכט. שטיל, וואַרעם און קיל. אַ פייכטקייט פון ראָסע און דער ריח פון געפאַלענע בלעטער. די ווייטע שטערן האָבן געפינקלט, ווי ווייטע ליכטלעך. דער האָריזאָנט האָט זיך אויסגעטיילט מיט דעם אָפּשיין פון ווייטע, העלע גאַרטלען ליכט.

דער בוים, אַף וועלכן זיי זיצן, האָט שוין ניט אַף זיך קיין קאָרע. די צייט און דער וועטער האָבן אים שוין גוט אַרומגעאַרבעט. לילי זיצט אינ־דערמיט. אייזיק זיצט רייטנדיק אַפן בוים מיטן פּנים צו לילין און יפה זיצט רייטנדיק אַפן בוים מיטן פּנים צו לילין.

אַלע דריי שווייגן, אַזוי ווי די נאַכט אַרום זיי, אַזוי ווי דער בוים אַף וועלכן זיי זיצן.

נאָר פּלוצלונג דערמאָנט זיך יפה, אַז עס איז דאָ דיסציפּלין אין שול. די סטודענטן מוזן גיין צען אַזייגער שלאָפן. ער הויבט זיך אויף, נעמט אַרויס זיין זייגערל און קוקט אין דער פינצטער, וואו עס האַלט.

— אַ שאָד, מיר מוזן באַלד גיין צוריק אין שול — זאָגט יפה.

אייזיק שעלט אים בא זיך אין האַרצן מיט טויטע קללות. נאָר אַזאַ טרוקענער בחור ווי יפה קאָן אין אַזאַ מאָמענט אינזינען האָבן צו זיין אַזוי פּינקטלעך.

— איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט געוואונען דעם סטרייק -- זאָגט

לילי ווי אין אַ טרוים. — פאַרוואָס־זשע האָט איר ניט אויסגעקעמפט די פרייהייט צו גיין וואו איר ווילט?

— אָן דער פרייהייט האָבן מיר גאָר אײַנגאַנצן פאַרגעסן — זאָגט אײַזיק, אויפהויבנדיק זיך פון בוים.

— מיר האָבן אפילו ניט גערעדט ווי עס באַדאַרף צו זײַן — קרימט זיך לילי און שטרעקט אויס אירע הענט צו ביידע חברים. זיי הויבן זי אויף פון אָרט.

און נאָכדעם ווי אײַזיק מיט יפהן פירן זי אָפּ צוריק אַהיים, גייען ביידע בחורים צוריק אין שול, ווידעראַמאָל דורך דעם הינטערשטן וועג.

— ווי גליכסטו דאָס מיידל? — פרעגט יפה בײַ אײַזיקן.

— איך האָב זי ליב — ענטפערט אײַזיק און פילט ווי דאָס האַרץ זײַנס קלאַפּט ווי מיט האַמערס.

— איך האָב זי אויך ליב — איז זיך יפה מודה. — דער אומגליק מיט מיר איז, וואָס איך האָב שוין מײַן לעבנס־וועג באַשטימט פון פריער.

אײַזיק האָט פאַרשטאַנען וואוהין יפה האָט געצילט. ער האָט געוואוסט, אַז יפה איז געקומען דאָ אין שול זיך אויסלערנען אַגריקולטור מיט דעם צוועק צו פאָרן דערנאָך אין פּאַלעסטינע. אײַזיק האָט אַלע מאָל געלאַכט פון יפהן דערפאַר וואָס ער וויל פאָרן קיין פּאַלעסטינע באַארבעטן די ערד. אײַזיק האָט געטענהט, אַז מען קאָן באַארבעטן ערד דאָ אין אַמעריקע, אויב מען וויל ווערן געזונט און פּראָדוקטיוו. און צו וואָס דאַרף אַזאַ געזונטער בחור פאָרן אין אַ לאַנד ווי פּאַלעסטינע, וואו עס איז דאָ ווייניק פרוכטבאַרע ערד און די אײַנוואוינער דאָרטן קאָנען קוים אַליין לעבן פון דער ערד?

יפה האָט אײַזיקן געגעבן זײַן געוויינלעכן אַרגומענט: עס איז דאָס לאַנד פון אונדזער געשיכטע. איצט, אַז יפה האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דעם וואָרט, אַז עס טוט אים באַנג וואָס זײַן לעבנס־וועג איז שוין אַ באַשטימטער, האָט אײַזיק צו אים געזאָגט:

— זעסט, אפילו אָט־דער צופאַל מיט לילין איז קעגן דיר... דאָס ווײַזט דיר, ווי פאַלש דײַן וועג איז.

זיי זײַנען ביידע אַריין דורך באַזונדערע שטעגן אָף דער שול־באַזע. עס איז געווען פונקט אַ פערטל צו צען. דער גלאָק האָט געקלונגען און געהייסן גיין אַלע סטודענטן אין זייערע צימערן.

אײַזיק האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט געקעמפט מיטן שלאָף און געוואָלט טראַכטן וועגן לילין, אָבער דער שלאָף האָט אים בײַגעקומען.

אױף מאָרגן, זונטיק, האָט מען אין שול געאַרבעט. דאָ האָט מען גע־האַלטן דעם טאָג שבת אַלס רו־טאָג.

זונטיק, באַלד נאָכן אָנבייסן, זיינען אַלע סטודענטן אָרגאַניזירט גע־וואָרן דורך די לערער מאַלטבי און לואיס אַרויסצופאָרן קאַרטשעווען בוים־וואָרצלען.

אױף אַ גרויסן שטח, וואָס האָט זיך געמאָסטן אױף צען אַקער, זיינען דיביימער געווען אויסגעהאַקט. איצט זיינען געבליבן די וואָרצלען פון די ביימער אין דער ערד.

אױף אַ באַזונדערן וואָגן האָט מען מיטגעבראַכט פּיק־אייזנס, ריסקאַליעס, און אַן אייזערנע ראָד מיט אַ שווערן געפלאָכטענעם שטריק פון דראָט.

פריער האָבן די יאַטן אַרומגעגראָבן די ערד אַרום די קאָרעניעס, ביז עס איז געוואָרן אַ גרויסער גרוב אַרום זיי.

די זון האָט געוואַרעמט. דאָס פעלד מיט די בוים־וואָרצלען איז געווען פון פריער אָפּגעסמאַליעט פון דעם פייער וואָס מען האָט דאָ געמאַכט, כדי צו פאַרברענען די אויסגעהאַקטע ביימער. די ערד איז געווען פאַרויכערט מיט סאַזשע און צו וואָס מען האָט זיך נאָר צוגערירט האָט מען זיך באַלד אויסגעשמירט די הענט מיט סאַזשע.

די אַרבעט — אַ שווערע, פאַר אייזיקן, אַ נייע. ער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל ניט געגראָבן קיין ערד. און די הענט זיינע שוואַרץ פון סאַזשע. דער שוויס רינט איבערן פּנים און אייזיק קאָן זיך ניט העלפן. ער ווישט דעם שוויס פון זיין פּנים און שמירט זיך אויס.

ער האָט געקראָגן אַ פּיק־אייזן, אַזאַ מין לאָם, אַ גרויסן מיט אַ שאַרפן עק. און מיט אים האָט אייזיק געדאַרפט איבערהאַקן די וואָרצלען. און וויפיל וואָרצלען יעדער בוים האָט עס געהאַט!

פּראָפעסאָר לואיס שטייט איבער אים און האַלט פאַר אים אַ לעקציע: דאָ אין דעם ראַיאָן איז אַמאָל, אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, געווען דער ים. אױף דעם איז אַן עדות דער זאַמדיקער באָדן. דערנאָך איז דער ים אַנטלאָפן און עס האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן וועגעטאַציע און ביימער. און ביימער דאַרפן וואַסער, כדי צו פאַרדייען די שפּייזן וואָס זיי ציען פון דער טיפעניש פון דער ערד. פּונקט אַזוי ווי מענטשן באַדאַרפן וואַסער...

אייזיק הערט די לעקציע און הויבט דעם לאָם און האַקט מיט אים די וואָרצלען. טויזנטער זיינען זיי פאַראַנען. און אַזוינע איינגעשפּאַרטע, און אַזוינע שטאַרקע, אַזוי ווי פון דראָט געמאַכט.

די הענט בא איזיקן זיינע שוין מיט פּאַכירן. די פּאַכירן פּלאַצן און דאָס רויע פלייש שמאַרצט. שוואַרצע סאַזשע קריכט אין די וואונדן.

אייזיק שטעקט אריין דעם לאָם אין דער ערד און ווייזט פּראָפּעסאָר לואיסן זיין פאַרוואונדעטע האַנט.

— עס איז גוט אזוי — זאָגט לואיס און לאַכט. — וועסט פאַר־האַרטעוועט דיינע הענט און ווערן אַן אמתער פאַרמער.

— אָבער, עס טוט ווי — זאָגט אייזיק, פאַרקלעמענדיק די ציין.

— דאָס מיינט גאָר ניט! גיב אַ קוק אויף מיינע הענט — ווייזט לואיס אייזיקן זיינע הענט. — זעסט ווי האַרט! איר, שטאַט־מענטשן, זייט צו ווייך.

אייזיק האָט זיך דערפילט באַליידיקט. ער האָט געכאַפּט דעם לאָם און ווידער מיט אימפּעט געאַרבעט. ער האָט געטראַכט: — עס מוז זיין אַ גרינגערער וועג ווי אזוי אַרויסצושלעפּן פון דער ערד די וואָרצלען פון אָפּגעהאַקטעביימער. אָבער דאָ איז מען זיך נוקם אין די סטודענטן און מען אַרבעט מיט אונדז אזוי שווער דערפאַר, וואָס מיר האָבן געסטרייקט.

די אייזערנע ראָד וואָס מען האָט אַרויסגעבראַכט האָט זיך געדרייט אויף אַ ווערטיקאַלן אַקס, וועלכער איז געווען אריינגעשרויפט אין אַן אייזערנער פּלאַטפאָרמע. די גרויסע ראָד האָט זיך געדרייט דורך אַ מעכאַניזם פון קלענערע רעדלעך און מיט דער הילף פון אַ דישל. צום דישל האָט מען צוגעשפּאַנט צוויי פערד. די פערד האָבן זיך געדרייט אין אַ צירקל. פון גרויסן ראָד, אויף וועלכן עס האָט זיך געוויקלט דער דראָט־שטריק, איז גע־צויגן געוואָרן אַ ליניע ביז צום בוים־וואָרצל. מיט דעם שטריק האָט מען אַרומגעבונדן דעם פּענעק.

אַ טרייב די פערד אין אַ צירקל און דער פּענעק הויבט אָן צו קריכן פון דער ערד. עס הויבט זיך אויף פון דער ערד אַ זאַך, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזיקע שפּין מיט אַ סך פיסלעך.

עס באַווייזט זיך דער מיטלסטער וואָרצל פון דעם אָפּגעהאַקטן בוים, ווי אַ גיגאַנטישער רעטעך.

אָט אזוי האָבן די סטודענטן אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן זונטיק. אזוי גיך ווי מען האָט די פּענעקעס אַרויסגעשלעפּט האָט מען צו זיי צוגעשפּאַנט אַ פערד און זיי אַוועקגעשלעפּט אין דעם וואַלד, וואָס פון יענער זייט פעלד.

אייזיק האָט דערפילט דעם ערשטן טעם פון ערד. וויפיל ער האָט זיך געוואַשן, האָט ער פּאַרט באַם טיש געפילט דעם טעם פון ערד אין די מאכלים.

זיין אַפּעטיט איז געווען ווי בּאַ אַ הונגעריקן וואָלף, און אין אָוונט האָט ער קוים געהאַט כּוח צו געבן טרינקען און עסן די פערד. אָבער אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן לילין, האָט אַף אים אַ ווייע געטאָן מיט פרישקייט. ער האָט אויסגעדריקט זיין געפיל אין דעם, וואָס ער האָט „לײדין" און „בייבין" אויסגעבעט אַ טרוקענעם, ווייכן בעט פון ווייצנשטרוי.

ער האָט געטרוימט פון דעם טאָג, ווען ער וועט איינשפּאַנען אָט־די צוויי פערד אין אַ וואָגן און מיט זיי דורכפאָרן לילים שטוב. צי אפשר זי אויך אַרויפנעמען אַפן וואָגן.

זיבעטער קאפיטל

אין בראנזוויל, בא חיימען אין הויז, וואס איז געשטאנען אזוי ווי א יתומה, איינע אליין אף א גרויסן שטח, איז ניט געגאנגען עפעס אזוי גלאט.

נחום, דער פערטער פון די ניין ברידער, האט אן די עלטערנס וויסן חתונה געהאט. פאר חיימען און רייזין איז דאס געווען א גרויסער קלאפ. אי ניט געווארט ביז די עלטערע דריי ברידער וועלן חתונה האבן, אי קיינעם ניט אנגעזאגט אפילו. אוועקגעגאנגען און חתונה געהאט אין געריכט. און דער בחור האט ניט קיין העמד אף זיך. און דאס יונג ווייבל זיינס איז אויך ארעם ווי דער טויט. און זיי האבן שוין ביידע גענומען ערגעץ א צימערל אין ניו־יארק.

— נו, וואס זאגסטו? אף אזא זאך האב איך זיך גאר ניט געריכט... — קלאגט די מאמע רייזי.

— אמעריטשקע!... — האט חיים אויסגעדריקט זיין פארדראס מיט איין ווארט.

— נעכאי וואלט איך כאטש געוואוסט. עס איז מיר איצט א שאנד ארויסצוגיין אין גאס.

חיים האט זיך שוין געהאט זייער ברייטלעך איינגעלעבט אין בראנזוויל. דער געגנט איז געווען א נייער. אין דעם לעצטן ריעל־עסטייט־בום זיינען דארט די קאנארסיער זומפן פארשאטן געווארן, עס זיינען אויסגעמאסטן געווארן גאסן און מען האט אנגעהויבן בויען הייזקעס פון צוויי שטאק.

דעם בלאק, וואו חיים האט געוואוינט, האט מען שוין גערופן: דער בלאק פון די ניין ברידער. דאס הויז האט חיים געקויפט אף אויסצוצאלן. דער חשבון איז געווען א גוטער. אין ניו־יארק האט חיים געצאלט צווייערלייי דירה־געלט. נו, וועט ער מיט דעם געלט זיך קאנען אויסצאלן אן אייגן הויז.

חיים האט באלד באם אריבערציען זיך אהער אויפגעבויט אן אייגענע סוכה מיט א שינדלענעם דאך. ערב סוכות האט מען דעם דאך אויפגעהויבן אף אייזערנע זאוויעסעס און אים אונטערגעשפארט מיט צוויי לייסטן. און נאך סוכות האט חיים אראפגענומען דעם סכך און דעם דאך צוריק פאר־מאכט און פון דער סוכה איז געווארן א פשוטע קאמער.

די אידישע שכנים פון ארום און ארום האבן געלייגט גרויס געוויכט אף חיימען מיט זיין פאמיליע. די קרעמער האבן געלייזט א סך געלט בא

דער פאַמיליע און גלאַט האָבן אידן הנאה געהאַט פון די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אַ טאַטע מיט זיין זין האָט דאָ אין אַמעריקע.

מען האָט געשאַפן לעגענדעס וועגן חיימען, אַז ער האַלט אין איין קויפן „לאָטס" און וועט אינגיכן האָבן גאַנץ בראַנזוויל אין זיינע הענט. כאָטש אין דער אמתן איז גאָר חיימען ניט געגאַנגען אין קאָפּ אַפילו אַזאַ מחשבה צו קויפן „לאָטס".

דאָס הויז האָט חיים געקויפט, כדי צו האָבן אַן אייגענע היים און מיט דער צייט, ווען ער וועט זי אויסצאָלן, זאָל מען פאַרשפּאָרן צו צאָלן „רענט". ער האָט ניט געהאַט קיין שום אַפּעטיט צו ווערן אַ „לענדלאָרד".

אין דעם געגנט האָט חיים געפונען אַ שול צום דאַווגען און האָט זיך געפילט ווי אין דעם אַמאָליקן שטעטל אין צאַרישן רוסלאַנד.

ער איז געגאַנגען אין שול דאַווגען יעדן טאָג. און כאָטש די איינ־וואוינער זיינען ניט געווען אַזוינע לומדים, האָט זיך חיים מיט זיי פּונ־דעסטוועגן גוט איינגעלעבט. דאָס מערסטע האָבן דאָ געוואוינט אידן אין היימס יאָרן; אַזוינע וואָס האָבן זיך שוין „געשטעלט אױף די פיס", אָדער זיי האָבן אליין געפירט געשעפטן, אָדער זייערע קינדער זיינען געווען געשעפט־לייט; יעדער איינער האָט דאָ געהאַט זיין אייגן הויז מיט אַ שטיקל הויף פאַר אַ גאָרטן און מיט צוויי יונגע בוימלעך, אַפילו איינגעדאַרט, אָבער עס איז פאָרט געווען עפּעס ניט אַזוי ווי אין ניו־יאָרק.

חיים האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אָנצוזען. אין שול האָט מען אים געוואָלט מאַכן פאַרן פּרעזידענט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט. אַזאַ טבע איז בא אים געווען, ניט צו מישן זיך אין קהלשע זאַכן.

דעם שאַפּ זיינעם האָט חיים געפירט טאַקע בא זיך אין קעלער. ער פלעגט אַלע טאָג אַרויספאָרן קיין ניו־יאָרק זיך זען מיט די קונים זיינע, צי זיי דאַרפן „בענדלעך".

אָבער עפּעס איז לעצטנס געשען. עס גייען קלאַנגען, אַז עס קומט, עס שטייט שוין בא די טויערן פון אַמעריקע, דער קריזיס.

עס הויבט אָן ווערן שלאַבעריק. מען קויפט שוין אָן דעם געוויסן ברען. מען מאַכט שוין אַוועק מיט דער האַנט. געלט ווערט זייער ניט זיכער. עס הויבט זיך אָן פילן אַ דוחק אין געלט. אין באַנק, וואו חיים האָט שוין געקראָגן קרעדיט, וויפיל ער האָט נאָר באַדאַרפט, האָט מען אים שוין דאָס ערשטע מאָל אָפּגעזאָגט... מיט אַ תירוץ, אַז עס איז ניטאָ... עס פאַטויפעט זיך אים ניט אין קאָפּ, אַז אַ באַנק זאָל ניט האָבן קיין געלט.

איבערהויפּט פאַרשטייט ער ניט וואָס דאָס איז אַזעלכעס „קריזיס",

וואָס שטייט ערגעץ באַ די טויערן פון אַמעריקע... ער הערט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַזאַ וואָרט.

אָבער בראַיען אַהין און אַהער — עפּעס פילט זיך, אַז עס איז ניט גלאַט. חיים האָט גרויסן בטחון.

זיין שאַפּ גייט מיטן פולן ברען ווי אַלעמאָל. די מאַשינען יאָגן און די פיר אייגענע „פערדלעך" אַרבעטן. די פּאַרטיקע ווארע זאַמלט זיך אָן. אַי, טאָמער איז אַ ביסל ענג אין געלט? איז מה רעש?

דער חשבון איז אַ גוטער. קיין דירה־געלט אַלע חודש צאָלט חיים ניט. נאָר איין מאָל אין דריי חדשים דאַרף ער צאָלן ראַטעס אַפן „מאָרטגעדזש". ביז עס וועט אָנקומען דער טערמין, איז נאָך ווייט.

רייזין אַף הוצאות אין שטוב דאַרף ער אויך ניט געבן אַלע טאָג. די קראָמען טראָגן זיי אַנטקעגן אַף באָרג.

— אייערע טשעקלעך!... — שמייכלען די קרעמער צו רייזין. — איר שפּילט זיך עפּעס מיט אַזאַ טשעקל...

גלויבט טאַקע חיים ניט אַזוי אין דעם וואָס מען שרעקט די געגנט מיט אַ קריזיס...

דער ווינטער האָט זיך שוין אָוועקגעשטעלט. עס איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי.

חיימס הויז שטייט אַזוי ווי אַף אַ ווייסן פעלד. אין קעלער איז אָפּגעליינט צוויי טאָן קוילן. אין שטוב איז וואַרעם — אַפילו ניט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען אין די צימערן באַ חיימען זיינען געווען הרובעס און מען האָט געהייצט מיט בעסאַראַבער שטרוי...

דאָ אין אַמעריקע שטייט באַ חיימען אין שטוב איין אויוון אַף 6 צימערן. דער אויוון שטייט אין קיך. און נאָר דאָס עס־צימער, וועלכער שטייט באַ דער קיך, איז וואַרעם. דער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטן און קלאַפּט אין די פענצטער. קיין צווייערליי פענצטער איז דאָ אויך נישטאָ...

מילא! ניט צו פאַרזינדיקן! די מאַמע רייזי פּאַליעט דעם אויוון ביז ער ווערט רויט ווי פייער...

ווען עס וואָלט ניט געווען צרות מיט די חברה!... אָט איז אייזיק אַוועק אין דער פרעמד... דער ערשטער קלאַפּ. און אָט איז זיך מיישב נחום און האָט גאָר חתונה...

די מאַמע רייזי וויינט זיך אויס אירע אויגן. אַ אידענע!

האָט איר חיים צוליב געטאָן און זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אייזיקן אַ לאַנגן בריוו.

— „לבני היקר, המשכּיל און אז. וו. ערשטנס לאָז איך דיר וויסן פון אונדזער געזונט ב"ה. און שנית קאָן איך דיר שרײַבן, אַז איך האָב זײער פיל הנאה געהאַט פון דײַן בריוו, וואו דו באַשרײַבסט די פערד מיט די קי. עפּעס בין איך דאָך אויך אַמאָל, ניט איצט געדאַכט, געווען אַ שטיקל פּאָסעסאָר און געדענק נאָך זײער וואויל, וואָס אַ שטיקל ערד איז. עס האָט מיך דײַן בריוו אַזוי צענומען פון בענקשאַפט צו פערד און קי, אַז ווען איך זאָל ניט זײַן קײן מאַנצביל וואָלט איך מסתּם זיך צעוויינט. איך וואָלט דיר אַפילו ניט באַדאַרפט שרײַבן, ווײַל דו האָסט זיך ניט פאַרדינט. בײזט אָוועקגעפאָרן און אַפילו זיך מיט מיר ניט געזעגנט. (דײַן ברודער נחום האָט איצט נאָך ערגער אָפּגעטאָן. ער האָט חתונה געהאַט און בײַ אונדז ניט געפרעגט.) איך פרעג דיך, אײַזיק, וואו איז כּבוד אָב ואם?... נאָר מילא, מסתּם ווײַל אַזוי דער אויבערשטער... איז וואָס, טראַכסטו טאַקע צו בלײַבן דאָרטן? ווי איך פאַרשטײ, האָסטו זיך פאַרנומען צו ווערן אַ פאַרמער. איך וואָלט וועלן הערן פון דיר אַלײן צי עס איז עפּעס דאָ אַ שכל דערבײַ?... און צי עס איז אַ פּלאַן. אָט בין איך איצט, ב"ה, אַ שטיקל לײַט. מענטשן זײַנען מיך מקנא. אַן אײגענע הויז (דערווײַל נאָך ניט אויסגעצאָלט), אַ שאָפּ. אָבער גלויב מיר, אַז איך וואָלט זײער געוואָלט האָבן אַ שטיקל אײגענע פּאָסעסיע. שרײַב מיר באַלד ענטפער אויף די דאָזיקע שאלות: ראשית, צי מעג דאָ אין אַמעריקע אַ איד האָבן אײגענע ערד אויף זײַן נאָמען? די קינדער זאָגן, אַז יאָ. שנית דאַכט זיך מיר, אַז דאָ אין אַמעריקע איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך ווי דערפער. פרעג איך בײַ דיר, צי איז עס אמת. און דריטנס, אויב דו וואָלסט געוואָלט, נאָכדעם ווי דו וועסט ענדיקן אויף אַגראָנאָם, זײַן בײַ מיר אויף אַן אימעניע?

„עס איז בײַ אונדז ווײַטער קײן נײַעס נישטאָ, חוץ דעם וואָס עס איז אויסגעפאַלן אַ טיפער שנײ. מסתּם בײַ אײַך דאָרטן אויך דאָ אַ שנײ. און, יאָ — צי האָסטו עפּעס געהערט וועגן קריזיס. מיר דאָ לײענען די בלעטער אַלע טאָג. עס הערט זיך, אַז דער קריזיס שטײט שוין בײַ די טויערן פון אַמעריקע. בעסער זאָל ער דערטרונקען ווערן אין ים אײדער ער דערלעבט נאָך צו קומען. שרײַב בריוו.

דײַן פאָטער, ח י י ם.

„דײַן מאַמע רײזי און אַלע קינדער גריסן דיר ג"פ. די מאַמע בעט דיך, אַז דו זאָלסט שרײַבן צי דו דאַרפסט עפּעס געלט, כּפי ווי עס דאַכט זיך צאָלט מען דיר דאָרט ניט קײן פּיידע."

:: :: ::

אין א פּאָר טעג אַרום, אין אָונט נאָך דער וועטשערע, קומט צוגיין דער איד, בא וועמען חיים האָט געקויפט דאָס הויז.

— גוטן אָונט!

— גוטן אָונט! זיצט! — נעמט אים חיים אויף ברייט.

אין שטוב זיינען געווען די קלענערע קינדער. מאָרים איז דעמאָלט גראָד געווען אין ניו־יאָרק.

די קלענערע ברידערלעך האָבן געשפּילט אין קאָרטן. חיים איז געזעסן און געלייענט די „גאַזעטן". די מוטער רייזי האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. און אין דרויסן האָט, ווי געוויינלעך, געבלאָזן דער ווינט און געקלאַפּט אין די פענצטער, ווי א ניט־גוטער.

און פּלוצים א גאַסט, מיסטער פּייפּל, דער איד, וואָס חיים האָט בא אים געקויפט דאָס הויז — א רונדער, א נידעריקער, מיט א קליין, פּופּיקדיק בייכל, רויכערט א ציגאַר און קייט אים מיט די ציין.

מיסטער פּייפּל נעמט אראָפּ זיין הוט און בלייבט זיצן מיט זיין קליינעם קאָפּ, אף וועלכן עס שניידט זיך א פּליכעוואַטער וועג צווישן צוויי געדיכטע אנגעקרייזלטע זשמוטן מיט האָר.

— וואָס מאַכט עפּעס מיסטער פּייפּל? — פרעגט חיים. אים איז א גרויסער וואונדער צוליב וואָס דער גאַסט איז איצט געקומען.

— מע מאַכט מיט די זייטן — זאָגט פּייפּל און קוקט זיך אַרום אומ־רואיק.

— מיינע אייגענע קינדער — זאָגט חיים, ווייל אים דאַכט זיך, אז דער גאַסט וואונדערט זיך וואָס מען שפּילט אין קאָרטן בא אים אין שטוב. — די נאַכט איז א לאַנגע און אין דרויסן איז א שניי, האָב איך זיי פּאַזוואָליעט שפּילן אין קאָרטן.

— איר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערן. איך אַליין האָב אויך ליב אַמאָל צו טעשלען א קערטל — זאָגט מיסטער פּייפּל. ער נעמט אַרויס א פאַטשיילעכל און ווישט זיך דעם שטערן.

די קינדער, וועלכע האָבן פון אָנהויב אויפגעהערט שפּילן ווען דער גאַסט איז אַריין, האָבן איצט צוריק אָנגעהויבן שפּילן. זיי האָבן געשפּילט „פּאָוקער" אף א פּעני און צוויי.

— וועל, איך בין צו אייך געקומען וועגן ביזנעס — זאָגט מיסטער פּייפּל.

— איך פאַרשטיי...

— עס איז וועגן אייער הויז...

— וועגן מיין הויז ? ! — דערשרעקט זיך חיים ; וועד ווייסט וואָס עס קאָן זיך טרעפן אין אַמעריטשקע...

— איר ווייסט דאָך, אַז איר האָט צוויי מאָרטגעדזשעס אַף אייער הויז — זאָגט מיסטער פייפל.

— יאָ, יאָ, וואָס דען, איך וויים ניט ? אי וויים איך ! עס ליגט מיר גוט אין די ביינער — קרעכצט אונטער חיים. — עס שטייט אין פּרק...

— לאָזט אָפּ דעם פּרק — איז מיסטער פייפל אומרואיק. — איך וויל רעדן ביזנעס. איר זייט אַ ביזנעסמאַן, צי ניט ?

— געוויס בין איך אַ ביזנעסמאַן. —

— זאָגט זשע מיר, ווען אַ שטייגער, לאָמיר זאָגן, אַז איר האַנדלט מיט „פּאָר" און אימיצער קומט צו אייך און גיט אייך אַוועק אַ טוויזנט־דאָלאַרדיקע שטיקל „פּאָר" פאַר צוויי הונדערט דאָלאַר. וואָס וואָלט איר געטראַכט ? אַז עס איז געגנבעטע וואַרע, ניט אמת ?

— אַנדערש וואָלט זיך עס ניט געלייגט אַפן שכל — שפּאַרט חיים אונטער מיט איין האַנט זיין גרויסן געקאַרבטן שטערן.

— אָבער ווען איר קענט דעם מאַן, וועלכער וויל אייך פאַרקויפן דאָס שטיקל „פּאָר", אַז ער איז אַן ערלעכער מענטש, וואָלט שוין דער חשד פון גנבה ניט געווען — דרייט מיסטער פייפל מיטן גראָבן פינגער און זינגט זיך צו בשעת מעשה מיט אַ גמרא־ניגון.

— אַקעגן וואָס זאָגט איר דאָס ? — פרעגט חיים.

— אָט, הערט. איר ווייסט, אַז איך האָב דעם צווייטן מאָרטגעדזש אַף אייער הויז. איר קענט מיך זייער גוט. מיין וואָרט איז אַ וואָרט ? דאָס וואָס איך האָב אייך פאַרקויפט האָב איך אייך געגעבן, צי ניט ?

חיים האָט נאָך מער פאַרקנייטשט זיין שטערן און זיך גוט צוגעהערט. כאָטש ער האָט שוין כמעט פאַרשטאַנען וואָס מיסטער פייפל וויל, האָט ער זיך אָבער געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נאָך ניט. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים פון איינעם וואָס איז שטאַרק פאַראינטערעסירט. פייפל האָט אים אָנגענומען באַם לאַץ פון ראָק.

— הערט, איך מוז פאַרקויפן דעם צווייטן מאָרטגעדזש, וואָס באַטרעפט זעכצן הונדערט דאָלאַר, פאַר קעש. איך באַדאַרף האָבן צוויי הונדערט דאָלאַר באַלד אַפן אָרט. און אויב איר וועט מיר געבן די סומע פון צוויי הונדערט דאָלאַר, וועל איך אייך געבן אַ קבלה אַפן גאַנצן מאָרטגעדזש. — אָפּגעזאָגט דאָס, איז מיסטער פייפל געבליבן זיצן אַ בלאַסער און זיינע אויגן זיינען געבליבן שטיין אַף איין אָרט און זיך ניט געטאָן קיין ריר.

חיים האָט אים געטאָן אַ נעם דורך מיט זיינע גרויסע אויגן. די רויטע האַרלאָזע וויעס זיינען שיר ניט צעריסן געוואָרן פון אָנשטרענגונג.

— איר מיינט, אַז איר ווילט פאַר די זעכצן הונדערט דאָלאַר נאָך צוויי הונדערט?

— אָט דאָס מיין איך, מיין פריינט.

חיים האָט אַרויסגענומען זיין טשעק־ביכל פון בוזעם־קעשענע. ער האָט בשעת מעשה צוגעהוסט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן זינגען.

— וואָס גייט איר טאָן? — פרעגט אים מיסטער פייפל.

— איך וועל אייך אָנשרייבן אַ טשעק.

— איך באַדאַרף מזומן געלט.

— מיין טשעק איז אַזוי גוט ווי מזומן.

— איך צווייפל ניט אין דעם. אָבער איך באַדאַרף מזומן. האָט איר ניט קיין מזומן געלט אין שטוב?

— ווער האָט עס אַזויפיל מזומן געלט בא זיך?

— זעט, אפשר קאָנט איר צונויפשאַרן כאָטש אַ הונדערטער מזומן.

חיים האָט אַף אים געטאָן אַ זשמורע מיט זיינע אויגן. פייפל האָט זיך דערפילט זייער ניט באַקוועם פון דעם קוק.

— טוט מיר אַ טובה און שקראַבעט צונויף עטלעכע דאָלאַר מזומן.

— רייזי... רייזי... — רופט חיים זיין ווייב.

רייזי קומט אַריין פון קיך.

— וואָסי?

— נעם עפעס אַף זיך און לויף אַריין צום גראָסערימאַן און צום בוטשער און בייט מיר אויס אַ טשעקל פון הונדערט דאָלאַר.

— זאָל זי נעמען וויפיל קעש זי קאָן בא זיי קריגן.

חיים האָט אָנגעשריבן אַ טשעק און אים מיט אַ רחבותדיקער האַנט און מיט צעווינקטייט אונטערגעשריבן.

רייזי האָט אים אָנגעקוקט פאַרדעכטיק. זי האָט געוואוסט, אַז חיים שרייבט ניט אַזוי גיך קיין טשעק. איידער זי פועלט בא אים אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ טשעק, קומט איר אָן מיט גרינע ווערים.

אָבער זי האָט געשוויגן. זי איז אַראָפּ אין גאַס און דער ווינט מיטן פראָסט האָבן בא איר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט זיך איינגעהאָרבעט און איז קוים דערגאַנגען ביז צו די קראָמען.

אָבער צו איר שטוינען זיינען שוין אַלע קראָמען געווען פאַרמאַכט. האָט זי אויסגעבייטלט אַלע בייזע חלומות צו אירע שונאים קעפּ.

— וואוהין שיקט ער מיך אזוי שפּעט באַנאַכט!...

זי איז קוים דערגאַנגנעען אַהיים, ווייל צוריקצואוועגס איז דער ווינט געוועו אין איר פּנים. זי איז אַריין אין שטוב און געטאָן אַ וואָרף דעם טשעק אַפן טיש.

— שוין פאַרמאַכט. וועלכער משוגענער וועט איצט האַלטן אָפן אין אַזאַ קאַלטער נאַכט? — בלאָזט רייזי אין די פינגער, וירענע הענט און טאַנצט אונטער, כדי צו דערוואַרעמען זיך די פיס.

— מיסטער פייפל, איר וועט מוזן נעמען אַ טשעק — האָט חיים געשמייכלט.

— איך מוז האָבן קעש. זעט וויפל קעש איר האָט אין שטוב.

חיים האָט גענומען זיך גריבלען אין זיינע קעשענעס. עס איז אים שוין געוועז פאַרדראָסיק, פאַרוואָס ער האָט ניט בא זיך אַ ביסל מזומן. אַט וואָלט ער איצט מיט פופציק דאָלאַר געקאָנט אָפּקויפן אַ חוב פון זעכצן הונדערט דאָלאַר.

— רייזי, דו האָסט עפּעס בא זיך מזומן? — פרעגט חיים בא זיין ווייב.

— איך האָב ניט! — איז רייזי בייז, דערפאַר וואָס ער האָט זי געשיקט אין אַזאַ קעלט.

חיים האָט אויסגעגראָבן אַ ביסל זילבער־געלט, ניט גענוג אַז עס זאָל אַפילו באַטרעפן איין דאָלאַר. ער האָט דאָס ביסל געלט צוריק באַהאַלטן.

— נישטאָ, מיסטער פייפל. איר וועט מוזן נעמען אַ טשעק.

— איך דאַרף קעש, ניט קיין טשעק — האָט זיך מיסטער פייפל אויפ־געהויבן, אָנגעטאָן זיין הוט און איז אַ ברוגזער אַרויס פון שטוב. ער איז געלאָפן מיטן לאַנגן קאָרידאָר, מיט בייזע, גיכע טריט און געוואָרטשעט:

— אַזוינע קבצנים!... פוי!...

:: :: ::

אַז מיסטער פייפל איז אַוועקגעגאַנגען, האָט חיים געזאָגט צו רייזין:

— קאָנסט זען, אַז מיר האָבן ניט קיין מזל! ווען איך האָב איצט מזומן געלט, כאָטש אַ פופציקער, וואָלט איך געקאָנט פאַרדינען זעכצן הונדערט דאָלאַר.

— טאַקע?! — וואונדערט זיך רייזי. — וואָס האָט ער געוואָלט? דאַכט זיך, אַז עס איז דער „בילדער” פון אונדזער הויז.

— גוגע—מוגע—באַק! זי האָט זיך קוים דער־מאָנט! אודאי איז ער דער „בילדער” און מיר זיינען אים שולדיק זעכצן הונדערט דאָלאַר.

— איז וואָס־זשע וויל ער?

— גײ, רעד מיט אַן אידענע!... האָסט דאָך געהערט, אַז ער דאַרף מזומן געלט, שוין, באַלד! און ווען איך האָב מזומנע עטלעכע דאָלאַר וואָלט איך געווען אָפּגעקויפט דעם חוב פאַר אַ גאָרניט.

— איך בין זיך מחיה! איצט זעסטו שוין, אַז דו טויגסט ניט „אַ קאַץ אַן עק צו פאַרבינדן". געלט האָלט ער גאָר ערגעץ אין דער ערד און אַליין שרײַבט ער טשעקס! — נעמט רײַזי נקמה אָן חײמען פאַר דעם, וואָס ער טוט זאַכן אָן איר וויסן און אויך פאַר דעם וואָס ער צײלט איר צו דעם גראָשן.

— נײַן, איך וועל בײַ דיר האַלטן דאָס געלט! אַ שײנעם תכלית וועסטו דערפון מאַכן.

— האַלט עס דאָרטן! האַלט עס! וועסט נאָך אויפשטײן אין אַ שײנעם פרימאָרגן און דערהערן, אַז מען האָט דיר אַנגעפּײפּט און צוגענומען בײַ דיר די פאַר דאָלאַר.

— בײַס דיר אָפּ די צונג!

מאָרים איז אָנגעקומען פון ניו־יאָרק. אַז ער איז נאָר אַרײַן אין שטוב, האָט ער באַלד דערקענט, אַז די עלטערן קריגן זיך.

— וואָס איז שוין ווידער?

— מען האָט איצט געקאָנט פאַרדינען אַ שײנע פאַר הונדערטער, ווען עס איז דאָ אין שטוב מזומן. האַלט אָבער דײַן טאַטוניו דאָס געלט זײַנס ערגעץ בײַ ווילד־פרעמדע מענטשן — ראַפּאָרטירט די מאַמע רײַזי גיך און מיט רוגזה.

מאָרים לאַכט:

— ווער איז דאָ געווען?

— דער באַלעבאָס פון אונדזער הויז.

— מיסטער פּײפּל? — פרעגט מאָרים. — וואָס האָט ער געוואָלט?

— ער האָט געוואָלט פאַרקויפן דעם חוב פון זעכצן הונדערט דאָלאַר פאַר צוויי הונדערט. און ווען איך האָב פּופּציק דאָלאַר מזומן וואָלט אויך געווען גענוג.

ביזט זיכער, אַז עס איז געווען מיסטער פּײפּל? — וואונדערט זיך מאָרים.

— וואָס־זשע, מיר קענען ניט מיסטער פּײפּלען?

— ס'קאָן ניט זײַן!... ער איז דאָך ניט משוגע געוואָרן...

— ער אַליין, בכבודו ובעצמו, איז דאָ געווען — זאָגט חײם.

— האָסט דאָך אים געקאָנט געבן אַ טשעק.

— אַזאַ חכם בין איך אויך געווען.

— אַ גרױסער חכם!... — קרימט אים נאָך רײַזי.

— און קיין טשעק האָט ער ניט געוואָלט? — פרעגט איבער מאָרים.
— ניין!
— נו, דאַן האָט ער געמוזט זיין אַ פּייקער און ניט מיסטער פּייפּל — באַשליסט מאָרים. — עס איז נאָך גוט, וואָס עס איז ניט געווען אין שטוב קיין מזומן.
— וואָס־זשע, מיינע אויגן האָבן מיך אָפּגענאַרט? איך דערקען ניט מיסטער פּייפּלס פּעמפּיק? און זיין פּליכל? איך בין זיכער, אַז עס איז געווען מיסטער פּייפּל — שפּאַרט זיך חיים.
— וואָס אמת איז אמת — מישט זיך אַריין די מאַמע רייזי — עס איז דאָ געווען מיסטער פּייפּל.
— דאַן האָט עפּעס דאָ געדאַרפט זיין... די מעשה איז נישט אַזוי־אָ... צום טייוול, האָב איך ניט באַדאַרפט זיין אין דער היים!—טוט מאָריסן באַנג.
חיים האָט אַזש אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן פון ערגערניש. אים זיינען געקראָכן אין קאָפּ אַלע אַזוינע פּאַסירונגען אין לעבן, וואָס האָבן דורך אַ קלייניקייט באַ אים צוגענומען די געלעגנהייט צו ווערן אַ גביר. און ער האָט זיך „געגעסן" און זיך געזידלט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ פרומער איד און האָט געגלויבט, אַז אין הימל זיצט אימיצער און הערט זיינע מחשבות, האָט ער צוריקגעכאַפּט און אויסגעדרייט דעם דישל. אַ ניט וויל ער ווערן רייך! מסתם איז אַזוי באַשערט. אַ שטיקל ברויט איז דאָ און אַ דאַך איבערן קאָפּ איז אויך דאָ.
אינדערפרי, ווי געוויינלעך, איז רייזי געגאַנגען איינקויפן אין גראָסערי פּרישע זעמל און אַנדערע זאַכן צום איבערבייסן.
זי קומט אַריין אין קראָם און זי זעט אַז עס איז דאָרט אַ סומאַטאָכע. כמעט אַלע ווייבער פון געגנט שטייען אין אַ רעדל. און מען שמועסט:
— אָנגעזעצט!
— ער איז באַנאַכט אַנטלאָפן!
— צוגענומען באַ די אָרימע לייט די לעצטע פּאָר גראָשן!
— די אַרבעטער זיינע שולדיק געבליבן!
רייזי שטייט אַזוי און הערט זיך איין.
— ביי אייך איז ער ניט געווען? — פרעגט דער קרעמער באַ רייזין.
— ווער?
— דער תכשיט, פּייפּל!
— יאָ, ער איז געווען!
— וויפיל האָט ער באַ אייך אויסגענאַרט?

— גאָרנישט.

— ווי קומט עס?

— מיין מאַן האָט ניט געהאַט בײַ זיך קיין געלט.

— הערסט אַ גליק! — שרייט אויס דער קרעמער אַזוי, אַז אַלע זאָלן אים הערן. — עס איז שוין היינטיקע צייטן אַ גליק, אַז מען האָט ניט קיין געלט. גוטע צייטן!

— בײַ מיין מאַן האָט ער אויסגעדרייקעט זיין „פיידע" און די קינדערס „פיידעס"! גיי, ריכט זיך, אַז מיסטער פייפל האַלט בײַם אַנטלויפן.

— און נאָך ווי אַנטלאָפן! — זאָגט אַ פרוי מיט צוויי דימענטענע אוירינגלעך אין אירע אויערן, וואָס וויל, דאַכט זיך, אַזוי ווי נאָר קוקן אויף דער וועלט דורך די דאָזיקע צוויי דימענטן. — מיר האָבן נאָך נעכטן געוואוסט, אַז ער האָט אַנגעזעצט — לאַכט די פרוי און וואַרפט מיט אירע צוויי דימענטן, בלויע פייערלעך — און נאָך ווי אַנגעזעצט! דער מאַן האָט ניט פאַרמאָגט קיין שטיקל שינדל אין אַלע זיינע הייזער. פרעמד בלוט! געדרייט, געדרייט מיט דער וועלט, ביז ער האָט זיך איבערגעדרייט.

רייזי קאָן שוין ניט איינשטיין. זי וויל לויפן גיך אהיים און דערציילן די נייעס.

— גיט מיר עטלעכע זעמעלעך — בעט זי זיך בײַם קרעמער. — איך בין נעכטן בײַנאַכט געקראָכן אין דער קעלט צו אייך אויסבייטן אַ טשעק. איז שוין געווען בײַ אייך פינצטער.

— און וואו איז אייער מאַנס שכל? רעב חיים, אַזאַ קלוגער איד און אַ ביזנעסמאַן, האָט ער ניט געקאָנט באַלד פאַרשטיין, אַז עפּעס איז ניט גלאַט? וואָס הייסט, אַ מאַן באַדאַרף אינמיטן נאַכט מזומן געלט?! — ציילט דער קרעמער די זעמל אין גרויסן פּאַפּירענעם זעקל. — אייערע טשעקס וועל איך אַלע מאָל אויסבייטן, נאָר ווען איר קומט צו מיר אינמיטן דער נאַכט, כע־כע, וואָלט איך אייך ניט געביטן, און זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן!...

— עס איז גוט פאַר זיי, בײַ וועמען ער האָט אויסגענאַרט — זאָגט ווידער די אידענע מיט די דימענטן אין די אויערן. — וועלן זיי געדענקען אויף אַ צווייטן מאָל.

— אַן ערך, וויפיל האָט ער אַנגעזעצט? — פאַרזשמורעט דער קרעמער איין אויג.

— אויף צוויי מיליאָנדלעך...

— צוויי מיליאָן! — גיט זיך דער קרעמער אַ כאַפּ בײַם קאָפּ. — און די הייזער?

— זײַנע הײַזער זײַנען אָפּגעװישט!...

— דאָס הײסט, אַז דאָס װאָס מיר זײַנען אים שולדיק איז אױך אָפּגעװישט? — פֿרעגט דער קרעמער.

— גלײַך װי קײנמאָל ניט שולדיק געװען!

רײזי האָט געכאַפּט דעם פּאַפּירענעם זעקל און איז אַנטלאָפֿן אַהײם. זי איז געלאָפֿן אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, און װען זי איז אַרײַן אין שטוב האָט זי געטאָן אַ װאָרף דעם פּאַק מיט די זעמל אױפֿן טיש און געטאָן אַ געשרײ:

— איר האָט ניט געהערט, װאָס עס האָט געטראָפֿן?

די קינדער זײַנען זיך צונױפֿגעלאָפֿן. דער פֿאָטער חיים איז אױך אַרײַן.

— װאָס האָט געטראָפֿן?

— מיסטער פּײפּל איז באַנאַכט אַנטלאָפֿן און אָנגעזעצט צװײ מיליאָן!

— װאו האָסטו געהערט?

— אין גראָסערי.

— דערפֿאַר האָט ער נאָר געװאָלט מזומן — דערקלערט מאָרים און װיל װײַזן זײַן גרױסע חכמה. — האָב איך ניט געזאָגט נאָך נעכטן, אַז דאָ מוז עפּעס זײַן?

— און װען דײַן טאַטע האָט געלט, שטופּט ער עס אים אַװעק! — זאָגט רײזי.

— װער האָט געקאָנט זײַן אַ חכם...

— איצט, טאַטע, האָבן מיר פֿאַרדינט זעכצן הונדערט דאָלאַר — זאָגט מאָרים.

— װי אַזױ?

— אױב מיסטער פּײפּל האָט אָנגעזעצט, זײַנען אַלע זײַנע חובֿות אָפּגעװישט.

— יאָ, איך האָב אַזױ געהערט אין גראָסערי — פֿרײט זיך רײזי.

— אָפּגעװישט!

— זעכצן הונדערטער! — האָט חיים ערשט איצט גוט באַטראַכט די װענט און סטעליע פֿון זײַן הױז. — אָפּגעװישט דעם חובֿ!

— אָפּגעװישט! — האָבן אונטערגעזונגען טײל ברידער, און געשלונגען דעם איבערבײַסן מיט גרױס אַפּעטיט.

אכטער קאפיטל

אייזיק האָט דערהאַלטן זיין פאָטערס בריוו, געלייענט און געשמייכלט. גוט, זיי האָבן דערפילט זייער באַדנלאָזיקייט! ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער שרייבט ניט גלאַט אַזוי צוליב פאַרגעניגן. מסתם האָט שוין דאָרטן צוגעטראָטן ביז צום האַלדז.

אייזיק האָט אין אָוונט קוים אָפּגעריסן אַ ביסל צייט און געשריבן דעם טאַטן אַן ענטפער: אַז ער ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַראינטערעסירט אין פאַרמעריי, און אַז ער וועט שוין אין שטאָט מער זיך ניט אומקערן. וועגן קריזיס האָט אייזיק געשריבן, אַז עס איז אַ פּעריאָדישע קרענק אַזאַ. דאָ אין באַראָן הירש שול פילט מען עס ניט. עס איז דאָ גענוג צו עסן און מען לערנט געשמאַק.

דער טאָג איז געווען בײַ אייזיקן אַזוי איינגעטיילט, אַז יעדע מינוט איז ער געווען פאַרנומען.

גאַנץ פרי איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעטאָן די אָוועראָלס און אַרויס אין שטאַל צו די פערד. עס איז אייזיקן זייער שטאַרק ליב געווען צו אַרבעטן בײַ די פערד. מען האָט אים אין שול גערופן באַם צונאָמען „פערד־יונג". אָבער אייזיק האָט זיך זייער ווייניק צוגעהערט צו דעם, וואָס חברה סטודענטן האָבן געזאָגט. ער האָט ליב באַקומען פערד. אַלע אינדערפרי האָט ער אין שטאַל געאַרבעט באַם רייניקן און געבן זיי עסן און טרינקען. דערנאָך, באַם אויפגיין פון דער זון, איז אייזיק געגאַנגען זיך וואַשן און געגעסן איבערבייסן. נאָך דעם איבערבייסן האָט ער באַ־דאַרפט אויפראַמען זיין אייגן בעט און גיין אין די קלאַס־צימערן. דאָ האָט אייזיק געלערנט ענגליש, מאַטעמאַטיק, פיזיקע, כעמיע און אַנדערע זאַכן וועגן פאַרמעריי. דערנאָך געגעסן אָנבייסן. נאָכן אָנבייסן ווידער קלאַסן, ביז אָוונט. אין אָוונט ווידער אַרבעט אין שטאַל בײַ די פערד און דערנאָך וועטשערע. נאָך וועטשערע האָט אייזיק געדאַרפט שטודירן, אויפלעזן פּראָבלעמען, איבערשרייבן די לעקציעס וואָס ער האָט פאַרנאָטירט אַ גאַנצן טאָג אין אַלערליי ביכער. און צום סוף גיין זיך אויסרוען איבערנאַכט.

אין די קלאַסן האָט אייזיק זיך גוט געלערנט. אָבער אין שטאַל האָט ער זיך נאָך בעסער אויסגעצייכנט. ער האָט שוין איצט געהאַט אויף זיינע הענט זעקס פערד.

„לידי" איז א גראָע שקאַפּע מיט אַ סך שוואַרצע און ווייסע פּלעקן אַף איר ליַיב. די שוואַרצע פּלעקן זיינען געווען אַזעלכע עקעביקע, רונדע פּלעקן, ווי פון סאַמעט. די ווייסע פּלעקן זיינען באַשטאַנען פון קליינע זאַלץ־שפּריצן. איר קערפּער איז געווען סאָליד און אויסגעקנאָטן פון שווערע מוסקולן. דער קאָפּ, אַ קלייגער, מיט צוויי קליינע אויערן, איז געלעגן אַף אַ שווערן האַלדז, וואָס איז געלאָפן פון קאָפּ שמאָל און וואָס נידעריקער צו דער ברוסט אַלץ ברייטער. דער האַלדז אַן אויסגעבויגענער און מיט אַ שורה גרויע האָר איבער דער גאַנצער לענג פון האַלדז. די ברוסט אַ ברייטע, מיט שווערע מוסקולן און ברייט און ווייט צעשפּרייט צווישן די פּאָדערשטע פיס. דער בויך אַ רונדער, אַ גלאַטער און אַ קורצער, אַזוי אַז די הינטערשטע פיס זיינען ניט געווען ווייט פון די פּאָדערשטע. די פּאָלקעס פון די פיס — שווערע, און די פיס אַליין דווקא געטאָקטע, פּלאַטשיק־ביינערדיק, מיט קליינע בעזעמלעך האָר באַ די קלויען. קאָפּיטעס ברייטע, רונדע און מיט שוואַרצע הופן. די קאָדע, אַ ברייטע, פון גרויע האָר און אַ לאַנגע ביז צו דער ערד. „לידי" איז געווען אַ שטילע, רואיקע שקאַפּע; מען האָט באַ איר געקאָנט קריכן אונטערן בויך און זי האָט געשוויגן. אַלץ וואָס זי האָט געפּאָדערט פון איזיקן, איז געווען, אַז ער זאָל איר געבן עסן און טרינקען אין צייט. זי האָט זיך אַלע נאַכט אויסגעגעניערעט אין איר אייגענעם אַפּפאַל. וויפיל טרוקן שטרוי איזיק זאָל איר ניט אונטערבעטן, און זי וועט זיך סיי ווי אויסשמירן. דער גנוי פלעגט אַף אירע הינטערשטע ליטקעס מאַכן ברוינע פלעקן, וועלכע זיינען געווען זייער שווער אָפּצורייניקן.

אין דער הינזיכט איז שוין איר פּאָר אין שפּאַן, דאָס פערד „ביבי", אַ ריינער, ציכטיקער בחור. אים איז געווען גענוג אונטערצושפּרייטן עטלעכע שטרויעלעך, און אינדערפרי איז ער געווען ריין און טרוקן. זיין קאָליר איז געווען פון דעם זעלבן מין, וואָס זיין פּאָר — „לידי", און אויך פון דעם זעלבן גרויס און פּאַסאַן, אַזוי ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. אין כאַראַקטער איז „ביבי" אויך געווען אַ שטילער, אַ רואיקער. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען דער „מאַן", האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ביסל עקשנות. עס איז אים געווען שווער צו רירן פון אָרט, אויב ער האָט זיך איינגעעקשנט אָדער זיך געפּוילט.

אין דעם בוך וועגן דעם לעבן און אויפציען פון פערד, וועלכן איזיק לערנט, איז דאָ אַזאַ באַמערקונג: אין דער אַרבעט איז אַלע מאָל אַ „זי"־פערד מער גענויגט צו פאָלגן איידער אַן „ער". אורזאַכע: „רעוואָלט פון דעם שטאַרקן". „ביבי" האָט געהאַט נאָך אַ חסרון, און דאָס איז, וואָס ער

האָט געהאַט אַ טבע אָנצוטרעטן מיט איין פוס אַף דער קאַפּיטע פונעם צווייטן פוס. און דערפאַר וואָס ער האָט געטראָגן פּאַדקאָוועס מיט שאַרפע ציין, פּלעגן די ציין פון די פּאַדקאָוועס פאַראורזאַכן וואונדן אַף זיינע פיס.

אייזיק האָט געהאַט אַ קאָנסיליום מיטן וועטערינאַר מאַלטבי.

— צו דעם מוזט איר אַליין צוטראַכטן אַ מיטל — ענטפערט אים מאַלטבי.

און אייזיק האָט געמאַכט אַזוינע צוויי הילצערנע שיך פאַר „בייבין". דער פאַסאָן פון די שיך, אַזוי ווי די פאָרם פון אַ גלאָק — אויבן שמאָל און אונטן ברייט. נאָר אַנשטאָט וואָס אַ גלאָק איז קיילעכיק, האָט אייזיק געמוזט מאַכן די צוויי שיך מיט פיר ווינקלען, כדי ער זאָל זיי קאָנען צונויפקלאַפּן מיט טשוועקעס. איין זייט האָט ער געלאָזט אָפן און צוגעמאַכט אַ טירל אַף לעדערנע זאַוויעסעס, אויך אַ שלאָס פון לעדער מיט אַ שפּראָנטשיק. אייזיק האָט „בייבין" אָנגעטאָן די צוויי הילצערנע שיך אַף באַנאַכט. „בייבי" האָט זיך געפּילט אַ ביסל פּריקרע און געקלאַפּט מיט בײדע פיס אין פּאַדלאָגע, כדי פון זיך אַראָפּצוואַרפן אָט־די שיך. אָבער עס האָט אים ניט געהאָלפן. ער האָט געמוזט צוביסלעך זיך אָפּגעוואוינען פון טרעטן מיט איין פוס אָפן צווייטן.

פּראָפעסאָר מאַלטבין איז דער מיטל שטאַרק געפעלן.

— דו ביזט אַזוי ווי אַן אַלטער־לאַנג־יעריקער פאַרמער — האָט ער געגעבן אייזיקן קאָמפּלימענטן. — איך באַוואונדער דיין איינפאַל!

אייזיקן האָט זייער גוט געשמעקט אַזוינע קאָמפּלימענטן. אים האָט זיך געוואָלט, אַז מען זאָל אַף אים זאָגן אַז ער וואַקסט אַ גוטער פאַרמער. ער האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט די פערד אין שטאַל און עס איז בא אים געווען אַן אַמביציע איבערצויאָגן קאַפּאָשאַנען אין ענין פערד.

קאַפּאָשאַן האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ גאַנצן „ווייסער" אין פערד־ענינים. טאָמער איז אַ פערד קראַנק געוואָרן, האָט קאַפּאָשאַן באַלד געוואוסט וואָס עס „פעלט" דעם פערד. ער האָט געקאָנט וויסן די יאָרן פון יעדן פערד, אַריינקוקנדיק אים אין די ציין. און אַז ער האָט געוואָלט וויסן צי אַ פערד איז איבערהויפּט אַ געזונטער, פּלעגט קאַפּאָשאַן אים געבן אַ כאַפּ בא דער קאָדע און זי אויפהויבן אינדערלופטן און טאָן אַ שטאַרקן צי די קאָדע.

אייזיק האָט געחלשט צו וויסן דעם סוד פון אָט־דער פּראָצעדורע. קאַ־פּאָשאַן פלעגט געבן אַ שמייכל:

— באָיעלע, איך האָב מיינע ציין אויפגעגעסן... און דו ווילסט זיך אויסלערנען אַף איין פוס...

צוביסלעך איז אייזיק געגאַנגען אַף אַ וועג, וועלכער האָט אים געפירט צו אַ נצחון.

צווישן די זעקס פערד, מיט וועלכע אייזיק האָט זיך אָפּגעגעבן, איז געווען איינער, אַ „רעוואָלוציאָנער", מיטן נאָמען „ביל". אַ שיינער, קאַש־טאַנעוואַטער, אַראַבער פערד, מיט אַ הויכן האַלדז און מיט דינע, לאַנגע פיס. זיינע קאַשטאַנענע אויגן, מיט בלוט־טראָפּנס אַף די גרויסע ווייסעכלעך, האָבן געברענט מיט חכמה. איין גרויסן חסרון האָט „ביל" געהאַט. ער האָט ליב געהאַט צו רעוואָלטירן. און דוקא דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין שפּאַן.

איינמאָל האָט אים אייזיק איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע און איז מיט אים געפאָרן צו דער באַן־סטאַנציע אָנצולאָדן ברעטער. אייזיק האָט גע־וואוסט, אַז „ביל" איז אַ נערוועז, רעוואָלטירנדיק פערד. אָבער אַזוי ווי ער האָט מיט „בילן" געלעבט בשלום אין שטאַל און פון אים ניט געהאַט קיין שום צרות, פאַרקערט — „ביל" פלעגט מורא האָבן פאַר אייזיקס דעך, האָט אייזיק געמיינט, אַז „ביל" וועט אויך אין שפּאַן פאַר אים האָבן דרך־ארץ.

געקומען צו דער סטאַנציע און אָנגעלאָדן ברעטער און זיי באַוואָרנט מיט שטריק, און אייזיק זעצט זיך אויף אָפּן וועגעלע פאָרן צוריק אין שול.

אין דער מינוט איז אָנגעקומען אַ באַן פונדערווייטנס. דאָס סאָפּען פון דעם לאָקאָמאָטיוו און דאָס פּירכען פון דעם רויך האָבן „בילן" איבער־געשראָקן און ער האָט גענומען שטעלן פיס.

אַ טראָג מיטן וואָגן אַזוי־אָ מיט אַן אימפּעטיקן ריס, און „ביל" טראָגט דעם קאָפּ אין דער הויך, זיינע אויערן אויפגעשטעלט ווי צוויי הערנער און די פיס רירן קוים אָן די ערד.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין אייזיקס לעבן, אַז אַ פערד זאָל בא אים „אַנטלויפן". אייזיק האָט זיך פון אָנהויב פאַרלוירן, און איז שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון וועגעלע. ווען ניט דער פאַל, וואָס זיינע פיס האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין פראָנט־וועגטל פון וועגעלע און זיך דאָרטן פעסט אָנגעשפּאַרט.

דערווייל איז די באַן אָנגעקומען פון הינטן. די רעלסן זיינען געלאָפן פאַזע דעם וועג.

דער לאָקאָמאָטיוו — טויך, טויך, פּאָף!

און „ביל" שטעלט זיך אויף דיבאָם, ווי ער וואָלט נאָר געוואָלט אַרויס־שפּרינגען פון די האַלאָבליעס.

אייזיק פאַרקרעמפּעוועט זיינע הענט מיט די לייצעס און שפּאַרט אָן נאָך שטאַרקער זיינע פיס אין דעם וועגטל פון וועגעלע.

די ברעטער אָפּן װענגעלע טאַראַבאַבקען און שרעקן נאָך מער דאָס פֿערד. און דאָ קרײַצט זיך דער װעג איבער די רעלסן, און די באַן הוקעט און פּוקעט.

עס איז איצט אַזױ װי אַ געװעט צװישן דער באַן און דעם פֿערד, װער װעמען עס װעט אַריבעריאָגן.

אײַזיק װײסט שױן ניט, װאָס ער טוט. קײן קאָנטראָל איבערן פֿערד האָט ער שױן ניט. ער שלעפּט די לײצעס צו זיך און „ביל" גיט אײן מאַך מיטן קאָפּ זײַנעם, דעם צעװילדעטן, און ציט די לײצעס צוריק צו זיך. די לײצעס זײַנען אָנגעצױגן אַזױ װי סטרונעס — אָט באַלד װעלן זײ, דאַכט זיך, פּלאַצן.

דאָס װענגעלע שװעבט אין דער לופֿטן, די ברעטער שאָקלען זיך. אָט איז שױן דער קרײַץ פֿון װעג איבער די רעלסן. און די באַן גיט שױן אַ לאָז אַרױס דעם באַװאוסטן פֿײַף, װעלכער בװערט זיך ביז צום הימל, און אַ קרײַזלדיקער שװאַרצער רױך, װי בײַ אַ מכשפֿה די האָר, לײגט זיך אין דער לענג פֿון דער באַן.

אױב ניט איצט, װעט זײַן צו שפּעט! אײַזיק גיט מיט זײַנע לעצטע כּחות אַ צי די לײצעס, און עס געלינגט אים אַראָפּצופֿירן „בילן" פֿון װעג. דאָס װענגעלע האָט זיך געטאָן אַ װיכנע פֿון דעם קלײנעם יאַר באַם װעג און שיר ניט איבערגעקערט.

„ביל" האָט גענומען טראָגן דאָס װענגעלע איבער אַ צעאַקערט פֿעלד. מען האָט דאָ געאַקערט איצט, צוגרײטנדיק דאָס פֿעלד צום קומענדיקן פֿרילינג. די בראָזדעס ערד זײַנען געלעגן אין לאַנגע שורות און זיך גע־טוליעט אײנס צום אַנדערן. די ערד איז געװען װײך און אָנגעזאָפּט מיט פֿײַכטקײט. „ביל" האָט געבראָדיעט מיט זײַנע פֿיס ביז איבער די קניעס. און די רעדער פֿון װענגעלע זײַנען אַרײַן ביז צו די אַקסן. אַ װײסער שױם האָט באַדעקט „בילס" גאַנצע לײַב. איצט האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבן און איז מיט אַ ראַזמאַך געבליבן שטײן טיף אין דער צעאַקערטער ערד. זײַן בױך האָט זיך געװױגט אין בײדע זײַטן און זײַן אָטעם־צוג האָט מיט אַ רעש זיך געטראָגן אָפּ און אױף.

אײַזיק איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשטײנערטער אַף עטלעכע מינוט. דער־נאָך איז ער אַראָפּ פֿון װענגעלע, איז צוגעגאַנגען צו „בילן" אין דער פֿראָנט און אַף אים אַרױפֿגעלײגט זײַן האַנט.

— „ביל", דאָס בין איך. דערקאָנסט מיך ניט? װאָס איז דער מער מיט דיר? האָסט זיך דערשראָקן פֿאַר דער באַן? באַרואיק זיך. די באַן איז שױן אַװעק. האָב ניט מורא. איך בין מיט דיר...

אַט אַזוי האָט אײַזיק צו אים גערעדט און אים באַרואיקט. ער האָט שוין געשמעקט צו אײַזיקס הענט, צי עס איז עפּעס באַ אים נישטאָ וואָס צו טאָן אַ נאַש...

קוים מיט צרות איז אײַזיקן אָנגעקומען פון דעם צעאַקערטן פעלד אַרויסצוקריכן.

ווען ער איז געקומען אין שול האָט אײַזיק קיינעם ניט דערציילט פון דעם, וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן.

ערשט איצט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט „בילן". אויב ער איז אַזאַ פערד, דאַרף מען אים שענקען מער ליבע.

דער ווינטער איז אין יענעם עק פון ניו־דזשוירזי אַלעמאָל אַ מילדער. עס טרעפט אַמאָל און עס פאַלט אויס אַ שניי איבערנאַכט און אויף מאָרגן גייט אויף די זון און דער שניי ווערט צעשמאָלצן. אַזוי־אָ דעם גאַנצן ווינטער. אָבער אײַזיק איז געווען פאַרנומען מיט זיינע קלאַסן און מיט די פערד, און ער האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז עס איז נישטאָ קיין שניי.

מיט דער היים האָט ער זיך דורכגעשריבן ניט זייער אָפט. ער האָט פשוט ניט געהאַט קיין צייט צו שרייבן בריוו. וועגן זיין קאַריערע אַלס אידישער שרייבער האָט אײַזיק כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן.

אָבער איין זאַך האָט אײַזיק ניט געקאָנט פאַרגעסן, און דאָס איז געווען זיין פריינטשאַפט צו דעם מיידל לילי אין וואודביין.

צווישן אים און זיין חבר יפה איז געשלאָסן געוואָרן אַ מאָדנער אָפּמאַך: איין שבת נאָכט זאָל יפה גיין צו לילין און אַ צווייטן שבת נאָכט זאָל אײַזיק גיין צו לילין. ווייל ווען זיי פלעגן ביידע מיטאַמאָל גיין צו לילין פלעגט זיי אויסקומען צו זיצן און שווייגן.

לילי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טעם דערפון. זי האָט זיך אַפילו געפילט שטאַרק באַליידיקט: — וואָס איז זי — אַ שפּילעכל ?

לילי האָט געפילט אַ פריינטשאַפט צו ביידע בחורים גלייך. זי איז געווען אַ באַלעבאַטיש, וואויל מיידל. עס איז אַפילו ניט געווען קיין אָרט אין איר האַרץ פאַר צוויי געליבטע מיטאַמאָל. אָבער גלאַט אַזוי האָבן צוויי פריינט האָט אַ מיידל פון איר שטאַנד געקאָנט פאַרטראָגן.

עס איז איר דערפאַר ניט געפעלן דער איינפאַל פון אירע צוויי פריינט, זיך צו צעטיילן מיט איר, אַזוי ווי מיט עפּעס אַ שטיקל צירונג — איינער האַלט עס אָפּ איין וואָך און דערנאָך גיט ער עס אַוועק דעם צווייטן אויף אַן אַנדער וואָך.

לילי האָט אין וואודביין געשפּילט די ראָלע פון דער איינציקער גרויס־

שטעטלדיקער. זי האָט זיך געגרויסט מיטן סטאַזש, וואָס אירע עלטערן זײַנען געווען פֿון די ערשטע קאָלאָניסטן, און האָט אויך ניט פֿאַרגעסן אַרײַנצונעמען אין רעכענונג דאָס, וואָס איר פֿאָטער איז געווען אײנער פֿון די אָנגעזעענע באַלעבאַטים אין שטעטל. שוין ניט רעדנדיק דערפֿון, וואָס זי אַליין האָט פֿאַרנומען אײנע פֿון די אָנגעזעענסטע שטעלעס אין דער שטעטלשער פֿאָלק־שול.

בײַ אירע עלטערן איז זי געווען אַ בת־יחידקע און דערצו אויך אַ שײנ־הײט. איז דערפֿאַר געווען בײַ איר אַן אַמביציע, אַז בהורים זאָלן זיך רײַסן איבער איר. פֿון דער נאַטור איז זי געווען אַ קאָלטבלוטיקע. זי האָט געקאָנט אין ערגסטן פֿאַל אָפּלעבן אירע יאָרן אַלס אַ פֿאַרזעסענע מויד.

אירע מוטערלעכע געפֿילן האָט זי אויסגעלעבט אין דעם, וואָס זי האָט יעדן טאָג זיך אָפּגעגעבן מיט דערציִען די שטעטלדיקע קינדער אין איר קלאַס. זי האָט זײ ליב געהאַט ווי אײגענע געבוירענע און די קינדער האָבן זי אויך זײער ליב געהאַט. כאָטש אין קלאַס־צימער איז זי געווען שטרענג מיט זײ, האָבן אָבער די קינדער געהאַט פֿאַר איר גרויסן אָפּשײַ. קינדער זײַנען ניט ערגער פֿון גרויסע — וואָס שענער די לערערן זײַערע, אַלץ מער אָפּשײַ האָבן זײ פֿאַר איר.

איז וואָס־זשע האָט לילין געפֿעלט? עס האָט זיך איר געוואָלט עפּעס איבערלעבן כאָטש אײנמאָל אין איר לעבן. דאָס קלײנשטעטלדיקע לעבן איז געווען מאָנאָטאָן, רואיק און פֿלאַך. עס האָט זיך אַלץ אַזוי געצויגן ווי פֿון פֿעך. די אײַנוואוינער האָבן זיך געקאָנט ביז גאָר. מען האָט שוין געוואוסט, ניט נאָר וואָס עס קאָכט זיך בײַ יענעם אין טעפּל, נאָר אויך יעדנס אינערלעך לעבן איז געבליבן אָפֿן. קײן סודות זײַנען אין וואודבײַן נישט געווען. די טאַטעס אַרבעטן אין דער דווירבי־העט פֿאַבריק. די מאַמעס האָבן קינדער, האָדעווען זײ אויס. די מײדלעך וואַקסן דאָ געזונטע, פֿוילע ווי קעז, און די אינגלעך, ווען זײ ווערן אַכצן יאָר אַלט, הויבן זײ אויך אָן אַרבעטן אין דער פֿאַבריק. אינדערפֿרי, ווען די זון גײט אויף, ציִען זיך שיטערע רײען מיט בלעכענע „לאָנטש"־רענצעלעך אין פֿאַבריק אַרײַן. אין שטעטל בלײַבן איבער די פֿרויען און קלײנע קינדער. קײנמאָל געשעט דאָ ניט עפּעס אויפֿ־טרײסלענדיקס. אַ חתונה איז דאָ אַ גרויסע געשעעניש: אַ טויט־פֿאַל — ווידער אַ גרעסטע טראַגעדיע פֿון שטעטל. און ווען לילי הערט פֿון די צײַטונגען וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די גרויסע שטעט, גיט איר אָפּט אַ צי און זי טראָגט זיך אַוועק אין דער פֿאַנטאַזיע אין יענע וועלטן. אָבער זי גײט ניט ווײַטער דערפֿון. זי וואָלט כאָטש געוואָלט האָבן מיט וועמען אויסצובײַטן אַ וואָרט.

זי איז אינטעליגענט — אַלנפאַלס האַלט זי זיך פאַר אַזוינער. איז אָבער אַפּילו נישטאָ אין שטעטל קיין ליטעראַרישע ביבליאָטעק. שוין אַ סך מאָל האָט זי אויפגעבראַכט פאַר דעם שטעטל־קאָונסיל אָט־די פראַגע פון האָבן אַ ביבליאָטעק. זיינען אָבער אין שטעטל־קאָונסיל אַזוינע מידע, אויסגעהאָרעוועטע מענטשן: — „וועך", טענהן זיי, „האָט עס צייט צו לייענען? ביכער זיינען נאָר פאַר ליידיקגייער..."

לילי איז ניט געווען באַקאַנט מיט מאַרקסעס לערע. זי האָט געגלייבט דעם שטעטלדיקן קאָונסיל, אַז ביכער זיינען פאַר ליידיקגייער. זי האָט געזען ווי אַזוי איר פאָטער קומט אַהיים אַ מידער פון דער פאַבריק, זי האָט געזען ווי אַזוי די איבעריקע מענער זיינען אויסגעאַרבעט און פאַרמאַטערט פון דער פאַבריק. זי האָט געמיינט, אַז אַזוי איז עס געווען און אַזוי וועט עס זיין. דער אָרימאַן דאַרף האָרעווען איבער זיינע כוחות, ביז דאָס מזל וועט אים צושפּילן און ער וועט זיך אַרויסרייסן פון זיין אָרימאַנסקער לאַגע.

זי האָט שוין געהאַט אַ פּאַרטיקע פאָרמולע פאַר איר אייגענער צוקונפט: „זי וועט מיט קיין אַרבעטער ניט חתונה האָבן..."

זיינען אָבער דאָ אין שטעטל ניט געווען קיין אַנדערע מענער, חוץ אַרבעטער און פּויערים.

האָט זיך לילי דערפאַר אָנגעכאַפּט אין די צוויי בחורים, אייזיק און יפה. ערשטנס, זיינען זיי געווען גרויסשטאָטישע, און צווייטנס, האָט זי זיי נאָך ניט פאַררעכנט אין דעם קלאַס פון אַרבעטער און פּויערים. דאָס וואָס זיי האָבן שטודירט אַגריקולטור, איז נאָך ניט געווען קיין באַווייז, אַז זיי וועלן זיין פּויערים. עס איז געווען אין וואָודביין אַן אָפענער סוד, אַז די מערסטע בחורים, וועלכע קומען לערנען אין באַראָן הירש שול — קומען אַהער מיט דער מחשבה צו האָבן אַ וואַקאַציע. עסן גיט מען דאָ, גוט. די לופט איז אויך ניט שלעכט. קומען אַהער די גרויסשטאָטישע בחורים אָנצונעמען זיך מיט כח. און דערנאָך גייען זיי אַוועק אין לעבן, גרייט צו פירן דעם קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ.

לילין האָט זיך, אַלנפאַלס, אויסגעוויזן, אַז אייזיק און יפה זיינען ביידע פון דעם מין בחורים, וועלכע זיינען געקומען דאָ אין באַראָן־הירש שול נאָר צוליב זייער וואַקאַציע.

און ווען אייזיק פלעגט מיט איר פאַרברענגען אַ פאַר שעה איינמאָל אין צוויי וואָכן אין אַ שבתדיקן אָוונט און פלעגט איר אָנהויבן דערציילן וועגן די פערד פון שול און זיך אַזש פאַרגעסן, אַז נאָך אַלעמען איז לילי אַליין אויך אַ שיין וועזן, און ער פלעגט אַרויסגיין פון זיינע כלים און ווערן נתפּעל

וועגן יעדן מינדעסטן איינפאַל פון די פערד — דאַן פלעגט לילי ניט וויסן וואו זי האַלט מיט אים.

איז ער באמת טאַקע אַזאַ נאַאיווער בחור, אַט־דער אייזיק, און גלויבט, אַז עס איז נישטאָ קיין שענער באַשעפעניש אויף דער וועלט פון אַ פערד?

— שוין ווידער פערד! — פלעגט אים לילי איבערשלאָגן די רייד.

— אַנטשולדיקט. איך בין אויסגעוואַקסן אין אַ הויז, וואו עס זיינען אַלעמאָל געווען פערד. מיין פאָטער איז געווען אַלע זיינע יאָרן אַ פאַכטשטאַר, אָבער מיך האָט מען קיינמאָל ניט אַריינגעלאָזט אין די שטאַלן כאָטש אַ קוק טאָן וואָס דאָרטן טוט זיך. מיך האָט דער טאַטע מיינער געהאַלטן אין חדרים, בא אינקוויזיטאָרן־מלמדים. און ווען איך בין גרעסער געוואָרן האָט מען מיך געשיקט אין בית־מדרש לערנען.

— וואו איז דאָס געווען, אין אַמעריקע? — פרעגט לילי — צי אין דער אַלטער היים?

— פאַרשטענדלעך, אין דער אַלטער היים — איז אייזיק אַזש בייז אויף איר פאַרוואָס זי פאַרשטייט ניט, אַז עס האָט ניט געקאָנט זיין אין אַמעריקע.

— אייער פאָטער איז געווען אַ רייכער? — וויל לילי וויסן אייזיקס יחוס.

— ניט זייער. אָבער ער האָט געפירט אַ שיינעם שטאַט.

— אַ שאָד, וואָס איר האָט פאַרשוווענדעט אייער יוגנט.

— דאָס פרואוו איך איצט גוטמאַכן.

— מיט דעם וואָס איר פאַרשוווענדעט ווידער צייט באַם באַראָן הירש?

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אַז די צוויי יאָר דאָ אין שול זיינען אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

— פאַרוואָס? — דערשרעקט זיך אייזיק.

— ערשטנס, דערפאַר, וואָס פאַרמעריי אין אַמעריקע איז באַנקראָט. צווייטנס, דערפאַר, וואָס איך גלויב ניט, אַז איינער פון אייך וועט ווען עס איז בלייבן בא אַגריקולטור.

אייזיק איז געבליבן זיצן טיף באַליידיקט. זי האָט אים אָפּגעהאַקט זיינע פליגל אַזוי גיך און אומדערוואַרט, אַז ער האָט ניט געהאַט וואָס איר צו ענטפערן. ער האָט זיך פאַרטראַכט און געבליבן אַזוי זיצן.

— איר האָט זיך באַליידיקט?

— ניין. איר פאַרשטייט מיך ניט.

— איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס עס לאָקט אייך אַזוי צו זיין אַ פאַרמער?

— וויל לילי פאַרשטיין אייזיקן. — אָט זיינען מיר אויך געווען פאַרמער.

איך בין דאָ געבוירן געוואָרן. איך געדענק גאַנץ גוט, ווען איך בין געווען
אַ קליין מיידעלע, אונדזער פֿגירה „טשאָב".

— אייער פֿערד?

— „טשאָב" האָט ער געהייסן. דער טאַטע מײַנער, געדענק איך, פֿלעגט
אַרויסגיין אַקערן די ערד מיט „טשאָבן". און מיר קלינגט נאָך ביז הײַנטיקן
טאָג אין די אויערן, ווי דער טאַטע מײַנער פֿלעגט האַלטן אין איין שרײַען:
„גידאַפּ, טשאָב!" אין שטוב איז ניט געווען קיין ברויט און קיין ביסל מילך.
דער באַראָן הירש האָט אונדז אַרײַנגעזעצט אין אַ זומפּ. די מאַמע איז
געווען קראַנק. און דער טאַטע האָט טאָג נאָך טאָג געשריען: „גידאַפּ,
טשאָב!" ביז די פֿגירה מיט די דאַרע ביינער איז געפֿאַלן אין שפּאַן. אוי,
וואָס פֿאַר אַן אָרעם לעבן! איך וויל קיינעם ניט ראַטן צו ווערן אַ פֿאַרמער —
האָט לילי געענדיקט.

— איך וועל זיך ניט באַזעצן אין אַ זומפּ און וועל ניט אַקערן מיט
קיין פֿגירה. עס ווענדט זיך, ווי אַזוי איר הויבט אָן אַ לעבן — זאָגט אײַזיק
מיט מוט. — איך וועל בויען מײַן לעבן מיט מײַנע אייגענע הענט, ניט מיט
דער הילף פֿון וואָוילטעטיקע אַנשטאַלטן.

— און פֿונדעסטוועגן זײַט איר אַליין אויך געקומען צום באַראָן הירש
אויף קעסט — נעמט זיך לילי אָן די קריוודע פֿון איר פֿאָטער.

— איך אַרבעט שווער פֿאַר מײַן קעסט — דערהפֿילט אײַזיק ווי ער איז
אַרײַנגעפֿאַלן. — מײַן אַרבעט האָט מער די ווערט פֿון מײַן עסן און שלאָפֿן.

— איך צווייפֿל ניט אין דעם ווערט פֿון אייער אַרבעט. נאָר איך מעסט
די שפּעטערדיקע רעזולטאַטן. אויב אַפֿילו איר וועט זיך גוט אויסלערנען
פֿאַרמערײַ, וועט זיך עס ניט באַצאָלן. ניט דאָ אין אַמעריקע, וואו אַלץ
ליגט אין די הענט פֿון גרויסע טראַסטן. ווינציק האָבן מיר דאָ געליטן פֿון
דעם טראַסט?

אַט אַזוי האָט לילי געפּרוּווט צו צעקלאַפּן אײַזיקס קוראַזש, ניט אַזוי
דערפֿאַר כּדי אים צו דיסאַילוזירן, נאָר כּדי אויסצוגעפֿינען, ווי שטאַרק ער
גלויבט אין זײַנע כּוחות און ווי גרויס זײַן ווידערשטאַנד איז.

אײַזיק האָט, פֿאַרקערט, וואָס מער לילי האָט אים געמאָלן פֿאַרמערײַ מיט
שוואַרצע פֿאַרבן, אַלץ מער האָט ער אײַנגעקשנט זיך געלערנט די טעאָריע
פֿון ערד־אַרבעט און עס האָבן זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט נײַע וועלטן און
נײַע ווערטן.

נײנטער קאַפּיטל

דער װינטער איז אַריבער און עס האָבן אָנגעהױבן בלאָזן פרילינג־װינטלעך. עס האָבן טעג נאָך טעג געגאָסן רעגנס און מערץ־כװאַליעס זײַנען געפלױגן און געיאָגט זיך איבער די הימלען. די עפּל־בײמער אין סאָד, די װײַנשל־בײמער און די װײַנטרויבן־בײמער זײַנען געװאָרן אָנגעשװאָלן און זײַנען געשטאַנען אָנגעלאָדענע און שװערע. אַ גאַנצן װינטער זײַנען די צװײַגן פון די פּרוכט־בײמער געװען שװאַרץ און פאַרבלויט, און איצט זײַנען זײ געװאָרן פּלוצים ליכטיקער און אונטער דער קאָרע האָט זיך באַװיזן רויט בלוט. די ניפּעלעך אױף די צװײַגן זײַנען אָנגעשפּיצט און פול מיט זאַפט.

די פרילינג־װינטעלעך האָבן צעטריבן די כמאַרעס און די זון האָט גענומען װאַרעמען די ערד און די גראָזן. אין דער לופט האָט זיך געפילט, װי עס הענגט אַן אומענדלעך געזאַנג, אַ רײַסנדיק געשרײַ. די ערד שפּאַלט זיך פון דעם, װאָס בײַ איר אינעװײניק רײַסן זיך קערנדלעך, װאָרצלען פון אַלערלײ געװיקסן אַרויס צום ליכט.

אין אײנעם אַזאַ טאָג האָט זיך אױף דער באָזע פון שול פּלוצים דערהערט אַ שטאַרק געװאַלד פון צװײ פרויען־שטימען. אײן קול האָט געשאָלטן און געשריען און דאָס צװײטע קול האָט געקװיטשעט, װי עס װאָלט זי דאָרטן אימיצער געפּײניקט.

די סטודענטן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן. דאָס געװאַלד איז פאַרגעקומען אין דער װעשאַרניע. די װאַש־פרוי איז געשטאַנען מיט אַן אײַנגעדרײטן האַנטוך אין איר האַנט און געשלאָגן איר מײדל. בײדע זײַנען זײ געװען רויטהאָריקע, פּלײשיקע, די מאַמע און די טאָכטער.

— זאָלסט מיר שױן זאָגן, װער עס האָט עס דיר געמאַכט!... — האָט די מוטער געשריען ניט מיט אירע כּוחות און געפּאַסעװעט מיטן האַנטוך דעם מײדלס קערפּער. — די מינוט זאָלסטו מיר זאָגן!...

דאָס מײדל האָט געקװיטשעט און מיט די הענט זיך געהאַלטן בײַ דעם עטװאָס פאַרשפּיצטן בויך. די מוטער האָט נאָר געװאָלט טרעפן מיטן האַנטוך דווקא אין בויך אַרײַן, אָבער דאָס מײדל האָט אַלע מאָל אונטערגעכאַפּט דעם האַנטוך מיט אַ האַנט, קריגנדיק בשעת מעשה אַ טראַסק איבער די פינגער פון אַט־דער האַנט. די האָר זײַנען געװען צעפּלאָכטן בײַ בײדע פרויען. די מאַמע איז געװען אַ ביסל העכער פון דער טאָכטער.

— דו האָסט אין ווּעמען צו זיין געראָטן. דיין טאַטע האָט זיך אויך אַרומגעשלעפּט!...

דאָס מיידל האָט געוויינט; איר פּנים איז געווען רויט און ווי פאַרלאָפן מיט בלוט.

עס זיינען אָנגעקומען די לערער פון דעם פאַקולטעט פון שול; אויך מיס קענטאַר איז געקומען. זי האָט פאַרבראָכן מיט ביידע הענט און זיי צוגעלייגט צו אירע ציין און געביסן אירע אייגענע הענט.

— כ׳וועל זי אַזוי לאַנג שלאָגן, ביז איך וועל עס באַ איר אָפּשלאָגן!...

— זאָל זי שוין זאָגן, ווער עס האָט עס איר געמאַכט!...

די סטודענטן האָבן, ניט קוקנדיק אַף דעם מיידלס לאַגע, זיך גאָר צעלאַכט מיט אַ פאַרשייט־לאָשעקעוואַטן געלעכטער.

די מוטער, אויפגערייצט פון אָט־דעם געלעכטער, איז נאָך מער אַריין אין רציחה און געכאַפּט דאָס וואַלגערהאָלץ און זיך פאַרמאָסטן אַף דער מיידל.

האָט זיך אַריינגעמישט מיס קענטאַר און אַף איר קוקנדיק אויך מיסטער מאַלטבי, און זיי האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט דאָס מיידל.

זיי האָבן זי אַרויפגעפירט אין שול־שפּיטאָל און דאָרטן פאַרשלאָסן.

ערשט אין אָוונט האָט מען באַמערקט, אַז קאַפּאָשאַן איז ניטאָ.

עס איז געקומען די צייט ווען מען האָט באַדאַרפט האָדעווען די פערד און אייזיק האָט ניט געהאַט קיין שליסל צו די שפּייז־קאַמערלעך. געוויינלעך האָט זיי געהאַלטן קאַפּאָשאַן.

מילא, דער ענין האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרוואָלקנט. עטלעכע טעג האָט זיך געטומלט אין שול אַרום דער מעשה קאַפּאָשאַן מיטן מיידל.

דערווייל איז אייזיק געבליבן דער איינציקער אַליינהערשער אין שטאַל פון פערד.

דער צופאַל איז אַפילו ניט געווען אַזאַ שיינער, אָבער אייזיק האָט זיין ממשלה צוגענומען מיט ווירדע און זיך אָנגעהויבן פירן ווי אַ געניטער באַלעבאָס אין שטאַל. ער האָט געוואָלט ווייזן דער וועלט, אַז ער פירט איין נייע זאַכן. און עס איז איצט באַ אים ניט געווען קיין שום אַנדער וועלט, חוץ פערד. ער האָט, ערשטנס, אויסגעוויייסט די שטאַל מיט קאַלך. עס גייט פרילינג. זאָלן די פערד וויסן, אַז די וועלט ווערט אַ נייע. צווייטנס, האָט ער איבער יעדן איינציק פערד אָפּן באַלקן פון שטאַל אויפגעהאַנגען אַ טאַבעלע מיטן נאָמען פון פערד. דריטנס, האָט ער אַליין זיך כמעט ווי אַריינגעצויגן אין שטאַל אַריין און דאָרט געטאָגט און גענעכטיקט...

ער האָט גענומען ערנסט זיין אַרבעט באַ די פערד. אים האָט זיך

געוואָלט פאַרטיפן אין דעם פערדס נשמה. ער האָט שוין געזען, אַז דאָ אין שטאַל צווישן די פערצן פערד זיינען דאָ אַלערליי כאַראַקטערן. אַ טייל פון זיי, ווי צום ביישפיל „ביל״, זיינען רעוואָלטירנדיקע. עס איז באַ זיי אַלע געווען אַ טיפער פאַרשטאַנד צו זייער אייגן לעבן. אָבער טייל פון זיי, ווי צום ביישפיל „דעקסטער״, זיינען געווען אויסערגעוויינלעך קלוג. אַלע פערד, דאָ אין שטאַל, האָבן געהאַט אַ חוש פאַר צייט. בשעת מען האָט מיט זיי געאַרבעט אין פעלד האָבן זיי קיינמאָל ניט געוואָלט מער אַרבעטן נאָך דעם, ווי זיי האָבן פונדערווייטנס דערהערט דעם גלאָק קלינגען 5 אַזייגער פאַרנאַכט.

אייזיק האָט זיך געוואונדערט, פונוואַנען ווייסן פערד צו האָבן אַ באַגריף וועגן צייט? פונוואַנען ווייסט זי, אַט די שטומע בהמה, אַז דער גלאָק קלינגט כדי מען זאָל אויפהערן אַרבעטן?

חוץ דעם האָט אייזיק באַמערקט, אַז פערד חברן זיך צווישן זיך בעסער ווי מענטשן. „רעקס״ און דעקסטער״ זיינען געווען צוויי חברים. זיי זיינען געגאַנגען אין איין שפּאַן. „ברוטוס״ און „צעזאַר״ זיינען אויך געגאַנגען אין איין שפּאַן און זיך שטאַרק ליב געהאַט. און אַזוי אויך „ליידי״ און „בייבי״. האָט זיך געמאַכט, אַז איינער פון די פערד איז ניט געזונט געוואָרן און מען האָט אים באַדאַרפט היילן, האָט דערפאַר שוין זיין פּאָר ניט געוואָלט אַרבעטן מיט אַן אַנדער פערד אין שפּאַן. אייזיק האָט אויך באַמערקט, אַז דאָס געזונטע פערד לײדט מיט, פּיזיש, מיט זיין ניט־געזונטן חבר. דעם קראַנקן פערד האָט מען אָפט ניט געקאָנט געבן די געוויינלעכע פּאָרציע עסן, וואָס יעדער פערד האָט געקראָגן. איז זיין פּאָר, דאָס געזונטע פערד, אויך געשטאַנען און זיך ניט צוגערירט צום עסן. און אַז מען האָט באַדאַרפט דעם „חולה״ איינגעבן מעדיצין, האָט דאָס געזונטע פערד געבראָפּעט מיט די נאָז־לעכער, געגלאַנצט מיט די בורשטינענע אויגן און געגראָבן מיט די פיס די פּאָדלאָגע, ווי מורא־האָבנדיק, אַז מען גייט חלילה פאַרסמען זיין חבר.

אין שטאַל זיינען געווען אַ טשיקאַווע פּאָר פערדלעך, צוויי קליינע ברוין־רויטע מוציקעס. „קיד״ און „דזשיפּ״ האָט מען זיי גערופן. יונג זיינען זיי געווען און פלינק ווי צוויי טייוואָלים. פון דעם וואָס זיי זיינען געשטאַנען אַ גאַנצן ווינטער אין שטאַל, זיינען זיי געוואָרן אַזוי ווילד, אַז קיינער האָט צו זיי ניט געקאָנט צוטרעטן. באַלד ווי זיי האָבן דערפילט אַ מענטשן לעבן זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן צו בריקן מיט די פיס. דער לערער, מר. קרעיג, האָט פאַרזוכט „קידס״ אַ בריק אין צייט פון סטרייק... אייזיק האָט באַ־מערקט, אַז פאַר אים האָבן „קיד״ און „דזשיפּ״ שטאַרק מורא. ער האָט אויך געהאַט ערגעץ געלערנט אין די ביכער וועגן פערד, אַז עס זיינען פאַראַנען

אַזױנע מענטשן מיט אַזאַ ספּעציעל בלוט, פֿאַר װעמען פֿערד האָבן מורא, מעגן זײ זײַן װי װילד. אָבער עס איז אים גאָרניט אײַנגעפֿאַלן אַפֿילו צו טראַכטן װעגן זיך, אַז ער האָט אַזאַ בלוט. װען די מעשה קאַפּאָשאַן איז געשען און אײַזיק איז געבליבן באַלעבאָס איבער די פֿערד און באַדאַרפֿט דאָס ערשטע מאָל צוטרעטן צו „קיד" און „דזשיפּ", כדי זײ כאָטש געבן עסן, איז ער באַ זיך אַ ביסל געפֿאַלן געװאָרן. װי װעט זײַן, אַז די צװײ מוציקעס װעלן אים טאָן אַ בריק און אים אַרױסלאָזן די קישקעס?

אָבער אומבאַװאוסט פֿאַר אײַזיקן אַלײן, איז אין אים אָנגעקומען אַזאַ מוט און ער האָט זיך געלאָזט גײן צו „קידן" אין שטאַל מיט אַ מעסטל האָבער. „קיד" טרעט אָפּ אין אַ זײַט און נעמט אױף אײַזיקן מיט אַ פֿרײלעכן הירזשע, רײַסט מיט זײַן מױל באַ אים פֿון די הענט דאָס מעסטל. דער האָבער צעשיט זיך אױפֿן דיל. אײַזיק גיט אַף אים אַ געשרײ. „קיד" בלײַבט שטײן און הערט זיך אײַן, קוקט אַף אים מיט די צװײ בורשטין־שװאַרצע אױגן.

און דאָס אײגענע איז מיט „דזשיפּן" — הײסט עס, ספּעציעלע בלוט באַ אים. די װילדסטע פֿערד אין שטאַל ציטערן פֿאַר אים!

„און איך האָב אָװעקגעגעבן צײַט אַף שרײַבערײַ...!" — זידלט זיך אײַזיק. עס איז אים װירקלעך געװען אַ שאָד, װאָס ער האָט אָװעקגעגעבן צײַט אַף פּוסטע זאַכן. עס איז דאָך אַזױ אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן דאָס לעבן פֿון אָט די שטומע באַשעפֿענישן. װאָס טיפֿער ער דערקענט זײ, אַלץ שענער װערן זײ אין זײַנע אױגן.

אין יענעם פּעריאָד איז באַ אײַזיקן געבױרן געװאָרן אַ פּאַרלאַנג אָפּ־צוגעבן זײַן גאַנץ לעבן דעם פֿערד. ענדיקן דאָ די שול און דערנאָך גײן אין אײנעם פֿון די גרעסטע קאָלעדזשעס פֿון אַמעריקע און זיך פֿאַרפֿולקאָמענען אַלס פֿערד־יונג, אָדער אַלס װעטערינאַר.

די זון האָט געטריבן די גראָזן פֿון דער ניו־דזשױרזיער ערד. אין יענעם געגנט איז די ערד געװען אַ זאַמדיקע. מ'האָט געשמועסט, אַז דאָ איז אַמאָל געװען דער ברעג פֿון אַטלאַנטיק, נאָר דער ים איז אָװעק און זיך אָפּגערוקט װײַטער אַף הונדערטער מײַלן — איז דערפֿאַר דאָ די ערד אַזאַ זאַמדיקע. זי נעמט אײַן אין זיך דאָס װאַסער פֿונעם רעגן זײער גיך. אין חודש מערץ אַקערט מען שױן דאָ די פֿעלדער. דער קלימאַט איז דאָ כמעט אַזױנער װי אין קאַליפֿאָרניע. אין מיטן חודש מערץ בליִען שױן די פֿרוכט־בײמער.

אײַזיק איז אַרױסגעגאַנגען מיט „קיד" און „דזשיפּ" אַקערן די ערד. באַם אײַנשפּאַנען די צװײ פֿערדלעך האָט מען באַדאַרפֿט האָבן צװײ חברה,

כדי זיי זאָלן די פערד האַלטן ביז מען וועט זיי צושפּאַנען צום אַקער. דער אַקער, פון דעם מין וואָס מען רופט „סאָלקי״, מיט צוויי רעדער, אַן אייזערנעם זיץ־אָרט און אַ דישל. דאָס אַקער־מעסער הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ מיט דער הילף פון אַ הויב־שטאַנג.

אייזיק האָט נאָך אין זיין לעבן ניט געאַקערט קיין ערד. דער מאָמענט איז אַ געהויבענער. איין קלייניקייט: אַקערן!

פּראָפעסאָר מאָלטבי האָט שוין ביז איצט שטאַרק ליב באַקומען אייזיקן, כאָטש ער האָט בשעת דעם סטרייק געזען פון אים זייער ניט קיין „שיינע״ זאַכן... מאָלטבי האָט שוין אָבער פאַרגעסן אָן יענע טעג. ער האָט איצט געזען פאַר זיך אַ יונגן בחור, וועלכער וויל זייער קענען די מלאכה פון פאַרמעריי. און אַזוי ווי ער איז אַליין געווען אַ קינד פון די אַמעריקאַנער פּרעירים, האָט אין אים אויך געפּיבערט דער ציטער פון „אַקערן ערד״.

פּראָפעסאָר מאָלטבי האָט אָנגעזאָטלט „ראָודין״, דאָס טונקל־גראָע זאָטל־פערדל, און האָט אַרויסגעריטן אין פעלד אַריין.

אייזיק האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער „סאָלקי״ און „קיד״ מיט „דזשיפּן״ האָבן גענומען טאַנצן. יעדער נערוו האָט בא זיי געציטערט אונטער זייער שפּיגלדיקער סאַמעטענער הויט. אָבער אייזיק האָט זיך באַוואָרנט מיט דעם, וואָס ער האָט זיי אין די מיילער אַריינגעלייגט אַזוינע ספּעציעלע צוימען, וואָס דורך אַ ציִ מיט די לייצעס האָבן די דאָזיקע צוימען זיך צונויפגעצויגן און בשעת מעשה איינגעקרעמפּעוועט דעם פערדס מויל אַזוי שטאַרק, אַז דעם פערד האָט געמוזט כאַפּן אַ ווייטיק באַם האַרצן.

דאָס זיץ־אָרט איז אַזוי ווי אַ פלאַכע שיסל. אייזיק זיצט אַ שטייפער, אַ ביסל איינגעבויגן אויף צוריק. די לייצעס, ווייכע, לעדערנע, צוויי אינטשעס די ברייט, איינגעוויקלט אַרום די פינגער פון זיינעביידע הענט. אייזיקס פיס שפּאַרן זיך אָן אין די צוויי אייזערנע טרעטערס, וואָס זיינען דאָ אויפן אַקער אַלס פוס־בענקעלעך.

די זון שפּיגלט זיך אין דעם ווייס־געפּאָלירטן שטאָל פון אַקער־מעסער. און עס איז איצט ניטאָ קיין גליקלעכן צו אייזיקן. די פערדלעך, ווי צוויי אָדלערס, שוועבן; די אייזערנע ציינערדיקע רעדער קלינגען אויף דעם זאַמדיקן וועג.

פון הינטן גייען נאָך אַלע סטודענטן פון אייזיקס קלאַס — די פרעשמען. אייזיק איז דער איינציקער, וועלכער האָט דעם כבוד צו פאָרן מיטן אַקער. פּראָפעסאָר מאָלטבי, רייטנדיק אויף „ראָודין״, פאָרט פאָראויס, ווי אַן אָפיצער אין דער שפּיץ פון אַ בריגאַדע. און מאָלטבי האָט אַזוי ליב צו באַווייזן,

אַז ער קאָן פאָרן רייטנדיק. ער זיצט מיט אַ זייט אַריבערגעבויגן אַפן פערדל. „ראַודי" גייט אויך מער מיט אַ זייט, ווי ער וואָלט געוואָלט זען וואָס עס טוט זיך אונטער אים.

און אָט איז שוין דאָס פעלד, וואָס מען דאַרף צעאַקערן. עס איז דאָ אַפן פעלד לאַנגע ליניעס פון פאַראַיאָריקע סטאָמפּס פון קוקורוזע־שטאַמען. דאָס פעלד איז פלאַך ווי אַ טיש.

פּראָפעסאָר מאַלטבי האַלט אַ לעקציע, רייטנדיק אַף „ראַודין". דער גאַנצער קלאַס שטייט אַף דער ערד אַרום מאַלטביס פערדל.

די לעקציע איז וועגן ערד און אירע אויבערשטע שיכטן; וועגן אָרגאַנישער מאַטעריע, וואָס זאַמלט זיך אָן אין דער אויבערשטער שיכט פון דער ערד און וועגן דער וויכטיקייט פון טיף־אַקערן... „קיד" און „דזשיפּ" האָבן ניט געוואָלט איינשטיין רואיק. עס איז זיי, ווי עס האָט אויסגעוויזן, ניט געווען אינטערעסאַנט צו הערן די לעקציע.

און ווען דאָס אַקערן האָט זיך אָנגעהויבן און אייזיק האָט מיט זיי געטאָן אַ פאָר אַריין פונעם וועג אין דער ווייכער ערד מיט די קוקורוזע־סטאָמפּס, האָבן זיך די צוויי מוציקעס געפּרואווט שטעלן דיבאָם. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די קוקורוזע־סטאָמפּס האָבן זיי געקיצלט אין די לאַפּעטעס פון די פיס.

מאַלטבי האָט געריטן פריער אין פאָרנט און אייזיק האָט מיט דער הילף פון הויב־שטאַנג אַראָפּגעלאָזט דאָס גלאַנציק אַקער־מעסער אין דער ערד אַריין. די ערד, אַ שוואַרצע און מיט אַ טונקל־געלן אונטערשלאַק, האָט זיך גענומען שניידן און איבערקערן. עס האָט זיך ווי געצויגן אַן אומענדלעכער פּאַס פון ערגעץ פון דער טיף פון דער ערד און זיך געלייגט אין אַ בראָזדע. פון אונטער דער פריש־אויפגעגראָבענער ערד זיינען געפלויגן דערשראָקענע מייז אין אַלע ריכטונגען. גרויסע ברוינע ווערים מיט ווייסע פּאַסיקלעך אַרום זיי, ווי קליינע פעסעלעך מיט רייפלעך, זיינען געבליבן ליגן אויפגעדעקט קעגן דער זון. די ערד האָט געשמעקט.

„קיד" און „דזשיפּ" האָבן זיך געריסן פון אייזיקס הענט. אָבער אייזיק האָט זיין אָטעם איינגעהאַלטן און ער האָט די לייצעס נאָך מער איינגע־קרעמפּעוועט אין זיינע הענט. די צוויי פערדלעך האָבן אויסגעבויגן זייערע העלדזער ווי האַלבע רייפן און פון זייערע מיילער געשפּיגן מיטן ווייסן שוים. עס האָט זיך געהערט דאָס ריטמישע שניידן פון דעם אַקער־מעסער אין דער טיף פון דער ערד. אַזוי שרייט ברויט ווען אַ שאַרף מעסער שניידט.

געענדיקט די ערשטע ליניע, האָט אייזיק אויסגעקירעוועט די פערדלעך,

פריער ארויסהויבנדיק דעם אקער־מעסער פון דער ערד. פון דעם וואָס דאָס דאָזיקע מעסער האָט זיך דורכגעפידלט טיף אין דער ערד, איז עס געוואָרן נאָך גלאַנציקער, בלישטשענדיקער און שאַרפער.

— אָט, א ליניע!... — האָט זיך מיסטער מאַלטבי געפרייט.

אייזיק האָט שוין איצט געוואוסט דעם סוד. ער האָט די גאַנצע צייט פון אקערן אכטונג געגעבן, אַז דער דישל פון דער „סאַלקי" זאָל זיין האָריזאָנטאַל.

די צוויי מוציקעס זיינען געוואָרן אזוי גוט און שטיל. זיי זיינען רואיקער געוואָרן מיט יעדער אויפגעאַקערטער ליניע. א שווייס האָט זיי באדעקט און אינגיכן האָט שוין אייזיק מיט זיי זייער מיטגעפילט און זיי ניט געהאַלטן אזוי שטייף אף די לייצעס.

די איבעריקע סטודענטן האָבן זיך מתקנא געווען אין אייזיקן. זיי זיינען אַלע געשטאַנען באַם ברעג פון פעלד און פּראָפעסאָר מאַלטבי האָט זיי דער־ציילט מעשיות וועגן דעם, ווי מען האָט אמאָל מיט יאָרן צוריק געאַקערט מיט הילצערנע אקערס.

— פאַרוואָס קריגן מיר אויך ניט קיין געלעגנהייט צו אקערן ? — האָט זיך איינגעשטעלט צו פרעגן איינער פון די סטודענטן.

— איך וועל אייך אַלע געבן א געלעגנהייט — האָט מאַלטבי געזאָגט. — דער זומער הויבט זיך ערשט אָן און ערד איז פאַראַן א סך.

דעם גאַנצן פאַרמיטאָג האָט אייזיק געאַקערט מיט „קיד" און „דזשיפ", און נאָך מיטאָג האָט פּראָפעסאָר מאַלטבי געזעצט א צווייטן פון די סטודענטן אפן אקער. ער האָט געמיינט, אַז „קיד" און „דזשיפ" זיינען שוין איצט אויסגעמאַטערטע. אָבער ער האָט געהאַט א טעות אין חשבון.

אזוי גיך ווי דער בחור האָט זיך געזעצט אפן זיץ־אָרט האָבן „קיד" און „דזשיפ" דערשמעקט מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן און זיי זיינען „אנט־לאָפן". יאָגנדיק, האָבן זיי דעם בחור אראָפּגעוואָרפן פון זיץ־אָרט און דאָס אקער־מעסער איז צעבראָכן געוואָרן אף פּיץ־פּיצלעך.

צענטער קאפיטל

פון יענעם מאמענט איז אייזיקס נאמען געוואקסן העכער און העכער, אלס מייסטער פון פערד.

איינמאל אין א רעגנדיקן טאג שטייט אזוי אייזיק בא דער טיר פון שטאל און קוקט זיך צו ווי אזוי די טראפנס, וואס רינען אראפ פונעם דאך, פאלן מיט אזא שטארקייט, אז זיי גראבן אויס א רינווע אין דער ערד.

מיטאמאל באווייזט זיך א מענטש א דורכגעווייקטער פונעם רעגן, מיט א היטל פון שאפענער פעל, וועמעס האר זיינען שוין געווען אפגעריבן און איצט פון רעגן אזוי צעווייקט. און אזא היטל האט אייזיק דא אין אמעריקע שוין לאנג ניט געזען. און מאדנע, ווי דער מענטש איז אים שטארק קאנטיק. זיינע רויטע האר און דאס קלייענדיקע רויטע פנים האבן אים דערמאנט אן א פערזאן זייער ניט קיין פריינטלעכע. אפשר איז עס אט דער רויטער, וועלכער האט אים צוריק מיט יארן אנגעטאן אזוי פיל צרות און יסורים...

אייזיק האט זיך דערמאנט, אז זייענדיק א אינגל פון זעכצן יאר איז ער מיט א דיפלאם פון א קארעספאנדענץ־קורס, א געענדיקטער בוכהאלטער, געקומען קיין וויניצע צו זיינעם א פעטער אין דער גרויסער אייזן־קראם, אלס בוכהאלטער. דארטן איז געווען נאך א קוזין, פון פעטערס צד, אט פונקט אזא, ווי דער דאזיקער רויטער. און דער רויטער האט ניט געוואלט ליידן, וואס אזא שנעק, ווי אייזיק איז דאן געווען, זאל ווערן דער בוכהאלטער פון דער קראם, און ער האט אנגעטאן אייזיקן אלערליי צרות, אף אים אויס־געטראכט אלערליי בילבולים און ליגנס, ביז אייזיק האט געמוזט אוועקפארן צוריק אהיים.

זאל עס זיין אט דער דאזיקער רויטער? — האט זיך אייזיק געפרעגט. אבער איידער אייזיק האט נאך צייט געהאט אים גוט צו באטראכטן, האט זיך דער דורכגענעצטער מענטש געווענדעט צו אים:

— קאן איך רעדן מיט דעם מענטשן וואס גיט זיך אפ מיט פערד?

— איך האב די ערע — זאגט אייזיק. — אט שטייט ער פאר אייך.

— איר זייט עס? — זאגט דער רויטער און גיט זיך א וויש מיט דער נאסער האנט איבערן פנים. אין דער מינוט האט ער אפנים אויך דער־קענט אייזיקן.

— וואס האט א איד באדארפט? — פרעגט אייזיק מיט זיין געוויינלעכער

האַרציקער שטים. מאַלע וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט. דאָ איז זיכער געשטאַנען פאַר אים אַן אָרעמאַן אין זייער אָרעמע קליידער און אַ דורכ־געווייקטער פון רעגן. — קומט, שטעלט זיך אונטערן דאַך.

— אַ דאַנק אייך! — זאָגט דער רויטער. — באַ מיר איז מיין פערדל זייער קראַנק, און איך האָב געהערט פון אייך, אַז איר היילט פערד.

— וואָס איז דער מער מיט אייער פערדל?

— כ'ווייס, קיין קרעמפּס קאָן עס ניט האָבן, ווייל כ'האָב אים זיכער ניט איבערגעהאָדעוועט... — זאָגט דער רויטער און לאָזט אַראָפּ זיינע אויגן צו דער דורכגעווייקטער ערד. — אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט דאָס פערדל פאַרט שרעקלעכע ווייטיקן אין די קישקעס.

— איז דער בויך באַם פערד געשוואָלן? — פרעגט אייזיק און קוקט זיך דערווייל נאָך בעסער איין אין דעם רויטנס פּנים: — „יאָ, עס איז דער זעלבער רויטער."

— געשוואָלן ווי אַ באַרג... — זאָגט דער רויטער און גיט אַ טיפן זיפץ.

— עס שטייט אויף די פיס?

— ניין. עס ליגט שוין דעם צווייטן טאָג.

— ווי ווייט וואוינט איר פון דאַנען?

— אַ צוויי־דריי מייל. איך בין אַ פאַרמער באַם באַראָן הירש...

— דאָס איז אייער איינציק פערד?

— געטראָפן!...

אין זיינע גיפטיקע קורצע ווערטער האָט שוין אייזיק דערקענט זיין אַמאָליקן רוצח. אָבער עס איז ניט געווען קיין צייט פון דעם איצט צו טראַכטן. אייזיק איז אַוועק אין דער לאַבאָראַטאָריע און גענומען די אינ־סטרומענטן פאַר „קאָליק" און אויך צוגעגרייט אַ פלאַש מיט „בעלאַדאָנע"־וואַסער. ווען ער איז צוריק צוגעקומען צום שטאַל איז דאָרטן דער רויטער געשטאַנען אַן איינגעבויגענער און געוואַרט.

אייזיק האָט צו אים גאָר ניט געזאָגט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער אומגליקלעכער זאָל אים ניט דערקענען אָן דער שטים און עס זאָל אים ניט פאַראורזאַכן קיין אינערלעכע שמערצן...

אייזיק האָט איינגעשפּאַנט „ראָודין" אין דעם לייכטן פאַעטאָנדל, די באָגי, און איז מיטן רויטן מאַן אַוועקגעפאָרן. ער האָט שוין אַזוי זיך אַרויפגעאַרבעט דאָ אין שול, אַז ער האָט געקאָנט נוצן די פערד און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט נויטיק, ניט אָנפרעגנדיק זיך באַ די העכערע באַאַמטע פון שול.

„ראודי" האָט זיך אָנגענומען מיט דער אויפגערעגטקייט פון אייזיקן און איז געלאָפן איבער דעם מיט טייכלעך פאַרגאָסענעם וועג. דער רויטער האָט געוויזן אַלע מאָל אייזיקן וואו זיך צו פאַרקירעווען, ווייל זיין פאַרם איז געלעגן ערגעץ פאַרוואָרפן אַף זייטיקע וועגן.

מער האָבן זיי צווישן זיך גאָר ניט גערעדט. און אין א האַלבער שעה איז אייזיק פאַרפאָרן צו א פיר־עקעכיקער שטוב, וועלכע איז געווען שטאַרק אָפגעריסן און אָפגעקראָכן און די ברעטערנע ווענט זיינען געווען נאָס פונעם רעגן. דורך די פענצטער האָט זיך געזען פנימער פון א סך קינדער — רויט־האָריקע און צעביסענע פון מאָסקיטאָס מיט וואונדן אַף די פנימער. בא איין פענצטער איז געשטאַנען א דאַר מיידל, אויך מיט א קאָפּ רויטע האָר און מיט קלייען אַף איר בלאַס פנים. ווען זי האָט דערזען דאָס פאַטאָנדל צופאָרן איז זי אָפגעשפרונגען פון פענצטער און זיך באַהאַלטן.

א הויכע, אויסגעמוטשעטע פרוי אין אַן אונטערקליידל, מיט צוויי גרויסע צעריסענע שיך אַף אירע פיס, איז אַרויסגעקומען. אַף אירע באַקן זיינען געווען סימנים פון פאַרטריקנטע טרערן. די אויגן בא איר ווי צוויי גריבער און די האָר שוואַרץ־גראָע און שטאַרק אויסגעפאַלן אַרום שטערן.

אייזיק האָט זיך מיט דער פרוי באַגריסט. גענומען די פלאַש מיט מעדיצין און די אינסטרומענטן. דער רויטער האָט אים געפירט צו דער בלומרשטער שטאַל. די דאָזיקע חורבה האָט זיך געהאַלטן קוים אָנגעשפּאַרט אַף צעדער־דרענגלעך, פון וועלכע די קאָרע איז אפילו ניט געווען אָפגעריייניקט. נאָר איצט, נאָך יאָרן און יאָרן פון שטיין אין דינסט, האָבן די דרענגלעך שוין געפוילט. אַף זיי איז געלעגן אָנגעשפּאַרט א דאַך א צעבויגענער, געמאַכט פון אַלערליי מאַטעריאַלן — פון שטיקלעך בלעך, א ביסל שינדל און שטיקער קאָרע פון צעדער־ביימער. באַלד דערביי איז געלעגן א קופּקעלע גנוי, וואָס שוין אין דעם אָנבליק פון דעם קאָליר און דער קאָמפּאָזיציע פון די מאַטעריאַלן פון וועלכע דער גנוי איז באַשטאַנען, האָט אייזיק שוין געקאָנט דערקענען דעם צושטאַנד פון דער פאַראָרעמטער ווירטשאַפט.

דער רויטער האָט אַריינגעפירט אייזיקן אינעווייניק אין חורבה אַריין. עס איז דאָרט אין א קאַליוזשע פון א גרין־געלבלעכער בלאָטע געלעגן א פערד, וואָס האָט מסתם אַמאָל באַדאַרפט האָבן א שוואַרצן קאָליר. איצט איז די גאַנצע פעל באַם פערד געווען שרעקלעך אָפגעקראָכן. דער קריזש, די היפטן־ביינער, די ריפּן זיינען געווען אַזוי ווי אָפּגעגריזשעט פון מייז ביז צום פלייש. דער בויך איז געווען באַם פערד א געשוואָלענער, דער האַלדז אַזוי דאַר, אַז מען האָט געקאָנט איבערציילן די רינגען פון דעם ווייסעט.

דאָס פערד איז געלעגן מיט זיין קאָפּ טיף אריינגעגראָבן אין דער גרין־געלבלעכער בלאָטע. ער האָט געטראָגן האַסטיק מיט דעם געשוואָלענעם בויך אַראָפּ און אַרויף, ווי עס וואָלט אין אים געאַרבעט אַזאַ פּאָמפּע, וואָס האָט אים אָנגעבלאָזן דעם בויך.

אייזיק האָט זיך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אַריבערגעבויגן צום פערד און מיט איין האַנט געטאָן אַ פיר באַ זיין פאַרגלעזערט אויג. עס איז געווען אַ בליק אין דעם אויג, וועלכן אייזיק האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן. אין דעם מאָמענט האָט ער דעם דאָזיקן בליק מיט זיך מיטגענומען אויף זיין גאַנצן לעבן. דאָס אויג האָט זיך ניט געטאָן קיין ריר. דאָס פערד איז שוין געווען באַוואוסטלאָז. אייזיק האָט נאָך געטאָן אַ גלעט דאָס פערד באַ דער פלאַנקע. דאָרט איז די הויט געווען אָנגעצויגן ווי די אויבערפלאַך פון אַ פּויק.

— וואָס זאָגט איר, עס וועט נאָך פון אונדזער פערד עפּעס זיין? — פרעגט דער רויטער.

אייזיק האָט ניט געקאָנט ענטפערן. ער האָט געטאָן אַ קוק אויף דער פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אין דעם אונטערקליידל און געציטערט. און ווען ער זאָל זיי אָנזאָגן די טייערע בשורה, אַז דאָס פערד איז פאַרביי, וואָלט אַט־די פרוי זיכער ניט אויסגעהאַלטן.

אייזיק האָט געפּרוווט דעם פערד איינגעבן די „בעלאַדאָנאַ"־מעדיצין. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און זיינע הענט און פיס אויסגעשמירט מיט דער בלאָטע. ער האָט געוואָלט עפענען באַם פערד דאָס מויל, אָבער באַ אים זיינען שוין די ציין געווען פאַרשטאַרצט. עס איז געווען אייזיקן ביטער ביז צום וויינען. ער האָט גאָרניט געקאָנט טאָן. עס איז שוין געווען צו־שפּעט צו נוצן די „קאָליק"־אינסטרומענטן. די אויערן זיינען באַם פערד געווען קאַלט ווי אייז. עס איז געווען אַ פראַגע פון מינוטן.

אייזיק איז אַרויס אין דרויסן. ער האָט געהערט ווי די פרוי האָט געטאָן אַ פּאַטש מיטביידע הענט און אַ געשריי געטאָן פון פאַרצווייפלונג:

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן אָן אַ פערד?!... גאָטעניו, גרויסער! פאַרוואָס נעמסטו באַ אונדז צו אונדזער איינציקע טרייסט?! — האָט די פרוי געקלאָגט, באַגלייטנדיק אייזיקן ביז צו דער בריטשקע.

דאָס גראָע פערדל איז איצט געשטאַנען מיט זיין קאָפּ אויסגעדרייט און מיט זיינע אויערן אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט צו דעם קלאָגן פון דער פרוי.

דער רעגן האָט „ראָודין" דורכגענעצט און זיין קערפּער האָט איצט געשיינט און עס איז פון אים געגאַנגען אַ פּאַרע.

רעכטס פֿון דעם אָפּגעבליאַקעוועטן שטיבל זײַנען געשטאַנען עטלעכע אויסגעקרימטע פּרוכט־בײמער. דאָס איז געווען דעם רויטנס סאָד. די דאָזיקע ביימלעך זײַנען געווען שוואַרצע און צעווייקטע פֿון רעגן און האָבן זיך געבויגן צו דער ערד. לינקס איז געשטאַנען אַ וועגעלע מיט דרײַ רעדער. דער פֿערטער ראָד האָט געפֿעלט. איז דאָס וועגעלע געשטאַנען אויסגעקרימט אויף אַ זײַט.

עס האָט געשמעקט מיט דער ביטערקייט פֿון פֿאַלין, אָדער יאָד. אין הינטערגרונט האָט זיך געזען ווי דורך אַ טומאַן אַ שיטער וועלדל. באַם וועלדל אין אַ ריי האָבן נאָך געשטעקט שטעקנס פֿון פֿאַראַיאָרן, מיט די טרוקענע צווײַגן פֿון פֿאַסאָליע־געוויקסן.

באַ דער שטוב איז געווען אַ פֿאַרזשאַווערטע אײַזערנע פּאָמפּע. אײַזיק איז צוגעגאַנגען און געפּאָמפּעט וואַסער אויף זײַנע הענט, אָפּגעוואַשן זיי און געזאָגט צום רויטן:

— הערט, איר זאָלט זיך גאָרניט זאָרגן!

— וואָס מיינט איר? עס איז דאָך באַ אונדז ווי אַן אויג אין קאָפּ.

— איך וועל זען, אַז איר זאָלט האָבן אַ נײַ פֿערד — טרייסט אים אײַזיק.

— און דאָס?

— דאָס וועל איך אײַך העלפֿן באַגראָבן, מאָרגן אינדערפֿרי.

— אויב איר זאָגט, גלויב איך אײַך.

— איך גיב אײַך מײַן וואָרט — איז אײַזיק אַרײַנגעשפּרונגען אין דער „באָגי”. — דערווײַל אַ גוטן! געדענקט: ניט זאָרגן — עס וועט זײַן אַ גוט פֿערד!

עלפטער קאפיטל

אייזיק האָט זיך גוט אָנגעהאַרעוועט באַם אַקערן די ערד. ער האָט באַ־קומען אורלויב צו פאָרן אַהיים אַף פּסח.

געקומען אַהיים איז ער ערב פּסח. זיין פאָטער חיים איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרחושכטער, אַ פאַרוואַקסענער. די מאַמע רייזי איז געווען קראַנק מיט נוראַלגיע. די ברידער זיינען אַלע כמעט געווען אַרבעטלאָז. אַפילו מאָריס, וועלכער איז אַלעמאָל געווען אַ גוט־באַצאָלטער אַרבעטער, און האָט זיך אַלע מאָל באַריִמט, אַז די באַלעבאַטים רייסן זיך איבער אים — איז איצט אַרומ־געגאַנגען ליידיק. די פיר זין, וועלכע האָבן געאַרבעט באַם טאַטן אין שאַפּ, האָבן אויך ניט געאַרבעט, ווייל חיים האָט ניט געקאָנט פאַרקויפן זיין „וואַרע". אויך הוישיקעלע האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיק.

אייזיק איז אַריינגעפאַלן אין אַ היים, אין דער אייגענער „הייזקע", מיט אַ שאַפּ אין אייגנעם, מיט אויפגעאַרבעטע הונדערטער טוצן בענדלעך און מיט יונגען געזונטע, מיט הענט פאַרטיק צו אַרבעטן און מיט אַ פולער שטוב פיסקעס צום עסן—אָבער אין שטוב איז ניט געווען קיין לעבעדיקע פעני.

מאָריס האָט שוין לאַנג ניט אָנגעזען קיין „וואָך פעידע" און הוישיקעלע אויך ניט. די פיר קינדער, וועלכע האָבן געאַרבעט באַם טאַטן, האָבן קיין „פעידע" קיינמאָל ניט געזען, און ווער שמועסט איצט!

און דאָ איז ערב פּסח. אַ יום־טוב, וועלכן חיים האָט דאָ אין אַמעריקע געוואָלט פּראַווען מיט דעם באַוואוסטן קנאַק און פּאָרכטיקייט, צו וואָס ער איז געווען צוגעוואוינט פון יאָרן און יאָרן.

— קיין מצות איז נאָך נישטאָ אַף פּסח — האָט חיים זיך געקלאָגט פאַר זיין זון אייזיק. — דיך אַרט מסתם ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי... וועסטו עסן חמץ... אָבער עס איז אַף חמץ אויך נישטאָ!...

אייזיקן האָט, פאַרשטענדלעך, זייער ווינציק געאַרט וואָס עס איז ניטאָ קיין מצות. אים האָט ווי געטאָן דאָס הארץ פון דעם, וואָס די לאַגע איז אין הויז אַזאַ שלעכטע.

חיים איז געלאָפן יעדן טאָג אין שטאָט, געפּרוּווט פאַרקויפן די אויפ־געאַרבעטע וואַרע אונטערן פּרייז. געלט איז איצט געווען זייער שווער צו באַקומען. עס איז מיטאַמאָל ניט געוואָרן קיין שום מעגלעכקייט ערגעץ צו פאַרדינען אַ פּאָר סענט.

חיים האָט אַלס פרומער איד געהאַפט, אַז גאָט וועט העלפן. רייזי האָט זיך מיט אים געריצט: — וואו איז ער, דײַן רבונו־של־עולם?...

עס איז געווען פֿײַנלעך פאַר אײַזיקן. ער איז אַהיים געקומען אַף אור־לויב, געמיינט אַז ער וועט זיך אָפּרוען אַ וואָך צײַט. און דאָ איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ אומגליקלעך הויז. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענער ברעם. מאָריס האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן אין שטאָט אַרײַן, פון איסט ניו־יאָרק.

— זאָל עס פאַרברענט און פאַרשרפעט ווערן!... — האָט הוישיקעלע געשאָלטן. — אַ לאַנד!... אַרבעט און אַרבעט, און מיטאַמאָל — באַסטאַ!...

אין דרויסן איז געווען וואונדערלעך שיין. די נאַטור האָט זיך גענומען מיט ברייטקייט אָנקליידן מיט גרינס. די ליידיקע פּלעצער אַרום חיימס שטוב זײַנען געוואָרן גרין מיט גראָז. די זון האָט געשײַנט און געוואַרעמט. פֿייגעלעך האָבן געזונגען. פון די קאַנאַרסער זומפּן האָט זיך געטראָגן אַ פרישער שוועבל־ריח.

חיימס הויז האָט פאַרמאָגט אַן אייגן שטיקל פּלאַץ, אַרומגענומען מיט אַ פּלויט פון ברעטער. עס האָט זיך געמאָסטן אַרום פערציק פוס די לענג און צוואַנציק פוס די ברייט. דאָס דאָזיקע שטיקל ערד איז געווען, ווערדליק אײַזיקס ביסל קענטעניש פון דער אַגריקולטור־שול, זייער גוט פאַר אַ גאָרטן.

אײַזיק איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ ריסקל און זיך גענומען צעגראָבן דאָס שטיקל ערד. ער האָט געוואָלט ווײַזן זײַנע ברידער און טאַטע־מאַמע, אַז ער קאָן די מלאכה. האָט ער דען ניט געאַקערט ערד אין שול? דאָ אין גאָרטנדל איז די ערד געווען אַ קלייאיקע און אויסגעמישט מיט גיפּס און וואַפּנע פון דעם, וואָס בשעת מען האָט געבויט דאָס הויז האָבן די אַרבעטער דאָ געמישט דעם קאַלך און צעמענט.

אײַזיק האָט גוט באַטראַכט די קאָמפּאָזיציע פון דער דאָזיקער ערד. עס איז דאָ אין איר קאַלך און גענוג אָרגאַנישע מאַטעריאַלן.

די מאַמע האָט געזען, אַז אײַזיק צעגראָבט די ערד, איז איר פון דער דאָזיקער פרייד און באַוואוסטזײַן, אַז עס וועט זײַן אַ גאָרטן בײַ דער שטוב, געוואָרן גרינגער אַף דער ברעם און זי איז אויך אַרויס אין הויף אַרײַן.

— וואָס טוסטו, זון?

— איך צעאַקער די ערד.

— עס וועט זײַן גוט פאַר גאָרטנוואַרג?

— דאָ וועט וואַקסן ווי אַף היוון.

אַז די איבעריקע ברידער האָבן געזען ווי די מאַמע שטייט שוין אין

הויף, זיינען זיי אויך אַרויס אין הויף. אייזיק האָט זיי געהייסן צעשלאָגן די הרודעס ערד.

מאָטיע מיט הווישיקעלען האָבן אַרויסגעבראַכט פון הויז צוויי שטיקער אייזן. זיי האָבן געפּאָלגט דאָס, וואָס אייזיק האָט זיי געהייסן.

— עס איז נישטאָ מיט וואָס צו אַרבעטן. דערצו דאַרף מען האָבן געוויסע כלים — האָט אייזיק געזאָגט.

— מיר וועלן איבערקערן די ערד מיט די הוילע הענט — האָט הווישיקעלע זיך באַרימט מיט זיין שטאַרקייט.

— עס איז אַ קונץ צו טאָן אַן אַרבעט מיט גוטע כלים? — זאָגט מאָטיע.
— מע דאַרף קאָנען טאָן אָן אַרבעט אָן כלים...

מאָרים איז געשטאַנען אין אַן אָפן פענצטער און געקוקט פון דער ווייטנס, ווי אַזוי אייזיק צעגראָבט די ערד און קערט זי איבער מיט דער לינקער זייט אַרויף צו דער זון. יעדע שאָוליע ערד איז געלעגן אַ גלאַנציקע קעגן דער זון. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פינצטערע געדאַנקען, גע־טראַכט פון זעלבסטמאָרד און די גאַנצע וועלט איז אים געווען פינצטער. און אָט איז ער געקומען, זיין ברודער אייזיק, און געבראַכט פרייד. עס קלינגט אין הויז דער געקלאַנג פון דער שאָווליע. די זון שיינט מיט אַזויפיל ערלעכ־קייט. אייזיק שרייט זיך איבער מיט די איבעריקע ברידער. דאָס ווינטל טראָגט זייערע אויסגעשרייען ערגעץ אַוועק. און ווי שיין עס איז דאָס שטיקל צעגראָבענע ערד! פריער איז דאָ אין הויף געווען וויסטקייט: די ווייסע פלעקן פון וואַפּנע האָבן געשטאָכן דאָס אויג מיט זייער מיאוסקייט. איצט לויפן שורות פון דער פריש־אויפגעגראָבענער ערד. יעדע שורה האָט אַן אַנדער קאָליר. די ערשטע שורה איז צעמאָלן און אויסגעטריקנט פון דער זון און איז גראָ־אַשיק, און די לעצטע שורה איז נאָך שוואַרץ און פייכט, ווי מיט בוימל באַשמירט. און ווי שיין די סימנים פון דעם ריסקל זיינען אין דער נאָך ניט געגראָבענער ערד!

פאַרוואָס זאָל ער אויך ניט אַרויסגיין העלפן גראָבן דעם גאָרטן, כאָטש צולייגן אַ האַנט און עפּעס טאָן?

מאָרים האָט אָבער ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט זיין ברודער אייזיק. ער האָט אים ניט פאַרגונען דאָס, וואָס ער, אייזיק, האָט געקאָנט פאַראויס־זען די רואינע פון דעם „באַלעבאַטישן" קלאַס נאָך איידער די גרויסע קאַטאַסטראָפע איז געקומען. ער, מאָרים, האָט זיך נאָך דעמאָלט ניט געריכט, צוריק מיט זעקס חדשים, אַז פון דעם טאַטן מיט די ניין ברידער וועט ווערן

אַזאַ תּל; אַז עס װעלן, דורך אַזאַ קורצן פּעריאָד פֿון זעקס חדשים, בלײַבן אַלע אָן אַרבעט און אָן אַ באָדן אונטער די פֿיס.

און ער, אײַזיק, האָט עס נאָך דערשמעקט אײדער עס איז נאָך אַפֿילו עפּעס געשען. ער איז אַװעק זיך לערנען פֿאַרמערײַ און באַזיגט דעם קריזיס. איצט קוקן אױס, מסתּם, אין זײַנע אױגן, אַלע ברידער מיט מאָריסן אין דער שפּיץ, מיטן טאַטן און זײַן אומגליקלעכן שאָף, װי אומבאַהאָלפֿענע, װי שאָטנס.

מאָריס האָט אײַזיקן ניט פֿאַרגונען אָט דעם פֿאַרגעניגן פֿון צו זײַן דער פּיאָנער פֿאַר דער פֿאַמיליע. ער װעט מסתּם ענדיקן אַגריקולטור און דאַן זיך באַזעצן ערגעץ אױף אַ פֿאַרם און אַרױסנעמען די עלטערן מיט די ברידער. אײַזיק װעט זײ, הײסט עס, ראַטעװען פֿון אונטערגאַנג.

און ער, מאָריס, האָט דאָך געלײגט אַזױ פֿיל האָפֿענונגען אױף אָט דער פֿאַמיליע פֿון נײַן ברידער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געװען דער אײנציקער רעטער זײערער. ער איז אַװעק קײן אַמעריקע דער ערשטער. ער איז געװען די אײַזן־פֿעסטע בריק, איבער װעלכער די גאַנצע פֿאַמיליע איז אַריבער דעם ים און זיך דאָ באַזעצט. ער, מאָריס, האָט געאַרבעט שװער. באַ אים האָט זיך געװאָרעמט אַ געדאַנק, אַ גלױבן און אַ האָפֿענונג, אַז די געשעפֿטן באַם פֿאָטער װעלן אַװעקגײן גוט. דער טאַטע װעט װאַקסן פֿון יאָר צו יאָר, װערן רײַך, און מאָריס װעט מער ניט דאַרפֿן האָרעװען באַ יענעם אין אַ שאָפּ. ער װעט זיך אױך אַרײַנװאַרפֿן צו דער הילף זײַן טאַטן און עס װעט אַװעקגײן גוט. נאָך אַלעמען, איז ער ניט געקומען קײן אַמעריקע צו פֿאַרבלײַבן אַ האָרעפּאַשניק זײַן גאַנץ לעבן.

אָבער, מאַלע װאָס מאָריס האָט געטרױמט. זײַן טרױם איז צעשמעטערט געװאָרן אין די לעצטע עטלעכע חדשים. פֿון דעם טאַטן װעט שױן קײן רײַכער פֿאַבריקאַנט ניט װערן. דאָס ביסל פֿאַרמעגן, װאָס עס האָט זיך באַ אים, באַם טאַטן, אָנגעזאַמלט פֿון דער שװערער פּראַצע פֿון די ברידער, איז שױן לאַנג אױפֿגעגעסן געװאָרן אין דעם לױף פֿון די לעצטע זעקס חדשים. די עטלעכע פֿאַר הונדערטער, װאָס דער טאַטע האָט אַרײַנגעגראָבן אין הױז, זײַנען איצט גאָר ניט װערט. עס איז אַ פֿאַקט, אַז דאָס הױז האָט איצט מער ניט די װערט װי דעם פּרײַז פֿון ערשטן מאָרטגעדזש, װעלכער באַטרעפֿט דרײַ טױזנט דאָלאַר. און פֿאַר דעם פּרײַז קאָן מען עס אױך ניט האַלטן, װײַל דאָס דירה־געלט װאָס עס ברענגט אַרײַן, אָדער באַדאַרף אַרײַנברענגען (װײַל דער טאַטע האָט סײַװי ניט פֿון װאַנען צו צאָלן דירה־געלט), טראָגט ניט אַפֿילו אױף די פּראָצענטן פֿאַר דרײַ טױזנט דאָלאַר.

און ער, אייזיק, איז זיך אַוועק אין אַ שול, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם עול פֿון דער פֿאַמיליע און פֿון שאַפּ. ווי ער האָט עס שכל, דער יונג, צו פֿאַרכאַפּן די נעץ פֿאַר די פֿיש... איצט איז ער פֿריי פֿון יעדער זאָרג, פֿריי פֿון זוכן אַ דזשאָב, און לערנט זיך אַ נייע מלאכה און האָט נאָך דערצו פֿרישע לופֿט אויף דער פֿרייער נאַטור. ווי געזונט ער זעט אויס! דער קאָליר פֿון זיין פּנים איז רויט און פֿאַרברענט פֿון דער זון. ער האָט גאָר געקראָגן ברייטע פּלייצעס. זע, ווי שטאַרק ער איז און ווי געשיקט ער קערט איבער די ערד מיטן ריסקל, ווי אַן אמתער פּויער!

אייזיק האָט אין יענעם טאָג צעגראָבן דאָס גאַנצע שטיק ערד און מיט דער הילף פֿון הווישיקעלען, מאָטיען, לעווען און כאַצקלען צעמאָלן די הרודעס אויף פּאָרעך און אויסגעוווירעט, מיט דער הילף פֿון אַ שפּאַגאַט, גלייכע בייטן און סטעזשקעלעך. דאָס שטיקל ערד איז צעטיילט געוואָרן אין 8 קליינע בייטן.

אייזיק האָט פֿאַרשניצט פּלעקער און צו זיי צוגעקלאַפּט קאַרדאָן־טאַבעלן מיט אויפֿשריפֿטן. די אויפֿשריפֿטן האָבן געזאָלט דינען ווי סימנים, אַז אין דער בייט נומער איינס זאָל מען פֿאַרזעצן רעטעכלעך, אין בייט נומער צוויי — ציבעלעס, אין בייט נומער דריי — מערן, א. אז. וו.

אין יעדער קלייניקייט איז געווען סימעטריע. ניט נאָר זיינען די בייטן געווען גלייך אויסגעמאָסטן, נאָר אַפֿילו די פּלעקער מיט די טאַבעלן האָט אייזיק אויסגעשטעלט אין שורות. די מוטער רייזי האָט זיך געשפּיגלט אין דעם שטיקל ערד.

— עס לעבט! — האָט זי געהאַלטן אין איין קוקן דורכן פֿענצטער. און זי האָט שוין פֿאַנטאַזירט, ווי אַזוי זי וועט אָפּהיטן דעם גאָרטן יעדע רגע. עס האָט איר אויפֿגעהערט ווייטאָן די ברעם, פֿון גרויס שמחה, פֿון דעם, וואָס ענדלעך איז אין איר גרויען, טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון קאָכן און וואַשן אַריינגעקומען אַ נייער אינטערעס; זי וועט איצט האָבן צו טאָן מיט זאַכן וועלכע וואַקסן, מיט גרינוואַרג...

עס איז געווען אין אָווגנט, ווען חיים איז געקומען פֿון ניו־יאָרק, און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אָנצוזאָגן די בשורה זיין ווייב, אַז ער האָט געבראַכט עטלעכע דאָלאַר, האָט אים רייזי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אייזיק האָט צעגראָבן אַ גאָרטן אין הויף.

און חיים, דער איד וואָס האָט געהאַט צו טאָן אין דער אַלטער היים מיט פּאַסעסיעס און וועלדער, האָט דערפֿילט ווי עס האָט זיך אין אים געטאָן אַ וועק־אויף אַ פֿרייד אַ לאַנג־ניט־געוועזענע.

— אַ גאָרטן?! גיי, דו נאַרסט מיך אָפּ! טאַקע אויף אַן אמת?!

— קום אהער צום פענצטער, וועסטו זען — האָט רייזי געטאָן חיימען א פיר־צו צום פענצטער. — זע, וואָס אונדזער זון אייזיק האָט, קיין עין־הרע, געמאַכט פון אונדזער הויף.

חיים האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט. ער האָט זיך געריבן די אויגן זיינע, ווי נאָך א שווערן חלום, און געקוקט, געקוקט.

— ווען האָט ער עס צעגראָבן?

— היינט! — פרייט זיך רייזי. — בא אייזיקן צוויי הענט, א כפרה גויאישע. זאָלסט זען ווי ער גראָבט מיטן ריסקל!

— און וואָס באַטייטן אָט די שטעקעלעך מיט די קוויטלעך?

— דאָס האָט אייזיק אָנגעצייכנט, וואָס איך זאָל פאַרזעצן.

— אז מען לערנט, דערלערנט מען זיך — זאָגט חיים. — יאָ, רייזי, איך האָב געבראַכט עטלעכע דאָלאַר. אָט האָסטו. נעם און ברענג אריין דעם פסח אין שטוב אריין. עס איז מיר אָנגעקומען מיט ווערים, מיט ביטערקייט, ווי אמתער מרור...

רייזי האָט געטאָן א כאַפּ בא חיימען דאָס פּעקעלע געלט. זי איז באַלד אוועק אין קראָם איינקויפן פסחדיקע זאַכן.

יענעם אָוונט האָט חיים „בודק חמץ" געווען.

די גרויסע בחורים האָבן זיך געדישעט פון געלעכטער, כאָטש עס איז בא זיי קיין נייעס ניט געווען אָט־די סצענע — אָבער דאָ אין אמעריקע האָט עס בא זיי נאָך קאָמישער אויסגעזען.

חיים האָט איבערגעציילט אַלע שטיקלעך ברויט. ער איז איצט געווען זיכער, אז ער האָט צונויפגעקליבן דעם גאַנצן חמץ פון הויז אין לעפל. האָט ער דעם לעפל איינגעבונדן אין א ווייס שמאַטקעלע און אים אַרויפגעלייגט אויף דעם קאַמאָד און געזאָגט עטלעכע פסוקים.

שפּעטער האָט די גאַנצע פאַמיליע געגעסן וועטשערע. חיים האָט אָוועק־געזעצט לעבן זיך אייזיקן, אַלס אָנערקענונג פאַר זיין שטיקל ארבעט מיטן גאָרטן.

— זון, מה דאָך דו קאָנסט אזוי שיין באַארבעטן א פיצל־שטיקל ערד, איז שוין א כל־שכן וואָס דו וואָלסט געטאָן מיט אן אימעניע — האָט חיים ברייטלעך און מיט א גמרא־ניגון אויסגעזונגען.

— האָב איך נאָר אזוי פיל לאַנד — האָט אייזיק ווויצלדיק געזאָגט — וויפיל איך ווייס נאָך ניט.

דעם יום־טוב פסח האָט חיים געפּראַוועט מיט די אייגענע שטיק און איינפירונגען, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געפּראַוועט אין דער אַלטער היים.

און באַם עסן, װען די גאַנצע פֿאַמיליע איז געװען אַ ביסל אונטערגעטרונקען פֿון די פֿיר כּוסות, האָט מען זיך צעשמועסט װעגן באַזעצן זיך אויף אַן אײגענער פֿאַרם. און עס איז געבליבן, אַז מען װעט קויפֿן אַ גרויסע פֿאַרם און די גאַנצע פֿאַמיליע װעט זיך דאָרט באַזעצן.

אײַזיק האָט דערצײלט די מעשה מיטן „רויטן" קוזין. װי אַזוי ער איז געקומען באַ אים בעטן, אַז ער זאָל אים ראַטעװען דאָס קראַנקע פֿערד זײַנס. און װי אַזוי ער, אײַזיק, האָט אים דערקענט. און יענער, דער רויטער, האָט אים אויך דערקענט. אָבער אײַזיק האָט אים ניט געגעבן די געלעגנהײט זיך צו לאָזן דערקענען.

— נו, האָט מען אים געגעבן אַ נײַעם פֿערד? — פֿרעגט חיים.

— נאָך װאָס פֿאַר אַ פֿערד! ער האָט אין זײַן לעבן ניט געחלומט צו האָבן אַזאַ פֿערד.

— אים טוט מסתּם באַנג װאָס ער האָט דיר אָנגעטאָן אַזױ פֿיל צרות אין װיניצע — זאָגט די מאַמע רײזי.

— װען מענטשן זאָלן קאָנען צוריקכאַפּן דאָס שלעכטס, װאָס זײ טוען!

— זאָגט אײַזיק. — אַז איך האָב אים געבראַכט דאָס נײַע פֿערד האָט ער זיך אַזױ דערפֿרײט, אַז ער איז מיר אַרויסגעפֿאַלן אויפֿן האַלדז און מיך גענומען קושן. און דערנאָך האָב איך געװאָלט אַװעקפֿאָרן צוריק אין שול. זאָגט ער צו מיר: „מיסטער, איר מוזט אַרײַנגײן צו אונדז אין שטוב. מיר האָבן מיט אײַך עפּעס צו רײדן." זאָג איך צו אים: „גוט, איך װעל אַרײַנגײן צו אײַך אין שטוב." װײַל מיר האָט זיך געװאָלט זען װי אַזױ אַ אידישער פֿאַרמער לעבט און װי אַזױ זײַן הײם זעט אויס. איך האָב געזען, װי אָרעם זײַן לאַנד און זײַן אינװענטאַר איז געװען. בין איך אַרײַן אינעװײניק. אַ שרעקלעכער ריח האָט מיר געטאָן אַ פּאַטש אין דער נאָז אַרײַן. עס איז געװען אַ מאָדנער ריח פֿון פֿאַרפֿוילט לײם, פֿון שטויב, פֿון איבערגעפּרוירענע גלידער און זײער עיפּושדיקער שװײס. איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אַזױ װי אין אַ פֿינצטערן גרוב. אינדרויסן איז געװען אַזױ פֿיל זון. עס האָט געשמעקט מיט דער סמאָלע פֿון סאָסנעס, מיט דעם יונגן גראָז און מיט די צװײטן פֿון די פֿרוכט־בײמער, און דאָ אַזאַ פֿינצטערקייט און פֿאַרדומפּנקייט.

— דו קענסט דעם יונגן מאַן? — זאָגט דער רויטער פּלוצים צו זײַן װײַב, װעלכע האָלט מיט בײדע הענט דאָס אונטערקלײדל אירס און פּראָװוט עפּעס אַזױ װי צו פֿאַרדעקן מיט די פֿאָלדן פֿונעם קלײד. שפּעטער, װען זי האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט, האָב איך באַמערקט אַ גרויסן ריס אין דעם דאָזיקן אונטערקלײד. — אַנו, פּרוביר דערקענען דעם יונגן מאַן.

אָבער די פרוי זײַנע האָט מיך ניט דערקענט, ווײַל זי האָט מיך, בשעת איך בין געווען אין ווינניצע, קיינמאָל ניט געזען.

— עס איז דאָך אײַזיק, חײמס זון! — זאָגט דער רויטער. — דער מומע שרה ליוואָוויטשעס אַ נעפּאָטיקל.

איך האָב דערזען, אַז מען האָט מיך דערקענט, האָט מיר די זאַך ניט געפּאַסט. איך האָב זיך געפילט מאָדנע ניט־באַקוועם. בעסער וואָלט איך זיך געפילט, ווען איך טרעף זיך אָן מיט אָט־דעם „רויטן" קוזין אויף אַ גוטער פאַרם מיט גוט־באַאַרבעטער ערד און קי אַ סך מיט גוטע פערד. זאָג איך דערפאַר צום רויטן: „מיסטער, איר מוזט האָבן אַ טעות. איך בין ניט דער יונגערמאַן, וועמען איר מיינט." איך טראַכט, אפשר וועט מען מיך אָפּלאָזן און איך וועל זיך קאָנען באַפרייען פון אַזאַ אומאַנגענעמער לאַגע. איך דריי זיך אויס און זאָג: „גוד־באַי! איך דאַרף נאָך טאָן אַ סך אַרבעט אין שול." אָבער דער רויטער פאַרשטעלט מיר דעם וועג. „ניין — זאָגט ער — איך פאַרשטיי, אַז איר ווילט זיך צו מיר ניט לאָזן דערקענען דערפאַר, ווײַל איך בין געווען שלעכט צו אײַך." „איר זייט געווען שלעכט צו מיר? — פרעג איך. — ווען און וואו?" און דאָ שטייען אַרום מיר שוין אַלע זײַנע קינדערלעך מיט די פרישטשעס אויף זייערע פּנימער און מיט פּאַרכעס אויף די קעפּלעך. און דאָס גרעסערע מיידל וואַרפט בליקן פון דער אָפענער טיר פון צווייטן צימער. זי שטייט אין דער אָפענער טיר, ווי אַן אויסגעמאָלט בילד אין אַ ראַמל. די שיטערע האָר אירע צעבאָרשטן און פאַרפּלאָנטערט אין פאַלשע קרייזעלעך, פון דעם סאָרט קרייזעלעך, וואָס אַ ביסל וואַסער מיט אַ קעמל קאָן זיי לײַכט רואינירן. און אירע צוויי גרויסע אויגן בליצן מיט פאָספאָר, ווי בײַ אַ קאַץ. זי טראָגט אַ פאַרלאַטעטן נאַגראַדניק, מיט אַ קורץ קליידל, וועלכע גרייכט קוים ביז צו די קני. די באָרוועסע קני און אירע פיס זײַנען דאַר און פאַרשמירט. און אין שטוב אַרום און אַרום אַזאַ אָרעמקייט! עס שטייט אַן אָפּגעקראָכענער טיש מיט צוויי צע־קאַליעטשעטע לאַנגע בענק. די דאָזיקע בענק האָט געמאַכט אַ קאַליקע־מעכאַניק. זיי זײַנען קרום, ווײַל די פיס זײַנען ניט צו־דער־מאָס צוגעשניטן.

דער דיל איז צעבראָכן און אין די ווינקלען וואַלגערן זיך פאַרשיידענע זאַכן, וואָס באַלאַנגען ניט אין אַ הויז. עס ליגט אַ זאַק אַ צונויפגעדרייטער, עס שטייט אַן עמער אַ צעבויגענער, אין אַ דריטן ווינקל וואַלגערט זיך אַ צעדרייטער כאָמוט, וואָס וועדליק ער ליגט, ווײַזט ער אויס אַ צעריסענער. די ווענט פון צימער — אָפּגעריסענע, קויטיקע. עס שטייט אַ קליין אײַזערן

אויוועלע, און ווי מען וואָלט געוואָלט אָפּנאַרן די קאַלטע שטוב, איז פון דעם קליינעם אויוועלע געלאָפן א לאַנגער קוימען פון פאַרזשאַווערט בלעך.

איך האָב ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. איך האָב זיך צוגעשפּאַרט אַף איינער פון די בענק.

— זייט מיר מוחל — זאָגט צו מיר דער רויטער — און לאָזט זיך דערקענען.

איך האָב אַף אים געטאָן א בליק, זיך צעשמייכלט.

— יאָ, דאָס בין איך — האָב איך שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן.

— און וואָס טוט דער פאָטער אייערער? — פרעגט ער זיך נאָך.

— ער איז אין אַמעריקע — ענטפער איך.

— אין אַמעריקע?! — דערפרייט זיך דער רויטער. — און ווי קומט איר צו פערד?

גיי דערצייל אים ווי איך קום צו פערד, אז איך זיץ ווי אַף הייסע קוילן.

— און איר ווילט טאַקע ווערן א פאַרמער?

— וואָס איז דען?

— גוט. גוט. — פאַרטראַכט זיך דער רויטער און קלאַפּט מיט זיינע אומגעלומפּערטע פינגער, די פאַרהאַרטעוועטע, איבערן טיש. — איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי איר ווילט טאַקע ווערן א פאַרמער.

— יאָ — ענטפער איך. — איך וויל ווערן א פאַרמער.

— נאָר ניט אַזעלכער, ווי איך — צעגראַטשעט דער רויטער זיין מויל מיט די צעפּוילטע ציין. —

אייזיק האָט געענדיקט דערציילן וועגן זיין באַגעגעניש מיט רויטן קוזין. דער פאָטער חיים האָט געטאָן א קרעכץ דעם באַרימטן אידישן קרעכץ און געזאָגט דאָס גמרא־ווערטל: „טורא בטורא לא פגע, אנוש באנוש פגע". און פאַרטייטשט דאָס ווערטל אַף אידיש: א באַרג מיט א באַרג באַגעגענט זיך ניט, אָבער א מענטש מיט א מענטשן באַגעגנט זיך יאָ. ער האָט זיך געלאָזט טראַקטירן פון מאַריסן מיט א סיגאַרעטל און פאַררויכערט.

— זאָלסט אים דאָרט העלפן צו־ביסלעך — בעט זיך חיים בא אייזיקן.

— אָן אָרעמאַן מיט אַזויפיל קינדער. און וואָס איז שייך אונדז אליין, טאָר מען היינט ניט ריידן. עס איז יום־טוב. אָבער בלי־נדר, מיין איך, אז מיר זאָלן אָנהויבן טראַכטן וועגן א פאַרם. הא, וואָס טראַכסטו וועגן דעם?

צוועלפטער קאפיטל

אייזיק איז צוריקגעקומען פון אורלויב פול מיט האפענונגען און מוט. איצט איז ער געווען זיכער, אז ניט נאר וועט ער אליין ווערן אן ערד־ארבעטער, נאר אז אויך זיין גאנצע פאמיליע וועט זיך באזעצן אף ערד.

די אגריקולטור־שול האט פארמאגט א סך ערד און עס איז איצט אנגעגאנגען דער פרילינג־פארזיי. די קלאסן האבן זיך ארויסגעצויגן פון די קלאס־צימערן, אינדרויסן ארויס, אף די פעלדער. אייזיק האט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו דער ארבעט. כאטש ער האט געהאט זייער פיל פאראנטווארטלעכקייט אין שטאל בא די פערד, האט ער פונדעסטוועגן געוואלט לערנען אלץ וועגן פארזיי. מען האט איצט געזייעט קארן. פראפעסאר מאלטבי האט ארויסגענומען די זיי־מאשין אפן הויף און זי צענומען אף שטיקלעך. דאס איז געווען א מאשין אף צוויי רעדער מיט א דישל פאר צוויי פערד. דער קערפער פון דער מאשין, א לאנגער קאסטן מיט אכט אפטיילונגען, פון אויבן ברייט און וואס נידעריקער צו דער ערד אלץ שמעלער. אין די דאזיקע אכט אפטיילונגען האט מען אריינגעשאטן די קארן־קערנער. אונטן בא יעדער אפטיילונג איז געווען א קליין רערל מיט א מיילעכל און מיט א קליין טירעלע, ווי דאס פיסקל בא א פייגעלע. און אט דאס טירעלע האט זיך דורך א ספרוזשינע געעפנט און פארמאכט, ווען מען האט באדארפט. עס זיינען געווען אזוינע אכט ספרוזשינעס און זיי אלע זיינען קאנטראלירט געווארן דורך א לעווער, וועלכער איז אליין קאנטראלירט געווארן פון דעם וואס די אקס האט זיך געדרייט. און די אקס האט זיך געדרייט, ווען די צוויי גרויסע רעדער האבן זיך געדרייט. איז ווידער געווען אזא הענטל, דורך וועלכן מען האט איזאלירט די אקס פון די רעדער, ווייל ניט אלע מאל האט מען זיך גענויטיקט אין דעם, אז די אקס זאל זיך דרייען און אז די פיסקלעך פון די רערן זאלן זיין אפן.

דאכט זיך, אן איינפאכע מאשין, אבער ווען פראפעסאר מאלטבי האט זי צענומען אף שטיקלעך און דערקלערט די פונקציעס פון יעדער שטיקל, האט אייזיק באמערקט, אז אים אליין איז אויך געפאלן שווער די מאשין צוריק צוזאמענצושטעלן.

אינדרויסן איז געווען דער אנהויב אפריל. דער הימל, א בלויער מיט א הערלעכער, שיינער זון. דאס געזאנג פון די שוואלבן, דאס קרייען פון

הענער און טויזנטער אנדערע קלאַנגען, האָבן געשפּילט ווי אין אַן אָרקעסטער, דעם וועקנדיקן מאַרש פון אַרבעט.

פּראָפעסאָר מאַלטבי איז געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט פון צונויפ־שטעלן די זיי־מאַשין, אַז ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אױף דעם צעשראָקענעם סטודענט טאַנסקי, וועלכער איז געקומען צולויפן מיט אַ געשריי, אַז אין דעם קו־שטאַל גייט אַ קו צו־קינד.

טאַנסקי איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן, ביז מאַלטבי האָט אים ניט גע־שאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט.

— זעסט ניט, אַז איך טו אַ וויכטיקע אַרבעט? — איז מאַלטבי אױף טאַנסקין אָנגעפאַלן.

— אָבער איך דענק, אַז דאָרטן אין קו־שטאַל איז עפּעס דער מער מיט מאַדזשין... זי גייט צו־קינד שוין באַלד אַ מעת־לעת...

— וועל, זיי אַזוי גוט און לויף נאָכן דאָקטאָר... — האָט מאַלטבי געזאָגט האַלב־וויציק און האַלב־בייז.

די סטודענטן, וועלכע זיינען דאָ געשטאַנען אַרום, האָבן זיך צעלאַכט. טאַנסקי האָט צעקניטשט זיין שטערן און געמאַכט אַ ניט־צופרידענע גרימאַסע אױף זיין געל־באַזאָרגטן פּנים.

— פּראָפעסאָר, איר מאַכט שפּאַס... איך זאָג אייך, אַז מיט מאַדזשין קומט עפּעס פאָר, זייער אויפפאַלענדעס... די קו שרייט געפערלעך... און איר מאַכט שפּאַס!...

פּראָפעסאָר מאַלטבי האָט אַראָפּגעשלעפּט די הענטשקעס, אין וועלכע ער האָט געאַרבעט, פון זיינע הענט און זיי מיט כעס געטאָן אַ וואָרף צו דער ערד.

— קיין איין מינוט רו האָב איך דאָ ניט! „קראַיסט אַלמאַיטי”!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך די גאַנצע סצענע איבערגעטראָגן פון דעם שיינעם זוניקן דרויסן אין דער קו־שטאַל, וואו עס איז געווען האַלב־טונקל, קיל און ריין. דאָרט איז אָבער געשטאַנען אין דער אַטמאָספערע אַ געוויסער זויערער ריח, וועלכן מען פילט געוויינלעך אין יעדן קו־שטאַל, ניט קוקנדיק וואָס דאָ אין דעם שטאַל זיינען איצט ניט געווען די קי און עס איז געווען ריין, ווי אין אַן אויג. דער צעמענט־דיל, אָפּגעוואַשן מיט וואַסער און מיט קאַרבאָל, האָט געפינקלט, און דער ריח פון דעם קאַרבאָל האָט ניט געקאָנט, כאָטש ער האָט געקעמפט מיט אַלע כוחות, פאַרווישן דעם זויערן ריח פון די קי.

אין אַ ווינקל איז געווען אַ פיר־עקעכיק קעמערל מיט הילצערנע האַלבע

ווענט. אין אָט־דעם קעמערל איז איצט געשטאַנען די ווייס־און־שוואַרץ געפּלעקטע, גרויס־ביינערדיקע קו, מאַדזשי. אַפֿן דיל פֿון קעמערל איז געווען הויך אָנגעבעט מיט ריינעם, טרוקענעם ווייצן־שטרוי, יעדע סטעבליע — אַ גאָלדענער פֿאָדעם. מאַדזשי איז געשטאַנען מיט אירע פֿיס טיף אין דעם שטרוי. זי האָט געשטרעקט איר גרויסן האַלדז אין דער הויך און פֿון דאָרטן אַרויסגעמרוקעט שרעקלעכע קולות.

מען האָט באַלד געקאָנט פֿילן, אַז מיט דער דאָזיקער קו איז עפּעס ניט נאָרמאַל, ווייל איר מרוקען איז געווען אויסערגעוויינלעך טרוקן און האַר־שפּאַלטנדיק. מאַדזשי האָט אַלע מאָל אויסגעדרייט איר קאָפּ מיט די צוויי שיין־פּאַרשפּיצטע הערנער, צו איר אונטערשטן טייל פֿון קערפּער; איר עק איז געווען אומרואיק, ווי אַ לאַנגער בייטש אין די הענט בא איינעם, וואָס ווערט בייז. זי האָט מיט אַ סווישטש זיך געבייטשט מיט איר עק דעם אייגענעם קערפּער; איר רוקן האָט זיך געהאָרבעט, ווי דער רוקן בא אַ קעמל.

פּראָפֿעסאָר מאַלטבי איז אַריין אינעווייניק אין קעמערל און די סטודענטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום די ווענטלעך פֿון קעמערל. עס זיינען אינ־גאַנצן געווען אַזוינע צוויי ווענטלעך, און יעדעס פּיצל אָרט איז פֿון די נייגעריקע סטודענטן פֿאַרכאַפּט געוואָרן.

די קו מאַדזשי האָט מיט צוויי אויסגעשטאַרצטע גלעזערנע אויגן אָנגעקוקט מאַלטבין און זיך בייז און אומצופֿרידן אַ קער געטאָן צו אים מיטן הינטן. זי האָט ווידער געמרוקעט, ווי דאָס פּייפֿן פֿון אַ זינקענדיקער שיף אין אַ שטורעמדיקן ים, נאָך הילף...

מאַלטבי האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אַף מאַדזשין און צו איר גערעדט: — מאַדזשי, האַ, מאַדזשי...

און צו די סטודענטן האָט ער געזאָגט:

— איר זאָלט קיינמאָל ניט צוגיין צו אַ קו, סיידן איר זאָלט פֿריער אַף איר אַרויפֿלייגן אייער האַנט. — גיט די בהמה צו וויסן, אַז איר זייט דאָ לעבן איר...

מאַלטבי האָט אויפֿגעהויבן מיט זיין האַנט מאַדזשיס עק און אַריינגעקוקט אין איר קראָפּ.

— איר זעט!... — האָט ער זיך געווענדעט צו די סטודענטן.

— העי, פּראָפֿעסאָר, עס איז דאָ פֿינצטער און מיר קאָנען ניט זען!...

— אָלרייט, טאַנסקי, דריי אויף די עלעקטריע — באַפֿעלט מאַלטבי.

אין שטאַל איז באַלד געוואָרן בליץ־ליכטיק. די קעפּ פֿון די סטודענטן

ארום די ווענטלעך האָבן זיך געדיכט באוואוזינן און יעדער איינער האָט געקעמפט פאר זיין שטיקל אָרט.

— דאָס איז א פיסל פונעם קעלבל — דערקלערט מאָלטבי.

— וואָס איז דאָס?

— א פיסל?...

— יאָ. און גראָד דאָס הינטערשטע פיסל — דערקלערט מאָלטבי. — עס וואָלטן געדארפט קומען די פאָדערשטע פיס פריער... נאַטירלעך קומט דער געבורט פונעם קעלבל פריער מיט די פאָדערשטע פיס...

די קו, מאדזשי, האָט זיך געטאָן א דריי צוזאמען און איר קריזש איז געוואָרן אויסגעבויגן ווי א האַלבע רייף. זי האָט זיך שיר־שיר ניט אוועק־געזעצט מיט דעם הינטערשטן טייל פון איר קערפער. דער עכאָ פון אירע קולות האָט זיך ניט געהאַט וואו אויסצושפרייטן אינעווייניק, אין די שווערע ווענט פון דעם שטאַל.

א שרעק איז אַלעמען באפאַלן. די קו האָט זיך געטאָן א ריס פון איר אָרט און האָט גענומען ארומלויפן איבער דעם געראַמען קעמערל. די זאַנגען פון דעם שטרוי זיינען געפלויגן, ווי שטויב, פון אונטער אירע פיס. פּראָ־פעסאָר מאָלטבי האָט זיך דערשראָקן און מיט איין שפרונג איז ער געווען באַם טירל און נאָך גיכער איז ער ארויס פון יענער זייט טירל.

מאדזשי האָט זיך געטאָן א וואַלגער אפן שטרוי און געבליבן ליגן אין א פּאָזיציע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן טאָן א בריק מיט אירע פיס. זי האָט שטאַרק געהויבן מיט די פלאַנקען, ווי עס וואָלט איר געווען שווער צו אָטעמען. איר קאָפּ האָט זי איינגעגראָבן טיף אין שטרוי און מיט איין האָרן נעגראָבן אין שטרוי און דאָרט געמאַכט א טיפן שניט.

— טוט עפּעס! — בעט זיך טאַנסקי באַם פּראָפעסאָר.

— איך וועל ברענגען דאָס וואָס מען דאַרף — זאָגט מאָלטבי, אוועק־לויפנדיק פון דער סצענע. — זעט, אז קיינער זאָל אין קעמערל ניט אריינגיין.

אין דער צייט וואָס מאָלטבי איז געווען אוועק, האָבן זיך דערווייל די סטודענטן איבערגעשמועסט און געפרעגט בא טאַנסקין אַלערליי נארישע פראַגן.

— ווי לאַנג גייט זי שוין צו־קינד?

— צו־קעלבל, ניט צו־קינד... — פאַרריכט איינער פון די סטודענטן.

— וואָס איז דער אונטערשייד?... א קו איז אויך א לעבעדיק באַ־שעפעניש.

— זעט נאָר, זעט, ווי ער איז געוואָרן סענטימענטאַל!...

— שא, קריגט זיך ניט. איר שטערט דעם געבורט פון א ניי לעבן!...

— אינטערעסאַנט!... איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען ווי עס ווערט געבוירן...

— ביזט באַ דיין געבורט ניט געווען אין דער היים?...

— מאַלטבי וועט נעמען דאָס קעלבל מיט מאַשינען...

— איך וועל ניט קאָנען שטיין דערביי.

— ווער הייסט דיר, שוטה?

— קומט עס אַלעמאָל אָן אַזוי שווער דאָס געבורט באַ אַ קו?

— ס׳ערשטע מאָל זינט איך בין דאָ אין שטאַל — ענטפערט טאַנסקי.

דערווייל איז פּראָפעסאָר מאַלטבי געקומען צוריק. איצט איז אַף זיינע הענט געווען אָנגעטאָן צוויי לאַנגע גומענע הענטשקעס, די אַרבל פאַרקאַטשעט ביז אַרויף, העכער פון די עלנבויגנס; די הענטשקעס גרייכן ביז אַריבער די עלנבויגנס, זיי זיינען ברוין־רויטע און אָנגעשמירט מיט וואַזעלין. דאָס מאַכט די דאָזיקע הענטשקעס אויסזען, ווי זיי וואָלטן געווען באַשמירט מיט בלוט.

מאַלטבי האָט אויך געבראַכט מיט זיך אַ שוואַרץ, פּלאַטשיק רענצל. ווען ער האָט געעפנט דאָס רענצל האָבן פון דאָרט געטאָן אַ בלישטש מעטאַלענע כלים איינגעפּאַסטע אין בלויען סאַמעט.

די קו מאַדזשי איז נאָך אַלץ געלעגן און גערעוועט מיט אירע לעצטע כוחות. צייטנווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד, באַלד וועט זיך עפּעס איבעררייסן באַ איר אינעווייניק און זי וועט בלייבן מיט אַ ניט־דערצויגענעם, פאַרענדיקטן רעוו, אַ דערוואָרגענער באַ איר אין האַלדז.

מאַלטבי איז אַריין אין קעמערל און באַטראַכט די סיטואַציע, צושטעלנ־דיק אַ באַהענטשקעטן פינגער צו זיין קליינעם שטערן.

— עס וואָלט געווען בעסער, ווען זי שטייט אַף די פיס — האָט מאַלטבי געזאָגט צו טאַנסקין.

טאַנסקי האָט מיט איין האַנט געטאָן אַ טאָרקע די קו און צו איר געזאָגט:

— מאַדזשי, טייערע, שטיי אויף!

אָבער מאַדזשי האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אַף די אָנווענדע.

— זי וועט מוזן זיך אויפשטעלן! — זאָגט מאַלטבי. — מיר וועלן פּרוּוון זי באַהאַנדלען ליגנדיק, אויב עס וועט זיך אונדז איינגעבן. — מאַלטבי האָט זיך אויסגעדריקט בלשון „מיר״, כאָטש ער אַליין האָט געדאַרפט טאָן די אַרבעט.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט די קני אויף שטרוי און זיך גענומען פּאָרען באַ דער קו. עס איז אים אָנגעקומען לייכט. אין אַ סעקונדע איז זיין רעכטע האַנט געווען באַ דער קו אינעווייניק.

טאַנסקי איז געשטאַנען אויף דער וואך באַ דעם קאָפּ פון דער קו און געהאַלטן זי מיט ביידע הענט באַ דעם פרייען האָרן.

מאַלטבי האָט בשעת מעשה זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר, און געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר די סטודענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום די ווענטלעך פון קעמערל.

— דאָס איז ניט נאָר אַ מיסגעבורט, נאָר ווי עס ווייזט מיר אויס איז דאָס קעלבל האַלב־טויט. איך וועל טאָן דאָס, וואָס די וויסנשאַפט לערנט אונדז. איך קער איבער דאָס קעלבל באַ דער מוטער אין בויך. עס איז ניט אַזאַ לייכטע אַרבעט — האָט מאַלטבי גערעדט, אַלעמאָל אָפּשטעלנדיק זיך און איינהערנדיק זיך צו דעם, וואָס עס טוט זיך באַ דער קו אינעווייניק.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך מאַדזשי געטאָן אַ ריס און זי איז אויפגעשפּרונגען אויף אירע פיס. בשעת מעשה האָט זי געטאָן אַ וואָרף מיט טאַנסקין, אַז ער איז פאַרפלויגן אין איינעם פון די ווינקלען פון קעמערל.

און עס איז געווען קאָמיש, ווי אַזוי די קראַנקע קו, מאַדזשי, האָט מיטגענומען דעם פּראָפעסאָר מאַלטבי מיט זיך. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו באַפרייען זיין האַנט פון איר אינגעווייד...

אַ מאָמענט, און די צושויער־סטודענטן זיינען געבליבן שטיין פאַרגאַפט און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

און נאָך איידער אימיצער האָט באַוויזן צו טאָן אַ פינטל מיטן אויג האָט די קו זיך געטאָן אַ דריי אויס מיטן פּנים צו אַלעמען און באַלד האָט זיך דערהערט אַזוי ווי אַ פליוך פון אַ פאַס מיט וואַסער און עס האָט אויפן שטרוי געטאָן אַ פאַל אַרויס אַ וויים־און־שוואַרץ געפלעקט בינטל...

מאָמענטאַל האָט זיך מאַדזשי אויסגעדרייט און גענומען מיט איר צונג לעקן דאָס ניי־געבוירענע באַשעפעניש. אַ פיר מיט דער צונג און עס איז געוואָרן אַ ליכטיקער פאַס אויף דעם מיט בלוט באַשמירטן באַשעפעניש.

מאַדזשי האָט ענערגיש געאַרבעט מיט איר צונג. זי האָט שטיל און צופרידן געמרוקעט. און זיך איינגעהערט, צי איר קינד ענטפערט.

— לעבט עס?!

— זעט, ווי שיין עס איז!

— עס לעבט!...

ענלעכע אויסגעשרייען פון פרייד זיינען געקומען פון דער מאסע יונגע בחורים ארום דעם קעמערל.

עס האט לאנג ניט גענומען און צו אלעמענס פרייד האט זיך דאס ניי־געבוירענע באשעפעניש געוואלט שטעלן אף די פיס. עס האט זיך עטלעכע מאל געפרואווט און געפאלן, ביז ענדלעך האט זיך עס א וואקלדיקס אויפ־געשטעלט.

ערשט איצט האט די מאמע מאדזשי גענומען ארומלעקן דאס קעלבל פון אלע זייטן.

ווי שיין עס איז געווען דאס דאזיקע קליינע באשעפעניש! פונקט געראטן אין דער מאמען. ווייסע, גרויסע פלעקן און שווארצע איבערן בויך און האלדז. דאס קעפל שווארץ מיט א דריי־עקעכיקן ווייסן פלעק פונקט צווישן די אויגן.

און וואס מער די מוטער האט עס באלעקט מיט דער צונג, אלץ שטארקער און שענער איז דאס קעלבל געווארן.

עס איז געווען א פרייד צו קוקן ווי אזוי עס האט אנגעהויבן צו זוכן דער מוטערס ברוסט באם האלדז. א גרויס געלעכטער האט אויסגעבראכן צווישן די סטודענטן, ווען זיי האבן דערזען ווי דאס קעלבל זוכט בא דער קוס האלדז.

— נאריש קעלבל, וואו קריכסטו?

— עס וועט אים נעמען א מינוט און עס וועט זיך אויסלערנען.

— דאס וואס עס נעמט א מענטשן צו לערנען א גאנצן לעבן!...

מאדזשי האט זיך אויסגעדרייט מיט דעם הינטערשטן טייל פון איר קערפער צום קעפל פון איר קינד. דאס קעלבל איז שוין אזוי־ארום ניט געווען ווייט פון זיין צוועק.

איצט איז געווען אינטערעסאנט פאר אלעמען צו זען, צי וועט דאס קליינע באשעפעניש דערפילן די נאענטקייט פון זיין מוטערס ברוסט.

האט מאדזשי געזען, אז דאס קינד אירס ווייסט נאך ניט וואס צו טאן, האט זי אויסגעדרייט איר קאפ און געטאן דאס קעלבל א שטויס, ווי צו ווערן עס דערמאנען אין דער ערשטער פליכט.

טאנסקי האט זיך ענדלעך דערבארעמט אף דעם אומוויסנדיקן קעלבל. ער איז צוגעגאנגען און דאס קעלבל אריינגענומען צווישן זיינע פיס אזוי, אז ער איז שיר ניט געזעסן אף דעם רייטנדיק. אט אזוי האט ער דאס קעלבל צוגעשטופט צו זיין מוטערס ברוסט.

אבער דאס נארישע קעלבל האט נאך אלץ ניט געוואוסט וואס צו טאן,

ביז וואַנען טאַנסקי האָט דעם קעלבל אַריינגעלייגט דער מוטערס ברוסט אים אין מויל אַריין.

איצט האָבן אַלע לייכט אָפּגעאָטעמט און זיך צעגאַנגען יעדער צו זיין אַרבעט. עס האָט זיך שוין דערהערט דאָס געשמאַקע שמאַצקען פון דעם קעלבלס ליפּן.

— דעם מענטשנס לעבן איז פאָרט אינטערעסאַנטער — האָט אימיצער פון די סטודענטן באַמערקט.

אייזיק האָט דערנאָך געזייעט קאָרן איבער אַ גרויס פעלד מיט פוכקער, צעמאָלענער ערד. דער גרויער שטויב איז פון די שאַרפע דיסקן אויסגעווירעט געוואָרן אין גלייכע ליניעס. דאָס פעלד האָט אויסגעזען אַזוי ווי מיט לאַנגע פעדים באַצויגן.

אייזיק האָט זיך אויסגעלערנט, גיכער ווי דאָס קעלבל האָט זיך אויסגעלערנט זויגן, דעם גאַנצן גאַנג פון דער זייִ־מאַשין.

עס איז געווען וואונדערלעך, ווי אַזוי די קערנדלעך האָבן זיך אָן אויפהער געשאָטן דורך די רערלעך אין דער ערד און ווי אַזוי די צוויי דיסקן באַ יעדער רערל האָבן פאַרשאָטן די זאָמען מיט ווייכן שטויב.

אין דער מאַשין באַם דישל זיינען געווען איינגעשפּאַנט די צוויי פערד, „לידי” און „בייבי”. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט מען גענדאַרפט האָבן צוויי זיכערע פערד.

אין אָוונט איז אייזיק געגאַנגען קיין וואודביין זיך זען מיט לילין. אַז ער איז געקומען האָט אים לילים פאָטער, דאַדי, אָנגעזאָגט די בשורה, אַז באַ זיי אין דער היטל־פאַבריק איז אַ סטרייק.

— אַ סטרייק!... — האָט זיך אייזיק געוואונדערט.

— יאָ, מיין זון, אַ סטרייק מיט אַלע פישטשעווקעס!...

— זינט ווען סטרייקט איר?

— שוין דעם צווייטן טאָג — שטעלט דאַדי פאַר אייזיקן אַ בענקל. — זיצט. לילי וועט באַלד אַרויסקומען. יאָ, מיר סטרייקן דאָ אין וואודביין צום ערשטן מאָל. עס איז אָנגעקומען שווער איידער מיר האָבן געפועלט באַ אונדזערע באַאַמטע, אַז מען זאָל אונדז אַרויסרופן אין אַ סטרייק.

— וואָס הייסט? וואָס מיינט איר? — האָט אייזיק ניט פאַרשטאַנען.

— איר הערט דאָך וואָס איך רעד צו אייך. אונדזערע באַאַמטע פון פילאַדעלפיע האָבן ניט געהאַט קיין חשק, אַז מיר זאָלן סטרייקן.

— פאַר וואָס?

— ווייל זיי זיינען מער גוטע ברידער מיט די באַלעבאַטים.

— שײנע באַמטע האָט איר זיך אויסגעװײלט... — לאַכט אײזיק.

— מיר האָבן זײ אויסגעװײלט ? !... — הױבט דאַדי מיט זײנע פּלײצעס.

— װער האָט דען בא אונדז געפרעגט, צי מיר װילן זײ, צי ניט ?

אײזיק האָט דאָס געהערט צום ערשטן מאָל זינט ער איז דאָ אין אַמעריקע. ער האָט שױן אױך געהאַט אַ ביסל דערפאַרונג אין דער יוניאָן פון זײן טרײד — אָבער, אַז מען זאָל בא אַרבעטער ניט פרעגן װעמען זײ װילן פאַר באַמטע — דאָס האָט ער נאָך ניט געהערט.

— װאו געפינט זיך אײער יוניאָן ?

— אין פילאַדעלפיע — ענטפערט דאַדי — און מיר צאָלן דיוס דורכן אָפיס פון אונדזער פאַבריק.

— דאָס איז קאָמיש !... דער באַלעבאָס מאָנט איין די דיוס !... אַ שײנע יוניאָן מוז עס זײן, אַז דער באַלעבאָס, װעמענס אינטערעסן זײנען קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, זאָל מאָנען דיוס בא די אַרבעטער פאַר זײער אָרגאַניזאַציע... װעלכע דאַרף אין תוך דעם באַלעבאָס באַקעמפן !...

— אַזױנע אײנפירונגען זײנען דאָ בא אונדז אין פילאַדעלפיע... — װערט דאַדי מיטאַמאָל טרויעריק. — מיר האָבן געליטן דאָ אין שאַפּ און זיך ניט געהאַט אַפילו פאַר װעמען צו באַקלאָגן... אַ שענדלעכע קנעכט־שאַפט האָבן מיר דאָ געהאַט... און ניט נאָר זײנען מיר געװען קנעכט אין שאַפּ, נאָר אַז מען איז אַהײם געגאַנגען האָט מען געמוזט מיט זיך מיטנעמען דאָס שפּלדיקײט... טאָמער האָט אַן אַרבעטער געסמײעט צו זאָגן אַ װאָרט פאַר זײנע אײגענע, האָט מען עס באַלד אָפּגעטראָגן דעם באַלעבאָס...

— אָבער איצט סטרײקט איר ! — האָט אײזיק װי געװאָלט דערמוטיקן דאַדין.

— אַט אַזױ גרינג איז עס אונדז ניט אָנגעקומען — זאָגט דאַדי און זײנע אויגן װערן מיטאַמאָל גלאַנציק און פײכט. — מיר האָבן געמוזט רעדן בסוד־סודות, דורך האַלבע װערטער, מיט די אַרבעטער... דער באַלעבאָס פון אונדזער שאַפּ האָט פול מיט שפּיאָנען, גאַנץ װאודביין... און אַז עס איז אונדז שױן קוים מיט צרות געלונגען צו פאַרשפּרײטן די אידײע פון סטרײק צװישן די אַרבעטער, האָט זיך ערשט אָנגעהױבן אַ מעשה מיט שיקן אַ דעלעגאַציע קײן פילאַדעלפיע... קײנער האָט ניט געװאָלט פאָרן קײן פילאַ־דעלפיע... פּלוצים האָט מען מורא באַקומען פאַר פילאַדעלפיע... עס האָט געשמעקט מיט פאַרלירן דאָס אָרט אין שאַפּ... און איצט, אַז מען פאַרלירט אַ פּלאַץ, איז גוד־באַי !... און אַז מען איז שױן ברוך־השם געפאָרן קײן פילאַדעלפיע, איז מען פון דאָרטן צוריקגעקומען „מיטן דישל"... נאָ סטרײק !...

סטיטש, וואו איז יושר? די באַלעבאַטים טרעטן שוין אַף אונדזערע קעפּ און מען שניידט די ווייִדזשעס און מען וואַרפט אונדז פון שאַפּ... אָבער גיי שריי חי־וקים! נאַטשאַלסטוואָ פון פילאַדעלפיער הויפּט־אָפיס פון דער יוניאָן זאָגן, אַז עס איז אַ ליגן די מעשה. די וואודביינער אַרבעטער, זאָגן זיי, איז צו גוט!... און אויב די וואודביינער אַרבעטער וועלן זיך ניט „בע־הייוון", וועלן די באַסעס אַרויספירן דעם שאַפּ אינגאַנצן פון וואודביין... געהערט דיבורים פון פירער פון אַרבעטער?...

— אָבער איר האָט זיי געהערט ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי!

— וואָדען? !... מיר האָבן אַליין באַשטימט אַ סטרייק און מיר זיינען נעכטן אַרויס סטרייקן... — פרייט זיך דאָדי.

— און איך גראַטוליר אייך!... — שטרעקט אייזיק צו אים אויס אַ האַנט.

— איר וועט זיכער האָבן אַ זיג. איך זאָג אייך מיין וואָרט, אַז מיר, די סטודענטן פון שול, וועלן אייך העלפן מיט וואָס מיר וועלן נאָר קאָנען... מיר וועלן אייך באַשיצן קעגן אייערע באַסעס, ביז איר וועט זיגן!...

דרייצנטער קאַפּיטל

איידער אייזיק האָט באַוויזן איבערצורעדן מיט די סטודענטן פון דער אַגריקולטור־שול וועגן דעם סטרייק אין דער וואודביינער היטל־פאַבריק, האָבן די באַלעבאַטים אינגאַנצן פאַרשלאָסן די פאַבריק. דערמיט האָט זיך דער סטרייק פאַרענדיקט. די וואודביינער אַרבעטער האָבן ניט געהאַט מיט וועמען צו סטרייקן.

דאָדי, פונקט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, איז געבליבן אָן אַרבעט. און אַלס צוגאָב האָט אים די וואודביינער שטאָט־פאַרוואַלטונג דערלאַנגט אַ מתנה — מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זיין טאָכטער לילי איז אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע אַלס לערערין... דאָס האָט מסתּם געהאַט צו טאָן דערמיט, וואָס דאָדי איז געווען זייער טעטיק אינעם סטרייק.

דער פּרעזידענט פון שטאָט־קאַונסיל, מיסטער שאַבסאָוויטש, האָט אַפילו ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך קיין דעלעגאַציע פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־פאַרוואַלטער פון דעם באַראָן הירש פאָנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן. געוואוינט האָט ער אין אַ פּאַלאַץ ניט ווייט פון וואודביין און געשפּילט אַ פּעאָדאַלע ראָלע. אַלע וואודביינער איינוואוינער זיינען געווען, אָדער געמוזט זיין, זיינע אונטערטאַנען. זיין אייזערנע האַנט האָט דאָ אין וואודביין זיך געלאָזט פילן אַלע מאָל. איצט, אַז די פאַבריק האָט זיך אַרויסגעצויגן פון שטאָט — האָט מיסטער שאַבסאָוויטש געזאָגט, אַז מיט דעם אידישן פאָלק איז ניט אויסצוקומען. באַזעצט מען עס אַף ערד, שרייט עס, אַז די ערד איז זאַמדיק... עפנט מען פאַר זיי אַ פאַבריק —סטרייקן זיי!... זאָל אַזאַ פאָלק גיין צו אַל־די שוואַרצע יאָר!...

לילי איז פון גרויס עגמת נפש אַוועקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע, צו אירס אָנקל. עס איז איר אָנגעקומען שווער זיך צו שיידן מיט די צוויי בחורים אייזיק און יאַפע. דערהויפּט ניט אַזוי מיט יאַפען ווי מיט אייזיקן.

אייזיקס בענקעניש נאָך לילין האָט זיך פאַרהיילט דורך דער שווערער אַרבעט אַ גאַנצן זומער. די היצן זיינען געווען גרויס און די אַרבעטן אַף די פעלדער זיינען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער. אין מאַי האָט מען גע־שניטן אַלפאַלפאַ און קלאָווער; אין יוני האָט מען קולטיווירט קוקורוזע און קאַרטאָפל; אין יולי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שניידן פון היי; אין אויגוסט

האָט מען געשניטן האָבער, ווייץ און קאָרן; אין סעפּטעמבער האָט מען געשניטן קוקורוזע און אויסגעגראָבן קאַרטאָפל.

דער דאָזיקער זומער איז געווען דער לענגסטער זומער אין אייזיקס לעבן. יעדער טאָג א יאָר; יעדער חודש האָט געהאַט זיין קאָליר. ווען מען האָט געשניטן אין מאַי די אַלפאַלפאַ און קלאָווער איז נאָך די קוקורוזע געווען נידעריק בא דער ערד. אָבער אין יוני, ווען מען האָט די קוקורוזע אָנגעהויבן צו קולטיווירן מיט די פינף־ציינקע קולטיוואַטאָרן, האָבן זיך די פלאַנצן געטאָן א הויב־אויף פון דער ערד מיט אימפעט און די בלעטער האָבן זיך צעוויגט און צעגרינט.

די אַרבעט איז ניט געווען קיין גרינגע. פּאַרטיק געוואָרן מיט קולטיווירן די קוקורוזע האָט מען געדאַרפט זיך נעמען צו די קאַרטאָפל. אַט אזוי א גאַנצן זומער — פון איין אַרבעט אַרויס און אין דער צווייטער אַריין. ביז עס איז אָנגעקומען ווינטער און אייזיק איז אַריין אין צווייטן יאָר פון זיין שול־אַרבעט.

ער איז שוין געווען א סיניאָר, און ווערליק זיינע אויסערגעוויינלעכע פיִאיקייטן און ליבע צו דער אַרבעט — האָט אייזיק אַקעגן קומענדיקן פרי־לינג געקאַנט פאַרלאָזן די שול און קריגן זיין דיפּלאָם.

עס האָט זיך געפירט אין שול, אַז יעדער גראַדואירטער סטודענט פלעגט רעקאָמענדירט ווערן אויף א שטעלע, כדי זיך צו באַפעסטיקן אין פּראַקטישער פאַרם־אַרבעט.

אזוי ווי אייזיק האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פערד־צוכט, האָט ער געקראָגן א רעקאָמענדאַציע צו פאָרן אין דער ווייטער וועסט אויף א פערד־ראַנטש.

אויף דער דאָזיקער שטעלע האָט אייזיק געדאַרפט זיין אין משך פון חודש פעברואַר. אָנהויב פעברואַר האָט אייזיק געקראָגן זיין דיפּלאָם, כאָטש ער איז נאָך ניט געווען קיין פולע צוויי יאָר אין שול — דערפאַר וואָס ער איז געווען א מתמיד אין זיין לערנען אין די קלאַסן. ער האָט אויף זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן, אין אַגריקולטור, אַלעמאָל געצויגן א הונדערט־פּראָצענטיקן צייכן. אייזיק האָט געפירט זיינע נאָטיצן וועגן פיזיקע פון דער ערד אין א באַזונדערן בוך מיט שיינע פערלדיקע אותיות, כדי ער זאָל האָבן א טעקסט־בוך פאַר זיין גאַנצן לעבן, וועגן די עלעמענטן פון דער ערד. ער איז געווען זייער באַהאַווונט אין פערד־דערציאונג. בא אים איז געווען אויסגעאַרבעט א ראַציאָ־נאַלע שפּייז־סיסטעם פאַר פערד פון אַלערליי קאַטעגאָריעס און יאָרן.

ער האָט געקאָנט באַווייזן וואונדער, ווען מען האָט באַדאַרפט פאַרבעסערן דאָס געזונט פון פערד.

אייזיק האָט אויך געשריבן אַ דיסערטאַציע, וועלכע האָט אַנטוויקלט אַ סיסטעם פון פאַרזיי און שניט אויף אַ גאַנץ קליינער שטרעקע ערד, אַזוי, אַז עס האָט געקאָנט אויף אַ צימלעך קליין שטיקל ערד וואַקסן אין משך פון איין יאָר אַ סך תבואות.

אין פעברואַר איז אייזיק געקומען זיך געזעגענען מיט זיין פאָטער, מיט די אַכט ברידער, וועלכע האָבן שוין געוואוינט צוריק אין ניו יאָרק. צוליב דעם קריזיס פון ניינצן־זיבעטן יאָר האָט די פאַמיליע פאַרלוירן דאָס אייגענע הויז אין איסט־ניו־יאָרק.

די מוטער רייזי האָט איצט שוין געפירט אַ שטאָט, ווי עס פאַסט פאַר אַן אויסגעגרינטער, איסט־סיידער פרוי. זי האָט צוליב אייזיקס אהיימקומען געמאַכט אַלע אָפּדערנאַכט „פאַרטים".

חיים האָט שטילערהייט געוואָרטשעט און ניט געווען צופרידן מיט די דאָזיקע „פאַרטים". אָבער רייזי האָט אים ניט געהערט.

— האָסט דאָך שוין וואו צו ליגן באַהאַלטן... — האָט זי אים פאַר־געוואָרפן.

מיט דעם האָט זי געמיינט דאָס, וואָס חיים האָט באַלאַנגט אין אַ חברה מיט אַן אייגענעם בית־מדרש. ער פלעגט קומען אהיים אָפּעסן וועטשערע און אַוועקגיין צוריק אין בית־מדרש אויף דער פערטער גאַס און דאָרטן זיצן מיט נאָך מיטגלידער פון זיין חברה חסידים און לערנען אַ בלאַט גמרא ביז שפּעט אין דער נאַכט.

רייזי האָט עס זייער ניט ליב געהאַט. ערשטנס דערפאַר, וואָס — ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט — איז אין אַמעריקע ניט דאָס אָרט וואו מען זאָל זיצן און לערנען (לערנען) גמרא... צווייטנס דערפאַר, וואָס חיים האָט זיך פאַרפרעמדט פון זיין אייגענער פאַמיליע און זיך סקאָמפּאַניעוועט מיט פּליאַסקעדריגעס; ווער זיינען זיי? און וואָס פאַר אַ גוטס וועלן זיי ברענגען?

נאָר, אַז רייזי האָט איצט צוליב אייזיקס אַוועקפאָרן געפּראַוועט „פאַר־טים" האָט זי זיך מחיה געווען, וואָס זי פלעגט חיימען אַרויספאַטערן פון שטוב. האָט מען דערווייל געקאָנט אַ ביסל אויפהויבן דעם קאָפּ און אַ הוליע טאָן.

אייזיק האָט באַקומען פון דעם פאַרמער אין דער ווייטער וועסט אַן אַוואַנס אויף באַן־הוצאות. אין די פאָר טעג וואָס ער איז געווען אין ניו יאָרק

האָט ער שוין ניט געקאָנט לײַדן דעם רויש פון דער גרויסער שטאָט. עס איז באַ אים אויסגעקומען, אַז די שטאָט־מענטשן זײַנען משוגעים, מענטשן מיט דראָטענע נערוון. ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן און פאַרלוירן זײַן אַפּעטיט צום עסן.

די מוטער רייזי האָט אים אַנגעגרייט זײַן גאַרדעראָבע, פון וואָלענע זאָקן, גראָבע אונטערוועש און אַרבעטס־העמדער. זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, ניט אַנדערש, נאָר אַז אײַזיק זאָל מיטנעמען אַ קאָלדרע מיט אַ קישן, פון די אמתע גוטע קישנס, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט.

אַז אײַזיק האָט זיך גענומען פּאַקעווען האָט ער געמוזט האָבן אַ גרויסן באַגאַזש־קאַסטן.

אײַזיקן האָט געטאָן פּלוצים אַ ציִ באַם האַרצן, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער איז אַזוי נאָענט לעבן דעם ווינקעלע פון דער אידישער ליטעראַ־טור. און ער האָט ניט געקאָנט זיך גובר זײַן פון ניט צו זען זיך מיט די קאָלעגן.

איז ער געגאַנגען זיך זען מיט דעם שרײַבער באַלאַבאַן. געקומען אויף ראָטגערס סקווער און אָפּגעזוכט דאָס הויז, אָבער אים דאָרט שוין מער ניט געפונען.

איז אײַזיק אַראָפּ אין דער איסט־בראָדוויייער קאַפע, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ קעלער.

דאָרטן באַ אַ טישל זײַנען נאָך אַלץ געזעסן, ווי עס האָט זיך אײַזיקן אויסגעוויזן, פּונקט ווי ער האָט זיי מיט אַ צוויי יאָר צוריק איבערגעלאָזט, די אייגענע קאָלעגן מיט באַלאַבאַנען אין דער שפּיץ. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געענדערט אויף אַ האָר.

— זעט, זעט נאָר, ווער עס איז דאָ!... — האָט באַלאַבאַן זיך אויפ־געהויבן קעגן אײַזיקן און אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט. — זאָגט מיר, וואו זײַט איר פאַרפאַלן געוואָרן?

אײַזיק האָט ניט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער דריקעניש פון זײַנע הענט און פון דער קלאַפּערײַ איבער זײַנע פּלייצעס.

די חברה קאָלעגן האָבן אײַזיקן אַרײַנגענומען אין זייער מיט, באַם טישל, זיך ענג צוזאַמענגערוקט און אײַזיק האָט זיי דערציילט, אַז ער פאָרט אַוועק אין דער ווײַטער וועסט.

— און וואָס הערט זיך מכח שרײַבן? — פרעגט באַלאַבאַן. — צי דענקט ער ניט, אַז די אידישע ליטעראַטור ליגט שוין אין דער ערד... און וואו איז די מיסיע, מיט וועלכער ער איז געקומען אויף דער וועלט? צי

דענקט ער, אז אָנשטאָט צו קומען מיט גאָטס וואָרט צו מענטשן, באַגייט ער ניט דאָס גרעסטע פאַרברעכן, ווען ער גייט גאָר און ברענגט עס צו די פערד...

צווישן דער חברה קאָלעגן זיינען איצט געווען אַ פּאָר גאָר יונגע בחורים, וועלכע אייזיק האָט נאָך ניט געקענט פון פריער. איינער פון אָט־די בחורים האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט פאַר אייזיקן.

— מיין נאָמען איז דאַווידאָוויטש. בחור, איך האָב געלייענט אייערע זאַכן און פון זיי שטאַרק הנאה געהאַט — האָט דער יונגערמאַן מיטן שיינעם אידעלן פּנים און מיט דער טשאַפּרינע פּעך־שוואַרצע האָר געזאָגט צו אייזיקן. — אָבער דאָס וואָס איר פאָרט אַוועק אין דער ווייטער וועסט, איז אַ וויכ־טיקער ענין. מיר וואָלטן אַלע געדאַרפט אַרויס פון די ענגע ראַמען פון דער קאַפע און זיך צעשפּרייטן איבער אַמעריקע און זיך אָנזאַפּן מיט דער אַמעריקאַנישער אַטמאָספערע, וועלן מיר דעמאָלט אפשר קאָנען עפּעס וואָגיקעס אָנשרייבן. ווייל אַזוי ווי עס שטייט איצט די לאַגע, שרייבן מיר אַלע פון דעם לעבן פונעם אַמאָליקן שטעטל. אַלע שרייבן פון שטעטל... וואו איז דאָס גרויסע אַמעריקאַנישע לעבן?... זייער גוט, וואָס איר זייט דער ערשטער איבערצורייסן מיטן געמויזעכץ.

דאַווידאָוויטש האָט גערעדט מיט היץ און דערביי האָבן זיינע אויגן געברענט ווי צוויי קוילן פייער אין אַ פינצטערער נאַכט.

— אָבער, אַנטשולדיקט, איך פאָר ניט אין דער ווייטער וועסט אַלס שרייבער — האָט אייזיק געזאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די ווייטע וועסט זאָל זיך דערפון ניט דערוויסן און וועלן אים ניט אויפנעמען. — איך פאָר אַלס פאַרם־אַרבעטער.

— ער פאָרט אַהין האַקן האָלץ און שעפּן וואַסער — דערקלערט באַלאַ־באַן אייזיקס מיסיע אין דער ווייטער וועסט.

— עס איז גוט! עס איז געזונט! — זאָגט דאַווידאָוויטש. — אָבער, אידער איר פאָרט אַוועק וויל איך פון אייך אַ זאַכעלע פאַר אונדזער געפלאַנטן זאַמלבוך. איך האָב שוין עטלעכע שיינע לידער פון מאַנקין און פון זשישקין, אונדזערע צוויי קומענדיקע גרויסע שטערן אין דער אידישער פּאָעזיע. איר קענט זיי נאָך ניט? באַקאַנט זיך!

אייזיק האָט געדריקט די הענט פון די צוויי בחורים. זיי זיינעןביידע געווען יונג און שיין.

מאַנקין האָט געזאָגט צו אייזיקן:

— איז, ווי גייט עס אַ בחור איבערלאָזן אונדז, דאָ, אַליין... — עס איז געווען אַ גרויסער כישוף אין דעם בחורס ווערטער. זיינע גרוי־בלוילעכע

אויגן זיינען געוואָרן פייכט און דאָס מאָנגאָליש־געלע פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ דינעם שמייכעלע.

דער צווייטער בחור, זשישקין, האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. עס איז געווען אַ סך פרומקייט אַף זיין בלאָנדן פּנים. ער האָט געפרעגט בא אייזיקן:

— איר פאָרט אוועק, ווייט?

— זייער ווייט — ענטפערט אייזיק. — פיר טעג מיט דער באַן.

— און וואָס וועט זיין אייער ארבעט?

— פערד — ענטפערט אייזיק שטאָלץ.

— וויפיל וועט איר פאַרדינען? — האָט זשישקין נערעדט גאָרניט ווי קיין פאָעט, ווי עס האָט אייזיקן אויסגעוויזן.

— פערציק דאָלאַר אַ חודש, אַף אַלעם פאַרטיקן.

— שרייבט איר עפּעס, נייע זאַכן?

— ניין.

— אַ שאָד! — האָט זשישקין אָנגעקוקט אייזיקן מיט זיינע גרויסע, בלאָע אויגן און דורכגענומען אים ביז אין די טיפענישן, אַזוי, אַז אייזיק האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער דאָזיקער בחור זשישקין האָט רחמנות אַף אים דערפאַר, וואָס ער שרייבט גאָר נישט. אייזיק האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט; געפילט ווי דאָס פּנים זיינס ווערט רויט.

— איר מיינט באמת, אַז עס איז אַ שאָד וואָס איך שרייב ניט? — האָט פונדעסטוועגן אייזיק געפרעגט מיט אַ ביסל אָפּלאַכעריי אין זיין טאָן. — איך זע ניט, אַז די וועלט זאָל חלילה זיין אַזוי אומגליקלעך אָן מיין שרייבן...

זשישקין האָט געטאָן אַ פיל־באַדייטנדיקן שמייכל; ארויפגעלייגט זיין האַנט אַף אייזיקס אַקסל.

— איך האָב אַזוי ווייט ניט געמיינט — האָט ער געזאָגט. — אַ פערד איז אַלעמאָל געווען מער אינטערעסאַנט, ווי דאָס שענסטע ליד, וואָס אימיצער האָט ווען עס איז אָנגעשריבן.

— איך וועל אייך ארייננעבן אין קאָן אויך דעם בעסטן בוך פּראָזע, וואָס אימיצער האָט ווען עס איז אָנגעשריבן — האָט אייזיק זיך אַזש מחיה געווען מיט דעם, וואָס זשישקין האָט אים צוגעטראָפן.

זשישקין איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער בחור, אפשר פון אַ יאָר צוואַנציק. און ווען אייזיק האָט אים געפרעגט, וואָס ער שרייבט, האָט ער געענטפערט מיט אַ געוויסער מאָס נאַכלעסיקייט:

— לידלעך...

דער געשפּרעך אַרום טישל האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דעם, אַז עס איז שוין צייט, דאָ אין אַמעריקע, אויך וויזן, וואָס די אידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט.

באַלאַבאַן האָט געוויזן מיט איין האַנט אַף זיין אַרבל.

— איך שאַר זיי דאָך אַלעמען אַרויס פון אַרבל.

אָבער די דאָזיקע פּראָזע האָט שוין אַף קיינעם ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק, ווייל עס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס באַלאַבאַן זאָל אַזוי רעדן. אייזיק האָט באַמערקט, אַז באַ די אינגערע, די בחורים דאַווי־דאַוויטש, מאַנקין און זשישקין, שפּילט באַלאַבאַן קיין שום ראָלע ניט. פאַר־קערט, די דאָזיקע דריי בחורים חלשן עפּעס הערן אַ וואָרט פון אייזיקן אַליין.

— זאָגט, וואָס טראַכט איר וועגן אונדזער פּלאַן פון אַ זאַמלבוך? — האָט זיך געווענדעט דאַווידאָוויטש צו אייזיקן.

— וואָס קאָן איך זאָגן? אַז אַליין האָב איך שוין לאַנג ניט געשריבן. און חוץ דעם פאַר איך איצטער אַוועק.

— אַף לאַנג?

— אפשר אַף תמיד. און איך האָב כמעט ווי אויפגעגעבן שרייבן. און ווי מיר דאַכט, איז דער פּלאַן ניט קיין שלעכטער — האָט אייזיק פאַרענדיקט אַ ביסל אַן אויפגעוואָרעמטער. — איך אַליין וואָלט שוין וועלן לייענען אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך; נאָר עפּעס אַ פיינעם און מיט געשמאַק אַרויס־געגעבן.

— גזלן, וואו וועט איר נעמען מאַטעריאַל? — קאָן באַלאַבאַן ניט ליידן דאָס, וואָס מען איגנאָרירט אים און מען פרעגט נאָר עצות באַ אַ אינגערן פון אים — אַן אייזיקן.

— איך גיב אַ פּאָעמע! — שטעלט זיך אויף מאַנקין און מאַכט אַ דערקלערונג מיט פיל באַגייסטערונג.—אַ פּאָעמע פון דריי הונדערט שורות!... איך האָב אַזאַ זאַך ניט וואו צו דרוקן. די טאָג־צייטונגען האָבן פאַרעיפּושט אונדזער אידיש לעבן דאָ אין אַמעריקע. און מיר מוזן זיך דורכשלאָגן אַ וועג צום לעזער...

— באַנק! — האָט זיך אָנגערופן זשישקין. — ווערלען האָט ניט גע־שריבן פאַרן לעזער. מיך וועט אויך ניט אַרן, אויב אפילו מיינע לידער וועלן פון קיינעם ניט געלייענט ווערן.

— פונדעסטוועגן פרעגט ער באַ מיר, צי איך האַלט פון אים — מישט זיך אַריין באַלאַבאַן.

— איר זײַט אַ מיאוסער ליגנער!

אײַזיק האָט זיך דערשראָקן, אַז פֿון דעם ווערטלען־זיך זאָל ניט אַרויס־קומען צו קײַן געשלעג.

— איר ווילט אונדז אײַנרעדן, אַז איר שרײַבט פֿאַר זיך אַלײן? — האָט באַלאַבאַן אָנגענומען זשישקינען בײַ אַ לאַץ, איבערבויגנדיק זיך איבערן טיש.

— דאָס איז מײַן פּריוואַטער ענין — האָט זשישקין געזאָגט מיט אַ ביסל רוגזא.

אין קאַפֿע איז אַרײַן אַ נידעריק אידל, אַ קײַלעכיקס, ווי אַ פּאָס, מיט אַ פּנים ווי אַ לבֿנה און מיט אַ גראָבן ציגאַר אין ווינקל פֿון מויל. בײַ אים איז געווען אַ קאַליקע־פֿוס און ער האָט געטראָגן אַ מאָדנעם שוך מיט אַ הויכן אָפּצאַס און מיט אַ גראָבער פּאָדעשווע. נאָך שטייענדיק כמעט אויף דעם לעצטן טרעפּל בײַם אַרײַנקומען אין דער קאַפֿע, האָט דער דאָזיקער פּאַרשוין געטאָן אַ פּאָך מיט זײַן שטעקן אין דער ריכטונג פֿונעם טיש, וואו די יונגע שרײַבער זײַנען געזעסן. ער האָט אויסגעשריען:

— לײדיקגײער, אַרויס פֿון דאַנען!

אײַזיק איז געבליבן זיצן אַ באַלײדיקטער פֿון דעם אידנס שרײַען. וואָס, וואָס — קײַן לײדיקגײער איז אײַזיק ניט געווען.

אָבער באַלאַבאַן האָט אים דערקלערט, ווער דער פּאַרשוין איז.

— דאָס איז אַ באַלעבאָס פֿון אַ אידישער צײַטונג, און ער קאָן ניט פֿאַרטראָגן צו באַגעגענען זיך מיט אידישע שרײַבער...

אײַזיקן האָט די דאָזיקע דערקלערונג פֿון באַלאַבאַנען ניט קלוגער גע־מאַכט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך גענומען געזעגענען מיט די קאָלעגן.

— שרײַבט.

— לאָזט הערן פֿון זיך.

— איר האָט טאַלאַנט.

— שיקט עפּעס צו פֿאַרן ערשטן זאַמלבוך אין אַמעריקע.

און נאָך אַנדערע אויסגעשרײַען, וועלכע האָבן געקלונגען בײַ אײַזיקן אין די אויערן ווי דאָס אויסשרײַען פֿון נאָענטע, ווען זיי באַגלײטן אימיצן אויף אַ ים־רײַזע: די שיף גייט אַוועק און עס ווערט דעם רײַזענדן לײדיק אין קאָפּ און ניט גוט אויפֿן האַרצן.

עפּעס אַזוינס ענלעכס האָט אײַזיק געפֿילט גייענדיק אַהיים פֿון דער קאַפֿע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין דאָס לעצטע מאָל וואָס ער וועט האָבן צו טאָן מיט אָט־די אומגליקלעכע, קראַנקע בחורים. עס איז

אים געװען אַ שאָד, װאָס אַזױנע געזונטע בחורים זיצן אין דער קאַפּע. פֿאַר־װאָס גײען זײ טאַקע ניט אַװעק פֿון דאָרטן אַף דער ברײטער װעלט?

אַפֿן צװײטן טאָג האָט זיך אײַזיק געפּאַקעװעט אין װעג אַרײַן. עס איז שױן געװען דער לעצטער טאָג, װאָס ער האָט נאָך געקאָנט דאָ זײַן אין ניו יאָרק.

זײַן קאָנטראַקט האָט געפֿאָדערט, אַז ער מוז קומען אין דער װעסט באַ דער ענדע פֿון דער װאָך.

די מוטער רײזי האָט אױסגעפּירט אירס. זי פּאַקעװעט אַרײַן אין קאַסטן אַ גרױסן קישן, אַ קאָלדרע און עטלעכע לײַלעכער מיט ציכן. זי גיט אים מיט האַנטיכער, פּאַטשײלעכלעך, זאָקן, אונטערװעש, אױבערװעש, געפּרעסטע קעלנער און שניפּסן.

— נישקשה, װעסט דאָרט אױך מעגן זיך אָנטאָן װי אַ מענטש — טענהט די מוטער. בשעת דעם פּאַקעװען גיט זי זיך אַלע רגע פּלוצים אַ צעכליפּע. נעמט אַרײַן דאָס פּנים אין אירע אױסגעהאָרעװעטע, בײנערדיקע הענט און אין אַ מינוט אַרום לױכט איר פּנים צוריק אױף מיט אַ שמײכל.

— זאָלסט זיך דאָרטן היטן פֿון מײדלעך... — װאָרנט זי אײַזיקן.

— װער װעט צײט האָבן?... — פֿאַרענטפֿערט זיך אײַזיק.

— אָבער אַרבעטן שװער זאָלסטו אױך ניט.

— איך װעל זיך אַװעקזעצן אין אַ ראַקינג־טשער און רױכערן מײַן פּיפּקע... — װיצלט זיך אײַזיק.

אײַזיק איז פֿונדעסטװעגן נאָך מיטאָג אַרום אָנקוקן ניו יאָרק צום לעצטן מאָל. אים האָט זיך גאָר ניט פֿאָרגעשטעלט אין דער מחשבה, אַז ער װעט װען עס איז זײַן צוריק אין ניו יאָרק.

ער איז געװען זיכער, אַז איצט פֿאָרט ער אַװעק אַף תּמיד פֿון דער דאָזיקער משוגענער, גרױסער שטאָט.

עס איז געשטאַנען אַ פֿעברואַר־טאָג. די זון האָט געשײַנט װי דורך אַ זיפּ. פֿראָסט־נעפּלען האָבן זיך געשפּרײט איבער די גאַסן, אַזױ װי עס װאָלט געװען אָנגערױכערט פֿון קױמענס.

אײַזיק איז געגאַנגען איבער דער אַכטער גאַס צו עװעניו „איי". קינדער זײַנען אין רײען געגאַנגען פֿון די שולן. און אײַזיקן האָט זיך געדאַכט, אַז אַף די פּנימער פֿון די ניו־יאָרקער קינדער האָט זיך שױן באַצײַטנס אָנגערוקט די עלטער. כאָטש זײ האָבן געפֿילדערט און געשריען, האָט זײער געשרײ מער געקלונגען װי דאָס הילפֿלאָזע שרײען פֿון הונגעריקע און אױסגע־

מאַטערטע. די בגדים אַף די קינדערלעך — אָפּגעריסענע. זייער זעלטן אַ גאַנצער זאָק אָדער אַ גוטע פּאָר שיך.

די הייזער אַף דער אַכטער גאַס זײַנען געלעגן אין קופּעס אָנגעהאַרבעט איינס אַף דאָס אַנדערע. קיין איין ליכטיק שטיקל פאַרב פאַרן אויג; קיין איין שום באַפּוצונג צו דערליכטיקן דאָס אויג. פינצטערע שויבן, גראָע ווענט, קויטיקע טרעפּ און דער טראָטואַר שמוציק — שטיקער פּאַפּיר וואַלגערן זיך אונטער די פיס, קוילן־אַש און ליידיקע קענדלעך, שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, קישקעס פון עופות, ביינער פון רינדערן פלייש, פלעשער פון מילך — דאָס אַלץ האָט זיך געוואַלגערט אונטער די פיס.

אייזיקן איז ניט גוט געוואָרן און ער איז געלאָפן כאַפּן אַ ביסל לופט אין דעם זיבעטן־סטריט־פּאַרק. דאָ אין פּאַרק האָט אייזיק געהאַט זיסע און ביטערע זכרונות. אָט גייט ער פאַרביי אַ באַנק, וואו ער האָט אַמאָל געקראָגן אַ שלעכטן אָפּשניט.

— ניין!... ניין!... — קלינגט עס אין זיינע אויערן.

אַף די לאַנקעס פון פּאַרק ליגט פאַרוויאַנעטער שניי, וואָס איז שוין אַזוי ווי צעפּרעסן פון ווערים און שוואַרץ פון סאַזשע. עטלעכע אַלטע ביימער זײַנען צעוואָרפן איבערן פּאַרק. שוואַרצע וואָראָנעס פליען אַרום און קראַקען. דער פּאַרק איז ליידיק. אַרום אים, אַזוי ווי אַ פעסטונג אַרום אַ טורמע, שטייען טענעמענט־הייזער פון אַלע פיר זייטן.

און אָט גייט די איינגעהויקערטע אַלטעטשקע מיטן קויש כמעט בײַ דער ערד, מיט געזאַלצענע בייגל. אייזיק געדענקט זי נאָך פון די „גרינע" יאָרן, ווען ער פלעגט זיך דאָ אין פּאַרק קומען אָפּרוען און שעפּן פרישע לופט און זיך דאָ אָנציען מיט שטימונג, מיט זונשיין און אָנזעטיקן דאָס אויג מיט גרינעם גראָז.

ווי טיף איינגעבויגן די אַלטעטשקע איז שוין! זי זעט אויס ווי אַ מאַניקען מיט די וואַטאָווע הענטשקעס אָן פינגער. דער קויש איז גרעסער פון איר און פון ביידע זייטן פון קויש אַף שטעקעלעך זײַנען אָנגעצילעוועט די געזאַלצענע בייגל.

— באָבעטשקע, גוד־באַי! — גיט אייזיק צו דער אַלטער אַ געשריי.

זי שטעלט אַוועק דעם קויש אַף דעם אַספאַלט און הויבט אויף צוויי קליינע, פאַרטרערטע אויגן צו אייזיקן. זי איז טויב און מיינט, אַז דער בחור פרעגט ווי טייער די בייגל זײַנען.

— צוויי פאַר דריי פּענים.

אייזיק קויפט בײַ איר צוויי בייגל.

— גוד־באַי! — שרײַט ער צו איר אױף אַ קול.

— עס קאָסט מיך אַלײן טײַערער — ענטפֿערט זי.

אײַזיק שפּאַצירט דורך דעם אַספֿאַלטענעם װעג אַרום דער אַלײע פֿון פּאַרק. עס שטײען לײדיקע בענק. װי טומלדיק דאָ איז זומער־לעב! אָט איז דאָס מוזיק־בײדל. הרודעס שנײ רינגלען עס איצט אַרום. עס דערמאָנט זיך אײַזיקן די „גרינע" יאָרן, װען ער פֿלעגט דאָ אָפֿט קומען מיט אַ מײדל, אָדער מיט אַ חבֿר, און זיצן און הערן דעם טומל פֿון מענטשן. גאַנצע שטעטעלעך זײַנען דאָ געשטאַנען אין רעדלעך און געגראַגערט אױף דעם שטעטלדיקן, אײַנגעטימלעכן דיאַלעקט. דאָ האָט מען געקאָנט הערן קאָלעמײ אָדער װאַרשע; באַרדיטשעװ אָדער אָדעס; בעסאַראַביע און ליטע.

אַרומגעגאַנגען אַזױ אַרום אַ שעה, צװײ און איז דערנאָך געקומען אַהײם, פֿאַרנאַכט־צו.

זעקס אַזײגער אין אָװנט איז אָפּגעגאַנגען זײַן באַן.

פארלאג אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן

פאליטיש-געזעלשאפטלעכע ביכער:

מענדעלע מוכר ספרים
(1836—1936)

פון א. ראזנצווייג. 48 זייטן, פיין אילוסטרירט. פרייז 15 סענט.

סאציאלע פארזיכערונג

(אין אמעריקע און אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער און אין סאוועטן-פארבאנד), פון ש. אלמאזאוו. 96 זייטן. פרייז 40 ס. פאר ארדן-ברענטשעס 15 סענט.

קאפיטאליזם — סאציאליזם — קאמוניזם

א קורס פון 15 לעקציעס. 96 זייטן. פרייז 50 סענט. פאר מיטגלידער פון א. א. א. — 25 סענט.

רעוואלט-מאמענטן אין דער אמעריקאנער געשיכטע

פון י. סולטאן. 128 זייטן. פרייז 50 סענט. פאר אונדזערע מיטגלידער — 30 סענט.

פאלעסטינע, די אראבער, דער ציוניזם

פון פ. נאוויק. 153 זייטן. פרייז 50 ס. פאר ארדן-ברענטשעס 25 ס.

די שול פאר אייער קינד

פון ר. זאלצמאן. 40 זייטן, מיט בילדער און דיאגראמען. פרייז 5 ס.

קלאסנקאמפן אין אלטערטום

פון קלמן מרמר. 432 זייטן. פרייז ‎$2.00. פאר ארדן-ברענטשעס ‎$1.00.

מארקסיסטישע שטודיר-קורסן

1. די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע.
2. די אינדוסטריעלע רעוואלוציע אין ענגלאנד און דער טשארטיזם.
3. די רעוואלוציע פון 1848 אין דייטשלאנד און פראנקרייך.
4. די פאריזער קאמונע.
5. די ארבעטער-באוועגונג אין ענגלאנד פארן וועלט-קריג.
6. עקאנאמישע קריזיסן (ערשטער טייל) 48 זייטן.

פרייז 15 סענט א לעקציע. פאר ארדן-מיטגלידער — 10 סענט

די געשיכטע פון אמעריקאנער ארבעטער-קלאס

פון מלך עפשטיין. 1,000 זייטן, 2 בענדער. פרייז 5 דאלאר. פאר מיטגלידער פון ארדן בלויז ‎$2.50.

ווער דערלאזט ניט צו א פאראייניקטן פראנט קעגן פאגראמען און פאשיזם אין דייטשלאנד?

פרייז 2 סענט.

די נעגער אין אמעריקע

פון דאוויד סיגאל. 128 זייטן. פרייז 70 סענט. פאר ברענטשעס פון ארדן — 35 סענט.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שיינע ליטעראַטור:

„מיט געזאַנג צום קאַמף"

פרייז $1.00. פאַר מיטגלידער פון
א. א. אָ. — 45 סענט.

רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון קלמן מרמר
און וויליאַם אייבראַמס. 336 זייטן.
פרייז $1.25. פאַר מיטגלידער פון
אָרדן — 75 סענט.

פאַר וועמען האָט היימיס טאַטע געשטימט?

פון מ. שיפרים. פרייז 2 פאַר 5 ס.

די קינדער פון טשערי סטריט

פון כאַוער פאַוער. פרייז 3 ס.

וואו איז דיין טאַטע אין אַזאַ שפּעטער שעה?

פון כאַוער פאַוער. פרייז 2 ס.

לענין ווייזט דעם וועג

פון מ. שיפרים. פרייז 3 ס.

די רעוואָלוציע וועט קומען

פון מ. שיפרים. פרייז 3 ס.

פון יענער זייט טייך

(אַ מייסע) פון כאַוער פאַוער.
פרייז 75 ס. פאַר שולן 40 ס.

טאָם מוני

פון א. מייזל. פרייז 5 ס.

קלאַראַ צעטקין

פון י. א. ראַנטש. פרייז 5 ס.

סטיוו קאַטאָוועס

פון י. א. ראַנטש. פרייז 5 ס.

טשאַרלס רוטנבערג

פון י. א. ראַנטש. פרייז 5 ס.

לאַבזיק

פון כאַוער פאַוער. פרייז 70 ס.
פאַר אונדזערע שולן 35 ס.

שול-ביכער:

אַרבעטער-שול

פאַרן ערשטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט
פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160
זייטן, געבונדן. פרייז 50 ס. פאַר
שולן — 30 ס.

פאַרן 2טן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט
פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160
זייטן, געבונדן. פרייז 70 ס. פאַר
שולן — 35 ס.

פאַרן דריטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט
פון ב. פרידמאַן. 192 זייטן, גע-
בונדן. פרייז 80 ס. פאַר שולן —
40 ס.

פאַרן פערטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט
פון נ. קאַמענעצקי און מ. שיפרים.
208 זייטן, געבונדן. פרייז $1.00.
פאַר שולן — 50 ס.

„א י ד י ש"

אַרבעט-בוך אַף שפּראַך, פון א. בערגמאַן און א. גאָלדבערג. פרייז 35 סענט.

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, INC.

80 Fifth Avenue New York, N. Y.